STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00473

FUN LAGER IN LAGER

Rivka Kwiatkowski-Pinchasik

Permanent preservation of this book was made possible by
Sue Leiter Kirshner, Dena Leiter & Jonathan Leiter
in memory of
Rabbi David Leiter

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ

פון לאַנגער און לאַנגער

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

67

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פײגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ

פון לאַגער אין לאַגער

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN, 1950
בוענאָס־איירעס, 1950

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Rywka Kwiatkowska, Israel

RYWKA KWIATKOWSKA

FUN LAGUER IN LAGUER

(DE CAMPO AL CAMPO)

★

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires

AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN, 1950

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאַלט

ערשטער טייל

זייט

דער לעצטער וועג — 9
אין אומבאַקאַנטן וועג — 24
די ערשטע נאַכט אין לאַגער — 35
איין טאָג — 41
אין דער פרייער שעה — 65
וואסער... וואסער... — 76

צווייטער טייל

צו אַ ניי לעבן — 91
ער וועט הייסן מנחם — 101
אין שאָטן פון ביימער — 108
ביילעס טאָג־בוך — 118
ליבע און ווורשט — 148
רודאָלף פון אַרבעטס־איינזאַץ — 165
זיסע קאַווע — 178
די חתונה — 197

דריטער טייל

פאַר דער באַפרייאונג — 204
אין אַ פויערישער כאַטע — 215
אָן אַ נומער — 226
אכטונג, זויבערקייט און דיסציפּלין — 243
ווייסע בעטן — 262
אין פייער — 274

געווידמעט דעם הייליקן
אנדענק פון מיינע אומגע־
קומענע אין אָשוויענטשים
עלטערן, יחיאל מאיר און
עלקא קלוג.

ערשטער טייל

דער לעצטער וועג

דער טאָג, פאַר וועלכן הערש־לייב האָט געציטערט, וועלכן ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אין זיין פאַרפייניקטער מיט אכזריות פאָרשטעלונג, איז געקומען.

אין איינעם פון די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער, אויף דעם הויף פון שניידער שאָפּ *), איז געשטאַנען האַנס ביבאָוו, דער לייטער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג און מיט אַ פעסטער זיכערער שטים גערדשנט פאַר די אַרבעטער:

„אַרבעטער! שניידערס! שוסטערס און אָנגעשטעלטע פון אַלע געטאָ־אָפּטיילונגען! פון שעה צו שעה דערנענטערט זיך דער שונא! צוליב אונדזער אַלעמענס טובה דאַרף די געטאָ וואָס גיכער ליקווידירט ווערן. איך האָב זיך אונטערגענומען אייך צו עוואַקואירן וואָס ווייטער פון פראָנט, איר זאָלט ווי ביז איצט קאָנען רואיק אַרבעטן. יעדער קען מיט־נעמען זיין משפחה, אַלע נייטיקע זאַכן, די אַרבעטס־מכשירים! איך פאַר־זיכער אייך, אַז קיינעם וועט קיין האָר פון קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן! איך גיב אייך דאָס ערן־וואָרט פון אַ דייטשן אָפיציר! גייט אַ היים, פאַרפאַקט די זאַכן און זאָל יעדער צושטעלן זיך פריַיוויליק אויף דער באַן־ליניע. וואָס שנעלער עס וועט אייך געלינגען אַוועק פון שונא, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר אייך אַלע. — האָט פאַרענדיקט ביבאָוו, באַטראַכטנדיק יעדן אַרבעטער באַזונדער.

מיט שגעון אין די אויגן, מיט פאַרקלעמטע הערצער האָבן די שניי־

---

1) די אַרבעט אין לאָדזשער געטאָ איז לויט די פאכן אַרגאַניזירט געוועןאין אַזוי גערופענע שאָפּן, אָדער רעסאָרטן.

דערם אויסגעהערט ביבאָוס פּאַרטראַג, דעם ביבאָוו, וואָס האָט אויף דעם געטאָ אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק, אַז זיין נאָמען אַליין איז גענוג געווען דאָס בלוט זאָל פאַרגליווערט ווערן אין די אָדערן.

וואָס הייסט צושטעלן זיך פרייוויליק און אַוועק אַרבעטן אין זייערע שטעט אין די טעג פון באַפרייאונג? — האָבן אומעטיק געפרעגט זייערע אויגן. אַ האָפענונגלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג האָט זיך געלייגט אויף אַלעמענס פּנימער. ווי אַ חוזק האָבן געקלונגען ביבאָוס ווערטערס:

„איך פאַרזיכער אייך, אַז קיינעם וועט קיין האָר פון קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן!"

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, איינגעבויגן, ווי געבראָכן אין צווייען, קוים שלעפּנדיק די פיס זענען זיי אַוועק אין זייערע היימען, כדי צו באַטראַכטן וואָס צו טון.

ווי אַ פּאַטום איז זיי נאָכגעגאַנגען דאָס געשפּענסט פון פאַרניכטונג איבער אַלע גאַסן און געסלעך, ווי עס וואָלט זיך פאַר זיי געעפנט אַ תהום, וואָס וועט זיי אַלע אַריינציען, פאַרשלינגען.

ווען הערש־לייב האָט מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער דערקלערט זיין ווייב ביילען, אַז זי דאַרף פּאַרפּאַקן אַלע זאַכן, וואָס קענען צוניץ קומען אונטערוועגנס — האָט ביילע אויפגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע, דערשטוינטע אויגן און געפרעגט:

— וואָס הייסט פּאַרפּאַקן, און ווו וועלן מיר גיין?

ביז צו דער מלחמה איז ביילע געווען אַ יידענע אַן אשת־חיל. אונטער אירע טריט האָבן געציטערט די דיל־ברעטער. מיט אַ פעסטער האַנט האָט זי געהאַלטן די לייצן פון דער היים, דעם מאַן הערש־לייב און די קינדער. פון דעם טאָג, וואָס די דייטשן האָבן איינגענומען די שטאָט, איז איר גאַנצע לעבנס־קראַפט ווי מיט דער האַנט אָפּגענומען געוואָרן. זי איז געוואָרן פאַרטריקנט, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. איר פּלייצע האָט זיך איינגעהויקערט, די אויגן טיף אין קאָפּ אַריין, די האָר באַדעקט מיט זילבערדיקע פּאָסן. אַ שרעק און אַן אומרו האָבן זיך איינגעפרעסן אין איר נשמה, ווי אַ זמאַרע אויסגעזויגן איר קראַפט. ביינאַכט איז זי שעהענלאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט, געטראַכט...

— וואָס וועט זיין מיט אונדז אַלע? וואָס מיינען זיי מיט אונדז צו

טון? — האָט אומרואיק געשלאָגן איר האַרץ. ציטערנדיק האָט זי ביי זיך תפילה געטון:

— באַהיט אונדז, טאַטע האַרציקער, פון אויסטערלישעס, די מאַכט זאָל זיי אָפּגענומען ווערן! אַש און פּעך זאָלן זיי ווערן! רבונו של עולם...
— זי האָט געצויגן ביים אָרעם דעם פאַרשלאָפענעם מאַן און געוועקט מיט אַ קול פול מיט ווייטיק:

— הערש־לייב, הערש־לייב... ווען וועט זיך שוין ענדיקן די מלחמה? ווי לאַנג וועט נאָך דאָס דויערן, ווי לאַנג?

הערש־לייב האָט געקוקט אויף איר מיט האַלב־אָפענע אויגן און מיט אַ פאַרשלאָפענער שטימע בארואיקט:
— שלאָף, שלאָף,ביילע, ביסט נישט קיין גענעראַל, נישט דיין זאַך...

— איך וויים, אַז זיי וועלן אונדז אַלעמען דאָ אויסשיסן, קיין לע־בעדיק נפש נישט לאָזן — האָט ציטערנדיק געקלאָגט ביילע אין דער פינצטער.

— זיי וועלן דאָס נישט דערלעבן! אַמעריקע און ענגלאַנד וועלן קיינמאָל צו דעם נישט דערלאָזן! און רוסלאַנד, מיינסטו, איז אַ מפּל־קינד? זייער מפּלה קען קומען יעדע שעה, די וועלט שלאָפט נישט! און מיר... וואָס קענען מיר? דו וועסט זען, ביילע, עס וועט נאָך פּאַר אונדז ליכטיק ווערן! — האָט זי פאַרזיכערט הערש־לייב. דאָס זאָגנדיק האָט ער איבערן קאָפּ פאַרצויגן דאָס איבערבעט און גלייך האָט זיך געהערט זיין סאַפּענדיקער, כאָרכלענדיקער אָטעם.

און אָט איז געקומען די שעה, וועלכע ביילע האָט שוין פון לאַנג פאָראויסגעזען. די פון יאָרן לאַנג אויסבאַהאַלטענע שרעק איז אַרויס פון אַלע קעמערלעך און אָנגעהויבן מאָלן מוראַדיקע בילדער.

— איך ריר זיך נישט פון אָרט — האָט ביילע אָנגעהויבן שרייען צו הערש־לייבן, ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין אַלעמען. איך וויל שטאַרבן אין מיין שטוב, אין מיין בעט... — האָט ביילע זיך געפּלאָנטערט אין די רייד.

— וואָס עפּעס שטאַרבן? — האָט הערש־לייב מיט אַ קויל ווי

פון אונטער דער ערד קוים אַרויסגערעדט. גלייך אָבער איז ער צו זיך געקומען און אָנגעהויבן טרייסטן ביילען:

— איז דאָס אומגליק נאָר אונדז געשען? אַלע יידן גייען!... און וואָס וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין מיט דער כלה! אפשר אזוי וועט זיין בעסער... וואָס ווייסן מיר? דער עיקר דעם קאָפּ נישט פאַרלירן! — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פרעמדער קול און שטיל געבליבן.

— און איך וועל פון מיין שטוב נישט אַרויסגיין — האָט ביילע נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, — יאָ, יאָ, עס האָט זיך געמיינט, אַז מיר וועלן אַלץ מיטמאַכן, איבערלעבן, אָדער מיר האָבן זיך נאָך איינגערעדט, גע־נאַרט... איצט איז שוין אַ סוף צו אַלעמען! אַ סוף! ווי לאַנג עס איז נאָך געווען אַן אייגענע שטוב און אַן אייגן בעט, אַן אייגענער טאָפּ און אַן אייגענער אויוון, איז נאָך יעדער געווען אַ באַלעבאָס פאַר זיך, אומזיסט האָבן מיר זיך געמאַטערט, אומזיסט! מיר גייען אויף אַ זיכערן טויט.

פאַר אירע אויגן זענען געפלויגן שוואַרצע רעדער, די שטוב מיט אַלע זאַכן האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען. ביילען האָט זיך דער אָטעם פאַרהאַקט. זי איז אַנידערגעפאַלן אויפן בענקל און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— זיי וועלן אונדז אַרויספירן... ערגעצוווּ... אויספּערטיקן!

— מיינסט טאַקע, אַז עס איז שוין סוף וועלט, אַז מען קען סתם אַזוי אַרויספירן אַ שטאָט מענטשן און אויסשיסן — האָט הערש־לייב אָנגעהויבן טענהן. ביבאָוו אַליין האָט געזאָגט, אַז קיינעם וועט קיין האָר פון קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן! מיר וועלן מסתמא איבערפאָרן אין אַן אַנדערע שטאָט און מיט דעם וועט עס זיך ענדיקן. מיין נישט, ביילע, אַז אַ מלחמה איז אַן אייביקייט. נישט איין מלחמה האָבן מיר איבער־געלעבט! דער וואָס לעבט אייביק זעט, אַז עס איז שוין איבערגעגאַנגען די מאָס... איצט וועט קומען די ישועה... אַזוי איז עס תמיד געווען...

— און מיר זאָגט דאָס האַרץ נישט קיין גוטס, ס'זאָל נישט קומען די שעה, ווען עס וועט מקוים ווערן וואָס איך פיל — האָט אַן אייפהער געקלאָגט ביילע.

ביים פענצטער איז געשטאַנען חיים, דער איינציקער זון, וואָס איז אין דער היים געבליבן, געפּאַקט זיינע אַרבעטס־הויזן אין רוקזאַק און געטראַכט מיט כעס: אַרבעטן פאַר זיי? וויניק כוחות אַוועקגעלייגט און אין

די שאפּן ביז איצט! היינט אויפסניי אָנהייבן אין זייערע פאַבריקן, ביז זיי וועלן אומברענגען דעם לעצטן — האָט אין אים געקאָכט דאָס בלוט.
— די וואַרשעווער יידן זענען כאַטש געגאַנגען אין טויט פון פאַרשיקונג אין קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. אויב אומקומען פון שונאס האַנט, טאָ כאָטש נעמען נקמה אין דער לעצטער שעה, באַצאָלן פאַר יעדע דער־נידערונג, פאַר אַלע יאָרן פון הונגער און שרעק, פאַר אַלע פאַרשיקטע, וואָס זענען שפּורלאָז פאַרשוואונדן! ווי גוט וואָלט עס געווען מיט געווער אין האַנט זיך אַ וואַרף טון אויף די דייטשישע מחבלים!
— געווער! ווו נעמט מען געווער!

ווי אַ פּאַנאָראַמע רוקן זיך פאַר זיינע אויגן אַדורך אַלע טעג פון געטאָ. די טעג ווען ער איז שעהענווייז אַרומגעגאַנגען לענגאויס די דראָטן, געזוכט אַ שפּאַרונע, אַ לאָך אויף אַדורכצורייסן זיך, געזוכט אַ פּריינטלעכן בליק פון יענער זייט צוים! איצטער ביים פול געפּאַקטן רוק־זאַק, מער ווי שטענדיק, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס געטאָ איז אַזוי איינגעאָרדנט געוואָרן, קיינער זאָל נישט קענען אַנטלויפן פון זיין אומקום. דערפאַר זענען אָפּגערוימט געוואָרן די הייזער צווישן דעם געטאָ און דער שטאָט — קיין אויסוועג זאָל נישט זיין, קיין מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען! אַלץ איז צוגעגרייט געוואָרן אויף אונדזער טויט! לעבעדיקערהייט פאַרמויערט, האָט ער הילפלאָז געטראַכט אין זיך.
מיט אַמאָל איז אים באַפאַלן אַן אימה:
— אפשר ווילן זיי ווידער אונדז אַריינציען אין אַ נעץ? אַזוי ווי טויזנטער יידן פון אַלע שטעט און שטעטלעך!
אַ קאַלטער שוויים האָט באַדעקט זיין פּנים.

— קיין אויסוועג איז נישטאָ, גאָרנישט! — האָט ער אויסגעשריגן, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט גלויבן די אייגענע ווערטער... אַליין זיך מאַכן אַ גרוב און שווייגן. אַפילו קיין ריכטיקן סאַבאָטאַזש נישט באַוויזן אַדורכצופירן אין די רעסאָרטן — האָט ער פאַרביטערט געטראַכט. קיין זאַך נישט געקאָנט אָרגאַניזירן, נאָר אין עטלעכע רעסאָרטן אַ ביסל פאַר־קלענערט די פּראָדוקציע און דאָס איז דאָס גאַנצע! און עס וויל זיך אַזוי איינקלאַמערן מיט די נעגל אין גאָרגל פון שונא, דערווערגן, דער־שטיקן ביז צום לעצטן! נישט דערוואַרט זיך צו דער באַפרייאונג! נישט

איך און נישט קיינער פון אונדז וועט זיך אַפילו קענען נוקם זיין.. נישט באַשערט געווען — האָבן געציטערט זיינע ליפּן. — נישט... ווען די רויטע אַרמיי וועט אָנקומען, וועט קיינער פון אונדז דאָ שוין נישט זיין...

אין דער קיך, ווי אַ פאַרשטיינערטע אין צער, איז געזעסן חוה, די איינציקע טאָכטער. אומזיסט איז געווען מיין קרבן — האָבן געפּרעדט אירע מיט שרעק אויסגעפּילטע אויגן. זיצנדיק אויפן בעט, האָט זי געפּרווּט מאַכן אַ סך־הכל פון אַלע געטאָ־יאָרן. מיט געמישטע געפילן האָט זי געקלערט וועגן איר חתן, וואָס איז אין די ערשטע טעג מלחמה אַוועק קיין ביאַליסטאָק. די גאַנצע צייט האָט זי וועגן אים געטראַכט מיט פאַראַכטונג:

—אַוועק זיך ראַטעווען, נאָר זיך...

איצט צום ערשטן מאָל האָט זי זיך מודה געווען:

— כ'האָב דעמאָלט באַדאַרפט אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, ווען די געטאָ איז נאָך אָפן געווען, סיי ווי סיי די שטוב נישט געראַטעוועט און דאָס אייגענע לעבן פאַרלוירן! ווי קיין מאָל איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי איז אין אַ נעץ פון טויזנט צוימען, פון וועלכן קיין וועג איז נישטאָ. איבערן הויף האָבן געצויגן די שכנים מיט פּעק אויף די פּלייצעס, מיט טויט־שרעק אויף די פּנימער.

— וואָס שטייסטו און קוקסט אַרום אויפן וועטער — האָט זיך הערש־לייב צעשריגן. — דו זעסט נישט, אַז עס ברענט אונטער די פיס?

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און מיט אַ געוויין איז אַריין די מומע זלאַטע, ביילעס שוועסטער, זי האָט מיט אַ יאָמער זיך געוואָרפן ביילען אויפן האַלדז און קוים אויסגערעדט מיט אַ דערשטיקט קול:

— וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?

— וואָס קענען מיר דען טון? — האָט ווי אַן עכאָ איבערגעחזרט הערש־לייב, פּאַקנדיק דאָס בעטגעוואַנט, — אַרום מיט די ליידיקע הענט וועט שוין זיין בעסער? איך זאָג דיר, זלאַטע, — האָט ער אָנגעהויבן איינצוטענהן, — גיי אַ היים און פּאַרפּאַק די זאַכן.

— איך ווייס נישט וואָס צו פּאַקן, — האָט אַ צעטומלטע געקלאָגט זלאַטע. — פון אַלע מאָל האָב איך געזאָגט, אַז מיר דאַרפן זיין שטענדיק

גרייט, שטענדיק פאַרפּאַקט צום וועג און אַפילו קיין רוק־זאַק נישט אויפגעניים — האָט זי ווייטער געביטערט.

— מילא איז אָן אַ רוק־זאַק. לייגט מען די פּאָר העמדער אַריין אין אַ ציכל. מיינסט טאַקע, אַז דו דאַרפסט פאַרפּאַקן דאָס יום־טובדיקע געפעס?... נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן, זלאַטע, גיי אַ היים און מאַך זיך גרייט, מירן באַלד... — ער האָט געוואָלט זאָגן גיין, נאָר די ווערטער זענען אים אין האַלדז געבליבן. ביידע פרויען האָבן שווייגנדיק באַטראַכט די שטוב, פאַרצווייפלט אַרומגענומען מיט די אויגן די האַרעוואַניע פון גאַנצן לעבן. זלאַטעס אויגן האָבן זיך אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויף הערש־לייבס פּנים און מיטאַמאָל איז איר קלאָר געוואָרן, ווי אומזיניק זענען אַלע אירע רייד. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר און שוין אויף דער שוועל מיט איין אָטעם אַרויסגעוואָרפן פון זיך:

— וואַרט אויף מיר, איך קום גלייך.

חוה איז צוגעגאַנגען צום אַלמער, אַרויסגענומען דאָס רעשטל ברויט, מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנגעהויבן שניידן אויף פּעניצער און מיט אַ מאַטער שטים געזאָגט:

— ווי עס זאָל נישט זיין, דאַרף מען נישט פאָרן מיט אַ ליידיקן מאָגן. זי האָט די מאַמען אָנגענומען פאַר דער האַנט, צוגעפירט צום טיש און פון איר האַרץ האָבן זיך אַרויסגעריסן ווערטער וואַרעמע, נאָענטע, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט זיי איינשטילן דער מאַמעס וויי, צוטוליען צו זיך. — עס, מאַמע, עס, סיי ווי סיי קענען מיר זיך נישט העלפן. מיר דאַרפן גיין מיטן גורל... אפשר? אפשר...

די וואָג איז געשטאַנען אויפן טיש, געוויגט מיט די שאָלן, ווי זי וואָלט זיך געוווּנדערט: וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ טאָג, אַז מען שניידט נישט, אַז מען טיילט נישט דאָס ברויט מער? צום לעצטן מאָל זענען זיי געזעסן ביים טיש, נאָר עסן האָט קיינער נישט געקאָנט. ביילע האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב אויף די פוסטע ווענט, אויף וועלכע ס'זענען נאָר העלע פלעקן נאָכן פאַרברענטן מעבל געבליבן. איר בליק איז געגאַנגען פון די בעטן מיט דעם צוואָרפענעם בעטגעוואַנט צו די בענקלעך מיט וועש און קליידער, פאַרהאַלטן זיך אויפן אָנגעשטעלטן דיל מיט

טעפּ און שיסלען און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי מאָנען ביי איר, זי זאָל זיך באַשיצן, אויסבאַהאַלטן.

ביילע איז געבוירן געוואָרן אין מרדכי־גבאים גאַס, וואָס איז געלעגן אין האַרץ פון לאַדזשער יידישן אַלט־שטאָט. כמעט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבראַכט אין דער שטוב, יעדער מעבל־שטיק, יעדער קעגנשטאַנד איז אין איר האַרץ אַריינגעוואַקסן, געוואָרן אַ טייל פון איר איך. און איצט פילט זי, אַז עמיצער רייסט פון איר אַרויס דאָס טייערסטע, דאָס הייליקסטע און זי קען זיך מיט גאָרנישט העלפן. עס דאַכט זיך איר, אַז אַ פייער האָט איר שטוב אַרומגענומען, נאָר אַש און מיסט איז פון אַלעמען געבליבן.

— אַזאַ פייער, אַזאַ פייער, ציטערן אירע ליפּן און טרערן גרויסע שווימען איבער איר פּנים. פאַר אירע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ ווייטער, לאַנגער וועג. זי האָט אויף איר שוים געהאַלטן איר פּעקל און געשלאָגן זיך מיט די געדאַנקען. ווי אַזוי וועל איך גיין? ווי אַזוי קען איך גיין?

הערש־לייב האָט שוין באַוויזן פאַרפּאַקן זיין רוק־זאַק, ער האָט אים אָנגעטון אויף די פּלייצעס, ווי ער וואָלט געוואָלט ווייזן אַלע:

— אָט אַזוי זעט עס אויס!...

הערש־לייב איז געווען אַ שטילער רואיקער מענטש. עס האָט זיך געדאַכט, אַז הויך קען ער נישט רעדן, נאָר ווען עס איז אַן אומגליק געקומען, איז מיט אַמאָל אין אים אַ פרעמדע קראַפט אַריינגעטרעטן און ער האָט געשפּרודלט מיט האָפענונג און גלויבן, געטרייסט, אונטערגעהאַלטן אַלע. איצטער איז ער געגאַנגען איבער דער שטוב, געזוכט אַ פאַרגעסענע זאַך און פאַרטיידיקט זיך פאַר ביילען, וואָס האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ נאַריש ייִנגל.

— ווי מיינסטו, וואָס האָב איך פאַרגעסן?

— איך ווייס נישט, — האָט זי ביטער געענטפערט, — איך דאַרף קיין זאַך נישט. קוק, ווי עס בלייבן חוהס חופּה־קליידער. זי האָט זיי אפילו נישט באַוויזן צו טראָגן.

— מיינע זאַכן קענען בלייבן — האָט חוה אַריינגעוואָרפן און שטיל געבליבן. זי האָט איר רוק־זאַק געוויגן אין די הענט און ער האָט זיך איר אַליין צו שווער אויסגעוויזן.

— מיינסט, אַז דו פּאַרסט אויף אַ דאַטשע — האָט הערש־לייב געפּרוווט אָפּצולאַכן פון איר רוק־זאַק, נאָר דאָס לאַכן האָט ווי אַ גרילץ געטון, אומעטיק זיך צעטראָגן איבער דער שטוב און אָפּגעריסן.

— ווייסט דאָך, אַז איך האָב געשוואָלענע פיס — האָט חוה אַן אויפגערעגטע אויסגעשריגן. — ווי זאָל איך מיט אַזאַ פּאַק זיך שלעפּן, אַז די פיס ווילן די ביינער נישט טראָגן...

די זון איז פאַרגאַנגען אין רויטע פלאַמען, באַהאַלטן זיך אונטער די וואָלקנס, ווי זי וואָלט זיך געשעמט פאַר דעם אַלעם, וואָס אין געסל קומט פאָר.

דער גרויסער הויף, שטענדיק פול מיט מענטשן, איז ליידיק געווען ווי נאָך אַ מגפה.

די שטיבן פאַרמאַכט, די טירן מיט שלעסער פאַרהאַנגען.

חיים האָט זיין רוק־זאַק אָנגעטון אויף דער פּלייצע און שטיל געזאָגט:

— מירן גיין...

אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען איז געווען פאַר אים אַ נאָרמאַלע דער־שיינונג. — פאַרשטייט זיך, — האָט ער אָנגעהויבן איינצוטענהן, — ביסלעכווייז האָבן זיי אונדז צוגעווינט צו דעם געדאַנק. און אָט איז עס געשען...

— רעד נישט, רעד נישט... — האָט חוה איבערגעריסן, — יעדער פאַרשטייט אַלץ אַליין און גענומען טיילן יעדן באַזונדער אַ לעפל אין די הענט טראַכטנדיק:

— אויב מען וועט אונדז צעשיידן, זאָל יעדער כאָטש האָבן אַ לעפל פאַר זיך. — זי האָט אָנגעטון איר רוק־זאַק אויף דער פּלייצע, אָנגענומען דער מאַמעס זאַק און באַטראַכטנדיק צום לעצטן מאָל די שטוב, פאַמע־לעך צו צו דער טיר.

— גיב מיר מיין זאַק! כ׳וועל אַליין... — האָט איר די מאַמע נאָכ־געשריגן.

— וועסט זיך נאָך גענוג אָנשלעפּן — האָט חוה אָנגעהויבן באַ־רויקן די מאַמע, אויפגעמאַכט די טיר און געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

ביילע און הערש־לייב זענען די קינדער פאַמעלעך נאָכגעגאַנגען. צום

לעצטן מאָל געשטאַנען אויף דער שוועל פון זייער היים, פאַרצווייפלט געקוקט אויף דער אָפּגעבליאַקעוועטער ברוינער טיר, באַצייכנט מיט אַ געלן מגן־דוד, נישט געקענט אַוועק...

חיים האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ רויט טיכל און אויפגעהאַנגען אויף דער טיר ווי אַ פאָן...

אַזוי האָט חיים באַגריסט די אָנקומענדיקע רויטע אַרמיי אין טאָג פון פאַרלאָזן זיין היים.

פּלוצלינג האָבן זיך איינגעבראָכן ביילעס פיס און זי איז געפאַלן אויף דער שוועל אַ פאַרחלשטע. אירע טויט־בלייכע ליפּן האָבן קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— איך גיי נישט... איך גיי נישט אַוועק פון דאַנען...

— מאַמע... מאַך אונדז נישט נאָך שווערער דאָס האַרץ — האָט חוה אָנגעהויבן בעטן. — אָט זעסטו גייט די מומע זלאַטע. איר ערגער, זי איז איינע אַליין מיט אַ שווערן רוק־זאַק אויף דער פּלייצע.

מיט זעק איןביידע הענט איז אָנגעקומען די מומע זלאַטע. איר פּנים באַדעקט מיט שוויים, אויסגעמישט מיט טרערן — האָט אויסגעזען ווי אַ שמוציקע פאַרקנייטשטע שמאַטע.

וויגנדיק זיך אונטער דער שווערער לאַסט, האָט זי פּאַמעלעך געקוקט זיך פאַראויס שרייענדיק פון דערווייטנס:

— אַנטלויפט! אַנטלויפט גיכער! די גאַסן זענען שוין אָפּגערוימט... באַלד וועלן זיי קומען... מיט הינט! אַן אָבלאַווע, אַן אָבלאַווע! — האָט זי געשריגן וויינענדיק.

— זעסטו, וועסט נאָך אויף אונדז אַן אומגליק ברענגען — האָט חוה דערשראָקן אַריינגערעדט אין דער מאַמען. — אויב מיר וועלן איבערלעבן, וועלן מיר דאָ צוריקקומען.

ביי די ווערטער האָט זי די מאַמע אָנגענומען פאַר דער האַנט און ווי אַ קינד אָנגעהויבן פירן.

ווי שאָטנס האָבן זיי זיך אַרויסגעשאַרט פון הויף. ווי שווער, ווי שווער האָט געסאַפּעט ביילע שלעפּנדיק אין דער האַנט אַן עמער קילאַריבן און אויף דער פּלייצע ס׳בעטגעוואַנט. ערשט ווען זי איז צוגעקומען

צום טויער און דערזען די בהלה פֿון דער גאַס, האָט זי אָנגעהויבן טרייבן אַלע:

— חיים, הערש־לייב גיכער... קומט, קומט!

פֿון דער לוטאָמיערסקאַ, לימאַנאָווסקיעגאָ און פֿון דער בזשעזשינסקאַ ווי אַ שוואַרצע כוואַליע האָבן געצויגן די לעצטע יידן. באַהאַנגען מיט בעטגעוואַנט, טעפּ מיט ספרים פֿאַרפּאַקטע אין טליתים, מיט די מלבושים אויף די הענט אָנגעהאַנגען, האָבן זיי אויסגעזען ווי הענדלער פֿון אַ גרויסן יאַריד.

אַ יאַריד פֿון אייגענעם לעבן!

אַנדערע האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע, געפֿירט דאָס האָב און גוטס. אויף צעוואָרפֿענע פּעקלעך מיט וועש און קליידער זענען געלעגן זעקעלעך מיט בורעקעס, ערשט פֿון אייגן שטיקל ערד אַראָפּגענומען, בענקלעך, האָלץ, גלאָזוואַרג, קינדער־וועגעלעך. אונטער די רעדער זענען וואָס אַ מאָל אַרונטערגעפֿאַלן אַנדערע בגדים. די קוילן צעשיטן זיך, דאָס גלאָזוואַרג צעקלאַפּט און צעקרישלט זיך. די זאַכן זענען טיל און תל געוואָרן, געוואַלגערט זיך אין די גאַסן.

וואָס אַ מאָל האָט אַן אַנדערער אַוועקגעוואָרפֿן אַ פּעקל ווי אַן אומזיסטע איבעריקע לאַסט.

אין געדיכטן המון האָט זיך נאָכאַנאַנד געהערט אַ פֿאַרצווייפֿלט רופֿן:

— מאַמע, קום גיכער! ווו איז שרה? זי וועט זיך נאָך פֿאַרלירן...

זאָל מען זיך האַלטן צוזאַמען.

לעבן די עלטערן פֿאַרלוירן און דערשראָקן האָבן זיך געפּלאָנטערט די מיט ניסים אויסבאַהאַלטענע קינדער. שטום און דערשראָקן זענען זיי נאָכגעגאַנגען זייערע טאַטע־מאַמעס. אין זויבערע אנצוגלעך, ריין אָפּגעוואַשענע און צוגעקעמט, מיט קליינע האָלץ־שיך אויף די פֿיסעלעך. אויף די פֿאַרציטערטע, פֿאַרקלעמטע אין שרעק קינדישע הערצלעך זענען געהאַנגען צוגעטשעפּעט קליינע טאָוועלעך מיט אַדרעסן און פֿאַמיליע־נעמען. אויפֿגעטרייסלטע און פֿאַרלוירענע האָבן זיי זיך געקלאַמערט אין זייערע הענט, ווי זיי וואָלטן געפֿילט דאָס גרויסע אומגליק וואָס קומט אָן.

אַ שטילקייט און פֿאַרלאָזנקייט האָט זיך געטראָגן פֿון אַלע גאַסן.

די געטאָ האָט אויסגעזען ווי אַ בית־עולם מיט הייזער מצבות — פון אַ לעבן פון אַמאָל.

גיך ווי אַ כוואַליע פאַר אַ שטורעם איז געשוואומען דער מענטשן־המון וואָס ווייטער פון געטאָ, פון צוימען. איבער זייערע קעפּ איז גע־האַנגען דער הימל אַ בייזער פאַר מענטשנס געבעט און געוויין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט פייערדיקע מיילער האָט ער געטריבן דעם עולם:

— אַנטלויפט! אַנטלויפט!... באַלד וועלן זיי כאַפּן — באַלד וועלן זיי שיסן!

ביילע מיט איר הויזגעזינד האָט זיך קוים דערשלעפּט צו אַ פּאַר־לאַזענער כאַטע פון אַ פּוילישן פּויער אויפן מאַרישין. אַריינגעגאַנגען אין דער ליידיקער שטוב אָן טירן, אָן פענצטער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּעק און אַ מידע געזאָגט:

— איך קען ווייטער נישט גיין...

— וואָס טוט זיך מיט דיר? ביבאָוו פאָרט אַרום איבער דער געטאָ. אומעטום גייט אַרום די געשטאַפּאָ, מען טאָר נישט קיין רגע פאַרלירן! — האָט זי געטריבן זלאַטע.

גיך זענען די וועגן פון מאַרישין שוואַרץ געוואָרן פון מענטשן.

די פעלדער פון מאַרישין, וווּ אַלע געטאָ־יידן האָבן דעם גאַנצן זומער געאַרבעט, געזייט בוריקעס, רעטעך און קיל־ריבן, זענען צע־טרעטן, צעטראַטעוועט געוואָרן, פאַרניכטעט. קיינער האָט פון זיין שטיקל ערד נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען דאָס גרינס, אַרום וועלכן ער איז וואַכילאַנג אַרומגעגאַנגען, געפלאַנצט, גערייניקט, אונטערגעגאָסן, געהיט גאַנצע נעכט עס זאָל נישט צעגנבעט ווערן.

די ערד פון מאַרישין האָט אויסגעזען ווי אַ שלאַכטפעלד — און די יידן ווי אַן אַרמיי, אַ פאַרמשפּטע צום אומקום. די גאַנצע געטאָ האָט זיך געטראָפן אויף די פעלדער פון מאַרישין: די דאָקטוירים מיטן שפּי־טאָל־פּערסאָנאַל, פּאָליציאַנטן און באַאַמטע, לייטערס פון קאָאָפּעראַטיוון און קיכן־אַרבעטער.

יעדער האָט פאַר זיך געזען די אויסלייזונג, די „רויטע אַרמיי", וואָס דערנענטערט זיך מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה. יעדער האָט געגלויבט, אַז איצט מוז טאַקע קומען דער נס, איצט איידער עס וועלן

אָנקומען די דייטשישע וואַגאָנען, איידער זיי וועלן אוועקפירן אַלע אין דער פרעמד. ווי שיין דאָס וואָלט געווען מאָרגן, איבערמאָרגן צוריק אהיימגיין, כדי מיט דער ארמיי צוזאַמען גיין אויף זיי, אויף זייערע שטעט, אויף זייערע היימען!

אַן עדה פרומע יידן, מיט ספרים אין די הענט, האָט געשפּאַנט אין מיטן וועג און דערציילט זיך מעשיות וועגן משיחן.

— ווען דער אויבערשטער ווייזט איצט זיין רחמים און שיקט אראָפּ משיחן!... שטענדיק דאַרף מען זיך אויף אים ריכטן... ער וואָלט אונדז אויסגעלייזט... טענהט איינער .

— מירן ווייטער געווען אַ פאָלק מיט אַלע גלייך! געהאַט אַ שטי־קעלע אייגענע ערד... ווייל ווי לאַנג איז דער שיעור זיך אַזוי ארומצו־שלעפּן איבער דער וועלט — טענהט אַ צווייטער ייד אין אַ שוואַרץ כאַלאַטל, ארומגעבונדן מיט אַ גאַרטל. אונטער דעם כאַלאַטל האָט ער אָנגעטון דעם טלית. ווי עס זאָל נישט זיין, וועלן זיי אים ביי מיר נישט געפינען.. האָט ער אין זיך געטראַכט:

— דער אין הימל איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט — האָט אָנגעהויבן דרשענען רב ברוך פון בעלכאַטאָוו, אַ חריף און בקי אויפן גאַנצן שטעטל. — דער רבונו של עולם האָט אונדז מיט זיין רחמים אויסגעהאַלטן — האָט ווייטער געצויגן רב ברוך. — נישט איינמאָל זענען מיר געווען אין די ציינער פון לייב און שטענדיק זענען מיר אַרויס גאַנץ. ער האָט געגעבן כח די מכבייער צו פירן אַ קאַמף מיטן עמלק, פאַר וועלכן די גאַנצע וועלט האָט געציטערט. ער האָט נעגעבן קראַפט די יידן אין שפּאַניע אומצוקומען אויף קידוש השם, ער האָט אונדז גע־געבן קראַפט אויסצוהאַלטן די פּורעניות פון דייטש — האָט מיט אַ פאַר־בענקטן ניגון ווייטער געצויגן רב ברוך — און איצט... אויב דער רבונו של עולם פאַרלאַנגט אונדזער קרבן,אויב דערמיט וועט דאָס רעשט ביסל יידן אויסגעלייזט ווערן, טאָ זאָל זיין רצון מקוים ווערן.

דערציילנדיק פון רבי עקיבאס טויט, איז ר' ברוך צו צו דער באַן־ליניע. זיין האַרץ האָט אַ ציטער געטון, ווען ער האָט דערזען די גרינע דייטשישע מונדירן, אַ לאַנגע שלאַנג וואַגאָנען לענגאויס דער באַן־ליניע. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער אריין אין באַראַק, וואָס איז געווען

פול מיט מענטשן געפּאַקט. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך צוגע־קוקט צו די פרויען מיט די קינדער, די מענער מיט די פּעקלעך, אָדער אויף דער ערד אויסגעלייגטע. ער האָט זיי אַלע געקענט. הן פון לאָדזשער געטאָ, הן די, וואָס זענען פון די אַרומיקע שטעטלעך אין געטאָ פאַר־טריבן געוואָרן. ער האָט זיי אַלע שווייגנדיק באַטראַכט און שווער גע־זיפצט דערמאָנענדיק וויפל איז אויפן בית־עולם געבליבן. פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן דער געטאָ־בית־עולם. געדיכט מיט קברים פאַר־זייט. דאָרט זענען געבליבן די יידן פון דייטשלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקייע, פון האָלאַנד און עסטרייך, פון זגיערזש און אָזאָרקאָוו. איבער ר׳ ברוכס פּנים האָבן אָנגעהויבן רינען טרערן, אַראָפּגעשוווּמען אויף דער באָרד אונטער אַ גראָבן שאַל אויסבאַהאַלטן. ער האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ תהילימל און היים אָנגעהויבן דאַווענען:

מן המצר קראתי יה!...

לעבן אים האָבן צוויי פרויען הויך געקלאָגט:

— גיט מיר צוריק מיינע קינדער! איך וועל אין ערגעץ נישט גיין אָן מיינע קינדער!

— ווען זיי וועלן זיך אומקערן, וועלן זיי דאָך קיינעם נישט געפי־נען — האָט געקלאָגט אַ צווייטע.

די יינגערע, עלע שוחטס ווייב, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער ערד, אַראָפּגעריסן דאָס שייטל פונעם קאָפּ און אָנגעהויבן טרעטן מיט די פיס. פון איר מויל האָט אָנגעהויבן רינען אַ שוים, זי האָט אויפגעהויבן ביידע פויסטן צום הימל און אָנגעהויבן שילטן:

— אַן עק זאָל עס נעמען... אַ מגפה זאָל זיי אַרומכאַפּן רבונו של עולם! איינגעזונקען זאָל ווערן די וועלט מיט אַלע צוזאַמען! נישטאָ קיין גאָט! נישטאָ! נישטאָ!

אַלע אַרום זענען פּאַראַליזירט געוואָרן.

— שטילער, שטילער — האָבן זיך די ווייבער גענומען באַרויִקן, אומעטום דרייען זיך אוקראַינער, „שופּאָ״, „געסטאַפּאָ״...

— זאָלן זיי קומען! זאָלן זיי שיסן! איך וויל מיינע קינדער — האָט געוויינט די יונגע פרוי, ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה.

אין צווייטן עק פון באַראַק זענען געזעסן די טישלערס, די שוס־

טערם און קעסל־גיסערס, שטילערהייט האָט איינער דעם צווייטן אי־בערגעגעבן די לעצטע ידיעות. זייערע אויגן האָבן געגליט, די הערצער שטאַרק געקלאַפּט, ווען עס איז איבערגעחזרט געוואָרן:

— די „רויטע אַרמיי" איז שוין הינטער וואַרשע, ווען קענען זיי זיין אין לאָדזש?

— אין אַ וואָך אַרום!...

— נאָר ביי אונדז קענען „זיי" זיין העלדן! נאָך סטאַלינגראַד און לענינגראַד איז איין טראַט צו זייער מפּלה!

— גלויבן זיי באמת, אַז מירן נאָך פאַר זיי אין רייך אַרבעטן? האַ, האַ, האַ!

— אוי ווילן זיי נאָך אַ פּראָדוקציע האָבן! — האָבן די אַרבעטער צווישן זיך אַרומגעלאַכט.

צוויי געטאָ־פּאָליציאַנטן האָבן פונדערווייטן איינגעשלונגען יעדעס וואָרט, צוגערוקט זיך נענטער צום קרייז, ווי עס וואָלט זיי אַ שאָד גע־ווען איין וואָרט צו פאַרלירן.

אין דער היים זענען געבליבן זייערע פּאָליציייאישע היטלעך און פּאַלקעס. אויפן נייעם וועג ווילן זיי אָנהויבן אַ ניי לעבן.

— יאָ, יאָ, אַלץ קען נאָך אַנדערש ווערן — רעדן זיי אַפּאַטיש צו זיך.

— ס'קען זיין..

די דייטשן האָבן פּאַמעלעך און פּאָרזיכטיק גענומען אַרויספירן די ווייבער מיט די קינדער אין די וואַגאָנען. זיי האָבן מיט זאָרגפעליקייט צוגעטיילט יעדן אַ זיץ־אָרט, קאָנטראָלירט צי די קאַווע ווערט סטייען פאַר אַלע. יעדן צוגעטיילט אַ זעקעלע צוקער, אַ ברויט.

אַלע זענען דערשטוינט געוואָרן, ווען פּלוצים האָט זיך דערהערט, ווי די טירן ווערן פאַרקלאַפּט און איידער עמעצער האָט באַנומען וואָס ס'איז געשען, זענען די וואַגאָנען פאַרריגלט געוואָרן. דער צוג האָט זיך אַ וואַקל געטון און פּאַמעלעך גערירט פאָראויס.

פון דער באַן־ליניע האָט זיך געהערט אַ געלעכטער און אַ גראָבע מענלעכע שטים:

„וועק מיט דער שייסע!"

אין אומבאַקאַנטן וועג

אין וואַגאָן, אויף פּעק און פּעקלעך, האָבן זיך שטילשווייגנדיק גע־זעצט די פּליטים. דערשראָקן און נייגעריק ארומגעקוקט איבער די פרעמ־דע פּנימער.

— אָט, האָבן מיר שוין אויך די היימען פארלוירן און עס לעבט זיך ווייטער, וואָס? — האָט געפרעגט אַ נעכטיקער לייטער פון אַ קאָאָ־פּעראַטיוו זיין שכן, אַן אַדמיניסטראַטאָר פון אַ הויז.

— אַזוי איז עס — האָט געענטפערט דער שכן, ווען אַ מענטש איבערשלאָפט זיך מיט זיין אומגליק, ווערט ער מיט אים היימיש — און ווייטער געזעסן פארטיפט אין זיינע געדאַנקען.

ביילע האָט זיך אויסגעבעט אַ געלעגער פון אַלע פּעקלעך און ווי נאָך אַ טויטן געזעצט זיך מיט פארבראָכענע הענט אויף שבעה נאָך איר היים. זי האָט נישט געזען די אַלע פרויען און מענער, וואָס זענען צוזאמען מיט איר געפאָרן. דערמאָנט אַלץ וואָס איז געשען אין די לעצטע צוויי טעג און נישט געקענט פארשטיין, ווי אַזוי זי האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן. אין די צוויי טעג פון וואַלגערן זיך איבער די פעלדער איז איר פּנים שווארץ ווי אַ בראַנד געוואָרן, די אויגן אויסגעלאָשן, טיף אַריין אין קאָפּ. „ווען נישט דער הונגער, וואָלטן מיר אפשר זיך אויס־באַהאַלטן פאַר דער פאַרשיקונג" — טראַכט זי אָן אויפהער אין זיך.

לעבן איר איז געשטאַנען חוה, געגלעט מיט ציטערנדיקע פינגער אירע האָר און שטיל גערעדט: — זעסט, מאמע, דו דאַרפסט זיך אָנ־דערש קעמען, דיינע האָר זענען גלייך ווי די דראָטן... די וואָס וועלן ייִנגער און פרישער אויסזען, וועלן זיכער אַ בעסערע אַרבעט באַקומען...

ביילע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און אומעטיק, שטיל, ווי צו זיך גערעדט:

— וואָס גייט מיך דאָס אַלץ אָן? פון דעם טאָג, וואָס איך בין פון מיין שטוב אַרויסגעגאַנגען, האָב איך נישט נאָך וואָס מער צו לעבן, איך האָב קיין כוח נישט מער...

— פאַרגעס, פאַרגעס פון אַלעמען — האָט חוה אַריינגערעדט אין דער מאַמען, גלעטנדיק אירע איינגעפאַלענע באַקן. מיר ווייסן נישט ווו מיר פאָרן, אָבער ערגעץ אונטער אַ דאַך וועלן מיר דאָך אָנקומען.

— וואָס האָבן מיר דען פאַרלוירן? — האָט אָנגעהויבן איינצו־טענהן הערש־לייב. די זופּ און אַ פּערטל קילאָ ברויט אַ טאָג וועלן מיר באַקומען אין גאַנצן דייטשלאַנד און מיט אַרבעט זענען מיר אוודאי פאַר־זאָרגט! מיר וועלן גאָרנישט אויסטראַכטן, מיר האָבן אַ גרויסן, אַלטן גאָט, ווען ער וועט נאָר וועלן...

ביים פענצטער האָט זיך פאַרזאַמלט די יוגנט און מיט בענקשאַפט אַרויסגעקוקט אויף דער לאַנדשאַפט. נאָך פינף געטאָ־יאָרן האָבן זיי ווי־דער דערזען פאַר זיך אַ ברייטן, קלאָרן הימל, ליכטיק צעגאָסן איבער פעל־דער.

— לאָזט צו, לאָזט צו אַ ייד — האָט זיך געבעטן אַן עלטערער מענטש, שטופּנדיק זיך מיט די עלנבויגנס פאָראויס. איך וויל אויך אַ קוק טון אויף גאָטס וועלט! און מיטאַמאָל אַן אויפגעברויזטער אויס־גערופן: ווי, ווי... אַ שטיק לעבן אָפּגעחושכט אין געטאָ... אין רעסאָרטן, אין רייען... און דאָ, גיט נאָר אַ קוק וואָס פאַרא וועלט מיט פעלדער און וועלדער...

— מאַמעלע, וואָס גייט דאָ אַזאַ ווייסעס אויף צוויי פיס? — האָט נייגעריק אויסגעפרעגט אַ פינפיעריק מיידעלע, וואָס איז אין געטאָ געבוירן געוואָרן.

— אַ גאַנז, קעצעלע, דאָס איז אַ פויגל אַזאַנער... האָט די מאַמע געענטפערט אומעטיק.

— אָ, קוק וואָס פאַרא גרויסער בוים, מיט אַ הייזעלע אין מיטן! — האָט דאָס קינד געגומען פּאַטשן אין די הענט.

די ציין־דאָקטאָרין האָט גענומען דאָס מיידעלע אויף דער האַנט

און גענומען זיך פּאַקן צום פענצטערל. נישט קענענדיק זיך אַדורכרייסן איבער דעם צונויפגעפּרעסטן עולם, האָט זי אָנגעהויבן שרייען:

— מאַכט אַן אָרט פאַר אַ קינד... זאָל זי כאָטש זען ווי ס׳וואַקסט אינדרויסן... שטיל האָט זי גערעדט צום טעכטערל:

— זעסט די הויכע זאַנגען? אין זיי וואַקסט קאָרן, פון קאָרן מאַכט מען ברויט...

— ברויט? — האָט דאָס מיידעלע איבערגעחזרט אַ פאַרוווּנדערטע און פאַרזשמורעט די אויגן, ווי זי וואָלט אַזויפיל פאַרבן נישט געקענט מיטאַמאָל אויפנעמען.

— אפשר וועט איר נעמען דאָס קינד אין אַ זייט, — האָט זיך אויפגערעגט אַ יונגערמאַן. — איך בין אַ מעטאַל־אַרבעטער, מיינע נערוון האַלטן נישט אויס אַזאַ פּלאַפּלען!

— נו, נו, שרייט נישט אַזוי פיל — האָט זיך די מאַמע געוועדט. נישט אַ סך קינדער זענען ביי אונדז געבליבן! זאָלן זיי קיינעם נישט זיין צופיל אין די אויגן!

— אמת, אמת האָט זלאַטע געשאָקלט מיטן קאָפּ. צוגענומען אַלע אונדזערע עופהלעך. זאָלן כאָטש די לעצטע וויסן פון אַ לעבן. איר האַרץ איז אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיט אַ וואַרעמער כוואַליע. זי האָט אירע פּעקלעך אַוועקגערוקט אין אַ זייט און אַן אָרט געמאַכט פאַר דעם מיידעלע ביים פענצטער.

מיט פייכטע אויגן, מיט אַ שטילן ציטער האָבן די יידן אַרויסגעקוקט אויף די גאָלדענע צעגליטע פעלדער, אויף דער גרינער פאַרשידנאַרטיקער לאַנדשאַפט. די פולע זאַנגען באַלויכטן דורך די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער סעפּטעמבער־זון האָבן די קעפּ אַראָפּגעהאַנגען, ווי זיי וואָלטן באַדויערט די מענטשן פון די וואַגאָנען און שטיל געפּליסטערט:

— ווו פאָרן זיי, ווו פאָרן זיי?

אין עק פון וואַגאָן איז געזעסן אַ יונגערמאַן אין אַ שמוציקן, צעקנייטשטן אַנצוג, אין אויסגעריבענע, הילצערנע קלימפּערס אויף די פיס.

דער יונגער מאַקס פרידל, וואָס איז פון דייטשלאַנד אַרויסגעשיקט געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ, האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דעם וואַגאָן,

איבער אַלע פרעמדע פּנימער און מיט בייזקייט געטראַכט אין זיך:
— מיט וועמען און וווהין פאָר איך דאָ?...

ווי אַ ווייטער חלום וועבט זיך אין זיין זכרון דאָס אמאָליקע, זאָרג־לאָזע לעבן, די לוסטיקע סטודענטן יאָרן, די רואיקע, וואַרעמע היים. מיט בענקשאַפט דערמאָנט ער זיין היימשטאָט בערלין:

...וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָרט געווען. וואָס פאַרא אָרדענונג און זויבערקייט — דאָס הייסט אַ לאַנד! ער קוקט אויף זיינע קלימפּערס און וווּנדערט זיך אַליין: — מיין גאָט, וואָס איז פון מיר געוואָרן? איך בין דאָך מער צו אַ מענטש נישט ענלעך, און אַלץ איבער די נאַציס — קאָכט אין אים דאָס בלוט.אין געטאָ פאַרטריבן געוואָרן, אין הונגער און לייז! צו מיין אומגליק בין איך אַ ייד געבוירן געוואָרן! וווהין אַנטלויפן, איך זאָל זיי מער אויף די אויגן נישט זען, ווי מאַכט מען אַ סוף מיט דעם אַלעמען?

פאַר זיינע אויגן וואַקסט אויס דאָס בילד פון מרים. יאָ, מרים, טראַכט ער, ווען דו וואָלסט מיך געוואָלט, וואָלט איך אַזוי נידעריק נישט געפאַלן...

מאַקס האָט זי דערקענט אין ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען אין געטאָ. זי איז אַריינגעקומען אין דעם לאַגער פון די דייטשישע יידן אין אַ ווינטער־אָוונט, מיט רויטע פון דעם ווינט בעקלעך, מיט ווייסע שניי־עלעך אויף די שוואַרצע, סאַמעטענע האָר. אַ לאַכעדיקע, אַ פריידיקע ווי פון אַן אַנדערער וועלט. זי איז געשטאַנען ביי דער טיר און נישט דרייסט באַטראַכט די יידן פון דעם ערשטן אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט:

—איך וויל זען ווי עס זעען אויס די דייטשע יידן — האָט זי זיך פאַרטיידיקט. פון ערשטן אָנבליק איז זי אים ליב געוואָרן. — אַ חלוצה געווען — טראַכט מאַקס מיט כעס. געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדן. אַן אַסימילאַטאָר בין איך פאַר איר געווען. אויף זיינע ליפן האָט זיך געלייגט אַן איראָנישער שמייכל. חלוצים — האָט ער געטראַכט, וואָס ווילן זיי?... אַ יידישע מדינה! ניין, דאָס האָב איך גענוג שוין אויף דעם גאַנצן לעבן. איך האָב זיי שוין גוט אין געטאָ דערקענט. אָבער דאָס בילד פון מרים קומט ווידער און וועקט אין אים אַ נאָגנדיק געפיל. פון דייטשלאַנד פאַרטריבן און צווישן די יידן אַ פרעמדער — טראַכט

ער מיט ביטערקייט, נאָר עס מאכט נישט, טרייסט ער זיך אליין. זאָל זיך נאָר ענדיקן דער קריג, פאָר איך צוריק אהיים און אלעס וועט זיין ווי עס איז געווען.

— וואָס זענט איר אזוי פארטראכט — האָט זיינע געדאנקען איבערגעריסן חיים.

— גאָרנישט — האָט מאקס געענטפערט טראַכטנדיק אין זיך:

אַן אמת־יידישע נאַטור אריינקריכן אין יענעמס נשמה! נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן אויף דייטש:

„וויר האבען ניכט וואפאן צו דענקען, פיר אונז דענקען אנדערע...״

— יונגערמאַן, האָט זיך אריינגעמישט אַן אַלטער ייד, דאָ קענט איר רעדן יידיש. איר זייט צווישן אייגענע... אין בערלין, פארשטייט זיך, ביי די גרויסע לייט ווו איר זייט צוזאמענגעקומען, האָט אייך נישט געפאסט... אָבער דאָ קענט איר רעדן אין אונדזער מאמע־לשון... ווי לאַנג נאָך וועט איר זיין נאָכשלעפערס ביי די יעקעס, וויינ. זענען זיי אייך אריינגעקראָכן אין די לעבער? נישט ארויסגעטריבן ווי אַ הונט?

— און אייך האָבן זיי נישט ארויסגעטריבן, איר רעדט שוין נאָר אויף מאמע־לשון? — האָט מאקס איראָניש אָפּגעענטפערט.

— גיט נאָר אַ קוק אויף זיין כעס — האָט זיך אויפגערעגט דער ייד. וויפל האָט איר דען צוגעלייגט צו אייער יידישקייט? משומדים זייט איר דאָך אַלע געווען! ווער פון אייך האָט ווען אַ יידיש וואָרט ארויסגערעדט, אַ יידישע היים געפירט?

מאקס האָט זיך פון זיין רוקזאַק אויפגעהויבן און פאַרביטערטערהייט, לאַנגזאַם און פעסט, ווי ער וואָלט דורך אַ זיפּ יעדעס וואָרט געזיפּט, אָנגעהויבן:

— איך האָב צו מיין יידישקייט צוגעלייגט אַלץ! מיין צוקונפט, מיין לעבן און איך האָב עס געגעבן! פאַרשטאַנען?

— נו, האָט טענות צו אייער טאַטן, — האָט זיך צעלאַכט דער יונגערמאַן, אַ מעטאַל־ארבעטער און צוגעגעבן: — איך וועל אייך זאָגן, מיין פריינד, אַז אין אייער אומגליק זענט איר זיך אַליין שולדיק. פון שטענדיק אָן זענט איר אויף פאַלשע וועגן געגאַנגען, געוואָלט פון זיך אַנטלויפן, אויסמישן מיט פרעמדע... ווען איר וואָלט אָבער נישט גע־

שעמט זיך מיטן אייגענעם פאָלק, וואָלט איר היינט געווען אין ארץ־ישראל אַ פרייער מענטש!... נאָר איר האָט פון שטענדיק אָן געטענהט, אַז איר האָט שוין אַ פאָטערלאַנד... אָט האָט איר אַ פאָטערלאַנד!

— איך בין נישט קיין מענטש פון פיקציעס, — האָט מאַקס אַ זאָג געטון און אָפּגעהאַקט.

— וואָס הייסט פיקציעס? — האָט זיך גענומען קאָכן דער אַרבעטער.

— חיפה, תל־אביב און די צענדליקער קאָלעקטיוון זענען פיקציעס פאַר אייך, און דער העברעאישער אוניווערזיטעט מיט די שולן זענען אויך גאָרנישט?

מאַקס האָט אַ קוק געטון אויף אים און מיט דעם זעלבן שמייכל געפרעגט:

— יונגערמאַן, איר זייט אַמאָל געווען אין אויסלאַנד? האָט איר ווען געזען בערלין אָדער ווין? איר מיינט, אַז אַזאַ מענטש ווי איך, קאָן זיך אַוועקזעצן אין אַ דאָרף ווי איר רופט עס דאָרט קיבוץ און אַקערן די ערד? מיט וואָס? מיטן נאָז... האַ? ס'גאַנצע לעבן אָפּלעבן אין פּרימיטיווע באַדינגונגען, מיט פּרימיטיווע מענטשעלעך און קרענקען אויף מאַלאַריע?

— און תל־אביב איז אויך פּרימיטיוו? — האָט עקשנותדיק זיך געוועגט דער אַרבעטער. — ס'איז פאַר אַלע באַוווסט, אַז תל־אביב איז קליין־פּאַריז און געבויט האָבן זי דווקא סטודענטן. אָבער נישט אין דעם גייט עס! איר מוזט דאָך פאַרשטיין, — האָט פּאַוואָליע גענומען אויסטייטשן דער אַרבעטער, — אַז אַזעלכע שטעט, ווי תל־אביב ווערן געבויט אין בלוט און אין שוויים, אַזוי אייגן, ווי אַלע נאָרמאַלע פעלקער האָבן געבויט זייערע שטעט. נאָר דאָס אַלץ, ווייזט זיך אויס איז פאַר אייך נישט וויכטיק — האָט גאָר הויך אויסגעשריגן דער אַרבעטער. אייך איז באַקוועמער צו קומען צום גרייטן און לעבן זיך רואיק אַלס דאָקטאָר, אַדער אַדוואָקאַט אין ווין, אָדער בערלין!

מאַקס האָט רואיק באַטראַכט דעם אַרבעטער, וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל מער געהיצט און גלייכגילטיק אָפּגעענטפערט:

— איך האָב זיך מיט די פראַגן קיין מאָל נישט אינטערעסירט. מיר, די וועסט־יידן, זענען נישט נאַציאָנאַל געשטימט. אַמאָל בין איך

געווען אַ סאָצאַל־דעמאָקראַט — האָט ער שוין שטילער צוגעגעבן, — אָבער זיי האָבן מיר אויך נישט אַנטשפּרעכט. איך האָב פֿיינט יעדע כּאַסע...

חיים האָט זיך די גאַנצע צייט גלייכגילטיק צוגעהערט צום וכּוח, נאָר די לעצטע ווערטער האָבן אים אויפֿגעמאַכט דאָס מויל. ער איז צוגעגאַנגען צו מאַקסן, אַ ווײַלע איינגעקוקט זיך אין זיין געלן אויסגעצויגענעם פּנים און אַ פֿרעג געטון:

— חבר, איר האָט אַמאָל געהערט פֿון לענינען? איר קאָנט די געשיכטע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע? אָט וואָס קאָן אַ מאַסע!

— איך בין נישט קיין קאָמוניסט, — האָט מאַקס מיט דעם זעלבן בטול אַ זאָג געטון, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זיינע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך פֿאַרמאַכט, ווי ער וואָלט געוואָלט איינשלאָפֿן.

חיים האָט אָבער נישט אָפּגעטרעטן.

— איר מוזט דאָך פֿאַרשטיין, — האָט ער ווייטער געצויגן, — אַז אַ מענטש מוז האָבן אַ פּאָליטישע פֿיזיאָנאָמיע. אין וואָס גלויבט איר?

מאַקס האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן און נאָך אַ ווײַלע שווייגן מיט דעם זעלבן חוזק־שמייכל געענטפֿערט:

„אין גאָרנישט"...

— אַן אמתער גאָרנישט! — האָט חיים אויסגערופֿן. — נעכטן געדינט דער צעפּוילטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און היינט אַ פּאַרטײ־בענער הונט! ס'מאַכט נישט, די געשיכטע ווייסט וואָס זי טוט, אַז זי האָט אייך פֿאַרמשפּט צום אונטערגאַנג!

— האַ, האַ, האַ — האָט מאַקס אויפֿן קול זיך צעלאַכט. — אויף אונטערגאַנג?! זאָגט איר... די ציוניסטן זאָגן, אַז מיר מוזן אומקומען, ווײַל מיר האָבן זיך אַסימילירט; איר זאָגט, אַז מיר וועלן צעריבן ווערן דורך דער געשיכטע, ווײַל מיר האָבן נישט קיין „פּאָליטישע פֿיזיאָנאָמיע", אָבער דאָ אין וואַגאָן פֿאָרן מיר אַלע צוזאַמען! יאָ, צוזאַמען און זיכער אין אַ דייטשן לאַגער! מיינט איר, אַז אייער גורל איז אַן אַנדערער, אַז איר וועט נישט פּונקט ווי מיר אונטערגיין?

— ניין — האָט חיים געענטפֿערט מיט זיכערקייט. — איך און אונדזער פּאַרטײ קענען נישט פֿאַרניכטעט ווערן. דער פֿאַשיזם וועט

מוזן פאַלן! וויפיל בלוט דאָס זאָל אונדז נישט קאָסטן. אויב מיר וועלן לעבן, — וועלן מיר זעען. דער וואַגאָן האָט זיך פלוצים אַ שליידער געטון און שטיין געבליבן.

— טאַטע זיסער, ווו זענען מיר? — האָבן זיך די יידן אויפגעכאַפּט פון די ערטער. — אין וועלכער ריכטונג זענען מיר פאַרפאָרן?

דורך דעם קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל האָט זיך באַוויזן אַ באַן־סטאַציע. אַ קליינע ציגל־געביידע מיט אַ האַקן־קרייץ אין די פענצטער. — ווו זענען מיר — ווי הייסט דאָס שטעטל? — האָט געפרעגט איינער נאָכן אַנדערן, — זענען מיר נאָך אין פוילן, אָדער שוין אין דייטשלאַנד אָנגעקומען? איך מיין, אַז מיר זענען אין פּרייסן? — האָט זיך געלאָזט טרעפן אַ פּראָווינצער, איך בין אַמאָל געווען אין דער געגנט.

— ווער ווייס ווי לאַנג מיר וועלן זיך אַזוי שלעפן אין די וואַגאָנען? — האָבן פאַרזאָרגט געפרעגט די דערשראָקענע ווייבער, ווען דער צוג האָט ווידער אַ ריר געטון. — די פיס זענען שוין שטייף געוואָרן פון ליגן אויף די פעק. אין אַזעלכע וואַגאָנען האָט מען בהמות געפירט, אפילו קיין בענק האָבן זיי נישט געגעבן, לייג זיך כאָטש אויף דער ערד און שלאָף איבער די נאַכט.

— איר ווייסט אַליין נישט וואָס איר ווילט — האָט זלאַטע גענומען באַרואיקן די ווייבער. — גענוג, אַז זיי האָבן אונדז געגעבן אַ לעבל ברויט אויפן וועג, אַ ביסל צוקער... ווען מיר וועלן אָנקומען אויף אַן אָרט, וועלן מיר זיך שוין אויסרוען. וואָס דען זאָלן מיר טון? מיר האָבן דאָך אַליין זיך דאָס אומגליק נישט גענומען.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אין וואַגאָן איז האַלב פינצטער געוואָרן. דורך די קראַטעס פון פענצטער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערנדלעך. די שוואַרצעביימער האָבן פון דערווייטנס ווי געשפּענסטער אָנגעוואָרפן אַ מורא.

— ווו זאָל איך זיך אַהינטון מיטן קינד אין אַזאַ נאַכט? — האָט פאַרצווייפלט געטראַכט די דאָקטאָרין. דאָס קינד האַלט זיך שוין קוים אויף די פיסעלעך...

זי האָט אויף דעם רוקזאַק אַנידערגעלייגט דאָס מיידעלע, צוגע־

דעקט מיט איר מאַנטל און שטיל אָנגעהויבן זינגען אַ וויג־ליד דורך איר צוגעטראַכט:

„שלאָף מיין קינד אין רו,
קיין היים שוין מער נישטאָ...
קיין וויג פאַר דיר נישטאָ...
איילי, לולי, לו..."

טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק — האָבן די רעדער געקלאַפּט און געאיילט פאָראויס. פון די פּעקלעך האָבן די ווייבער אַרויסגענומען דאָס ברויט מיט די פלעשעלעך און אויף די שויסן צוגעגרייט אַ מאָלצייט. שטיל אין דער פינצטערניש האָבן אַלע געקייט דאָס ברויט, אויסגעצויגן די פיס אויף די רוק־זעק און איינציקווייז איינגעשלאָפן. אַלע האָט אַרומגענומען אַן אומעט און האָפנונגסלאָזיקייט. אין ווינקל פון וואַגאָן אויסבאַהאַלטן פון אַלעמענס בליקן איז געזעסן אַ יונג פּאָרל. נישט געהאַט פאַר זייער ליבע קיין אָרט אין געטאָ. אויסבאַהאַלטן זיך פאַר אַלעמען מיט זייער סוד אין די שמאָלע געטאָ־געסלעך. איצט אין וואַגאָן האָבן זיך זייערע הערצער אויפגעמאַכט און גערעדט אין זייער אייגענער שפּראַך:

— אַניע, ווי מיינסטו, וועלן מיר צוזאַמען פאַרבלייבן אין לאַגער, צי זיי וועלן אונדז צעטיילן? — האָט פאַרזאָרגט געפרעגט דער בחור.

— קיינער קאָן אונדז נישט צעטיילן — האָט דאָס מיידל היים גענומען פאַרזיכערן. — כ'וועל אָן דיר נישט קענען לעבן — און שטיל זיך צעבליפּעט.

ווי אַ ליכטיקער שטראַל וואָלט אים אַדורכגענומען, איז אים מיט־אַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז זי איז אַלץ אין זיין לעבן. אַז אָן איר איז די וועלט פּוסט און אומעטיק, אָן איר האָט זיין לעבן קיין ווערט.

— אַניע, — האָט ער פּלוצים אויסגעשריגן, — זאָלן מיר אַנטלויפן, אַרויסשפּרינגען פון וואַגאָן... אין די קוסטעס! קום, קום — האָט ער זי אָנגעהויבן ציען פאַר די הענט, — מירן זיך אויסבאַהאַלטן ביי די פּויערים... אין די דערפער...

— אַנטלויפן? — האָט ווי אָן עכאָ נאָכגעזאָגט אַניע. — וווּ אַהין אַנטלויפן? וואָס וועלן מיר טון, ווען „זיי" וועלן אונדז הייסן ווייזן

דאָקומענטן? „זיי״ וועלן גלייך דערזען, אַז מיר זענען יידן — וואָס וועלן מיר דערמיט זיך שוין העלפֿן?... אַלץ איז קעגן אונדז, נישטאָ קיין אָרט צו לעבן, — האָט זי אַ פֿאַרצווייפֿלטע גערעדט מער צו זיך ווי צו אים. פֿאַר אירע אויגן מאָלט זיך אויס אַ בילד:

...דער וואַגאָן איז אָפּגעפֿאָרן. זיי ביידע ליגן אין די קוסטעס. צוויי רויטע, איינגעגעסענע פּנימער בייגן זיך אַראָפּ אין די קוסטעס, אין די הענט בלאַנקען לאַנגע שאַרפֿע שפּיזן... זי זעט פֿאַר זיך צוויי מונדירן גרינע ווי צעפּוילטער מאָך און מרוזשעט צו די אויגן, ווי זי וואָלט געפֿילט, אַז די גרינקייט עסט זיך איין אין איר, אַז דער אַלטער צע־פּוילטער מאָך הייבט זי אָן צו שטיקן.

פֿון אירע אויגן האָבן זיך אויפֿסניי אַ גאַס געטון טרערן.

— ווייַן נישט, טייערסטע, — האָט זי גענומען באַרואיקן דאָס יינגל, גלעטנדיק ציטערדיק אירע האָר. — שפּאַר זיך אָן אין מיר און שלאָף אַ ביסל, ווי עס זאָל נישט זיין, זענען מיר דאָך יונגע, מירן דאָס איבערקומען, נו שלאָף, הנהלע... מיידעלע מיינס...

— איך קאָן נישט... זיי הערן אַלץ, יעדעס וואָרט... זאָג, ווען וועלן מיר לעבן ווי מיר ווילן... אַליין!

— טראַכט נישט... אַמאָל וועט זיך דאָך אַלץ ענדיקן!... מיר מוזן וואַרטן, שוין נישט לאַנג...

זייערע הענט האָבן זיך אין דער פֿינצטער פֿאַרקלאַמערט. ליפּן מיט ליפּן באַהאַפֿטן. צוגעטוליעט זענען זיי שווייגנדיק אויפֿן אָרט גע־זעסן, די אויגן ברייט צעעפֿנט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פֿון דער נאַכט אַרויסלייענען זייער גורל.

— מאַמע, מאַ... כ׳מוז אַרויס... אַ... האָט זיך דאָס מיידעלע אין דער שטילקייט צעשריגן.

— באַלד, באַלד... האָט אַ פֿאַרשלאָפֿענע באַרואיקט דאָס קינד די צאָן־דאָקטאָרין. גענומען זוכן אין די פּעקלעך און גלייך געזאָגט: זעץ דיך, נו... קעצעלע... שלאָפֿסט?

אַניע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַ פֿאַרשעמטע.

איינע אַליין, פֿון קיינעם נישט באַמערקט, איז געפֿאָרן די טאָכ־טער פֿון דער ווינער אָפּערעטן־זינגערין, בעטי.

נאָך מיט א וואָך צוריק האָט איר מאַמע געזאָגט נאָך אַ קאָנצערט אין אַ קרייז פון עסטרייכישע יידן:

— נישט געזאָרגט... די מלחמה ענדיקט זיך! מירן נאָך דעם ווינ־טער איינאָרדנען אַ מאַסקאַראַדן־באַל אין ווין. מיר וועלן הומען אין קליידער און היטעלעך מיט געלע לאַטעס באַנייט... אַזוי וועלן מיר אַדורכמאַרשירן איבער דעם פּראַטער! טראַ, לאַ, לאַ! וואָס וועלן דאַן זאָגן די עסטרייכער?

אַזוי האָט איר מאַמע גערעדט נאָך מיט אַ וואָך צוריק.

איצט פאָרט בעטי אַליין. נישט צום פּראַטער... נאָר אין ווייטן אומבאַקאַנטן וועג.

די ערשטע נאַכט אין לאַגער

חוה האָט זיך אויפגעוועקט ביינאַכט אין באַראַק אַ צעטומלטע, אַרומגעקוקט זיך איבער די פרעמדע פּנימער. דורך דער האַלב־אָפענער טיר האָט אַריינגעשיינט אַ בלאַסער פּאַס ליכט פון אַ ווייטן לאַמטערן.

— וווּ בין איך? — האָט חוה אַ דערשטוינטע געפרעגט. — איז דאָס דער אַ... אַשוויענטשים?

ווי אַ געליימטע האָט זי געקוקט אויף די הונדערטער פּרויען, אויס־געלייגטע אויף דער ערד, אויף זייערע הענט און פיס, ווי אַלטוואַרג אויף אַ מיסט־קאַסטן אַרויסגעשליידערטע און גאַרנישט באַנומען. נאָר דער געדאַנק האָט זיך אָן אויפהער אין איר מוח געשלאָגן: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז איך האָב מיט אייגענע הענט זיך אַ גרוב געמאַכט? איך בין דאָ... און וווּ זענען זיי? פאַרוואָס האָב איך צוגעלאָזט טאַטע־מאַמע זאָלן גיין „אויף לינקס”? וואָס וועט מיט זיי דאַרט ווערן?

מיט אַ דערשטיקט קול שטאַמלט חוה אין דער פינצטער: „איך האָב נישט באַדאַרפט צו לאָזן!... נישט באַדאַרפט”....

פאַר חוהס אויגן וואַקסט אויס די מאַמע, אַזוי ווי זי האָט זי צום לעצטן מאָל געזען: אַ צעטומלטע, פאַרציטערטע, מיט אויגן טיף אין קאָפּ איינגעפאַלענע, אויסגעפילטע מיט שרעק פון אַ פאַרפייניקטער חיה.

אין חוהס אויערן קלינגען די לעצטע רייד פון פאָטער: „קינדער, עס איז נאָך נישט סוף וועלט... טויזנטער יידן זענען דאָ געקומען... גאָט וועט העלפן...”

עס דוכט זיך איר, אַז נעבן איר שטייט אַלץ דער טאַטע און טרייסט אַלע אַרום מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל, ביז ווייטיק שלאָגן זיך אין איר מוח זיינע ווערטער:

— עס איז נאָך נישט סוף וועלט...

אין טיפן שלאָף ליגן די פרויען אויף דער ערד אויסגעלייגטע. עס טראָגט זיך איבערן לאַנגן באַראַק זייער מידער, שווערער אָטעם, ווי אַ דערשטיקט געוויין.

פון צייט צו צייט שרייט ווער אויס פול מיט וויי:

„נעם אַראָפּ די פיס פון מיין קאָפּ... עס איז מיר שלעכט... שלעכט"...

„רוק זיך אָפּ! לאָז אויסציען אַ האַנט!" בעט זיך אַ קינדערישע ציטערדיקע שטימע.

„שאַ!... שאַ... זיי הערן"... רופט זיך ווער אָן דערשראָקן און בלייבט שטיל.

חוה ליגט איינגעפּרעסט צווישן אַ פּאָר פרעמדע ווייבער און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט, קאָן נישט אויסגלייכן די פאַרשטייפטע גלידער. זי פּרוווט אויסציען אַ פוס, אויפשטעלן זיך, נאָר די פיס זענען שטייף, ווילן זיך נישט האַלטן, ברעכן זיך, פאַלן אויף דער ערד.

— אַזאַ נאַכט... אַזאַ נאַכט... — קלאָגט זיך חוה און אַ פאַרוווּנדערטע דערהערט זי איר אייגענע שטים. — שוין בעסער שטאַרבן! שוין בעסער שטאַרבן!...

אין האַלדז שטיקט, פּרעסט. זי וויל וויינען, נאָר אירע אויגן בלייבן טרוקן, די טרערן זענען פאַרשטיינערט.

זי קוקט אויף די פרויען אויף דער ערד, אויסגעלייגטע, ווי איין קערפּער־קנויל פאַרפּלאָנטערטע, אויף זייערע גאָלע קעפּ און לייגט צו אַ פאַרצווייפלטעביידע הענט צום שטערן. גלייך לאָזט זי זיי אַראָפּ מיט עקל.

אַ גאָלער קאָפּ!

פּאָר אירע אויגן רוקן זיך אַדורך וואָס אַמאָל אַנדערע בילדער פון לאַגער. איז דאָס אַלץ אין איין טאָג פאָרגעקומען? די ראַמפּע... די באָד... דער וועג צום באַראַק? — וווּנדערט זיך חוה.

ווידער זעט זי די ראַמפּע.

וואַגאָנען ווי אַ לאַנגער שוואַרצער שלאַנג ציען זיך איבער דער לענג פון פעלד. פון יעדן וואַגאָן שטייגן אַרויס הונדערטער, טויזנטער פרויען, מענער און קינדער, דראָטן לאַנגע, מוראַדיקע, ס. ס.־לייט מיט

גומענע בייטשן אין די הענט. אַרום אַ ליאַרם... אַ יאָמער... אַ געשריי, אַ טומל, ווער שרייט פון דערווייטנס?

אַ מיידעלע ווערט געשלעפּט פון אַן אָפיציר...

אַ מאַמע קלאָגט אויפן קול.

ס. ס.־לייט שטעלן אוים אַ ריי. "אויף לינקס!" פאַלט אַ באַפעל. וואָס הייסט „אויף לינקס"? וווּ איז די מאַמע?

די מאַמע איז אַוועק... און וועט שוין קיין מאָל נישט קומען צו־ריק. איצט ווערט חוהן אַלץ קלאָר: די ראַמפּע איז אַ פעלד צווישן לעבן און טויט!

...עלעקטריזירטע דראָטן... דראָטן... דראָטן...:

— ווּ טרייבט מען דאָס די לאַנגע ריי? ווּ שלעפּן זיך די גע־לײמטע, אָנמעכטיקע פיס? אַליין שלעפּט זיך חוה נאָך די ווייבער אין דער ריי, און עס דוכט זיך, אַז דער וועג וועט קיין סוף נישט האָבן. זי וועט אַזוי גיין און גיין ביז צום פאַלן צווישן די דראָטן, באַראַקן און צוימען. אין אירע הענט וויגט זיך אַ טאָרבע מיט פּראָדוקטן: אַ פערטל ברויט, אַ זעקעלע צוקער, אַ פלאַש שוואַרצע קאַווע. די טאָרבע ווערט אַלץ שווערער און שווערער. חוהן דוכט זיך, אַז זי שלעפּט אַ באַרג, אַ שווערן באַרג, די הענט שטייען אָפּ, די פיס ווילן ווייטער נישט גיין, דער קערפּער ברעכט זיך, און זי מוז גיין, גיין, ווייטער גיין!

צווישן די מויערן שאַרן זיך פרויען־געשפּענסטער, מיט גאָלע קעפּ, געלע וואַקסענע פּנימער, האַלב־נאַקעטע, אַרומגעהילט אין לאַנגע, גרויע דעקעס. ציטערדיק טראָגט זיך צווישן די דראָטן זייער געבעט:

— וואַרפט אונדז ברויט! מען נעמט אַלץ סיי ווי צו... וואַרפט אונדז... וואַרפט...

אויף אַ פּלאַץ שפּילט אַן אָרקעסטער. צאַרטע פרילינגס־טענער גייען נאָך דער ריי, שלאָגן ווי מיט בייטשן, יעדער קלאַנג אַ נאָגל אין האַרץ... און זיי שפּילן העכער און העכער, איבער אַלע וועגן טראָגן זיך די טענער.

...אַ נידעריקע, רויטע ציגל־געביידע. פאַרוואָס אויסטויען זיך? פון וואַנען נעמט זיך דער באַרג קליידער, העמדער און שיך? אַ קאַסטן רינ־געלעך, זייגערלעך, גאָלדענע פעדערס...

זי זיצט א צעחושטע און ציטערט מיט דער זעלבער שרעק ווי אין באָד־אנשטאַלט. וואָס וועט איצט ווערן? וואָס וועט איצט ווערן? — חזרן איבער אומזיניק אירע ווייסע ליפּן.

...אַ גרויסער בארג האָר, שווארצע, געלע... בלאָנדע לאָקן און צעפּ. מען טרעט אויף זיי, צעטראָגט איבער דער ווייסער פּאַסאַדזקע פון באָד־אנשטאַלט. אין דער לופטן פליען קליינע, קורצע הערעלעך, לייגן זיך אויף די נאַקעטע, פארשטארטע אין שרעק קערפּערס.

שטום איז חוה געשטאַנען, ווען אַ מאשינקע איז גיך איבער איר קאָפּ געפאָרן, מיט מאטע אויגן געקוקט, ווי עס פאַלן די האָר אויפן בארג צעפּ און לאָקן און שוין גאָרנישט געפילט, גאָרנישט באַנומען.

— אין דער שטילקייט פון דער נאַכט דאַכט זיך חוהן, אַז זי הערט ווידער איינצלנע... אָפּגעהאַקטע יידישע ווערטער. ווער רעדט אין באָד־אנשטאַלט יידיש?

יאָ, נישט קיין דייטשן, יידן זענען זיי, די אין אנצוגער מיט ווייס־בלויע פּאַסן, יידן פון דער ווארשעווער געטאָ.

— ווײנט נישט, מיידלעך... אויב איר וועט פון דאַנען אַרויס מיטן לעבן, וועלן אייך די האָר צוריקוואַקסן! — רעדן זיי שטיל, מיט אויגן פול טרערן.

אַ באָרוועסע מיט אַ גאָלן קאָפּ, אין אַ שווארץ, לאַנג קלייד ביז צו די פיס, איז חוה אַרויס פון באָד.

איבער צענדליקער וועגן און צוימען האָט זי געשפּאַנט אין דער רייע צום באַראַק אין „לאַגער", אין יעדן צוים טויזנטער פרויען האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע, מיט גלאַטע, גאָלע קעפּ.

עס פלאָנטערן זיך אירע געדאַנקען, פאר די אויגן רוקן זיך אדורך וואָס אמאָל אנדערע פנימער.

— איך בין אַ וועש־נייערין, הער פאסטן, וועל איך דאָ אָן אַרבעט געפינען? — פרעגט ציטערנדיק אַ מיידל. נאָר חוה קען זיך נישט דער־מאנען, ווו זי האָט זי שוין פריער געזען. זי זעט זי אין העלן מאַנטל מיט אַ בלויען הוט אין דער האַנט און אַ טאָרבעלע עסן אין דער צווייטער. גלוביק און פארלעפּלעך קוקט זי אויף די פאָסטנס און חזרט וואָס אמאָל איבער:

פון לאַגער אין לאַגער

— איך בין די ערשטע מאשינערין געווען, דאָ וואָלט איך געקענט ביי אַ מאשין...

די פּאָסטנס קוקן זיך איבער, דרייען זיך אוים און לאַכן.

— וואָס לאַכן זיי? וואָס מיינען זיי דערמיט?

...אַ גרויסער, לאַנגער באַראַק... אין אַ גרינעם זיידענעם קימאָנאָ, אין ווייסע, לעדערנע שיכלעך, שטייט אַ מיידל אויף אַ באַנק און רעדט האַלב טשעכיש, האַלב דייטש:

— איר ווייסט, ווו איר זענט געקומען? איר זענט אין קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער אוישוויץ! איך בין אייער אויפזעערין... דאָס הייסט אייער „בלאָק־פירערין"... נאָר מיר וועלן גוט לעבן... שוועסטערלעך... אמת?

זי שאָקלט מיט די שוואַרצע געקרייזלטע האָר, קוקט ליבלעך, גוט־מוטיק מיט די שוואַרצע פינקלדיקע אויגן און ציט אוים אירע לאַנגע, שלאַנקע הענט צו אַלע, ווי זי וואָלט געוואָלט ווייזן, אַז זי האָט נישט קיין רימען, קיין שטעקן...

פאַרוואָס וויינען אַלע?... וואָס וויל זי, מיט אירע שוואַרצע לאָקן?

ווי אַ קול פון יענער וועלט קלינגען חוהן די ווערטער פון דער בלאָק־פירערין קאַטיאַ:

איך בין פון טשעכן... נאָר ביי מיר זענען אַלע יידן גלייך! כ׳מאַך נישט קיין אונטערשיד צווישן די יידן פון אַנדערע לענדער... מיר איז אַלץ איינס, אויב איר זענט געקומען פון פּוילן, רומעניע, אָדער פון וואַנען עס זאָל נישט זיין... איר מוזט דאָ אַלץ אליין פאַרשטיין... צופּאַסן זיך! ווי איר זעט בין איך שוין דריי יאָר אין לאַגער... און בין געזונט. אָט קוקט! — לאַכט קאַטיאַ און ווייזט ווידער אירע פּערלדיקע ציין. — איך האָב נאָך נישט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ מענטש, און איר געדענקט!

...פאַרוואָס ציילט מען אַזוי לאַנג?... ווי לאַנג דאַרף מען נאָך אַזוי שטיין אין דער ריי? אַביסל וואַסער... זאָלן זיי געבן נאָר אַ טרונק... איין טראָפּן...

די פרויען אַרום וויינען, בעטן זיך עפּעס אין שלאָף. עמיצער שרייט אין דער פינצטער:

— איך מוז אַרוים... אַרוים!

פלוצים האָט חוהן אויפגעוועקט אַ קינדישער יאָמער. גלייך האָט

זיך עמיצער אויף איר אַרויפגעלייגט, ווי אַ באַרג צוגעדריקט. אַ דערשלאָגענע האָט זי דערפילט, אַז איר קלייד ווערט קלעפיק־נאַס, וואָס אַמאָל נאַסער... מיט די לעצטע כוחות כאַפּט זי זיך אויף פון דער ערד, רייסט פון זיך אַראָפּ דאָס קלייד...

חוה ציטערט פאַר עקל און דערנידערונג. אַ נאַקעטע, מיטן קלייד אין דער האַנט שאַרט זי זיך איבער די אויסגעלייגטע אויף דער ערד קערפּערס, טרעט איבער הענט און פיס, דערשלעפּט זיך צו דער טיר... אַרויס אויף דער לאַגער־גאַס און געלאָזט זיך לויפן צום וואַש־רוים, וועלכן זי האָט באַמערקט גייענדיק אין באַראַק. אַ פאַרמאַטערטע קוים צו צו דער טיר, אונטערגעשטעלט זיך אונטער דעם שטראָם פרישן, קאַלטן וואַסער. גענומען רייבן די פאַרשטייפטע גלידער, וואַשן דאָס קלייד. מיטן נאַסן קלייד אין דער האַנט, אַ נאַקעטע געלאָפן צוריק אין באַראַק.

פון דער ווייטנס האָבן זיך געהערט פעסטע, זעלנערישע טריט, ווי שאָטנס האָבן זיך די ס. ס. מענער געשאַרט צווישן די באַראַקן, געפייפט, געגעבן זיך סימנים. קוים אַ לעבעדיקע איז חוה צו צו דער טיר פון באַראַק, נאָר צוריקגיין איבער די צונויפגעפּרעסטע קערפּערס שוין נישט געקענט. זי האָט זיך געשטעלט מיטן קלייד אין די הענט ביי דער טיר. געוואַרט עס זאָל טרוקן ווערן. זי שטרענגט אָן אַלע כוחות, כדי נישט איינשלאָפן. עס ברעכן זיך אונטער אירע פיס, די אויגן פאַרשליסן זיך, שטייענדיק צווישן די צונויפגעקלעפּטע קערפּערס ווייזט זיך אויס חוהן, אַז זי איז הונדערטער יאָרן אַלט געוואָרן. אין איר האַרץ שלאָגט אַזאַ ווייטיק, וועלכן נאָר שאַקאַלן קענען אויסוואָיען.

— איז דאָס דער אַ אָשוויענטשים... און דאָס בין איך? — חזרט זי איבער אומזיניק.

איין טאָג

פון אָפּגעטײלטן צימערל פון באַראַק, ווו ס׳זענען געשלאָפן די אָרדנערינס, איז אַרויס לענאַ פון אונגאַרן און נאָך אַ פאַרשלאָפּענע אָנגעהויבן זוכן אין דער פינצטער, אין די טאַשן פון זײַדענעם קלײדל, אַ פּײַפל.

— אויפשטיין! אויפשטיין! — האָט זי געשריגן מיט אַ הייזעריקער שטימע, וועקנדיק מיט די פיס די אויסגעלייגטע אויף דער ערד פרויען.

איינע נאָך דער אַנדערער זענען אַרויס די אָרדנערינס, אַלע צוזאַמען אָנגעהייבן פייפן און וועקן די פאַרשלאָפענע פרויען.

— נו, וואָס האָסטו זיך צעלייגט ווי אַ קו — האָט זיך צעשריגן די אָרדנערין מאַגדאַ פון סלאָוואַקיע, צו דער דאָקטאָרין פון לאָדזשער טראַנספּאָרט.

— ווען איך רעד צו דיר, זאָלסטו שטיין בלײַבן! פאַרשטאַנען? דו אַלטע הור...

די דאָקטאָרין האָט אויפגעמאַכט די אויגן, אַ ווײַלע אַרומגעקוקט זיך, ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס טוט זיך אַרום און גלײַך אויפגעכאַפּט זיך פון אָרט, אַ דערשראָקענע גענומען פאַרטיידיקן:

— זאָפאָרט... יאַ. ביטע... איך בין פערטיק... ביטע, ביטע פרייליין...

די מידע אויסגעמאַטערטע מיידלעך און פרויען האָבן זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן, מיט די פינגער צעריבן די פאַרשטייפטע קערפּערס, וואָס זענען אַ גאַנצע נאַכט געלעגן צוזאַמענגעפּרעסט, ווי איינ־

געקנעטן אין איין גוף.

— קאַפּע האָלן, קאַפּע האָלן! — האָט געשריגן פייגי, דאָס מאַ־דזיאַרישע מיידל און מיט דער פויסט געפּראַסקעט אין די פּנימער אויף לינקס און אויף רעכטס. זי איז צוגעגאַנגען צו חוהן, מיטן רימען דער־לאַנגט איבערן קאָפּ רופנדיק אויפן קול:

— האָט איר געזען אַזאַ פרעכהייט? איך האָב מיר שוין די לונגען אויסגעשריגן און זי ליגט ווי אַ געפּגרטע! פייגי האָט ווידער אויפגע־הויבן דעם רימען, געוואָלט זיך אויף חוהן פּאַרמעסטן, נאָר פון דער לעצטער „בוקסע"(1) האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ קינדערשער קווי־טשעדיקער יאָמער און גלייך אַ געוויין פון אַ צענדליק פרויען.

פייגי האָט זיך אַ וואָרף געטון צום סוף פון באַראַק.

אויף דער ערד איז חוה געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטע.

די נאַכט איז זי געשטאַנען מיטן נאַסן קלייד אין די הענט פונאַנ־דערגעשפּרייט, ביז די הענט זענען איר פאַרשטייפט געוואָרן. באַגינען האָט זי זיך דערשלעפּט צו דער וואַנט, אַריינגעפּרעסט צווישן די ווייבער און איינגעשלאָפן. זי האָט נישט געפילט די היץ, וואָס האָט איר קערפּער צעפּיבערט, נישט דעם קאַלטן צעמענטענעם דיל. ערשט דאָס פייפן האָט זי אויפגעוועקט. זי האָט זיך פּאַמעלעך פון דער ערד אויפגעהויבן אַ צע־הושטע פון ליאַרם, געזוכט מיט די אויגן דאָס מיידל, וואָס האָט זי נישט אָפּגעלאָזט פון דער רגע וואָס אירע עלטערן זענען אַוועק אויף דער צוויי־טער זייט לאַגער.

— אפשר איז עס אַ חלום? — האָט חוה אַ טראַכט געטון נישט געפינענדיק זי, און גענומען וואַשן דאָס פּנים מיט אַ ביסל שוואַרצער קאַווע, וואָס איז איר פון נאַכטמאָל איבערגעבליבן.

מיט אַמאָל האָט זי אַ מיטלוווקסיק מיידל, מיט גרויסע לעבנסלוס־טיקע אויגן, פאַר דער האַנט אָנגענומען און אַ שלעפּ געטון צו דער טיר.

— מיר גייען נאָך קאַווע — האָט מאַניע שטיל אַ זאָג געטון, פאַר־שטייסט? — חוה האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, ווי אַ הילפלאָז קינד געשטעלט זיך געבן איר חברטע פונעם פינפטל און צוזאַמען מיט אַ קאַ־לאַנע פרויען אַוועק נאָך קאַווע אין דער קיך.

(1) אַן אָפּטיילונג פון באַראַק.

פון לאַגער אין לאַגער

אויף דער לאַגער־גאַס איז נאָך פינצטער געווען. פון אַלע באַראַקן האָט זיך געטראָגן אַ לאַנג־דויערנדיק פייפן. די קאָלאָנע האָט קוים זיך געקענט פון אָרט רירן אין די דינע קליידלעך אויף די נאַקעטע קערפּערס, אין די קלומפּערס אויף די באָרוועסע פיס האָבן זיי אַלע געציטערט פאַר קעלט, קוים באַוויגן מיט די געלײמטע פיס. פון די גלאַט־אָפּגעגאָלטע קעפּ איז אַ קעלט צעגאַנגען איבער אַלע גלידער. וואָס אַמאָל האָט זיך אַן אַנדערע אָפּגעשטעלט דעם אָטעם צו כאַפּן, מיט ווייסע ליפּן געבעטן ביי דער שטוב־דינסט, וואָס האָט אַלע געפירט:

— דערלויבט מיר צוריקגיין... איך... איך קאָן נישט מער...

די שטוב־דינסט, ווי זי וואָלט נישט געזען די בלויע פּנימער פון די פרויען און נישט געהערט זייער פאַרצווייפלט בעטן, האָט די קאָלאָנע ווייטער געטריבן רופנדיק:

— לאַופען... לוסטיקער!...

אַ קאַלטער ווינט האָט נאָכגעפּייפט סווישטשענדיק:

— לוסטיקער! לוס־טי־קע — — — לו...

שפּאַנענדיק איבער דער „לאַגער־גאַס" האָט סאָניע באַטראַכט יעדן באַראַק באַזונדער, ווי זי וואָלט זיך אַליין נישט געקענט צו גלויבן און שטיל אַריינגערעדט אין חוהן:

— דרייסיק באַראַקן האָב איך אָפּגעציילט... און אומעטום מוז זיין אַזוי פיל מענטשן... ווען זענען זיי אַלע דאָ געקומען און פון וואַנען? וויפל מענטשן קאָן דאָ זיין?...

וואָס ווייטער זי האָט געשפּאַנט איבער דער „לאַגער־גאַס", אַלץ שרעקלעכער און מוראַדיקער האָט זיך איר דער לאַגער אויסגעוויזן.

— אַנטלויפן! וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען... היינט נאָך! — האָט זי באַשלאָסן אין זיך. קיין רגע נישט פאַרלירן!

שעהען לאַנג ביי דער קיך־געביידע זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגער קאָלאָנע פרויען פון רומעניע, טשעכן, אונגאַרן, פּוילן און ליטע. געדולדיק געוואַרט אויף די קאַנען זופּ, אָדער קאַווע פאַרן באַראַק, נישט וואַגנדיק זיך רירן פון אָרט.

נאָר די דרייסטערע האָבן זיך אויף אַ ווײלע אַרויסגעגנבעט פון דער ריי, פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק גענומען שאַרן זיך צום מיסטקאַסטן

נישט ווייט פון דער קיך, ווו עס זענען אין אַ הויכן באַרג געלעגן לייַ־דיקע קאָנסערוון־פּושקעס... מיט אַ קעצישער שנעלקייט אַ כאַפּ געטון אַ פּושקע... אַרונטערגערוקט אונטערן קלייד און אויף גיך צוריק אין דער ריי.

פּאַמעלעך מיט פולע הונדערט־ליטערדיקע קאַנען האָבן זיך די פרויען געשלעפּט צוריק, קוים לעבעדיקע אָנגעקומען אין די באַראַקן. ווען סאָניע מיט איר קאָלאָנע איז אָנגעקומען צום באַראַק, איז זי געבליבן שטיין ווי אַ געליימטע ביי דער טיר. זי האָט דערזען טויזנט פרויען קניען אויף דער ערד, מיט פּנימער גרויע ווי אַש, באַדעקטע מיט טויט־אַנגסטן.

איבער דער בית־עולמדיקער שטילקייט האָט זיך געטראָגן קאַטיעס אויפגעבראַכטער קול:

— פאַר וואָס האָט איר פאַראומרייניקט דעם באַראַק? איר ווייסט וואָס עס קומט אייך דערפאַר? אַן עפּידעמיע ווילט איר ברענגען, אַן אומגליק פאַר אַלע? געגוג איין „ס. ס.‟־מאַן זאָל זיך דערוויסן דערפון, איר זאָלט אַלע גיין אין „קוימען‟! אידיאָטן־באַנדע! איר קאָנט דאָס טייער באַצאָלן...

—...ביינאַכט האָבן מיר נישט געקענט טרעטן איבער די מענטשן,

— האָבן זיך די דרייסטערע מיידלעך גענומען פאַרטיידיקן.

— שווייגט! קיין וואָרט זאָל איך נישט הערן! דיסציפּלין זאָל זיין! אויב די ס. ס. וועלן איינזען, אַז ביי מיר איז נישטאָ קיין אָרדענונג, וועלן זיי אייך אַריינשיקן אַ נישט־יידישע אָרדנערין, דאַן וועט איר פאַרשטיין, ווער איך בין געוועזן פאַר אייך... — שפּאַנענדיק איבערן באַ־ראַק צווישן די קניענדיקע פרויען, האָט האַלבוויינענדיק קאַטיע ווייטער געצויגן:

— איך וועל פאַר אייך באַשטראָפט! פאַר יעדער קלייניקייט באַ־שטראָפט! אויף מיינע פּלייצעס לערנט מען מיך, ווי איך זאָל אייך שלאָגן! אָ, ניין, איך וועל אַזוי גלאַטיק אייך דאָס נישט אַדורכלאָזן... דריי שעה וועט איר אַזוי קניען — ביז איר וועט אַלץ... אַלץ אַליין פאַרשטיין!

די טיר פון באַראַק האָט זיך געעפנט און ווי אַ צערייצטער הונט איז אַריינגעפאַלן אַ דאַר נישט־אַנטוויקלט מיידל מיט אַ שטעקן אין דער

האַנט. די רויטע צעוואָרפענע האָר האָבן איר דאַר פאַרביסן פּנים נאָך ווילדער געמאַכט.

אויף איר אָנקומען זענען די אָרדנערינס אויפגעציטערט געוואָרן. „די רויטע" האָט מיט איין בליק ארומגענומען דעם באַראַק און אַ צו־פרידענע אַ פרעג געטון:

— זיי זענען באַשטראָפט? האַ?

— יאָ, — האָט קאַטיע רואיק געענטפערט, — זיי האָבן באַנאַכט... פאַראומרייניקט דעם באַראַק...

— אַזוי! — האָט „די רויטע" אויסגעשריגן מיט אַ רציחה און געוואָרפן זיך אויף די האַלב־פאַרחלשטע פרויען, שרייענדיק:

— איר זאָלט וויסן זיין, אַז עס איז נישט וויכטיק, ווער פון אייך איז שולדיק! איינע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע און אַלע פאַר איינע... ווען איינע פון אייך וועט זיך פאַרשולדיקן, ווערט איר אַלע באַשטראָפט! פאַרשטאַנען... אידיאָטן!

זי האָט אַזוי לאַנג געשלאָגן די פרויען, ביז זי איז פאַרמאַטערט גע־וואָרן. סאָפּענדיק האָט זי גענומען מוסרן דעם באַראַק:

— צו וואָס האָט איר דאָס באַדאַרפט? אייער פירונג איז אַ באַ־ליידיקונג פאַר אונדזער רעליגיע, פאַר אונדזער פאָלק! איבער אייך ליידן מיר אַלע! איך וועל אייך ביז צו דער לעצטער... קאַטיאַ, דו זאָלסט מיר נאָר אָנווייזן וועלכע.. האָט די „רויטע" געשריען, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן אין דיל.

נאָך איר אַרויסגיין האָבן עטלעכע פרויען אויפגערוימט דעם באַ־ראַק. בּיסלעכווייז האָבן זיך אַלע באַרואיקט, אויסגעשטעלט צו פינף. די אָרדנערינס האָבן אָן אויפהער געציילט די פינפטלעך און יעדעס מאָל האָט זיך באַקומען אַן אַנדערע צאָל פרויען. די פרויען אין דער ריי האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, זייערע פיס האָבן זיך אונטער־געבראָכן, ווי פליגן זענען איינע נאָך דער אַנדערער געפאַלן אויפן דיל. זייערע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט, ווי זיי וואָלטן ביי עמעצן געזוכט רחמים און הילפלאָז געפאַלן צוריק... מיט בלויע, האַלב־טויטע ליפּן קוים געשטאַמלט.

— וואַסער... וואַס...

— דערלאַנגט אַ ביסל וואַסער! ראַטעוועט! מענטשן חלשן — האָבן געשריען די פרויען פון די רייען.

— וואַסער ווילט איר? — שרייט אויס אָן כוח, אַ פאַרשוויצטע, אַגי, די שלעגערין. איר ווייסט נאָך נישט וואָס איז אָן „אַפּעל". דער „אַפּעל" איז וויכטיקער פון אייער לעבן, פון אַלץ! אויב דער „אַפּעל" וועט נישט שטימען, גייט איר אַלע אין „קוימען". איצט ווייסט איר שוין? דאָ איז אַ קרעפּיר־לאַגער! אַ קרעפּיר...

אין באַראַק איז די לופט צעגליט און געדעמפּט. די פרויען הייבן אָן פאַלן פאַר מידקייט און דורשט.

פּלוצים הערט זיך אין דער שטילקייט אַ שטאַרקע קינדערשע שטים. פון דער ריי גייט אַרויס אַ מיידעלע ווי אַ צעבליטער קנאָספּ. אירע בעקעלעך פלאַמען, די שוואַרצע אויגן ברענען, ווי צעגליטע קוילן... זי ציט אַרויס די הענטלעך און בעט אַ פאַרצווייפלטע:

— שיסט מיך... איך גיב זיך אָפּ אויף קידוש־השם פאַר אַלע ייִדן! שיסט...

איבער די דערשלאָגענע טויט־בלייכע פּנימער הויבן אָן רינען טרערן, דער באַראַק צעוויינט זיך אויף אַ קול.

צו שרהלען מיט די אויסגעשטרעקטע הענטלעך לויפט צו אַגי, שטופּט זי צוריק אין דער ריי שרייענדיק:

— ביסט משוגע געוואָרן? שיסן זאָל מען זי גאָר! צוריק אין דער ריי, צוריק! — איר קול ברעכט זיך, ווי די ווערטער וואָלטן זי געשטיקט, די אויגן ווערן פול מיט טרערן, דאָס פּנים געל.

— איבי — באַפעלט זי דער ברייטבייניקער מאַדזשאַרישער אָרד־נערין — פיר זי צו אויף איר אָרט. און זי גייט אַוועק מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ.

איבי, די שטאַרקסטע און גרעסטע פון די אָרדנערינס, וואָס וואַקסט איבער אַלע פרויען פון באַראַק, גייט צו צו שרהלען, נעמט זי אָן צאַרט פאַרן אָרעם, פרוווט צוריקפירן זי אין דער ריי, פלאָנטערנדיק זיך אין די רייד:

— קום, נשמהלע... איך וועל דיך נישט שלאָגן... אַלץ איבער זיי...

די דייטשע און פּוילישע יידן... זיי האָבן זיך ביי גאָט פאַרזינדיקט... און מיר זענען באַשטראָפט געוואָרן... מיר מוזן ליידן...

— איך וויל אַ היים... צום ברודער... ווו איז ער? — רייסט זיך שרהלע פון דער ריי.

— אַכטונג! — פאַלט אַ באַפעל.

אין באַראַק ווייזט זיך אַ יונגער מיליטער־מאַן מיט אַ גומענעם שטעקן אין דער האַנט.

אַלע האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער יונגער דייטש אין גרינעם מונדיר, אין די שפּיגל נייע שטיוועלעך איז דער „ראַפּאָרט־פירער" פון לאַגער.

ער איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן ביי די פאַרהלשטע מיידלעך, וואָס זענען אָן לעבן אויפן דיל געלעגן. רואיק באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און געציילט, ווי פערד אויף אַ מאַרק. פאַמעלעך האָט ער אָנגע־הויבן שפּאַנען איבערן באַראַק, איינגעקוקט זיך אין יעדן פּנים באַזונדער. אין זיין ביכעלע פאַרצייכנט די צאָל „געזונטע" און פאַרחלשטע און מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטון:

— קיינע איסט וועק?

— קיינע! הער „ראַפּאָרט־פירער" — האָט קאַטיאַ מיט דעם זעלבן שמייכל געענטפערט.

שרהלע האָט פון איר ריי דערזען דעם ראַפּאָרט־פירער. זי איז צו־געלאָפן צו אים מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך, רופנדיק:

— אַברהם, אַברהם! מיין ברודער...

קאַטיאַ איז שנעל צוגעלאָפן, געשטעלט זיך צווישן שרהלען און דעם ראַפּאָרט־פירער, אַרומגענומען זי און וואַרעם אָנגעהויבן רעדן:

— גיי, מיין קינד, אויף דיין אָרט... זיי אַרטיק און מיט די אויגן געבעטן רחמנות דעם „ראַפּאָרט־פירער".

שרהלע האָט זיך געריסן פון אירע הענט שרייענדיק:

— לאָזט מיך צו מיין ברודער, אָט איז ער! אַברהמעלע...

דער ראַפּאָרט־פירער האָט זיך אין ערשטן מאָמענט פאַרלוירן, ערשט נאָך אַ ווײַלע געפרעגט מיט אַ שמייכעלע אויף זיינע דינע ליפּן:

— זי טרוימט? וואָס? ער האָט אַ רעדל אָנגעצייכנט אויף איר

שטערן און באַשטעטיקט: — זי האָט אַ „פויגל”, נישט וואָר? — ווידער זיך צעלאַכט. קלאַפּנדיק מיט די שטיוול, אונטערפּייפנדיק, אַרויס פון באַראַק.

— אַכטונג! — האָט קאַטיאַ ווידער באַפוילן.

אַלע האָבן זיך אויסגעצויגן ווי סטרונעס און אַזוי שטיין געבליבן ביז זיין שאָטן איז פאַרשוווּנדן הינטער אַ באַראַק.

— מיידלעך! — האָט קאַטיאַ אויסגערופן אַ צעשטראָלטע, — דעם „ראַפּאָרט־פירער” געפעלט אונדזער באַראַק! אַלץ איז אין אָרדענונג! איך בין אייך אַלע מוחל... געדענקט, אַז איך וויל אייך נישט באַשטראָפן, נישט שלאָגן... קיינער וואָלט דאָ אויף אייך קיין האַנט נישט אויפגעהויבן, ווען איר וואָלט געווען פאַרנינפטיק! זאָגט אַליין, פאַר וואָס טומלט איר? פאַר וואָס באַהאַלט איר די טעפּ? פאַר וואָס פאַראומרייניקט איר דעם באַראַק? פאַרשטייט, אַז איר זייט אין אַ לאַגער! עס איז אַ מלחמה... — מיט אַמאָל האָט זי אָפּגעהאַקט, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַר אירע אייגענע רייד און גאָר מיט אַן אַנדערער שטים געזאָגט:

— איך בעט אייך פאַרהאַלט זיך רואיק, איך קום באַלד צוריק, אַגי וועט אייך די זופּ פאַרטיילן.

נאָך קאַטיעס אַרויסגיין האָט אַגי אויפסניי אָנגעהויבן קאָנטראָלירן די פינפטלעך. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עמעצער איז פאַרשוווּנדן פון באַראַק... מיט אַלע כוחות האָט זי גענומען שרייען:

— זאָל איינע פון אייך וואַגן אַנטלויפן! וואָס מיינט איר זיך, אַז איך וועל צוליב אייך מיין קאָפּ פאַרלייגן?

זי איז אַרומגעגאַנגען לענגאויס דעם באַראַק און געסווישטשעט צווישן די ציין:

— איר טומלט ווידער? איר ווילט מיך מיד מאַכן... פאַרמאַטערן, וואָס? איר ווילט איך זאָל דאָ פּגרן, וואָס? יאָ, איך וועל פּגרן — האָט אַגי געשריען אויפן גאַנצן קול, — נאָר איר אַלע פריער!

אין רויטן זיידענעם קליידל, אין די ווייסע שיכעלעך איז זי אַרומגעגאַנגען צווישן די פינפטלעך און יעדעס וואָרט אירס איז געווען ווי אַ זעץ מיטן האַמער אין קאָפּ.

— אייך איז גוט! ווינטער האָט איר באַדאַרפט דאָ קומען, ווען

די „אַפּעלן” זענען געווען אין שניי און עס איז געווען אַ קרענק! איך וועל זיך מיט אייך אַן עצה געבן, אויסדרעסירן ווי די הינט!

די זון איז אויפגעגאַנגען און דורך די האַלב־פאַרמאַכטע טירן אַריינגעקוקט אין באַראַק אויף די מידע, צום טויט דערשראָקענע פּרויען. אָבער קיינער האָט אויף דער זון נישט געקוקט, יעדע האָט געהאַסט איר שיין, ווי געהאַסט יעדן נייעם טאָג, וואָס איז געקומען.

די אָרדנערינס האָבן אויפגעמאַכט די קעסלען מיט זופּ און אָנגע־הייבן טיילן. יעדעס „פינפטל” האָט באַקומען איין טאָפּ.

די ערשטע פון פינפטל אין באַראַק האָט גענומען דעם טאָפּ און אָנגעהויבן טרינקען די זופּ. זי האָט קוים באַנעצט די ליפּן און גלייך צוריקגעגעבן דעם טאָפּ דער צווייטער. עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז עס וועט שוין פאַר קיינעם נישט סטאַיען.

די צווייטע האָט געזופּט און געזופּט און עס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט נאָך גאָרנישט געטרונקען.

— גיב אָפּ דעם טאָפּ! — האָט זיך צעשריגן די דריטע, עס איז שוין כמעט גאָרנישט געבליבן און קיינער האָט נאָך נישט געגעסן!...

— אַ האַלבער טאָפּ איז נאָך דאָ — האָט זיך געווערט די צווייטע.

— איך האָב נאָר אַ ביסל שיטערס געטרונקען און אונטן זענען אַלע קאַרטאָפל געבליבן...

— אַזוי! ווילסטו די קאַרטאָפל אויך אויפעסן! — האָבן זיך אַלע צעשריגן. — מ׳דאַרף איר צונעמען דעם טאָפּ!

— זאָל זי נעמען אַ פּאָר קאַרטאָפל — האָט זיך אַ זייטיק מיידל אַריינגעמישט. — עס איז דאָך אַ חרפה פאַר זיך אַליין...

— קיין מאָל אין דער וועלט נישט! — האָט געשריגן די פערטע.

— פאַר אונדז וועט שוין גאָרנישט בלייבן. וואָס שווייגט איר — האָט זי אַ פאַרצווייפלטע אַ געשריי געטון.

— נעמט, נעמט — האָט אַ באַליידיקטע נאָכגעשפּעט מיט אַ גרי־מאַסע די צווייטע פונעם פינפטל. באַלד וועלן אייך די אויגן אַרויס... מען קען מיטן ביסן דערוואָרגן ווערן!

די דריטע האָט גענומען דאָס טעפל און אַלע געוויזן:

— זעט וויפיל איז דאָ! באַלד וועט איר זאָגן, אַז איך האָב אַלע

אויפגעגעסן.

זי האָט אָנגעהויבן טרינקען די זופּ און אַ פאַרזאָרגטע איבערגע־ריסן, פרעגנדיק: — און וואָס וועט זיין מיט די קאַרטאָפל? — זי האָט נישט באַוויזן די האַנט אַריינלייגן אין טעפּל, ווי די לעצטע האָט זיך צעשריגן:

— כ׳בין נישט מחויב צו עסן די זופּ, וווּ איר לייגט אַריין אייערע הענט! נעמט אַרויס — — —

— איך האָב זיי היינט געוואַשן — כ׳זאָל אַזוי דערלעבן צו דער פרייהייט — האָט זיך געשווירן די דריטע.

— מ׳קאָן מיט אַ האָלצל אַרויסנעמען די קאַרטאָפל — האָט גע־ראָטן איינע פונעם „פינפטל" — און אַן עק זאָל עס נעמען!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט:

— גיט נאָר אַ קוק אויף דער מאַדאַם... ס׳וואָלט געפּאַסט, אַז איר קומט נישט פון געטאָ... מירן נאָך אַלע גיין איבער די מיסטקאַסטנס!

— איך בין אַ לערערקע — האָט זיך די פינפטע צעוויינט, דרך־ארץ זאָלט איר האָבן! איך...

אַ רעש איז אין „פינפטל" געוואָרן. אַלע האָבן מיט אַמאָל אָנגע־הויבן רעדן:

— מען קאָן טאַקע מיינען, ווער איר זייט... מיט דעם אויסגע־שמירטן פּנים און דעם קאָפּ מיט זאַמד באַשאָטן!

...דאָ זענען אַלע גלייך... אַלע אין דעם זעלבן הולך... — האָבן די מיידלעך געטומלט.

מיט אַ שטעקעלע האָט דאָס פערטע מיידל געפּרוווט די קאַרטאָפל אַרויסנעמען, נאָר גלייך איז זי מיד געוואָרן. זי האָט אויף דער האַנט זיך אַרויסגעשיט די קאַרטאָפל און דער לערערקע איבערגעגעבן דאָס טעפּל מיט די לעצטע פיר קאַרטאָפל.

— דו, ווי הייסטו דאָרט? — האָט גערופן אַ מיידל פון אַ נעבן פינפטל, — גיכער מיטן טאָפּ! ווי לאַנג זאָלן מיר וואַרטן. מיר ווילן אויך עסן...

צו דער לערערקע איז צו אַן עלטערע פרוי און באַטראַכטנדיק זי פון קאָפּ ביז פיס אַ פרעג געטון:

— איר פאַרקויפט די קאַרטאָפל? איך האָב צוויי גרויסע שטיקלעך ברויט...

די לערערין האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געענטפערט:

— לאָמיר זען דאָס ברויט...

די פרוי האָט פון אַרבל אַרויסגענומען צוויי שטיקלעך ברויט און דערלאַנגט דער לערערין.

— אַ סוחרטע בין איך פון אַלע מאָל, פאַר צוויי שטיקלעך ברויט, פיר קאַרטאָפל און דערצו פון די ידים אַרויס, איר האָט דאָך שוין אָנגעהויבן עסן...

— זי איז אַ לערערין, פון אירע הענט קאָן מען עסן — האָט זיך דאָס גאַנצע „פינפטל" אָנגענומען.

די פרוי האָט גענומען די קאַרטאָפל און צוריקגעגאַנגען אויף איר אָרט.

— אָ, זעט! זי האָט שוין געגעסן! — האָבן זי די פרויען פאַרשריגן פון די זײַטיקע פינפטלעך... זי גייט איבער פון איין פינפטל צום צווייטן, צוויי מאָל וויל זי עסן... וואַרפט זי אַרויס פון באַראַק.

— שווייגט! איך גיס גלייך אויס די זופּ אויף דער ערד, אָדער איך וועל זי אַרײַנטראָגן אין אַ צווייטן באַראַק, — האָט אַגי געשריען אַ הייזעריקע פון כעס.

דאָס האָט געווירקט.

באַלד איז אין באַראַק שטיל געוואָרן. נאָך אַ רגע האָבן די מיידלעך ווידער אָנגעהויבן טומלען.

— גיט אַ ריכטיקע מאָס!

— עסט גיכער, מיר דאַרפן די טעפּ!...

— די קאַרטאָפל בלייבן אויפן דעק, נאָר די שיטערע טיילן זיי...

— מיר ווען גיין צו קאַטיען, מיר וועלן אַלץ דערציילן — האָבן אַלע מיידלעך אַלץ העכער געשריען.

— נישט טיילן! — האָט אַגי באַפוילן. — פאַרמאַכט די קעסלען! איך וועל אייך אַלע לערנען שווייגן! איר וועט הײַנט שוין קיין מיטאָג נישט עסן!

די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן וויינען.

— אַלץ איבער דער גרויסער מויד, ווי הייסט זי דאָרט... שטענ־דיק מאַכט זי דעם גרעסטן טומל!

די וואָס זענען געזעסן לעבן דער „הויכער״ האָבן זי אָנגעהויבן שלאָגן, שרייענדיק: מכשפה, איבער דיר פאַרלירן מיר דאָס עסן!

די מיידלעך, וועלכע זענען געווען מיט דער הויכער אין „פינפטל״, האָבן זיך פאַר איר אָנגענומען, צוריק געשלאָגן, געדראַפּעט מיט די נעגל איבער די פּנימער.

— משוגעים, אידיאָטן! וואָס טוט איר, — האָט געשריען חוה פון עק באַראַק. — איר ווילט מען זאָל צו אונדז אַריינשיסן?!

— דו ביסט אַליין אַ משוגענע! ביינאַכט אַ נאַקעטע מיט דעם קלייד אין דער האַנט איבער דעם באַראַק אַרומגעלאָפן — האָט צוריק געשריגן אַ מיידעלע. — איך האָב אַליין געזען, איך זאָל אַזוי געזונט זיין!

איניקע האָבן אָנגעהייבן לאַכן, עטלעכע האָבן הויך געוויינט.

— אַ משוגעים־הויז, אַ ריכטיקער דול־הויז, — האָט גערעדט צו זיך די לערערין און פּלוצים אַליין זיך צעלאַכט.

— איך וואַרט! — האָט צווישן די ציין געסווישטשעט אַגי — איך וועל אייך באַלד באַרואיקן מיט אַן עמער וואַסער! אידיאָטן, זאַראַזעס! איך קען אייך איינשטילן הײַנט אויף אַלע מאָל!

אין באַראַק איז אַריינגעקומען קאַטיאַ. זי האָט אַ קוק געטון אויף די פאַרמאַכטע קעסלען און אַ פרעג געטון אַ בייזע:

— פאַר וואָס טיילט מען נישט די זופּן?

— זיי זענען באַשטראָפט! — האָט אַגי אַ סווישטשע געטון אַ הייזעריקע.

— קניען! — האָט קאַטיאַ באַפוילן.

אַלע פרויען האָבן ווידער אַנידערגעקניט. ווידער זענען אויפן דיל געפאַלן פאַרחלשטע.

— וואָס וועט דאָ פון אונדז ווערן? — האָט חוה אַ פאַרצווייפלטע געפרעגט סאָניען.

סאָניע האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן האַלדז... ביידע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, געשוויגן.

קאַטיאַ איז צו צו די קעסלען זופּ און געגוי קאָנטראָלירט יעדע באַזונדער.

— איך וועל טיילן... דאָס לעצטע מאָל וועל איך אייך מוחל זיין — האָט זי שטרענג אַ זאָג געטון און דערלויבט אַלע זיך זעצן.

די פרויען זענען שוין אַזוי פאַרפּייניקט און דערשלאָגן געווען, אַז עסן האָט שוין קיינער נישט געקענט. אין דער שטילקייט פון באַראַק האָט די לערערין נישט דרייסט געבעטן:

— פרוי בלאָק־עלטסטע... דערלויבט מיר אַרויסגיין...

קאַטיאַ האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט טיילן, ביז אויסגעשריגן:

— איצט איז נישט די צייט... איצט איז אַ צייט פאַר עסן... און שוין רואיקער צוגעגעבן — שפּעטער וועל איך אייך אַלע פירן אין קלאָזעט.

די לערערין האָט דאָס פּנים פאַרדעקט מיט ביידע הענט און שטיל געוויינט.

— באַרואיקט זיך — האָט איר חוה איינגערוימט אין אויער, רייסט אַרויס אַן אַרבל פונעם קלייד... כ׳וועל קיינעם נישט דערציילן...

— אָבער איך בין דאָך אַ מענטש... אַ מענטש! — האָט קוים אַרויסגערעדט די לערערין מיט אַ דערשטיקט קול.

דאָס פרישטיק האָט זיך געענדיקט. די קאַנען מיט די זופּן זענען פאַרמאַכט געוואָרן. די פרויען האָבן זיך אויפן דיל אויסגעצויגן. גע־פּרווט איינשלאָפן.

— איצטער קענען מיר איינאָרדענען אַ קאָנצערט — האָט קאַטיאַ מיטגעטיילט. — ווער פון אייך קען זינגען, רעציטירן, ביטע זייער, טרעט אַרויס. איר קענט זינגען יידישע לידער.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען, גלייך פון דער ריי איז אַרויסגעגאַנגען אַ יונגע פרוי, געשטעלט זיך אין דער מיט פון באַראַק און מיט אַ הויי־כער מעטאַלענער שטימע אָנגעהויבן זינגען:

„מאָטל, מאָטל, וואָס וועט זיין דיין סוף?
דו ביסט נאָך ערגער ווי פריער געוואָרן,
דו גייסט אַרום אַ גאַנצן טאָג און דו
שפּילסט זיך מיט יאַנעקס טויבן...״

די פרויען האָבן די פּנימער פאַרדעקט און שטיל געוויינט. קאַטיאַ

האָט זיך אומעטיק צוגעהערט צום ליד, ווייט, ווייט פאַרקוקט. איר ױנדיש פּנימל האָט אָנגעהויבן ציטערן.

— זינגט פריילעכער, פריילעכער, מיידלעך! עס איז אַזוי טרויעריק, אַז דאָס האַרץ קען אויסגיין פאַר ווייטיק.

פון דער ריי איז אַרויס אַ קליין געשיקט מיידל, וועלכע האָט ביז צו דעם קריג געהערט צו דער געזעלשאַפט „שיר" און אָנגעהויבן זינגען מיט אַ פריילעכער שטים:

„אין בודאַפּעשט איז מיין האַרץ געבליבן
אין אַ נאַכט...
ווען די ליבע ערוואַכט..."

— אַגי, לויף גיכער נאָך לענען פון בודאַפּעשט, זאָל זי הערן אַ ליד פון איר שטאָט! גיכער, גאָט מיינער, מען קען דאָך אַראָפּ פון זינען צוהערנדיק די לידער, — האָט אַן איבעראַשטע גערעדט קאַטיאַ.

אין באַראַק איז אַריינגעקומען לענע פון בודאַפּעשט און שווייגנדיק צוגעהערט זיך צום געזאַנג.

— בודאַפּעשט, בודאַפּעשט... — האָבן געציטערט אירע ליפּן, און מיט אַמאָל אַ וואָרף געטון זיך אויף קאַטיען: — קום, לאָמיר טאַנצן, ווי אַמאָל אין בודאַפּעשט! געדענקסט אונדזערע לאָקאַלן? די מוזיק!

— קאַטיאַ, ווען וועלן מיר דאָרט ווידער זיין? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פאַרבענקט קול.

ביידע אָרדנערינס האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און אָנגעהויבן דרייען אַרום באַראַק אין אַ וואַלץ.

איינע נאָך דער אַנדערער זענען אַרויס די מיידלעך פון די רייען און געזונגען העברעאישע, יידישע און דייטשע לידער. וויג־לידער און ליבע־לידער, אַריעס און סערענאַדן.

— ווי זיי זינגען... ווי זיי זינגען... — האָט אַ פאַרוווּנדערטע מיטן קאָפּ געשאָקלט די שלעגערין אַגי. — ווי קומט צו זיי „טסוסקאַ" און „טראַוויאַטאַ", שובערט און טשייקאָווסקי? ווען איך קוק אויף זיי, דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַ באַנדע אידיאָטן — אָדער משוגעים...

— מיר אין די זעלבע קליידער, מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ וואָלטן נישט אויסגעזען בעסער — האָט קאַטיאַ שטיל אין אַ זייט געזאָגט. און אַרומ־

קוקנדיק זיך פּאַרזיכטיק, צוגעגעבן: ווער ווייסט, ווער ליגט דאָ אַלץ אויפן דיל...

אַ פּאַרטראַכטע האָט זי מיט אַ מאָל אַ זאָג געטון: — מען דאַרף פאַר זיי עפּעס טון... איך מוז פאַר זיי באַזאָרגן דעקעס... פון ליגן גאַנצע טעג אויפן שטיינערנעם דיל וועלן זיי אין גיכן אויסגעפּאַרטיקט ווערן... יעדן טאָג דאַרף אין באַראַק אַריינקומען אַ דאָקטאָרין.. די מענטשן אונטערזוכן...

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי בײַ אַגין אַ פרעג געטון:

— ווי מיינסטו, עס וואָלט נישט שלעכט געווען דער ראַפּאָרטפירער זאָל אַמאָל בײַזײַן אַזאַ קאָנצערט, איך וועל אויך די „רויטע" אַרײַנרופן... זאָלן זיי זעען...

— מירן איצטער זיי פירן אין קלאָזעט — האָט קאַטיען איבערגעשלאָגן די רייד אַגין, — קוק, אַלע באַראַקן זענען שוין אַרויס...

גלײַך האָבן די אָרדנערינס געגומען אויסשטעלן אַ ריי אין קלאָזעט. די פרויען האָבן זיך געפּאַקט וואָס נענטער צו דער טיר, גליקלעכע, אַז זיי וועלן אַרויס אויף דער לופט, אויף דער ליכטיקער שײַן. קענען אַרומקוקן זיך איבערן לאַגער.

פון אַלע באַראַקן האָבן זיך געצויגן טויזנטקעפּיקע רייען, ווײַבער, מיידלעך און קינדער האַלב-נאַקעטע, באָרוועסע, שמוציקע, אין קליידער צעריסענע, אָדער העמדלעך קורצע ביז צו דער קני. אַנדערע נאָר מיט פּאַפּיר אַרומגעבונדן דעם נאַקעטן קערפּער, מיט בלויע צייכנס פון די דינע גומענע בייטשלעך.

— ווו זענען זייערע קליידער? וואָס קומט דאָ פאָר? — האָבן געטראַכט אין זיך חוה און סאָניע, שפּאַנענדיק אין לאַנגן צוג פרויען. סאָניע האָט זיך פּאָרזיכטיק און גענוי אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, ווי זי וואָלט געוואָלט דעם וועג גוט פאַרגעדענקען, קיין שטעגל נישט אויסמײַדן.

פּאַמעלעך איז דער צוג אָנגעקומען צום באַראַק-קלאָזעט. געשטעלט זיך וואַרטן אויף זייער ריי.

בײַם קלאָזעט האָבן זיך דערקענט קרובים און באַקאַנטע, געפונען שוועסטער און פאַמיליעס.

אַ פרוי פון לאָדזשער טראַנספּאָרט האָט דערקענט איר שוועסטער אין טשעכישן טראַנספּאָרט.

— פריידקע! פרידאַ, — קוקט, פרויען, דאָרט שטייט מיין שוועסטער — האָט אַ צעטומלטע געשריגן די פרוי, פאַרכליניעט זיך, אַרויס מיט אַ געוויין, — ווען ביסטו דאָ געקומען?

— לובאַ — לו... האָט צוריקגעשריגן אַ דאַר מיידל אין אַ קורץ צעריסן העמדל. — איך בין דאָ אַ סך, אַ סך טעג... לויף אַריבער... מירן זיין צוזאַמען...

— כ׳קאָן נישט... כ׳האָב מורא — האָט די פרוי פול מיט וויטיק צוריקגעשריגן.

— ווען זייט איר געקומען — האָבן אַריבערגעשריגן די אונגאַרישע פרויען. — פון וואַנען?

— מיר זענען געקומען נעכטן, פרייטיק... פון פוילן... — האָבן אייניקע צוריקגעשריגן.

— איז היינט שבת, שבת?... — האָבן אויסגערופן עטלעכע אונגאַרקעס און פאַרבראָכן די הענט. — זאָגט צי עס איז שוין געווען ראש־השנה?

— אין זעקס וואָכן אַרום וועלן זיין די יום־טובים, — האָט אַן עלטערע פרוי אָפּגעענטפערט, פאַרשטעלנדיק די אויגן פון דער זון, האָט זי באַטראַכט די ריי און אַ פאַרוואונדערטע גערעדט צו זיך:

— וואָס פאַראַ יידן זענען דאָס... פון וואַנען זענען זיי געקומען? גאָר אויסגעמישט די וועלט...

אין קלאָזעט האָבן די ברוק־אַרבעטער געזוכט זייערע פרויען און שוועסטער. אַ מאַן פון וואַרשעווער געטאָ האָט דערקענט זיין פרוי, וואָס איז אין דער לאָדזשער געטאָ געבליבן.

— חנה! דו לעבסט? — האָט דער מאַן אַ דערשיטערטער אויסגעשריגן און צוגעלאָפן צו איר מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

די פרוי האָט אים אַ רגע באַטראַכט און אַ פאַרוואונדערטע געפרעגט:

— יונגערמאַן... פון וואַנען קאָנט איר מיך?

— איך בין דאָך שלמה, דיין מאַן! חנהלע ווו זענען די קינדער?!

די פרוי האָט אַ צאַפּל געטון... דערקענט אים און קלאָגעדיק געענט־פערט: — נישטאָ, נישטאָ... קיין איינס נישט געבליבן — ביידע זענען געשטאָנען געאָרעמט אין קלאָזעט און געוויינט.

— כ'וועל קומען צו דיר, הנהלע, האַלט זיך... כ'וועל דיר ברענגען ברויט... אַ קלייד... נאָר איך בעט דיך, וויין נישט! — און טרערן גרויסע זענען איבער זיין פּנים גערונען.

חוה איז געזעסן אין גרויסן קלאָזעט־באַראַק און נייגעריק אַרומגע־קוקט זיך איבער אַלע פּנימער, טראַכטנדיק: הלוואי געפינט זיך דאָ די מאַמע, די מומע זלאַטע!

אַ קליין מיידעלע האָט די גאַנצע צייט חוהן באַטראַכט. אַן אי־בערראַשטע איינגעקוקט זיך אויף איר פּנים און מיט אויגן פול טרערן נישט דרייסט געפרעגט: — ווער זייט איר? פון וואַנען זייט איר אין לאַגער געקומען?

— איך הייס חוה און כ'בין פון פּוילן — און דו פון וואַנען? — האָט חוה צוריקגעפרעגט.

— איך הייס שאַריקאַ, כ'בין פון טשעכן, פון קאַשיץ. — זי האָט מיט אירע הענטלעך פאַרשטעלט די אויגן און שטיל געפליסטערט: חוה, חוה אַזוי האָט מיין שוועסטער געהייסן. זי איז געווען אין גאַנצן ענלעך צו דיר! אַזאַנע ווי דו! — האָט דאָס מיידעלע אויסגערופן מיט אַזאַ פרייד, ווי זי וואָלט די אייגענע שוועסטער געפונען.

שאַריקאַ האָט זיך צו חוהן נענטער צוגערוקט, שטיל און קינדיש געבעטן: — זאָלן מיר זיך האַלטן ווי שוועסטער... ווילסט זיין מיט מיר צוזאַמען?

חוה האָט אַרומגענומען דאָס קליינע מיידעלע מיט די ברוינע בע־קעלעך פון דער זון אָפּגעברענטע, זי האָט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף איר אָרעם און ביידע האָבן זיך צעוויינט.

— ווילסט זיין מיין שוועסטער — האָט שאַריקאַ נאָך אַמאָל אי־בערגעחזרט. — דו וועסט נישט הונגערן... איך וועל דיר יעדן טאָג ברענגען צו עסן... איך האָב אַ טעפּל!

— אַרויס, גיכער אַרויס! אַנדערע ווילן אויך אַריינגיין! — האָבן געטריבן די אָרדנערינס.

ביידע מיידלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט.

— איך וועל צו דיר קומען... אין וועלכן בלאָק ביסטו? — האָט שאַריקאַ אַן אָטעם געפרעגט.

— אין זיבעצעטן.

— וואַרט אויף מיר — האָט שאַריקאַ שוין ביי דער טיר געזאָגט און גיך אַרויס פון באַראַק.

ביי דער טיר זענען געשטאַנען ברוק־אַרבעטער און באַטראַכט די פרויען. צו חוזק איז צוגעגאַנגען אַ יונגערמאַן אין געשטרייפטע הויזן מיט אַ גלאַט־אָפּגעגאָלטן קאָפּ און פאָרזיכטיק אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן זי אַ פרעג געטון.

— איר זענט פון פוילן? וואָס הערט זיך דאָרט? ווי לעבן די פּאָ־ליאַקן?

— איך ווייס נישט, האָט חוה געענטפערט. אויף „כאָינע”(1) זענען געווען פּאָליאַקן, מען האָט דערציילט, אַז זיי זענען אויך הינטער אַ צוים געוועזן. ביי אונדז אין געטאָ איז געווען אַ לאַגער פאַר פּוילישער יוגנט. ער האָט געהייסן לאַגער פאַר „פּוילישע יוגנט־פאַרברעכער”. די אויפזיכט איבער דעם לאַגער האָבן געהאַלטן יונגע רומענישע סאָלדאַטן. די יידן פון מארישין האָבן דערציילט, אַז מען האָט די קינדער מוראדיק געשלאָגן.

— געשלאָגן! האָט אויסגעשריגן דער מאַן. איך בין פון לאָדזש, מען האָט מיך געכאַפּט אויף דער גאַס בעת אַן אָבלאַווע. איך... האָב גע־האַט אַ צען־יעריק מיידעלע... וואָס איז מיט איר געשען?

— איך ווייס נישט — האָט חוה טרויעריק געענטפערט. אין דעם לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע; די קינדער זענען אַי־בערגעפירט געוואָרן אין געטאָ־שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן דערציילט, אַז די קינדער זענען געווען אויסגעהונגערט, צעשלאָגן און פאַרפּייניקט. האָבן אַלץ מורא געהאַט, אַז זיי וועלן גלייך פון די ווייסע בעטלעך פאַר־טריבן ווערן. אַ יום־טוב איז פאַר זיי געווען אַביסל וואַרעמע, זיסע קאַווע.

---

1) „כאָינע” — אַ פאָרשטאָט אין לאָדזש, באַוווינט פון אַרבעטער.

— אזוי... אזוי! האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ דער יונגערמאַן, דאָס האָבן מיר דערלעבט! ער האָט ארויסגענומען פון דער טאַש א גרויס מענעריש נאָז־טיכל און חוזק דערלאַנגט. נעמט עס, טוט עס אָן אויף דעם קאָפּ, איר רויכערט? — האָט ער געפרעגט דערלאַנגענדיק א ציגאַ־רעט.

— ניין, האָט חוה ווארעם געענטפערט. זי האָט נאָך געוואָלט וואָס זאָגן, נאָר דערזעענדיק אַגין אויף גיך ארויסגעוואָרפן:

—איך מוז... צוריק אין דער רייע...

חוה איז מיט דער רייע אוועקגעגאַנגען און דער יונגער פּאָליאַק איז געבליבן ביי דער טיר פון באַראַק, ווי א פאַרשטיינערטער.

— א לאַגער פאר קינדער־פאַרברעכער; האָט ער געשווישטשעט צווישן די ציין. באַנדיטן, מערדער, דעגענעראַטן!

פון קלאָזעט־באַראַק זענען די פרויען געפירט געוואָרן אין וואַש־רוים. זיי האָבן שנעל פון זיך אראָפּגעוואָרפן די קליידער, ווי דורשטיקע פיש אונטערגעשטעלט די קערפּערס אונטער דעם שטראָם פרישן, קאַלטן וואַסער.

— ווי גוט איז דאָס, אז ס'ביסל וואַסער איז כאָטש פריי גע־בליבן! — האָבן זיי גליקלעכע גערעדט.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט פון סוף באַראַק א קוויטשעריי, א יאָמער. ווי פון אַלע קראַנען וואָלט אָנגעהויבן זיך גיסן זודיק וואַסער.

די פרויען האָבן זיך א וואָרף געטון צו דער טיר, אויפגעריסן זי, מיט די קליידער אין די הענט געלאָזט זיך לויפן צוריק אין באַראַק שרייענדיק מיט אַלע כוחות:

— „די רויטע" שלאָגט! שלאָגט...

די ברוקערס, וואָס האָבן אויפן וועג געאַרבעט, זעענדיק די נאַ־קעטע ווייבער לויפן איבער דער לאַגער־גאַס, האָבן אויפגעהערט צו לייגן די שטיינער, דערשטיטערט צו זיך געברומט:

— מען קען דאָך משוגע ווערן... זיי וועלן די פרויען אינגיכן פּטרן...

ערשט אין באַראַק האָט זיך געעפנט דאָס גיהנום. די פרויען, וואָס

האָבן נישט באַוויזן די קליידער מיטצונעמען פון וואַש־רוים, האָבן דער־קענט זייערע קליידער ביי אַנדערע.

—גיב מיר אָפּ מיין קלייד, איך האָב עס געלאָזט! — האָט איינע געשריגן.

— האָסט נישט באַדאַרפט אַנטלויפן, איצט איז עס מיינס! — האָט די צווייטע געשריגן.

— ווער האָט מיין קלייד — האָט געקלאָגט איבער אַלע די לערערין, פאַרשטעלנדיק דאָס נאַקעטע לייב מיט די הענט. — איר וועט זען, אַז איך וועל „די רויטע" מיט מיינע אייגענע הענט דערשטיקן! זאָלן זיי מיך הענגען! זאָלן זיי שיסן, נישט שלאָגן אומזיסט!

ווען די פרויען זענען אַוועק אין באָד, זענען אין באַראַק אויס־געלייגט געוואָרן אויפן דיל גרויע דעקעס.

אָנקומענדיק האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די דעקעס, געריסן שטי־קער, אַרומגעבונדן דאָס לייב.

אויף דעם געוויין פון דער לערערין האָט זיך פון דיל אויפגעהויבן א דאַר נישט אַנטוויקלט מיידל מיט א קליין חנעוודיק פּנימל און פריינט־לעך געזאָגט:

— קומט, איך וועל אייך אויפנייען א קלייד, איך בין א שניידערקע...

— אָבער א נאָדל, פון וואַנען האָט איר א נאָדל — האָט א צע־טומלטע אויסגעפרעגט די לערערין.

מיט א טריומף האָט דאָס מיידל זיך צעלאַכט:

— פּשוט, איך האָב די נאָדל אונטערן אָרעם פון דער דיזענפעקציע אַרויסגעטראָגן. אָן א נאָדל בין איך ווי אָן הענט — און זיך ווידער צע־לאַכט מיט נצחון. — מען טאָר נישט דעם קאָפּ פאַרלירן...

— און איך האָב אַלץ אַליין אָפּגעגעבן — האָט ווי א נישט קלאָרע געפּלאָנטערט זיך אין די רייד די לערערין. — א זייגערל... פינגערלעך... כ'בין קיין מענטש שוין נישט, גאָרנישט...

די איבעריקע פרויען האָבן אויף דעם זעלבן אופן זיך אָנגעטון און זיצנדיק אויפן דיל געשמועסט צווישן זיך:

— אַלץ איינס מאָרא הולך... נישטאָ זיך פאַר וועמען צו שעמען...

אין עק פון באַראַק זיצן חוה און סאָניע.ביידע זענען צוזאַמען פון

דער ראַמפּע אין באַראַק געקומען. גלייך זענען זיי זיך נאָענט געוואָרן, איינע פֿון דער צווייטער נישט אָפּגעטרעטן, אָן ווערטער פֿאַרשטאַנען.

שטיל האָט סאָניע גערעדט צו חוהן:

— מיר מוזן אַוועק פֿון דאַנען... מען דאַרף נאָר אַ וועג אויסגעפֿינען, פֿאַר קיינעם נישט מורא האָבן...

חוה האָט געקוקט אויף סאָניען, קוים באַנומען אירע רייד. אַ פֿאַרצווייפֿלטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווי צו זיך שטיל גערעדט:

— אַלע וועגן זענען באַוואַכט, אויף יעדן טריט שטייען צענדליקער זעלנער... מיר זענען פֿאַרלוירענע... נישט מיר וועלן אַנטלויפֿן, נישט מיר וועלן דערלעבן צו דער פֿרייהייט...

— דאָ איז אַ זיכערער טויט — האָט האַסטיק איבערגעריסן סאָניע... אין אונטערגאַנג... ערשט צוויי טעג זענען מיר דאָ, און שוין זענען אַלע ווילד געוואָרן, זידלען זיך און שלאָגן... מירן באַלד אַזוי אויסזען ווי די אונגאַרקעס... ווי משוגעים...

און שטילער צוגעגעבן: — איך געדענק דעם וועג אויף צוריק, ווען איך בין נאָר אַראָפּ פֿון דער באַן, האָב איך שוין געטראַכט וועגן אַנטלויפֿן... פֿון דער ראַמפּע האָב איך אָבער נישט געקענט... — נישט וואַרטנדיק אויף חוהס ענטפֿער, האָט סאָניע זיך מיטאַמאָל פֿון דער ערד אויפֿגעכאַפּט און קוים דערהערבאַר געזאָגט: — איך וועל אַרויס זיך אַרומקוקן, כ'קום באַלד צוריק — און ביי די ווערטער גענומען זיך שאַרן צו דער טיר.

חוה איז אַליין געבליבן. אין איר מוח האָבן זיך געוועבט נישט פֿאַרענדיקטע געדאַנקען, נאָר קיין קלאָרער באַשלוס איז נישט געקומען.

— איך מוז דאָך עפּעס טון, אַן אויסוועג זוכן, אַלץ באַטראַכטן. נאָר אירע געדאַנקען האָבן זיך נישט געבונדן. אַ לעדקייט האָט זי אַרומגענומען. ווי איר גאַנצע לעבנס־קראַפֿט וואָלט פֿון איר אויסגעגאַנגען. זי האָט זיך געלייגט אויף דעם דיל און צוגעמאַכט די אויגן. נאָך דער שלאָפֿלאָזער נאַכט איז זי אַריינגעפֿאַלן אין אַ שווערן טיפֿן שלאָף. ערשט דאָס געפּיל פֿון הונגער האָט זי אויפֿגעוועקט. מיט רויטע פֿאַרשלאָפֿענע אויגן האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבערן באַראַק און געפֿרעגט: ווי שפּעט קען דאָס איצט זיין? עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַן אייביקייט

איז אדורך. לעבן איר איז געזעסן סאָניע, מיט ביידע הענט דאָס פּנים פאַרשטעלט, פאַרזאָרגט, צוזאַמענגעבראָכן.

חוה האָט פאַרשטאַנען, אז מיט סאָניען איז עפּעס שלעכטס פאָרגעקומען און נישט געוואַגט קיין פראַגן שטעלן.

אין באַראַק זענען אַריינגעבערענגט געוואָרן קעסלען מיט זופּ: קאַרטאָפל אויסגעקאָכטע און מאַננע מיט פליייש.

— פאַרוואָס באַקומען מיר אַזאַ גוטע דערנערונג, אויב אין א שעה אַרום קען מען אונדז אַלע אַרויספירן צום טויט? — האָט חוה געפרעגט אין זיך.

ווידער האָבן די מיידלעך געטומלט, אז די קאַרטאָפל בלייבן אויף דעם דעק, ווידער האָבן די אָרדנעריננס געשלאָגן, דערנאָך איז פאָרגעקומען א קאָנצערט... שפּעטער אן „אַפּעל״, נאָר דאָס מאָל זענען נאָך מער מיידלעך פאַרהלשט געוואָרן און די אָרדנעריננס האָבן אַזוי ווי פריער נישט דערלויבט ברענגען א טרונק וואַסער. נאָכן „אַפּעל״ — די ברויט־פאַרטיילונג. די אויסגעהונגערטע מיידלעך האָבן זיך צו דעם ברויט א וואָרף געטון. נישט געקענט אויסוואַרטן זייער רייע... און די אָרדנעריננס האָבן ווידער געשלאָגן, נאָך האַסטיקער, מיט רציחה שרייענדיק:

— אַזאַ מיסט האָבן מיר נאָך נישט געזען, אויסראָטן דאַרף מען זיי אַלע!

נאָך דער ברויט־פאַרטיילונג האָט חוה ווי אומזיניק געקוקט אויף די מיידלעך פון איר „פינפטל״, זי האָט שוין גאָרנישט געטראַכט און גאָרנישט געפילט. מיטן ברויט אין דער האַנט איז זי געלעגן און געפרווט איינשלאָפן.

— שלאָפן... נאָר שלאָפן!

פלוצים האָט זי דערהערט א וויינע, קינדישע שטים נעבן זיך:

— חוה, דו שלאָפסט? איך זוך דיך אַרום איבערן גאַנצן באַראַק...

חוה האָט אויפגעמאַכט די אויגן און נישט גלויבנדיק זיך אַליין דערזען דאָס טשעכישע מיידעלע, שאַריט. איר פּנים איז געווען פול מיט קינדישער פרייד. זי האָט אַרויסגענומען פון דער בלוזקע א שטיקל ברויט און דערלאַנגט חוהן צוזאַמען מיט א טעפל זופּ.

— עס, עס — האָט זי געזאָגט, א שאַד וואָס די זופּ איז שוין

קאַלט, דערפאַר איז אויפן דעק אַ סך קאַרטאָפל געבליבן... דעם גאַנצן טאָג האָב איך פון דיר געטראַכט — האָט דאָס טשעכישע מיידעלע שטראַלנדיק פאַר גליק ווייטער געצויגן. — דריי מאָל בין איך שוין ביים באַראַק געוועזן און יעדעס מאָל געמוזט צוריקגיין.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערזען דרעזי... און גיך צוריקגעלאָפן... שפּעטער די „רויטע" און ווידער אַנטלאָפן, שוין ביי דער טיר דערזען דעם ראַפּאָרט־פירער... יעדן פאַרנאַכט פּאַרט ער אַרום אויפן ראָווער איבערן לאַגער. די „טאָר־וואַכע" האָט גיך אַריינגעטריבן די אַלע, וואָס זענען ביי דער טיר געשטאַנען און מיט אַלע צוזאַמען מיך אויך! הא, הא, הא, האָט זי זיך האַרציק צעלאַכט. — זיי האָבן אויף מיר נישט קיין עצה! שאַריקאַ וועלן זיי נישט פּאַקן!

זי האָט זיך נענטער צו חוהן צוגערוקט און מיט ליבשאַפט באַטראַכט יעדן שטריך פון איר פּנים.

— עס גיכער, האָט שאַריקאַ געאיילט.

— איך מוז דאָס טעפּל מיטנעמען אויף מאָרגן... שוין שפּעט, באַלד וועט זיין לאַגער־רוהע... איך האָב דיר אַ וויכטיקע זאַך צו דערציילן — האָט זי סודותפול געשמייכלט, מאָרגן וועלן מיר זיך טרעפן ביים קלאָזעט... געדענק! זי האָט גענומען די פּושקע, גיך אַרומגענומען חוהן, אויסגעקושט אירע באַקן און אַנטלאָפן.

חוה איז לאַנג דערנאָך געזעסן אַ פאַרלוירענע און געטראַכט: פאַרוואָס האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן פון אַלע. אפשר זענען זיי שוין נישטאָ... און אפשר איז זיי ערגער פון מיר. בין איך שוין אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען?...

אין באַראַק אין פינצטער געוואָרן. די טירן פאַרמאַכט. די אָרדנערינס זענען אַרומגעגאַנגען מיט פולע טעפּ וואַסער און געגאָסן אויף די, וועלכע זענען נישט געלעגן אויסגעצויגן אויפן דיל.

— לאַגער־רוהע! לאַגער־רוהע — האָט איינע נאָך אַ צווייטער געשריגן. — איצט טאָר שוין קיינער קיין איין וואָרט נישט זאָגן.

די אָפּגעצוואָגענע מיידלעך האָבן היסטעריש גענומען שרייען און וויינען. פייגי מיט אַ ברעט אין דער האַנט איז געלאָפן פון איין

„בוקסע" 1) צו דער צווייטער, געשלאָגן איבער די קעפּ, איבער די פּני־מער שרייענדיק מיט איר גראָבער מענערישער שטים:

— גלייך קומען די ס. ס. זיי וועלן אייך שוין איינשטילן אויף אַלע מאָל! — רוהע, לאַגער־רוהע! — האָט זי געדונערט איבערן באַראַק.

זי האָט אזוי לאַנג געשלאָגן די פרויען, ביז זיי זענען פאַרחלשט געוואָרן און שטיל געבליבן ליגן אויפן דיל.

נאָר איינע האָט געוואַגט צו בעטן:

— לאָזט אונדז שטיין איבער דער נאַכט, עס איז נישטאָ ווו צו ליגן...

— איר מוזט ליגן! אזוי איז דער באַפעל! — האָט צוריקגעשריגן איינע פון די אָרדנערינס.

דעם לאַגער האָט באַהערשט די לאַגער־רוהע.

די פרויען האָבן זיך איינגעקאָרטשעט, צוזאַמענגעפּרעסט, מיט פאַר־חלשטע ליפּן געלעגן, געוואַרט אויפן מאָרגן.

דאַן האָבן די אָרדנערינס איינגעהייצט דעם אויוון. ביז שפּעט אין דער נאַכט געפּרעגלט, געקעכלט זייערע באַליבטע מאכלים.

---

1) אַ טייל פון באַראַק.

אין דער פריִער שעה

עס איז געווען פֿאַרמיטאָג. די פֿרויען זענען געלעגן אויפֿן דיל און געשלאָפֿן. נעבן קאַטיען איז געשטאַנען אַ טשעך, אַ יונגער גוט־געפֿלעג־טער מאַן אין אַן אַנצוג מיט געשטרייפֿטע הויזן און מיט פֿאַרדראָס געטענהט:

— איך בעט ביי דיר אַזאַ קלייניקייט... און דו זאָגסט מיר אָפּ... וואָס מאַכט עס דיר אויס, געבן אַ טאָפּלטע זופּ פֿאַר מיין מיידל... זי איז אַזאַ צאַרטע... זי וועט דאָ נישט אויסהאַלטן... און שטילער צוגע־געבן: דו האָסט שוין פֿאַרגעסן אונדזער פֿריינדשאַפֿט פֿון דער היים, אונדזערע אָוונטן...

— איך קאָן נישט — האָט קאַטיאַ האַרט אָפּגעענטפֿערט... איך מאַך נישט קיין אויסנאַמען צווישן די מענטשן, אַלע זענען גלייך הונגע־ריק... עס פּאַסט מיר נישט פֿאַר זיי אַליין.

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט — האָט זיך געוווּנדערט דער מאַן. — נאָך וועמען פֿרעגסטו? דו ביסט דאָך איבער אַלע... ביסט אַלץ! איך וויל ראַטעווען מיין מיידל... כ׳קאָן דאָך נישט העלפֿן אַלע... דו זעסט דאָך אַליין, אַז זי איז גאָר אַן אַנדערע... ברויט וועט איר נישט פֿעלן... אָבער דו פֿאַרשטייסט דאָך, אַז איך קאָן נישט פֿון דער קיך אַרויס־טראָגן טעפּלעך עסן...

— ניין, דאָס איז אויסגעשלאָסן! — האָט קאַטיאַ קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט — ביי מיר איז אַ פּרינציפּ — און ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פֿאַר אים פֿאַרטיידיקן, צוגעגעבן: — ווען עס וואָלט געווען אַ מינדעריעריקע, אָדער אַן עלטערע פֿרוי, האָב איך אַ סענטימענט... אַ פֿליכט... אָבער

איר?... פֿאַרוואָס קומט איר דאָס? אַזאַ יונגע, געזונטע... ווי זי וואָלט נישט פֿון געטאָ געקומען... אייניקע פֿון זיי האָבן מיר דערציילט ווי זיי האָבן געלעבט פֿינף יאָר...

— זוך נישט קיין יושר... עס איז אַ מלחמה... דאָ איז אַלץ בלאָטע... צעפּוילט... דאָ קאָן קיינער נישט זיין אין אָרדענונג... באַטראַכט זיך — האָט ער פֿאַרענדיקט אַז אַנטווישטער און צו צו זיין מיידל, די שיינקייט פֿון באַראַק.

קאַטיאַ איז צו צו אַגין אַן אויפֿגעבראַכטע:

— הערסט, פֿריד האָט זיך שוין אַ נייע „כלה״ אין אונדזער באַראַק געפֿונען! טאָפּלטע זופּן זאָל איך איר געבן! עס קומט איר, ווייל שוין אין צווייטן טאָג אַ הור געוואָרן! מאָרגן וועט זי אַרומגיין אין אַ זיידענעם קלייד מיט שיכלעך אויף פֿראַנצויזישע קנאַפּלען! אַ מיוחס... עס איז איר געלונגען די האָר צו ראַטעווען!

אַגי האָט זיך פֿאַרקוקט אויפֿן יונגן מיידל מיטן קלאָרן, מילכיקן פּנים און מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— זי איז דאָ נישט קאַליע געוואָרן, אַזאַ איז זי פֿון דער היים געקומען... קוק ווי אַלע אַנדערע זעען אויס... נאָר זעסטו, קאַטיק, מיר דאַרפֿן זיך מיט פֿרידן נישט איינרייסן, וואָס פֿאַראַ ווערט האָט דען איין זופּ?

אויף מאַרישיעס האָר האָבן אַלע פֿרויען געקוקט מיט ווייטיק.

אַניע, די קינדער־לערערין, האָט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן.

— ווען ביי מיר וואָלטן די האָר געבליבן, וואָלט איך אויך דאָ אַ פּרווינט געפֿונען — האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט צו איר קוזינע ליזאַ, וועלכע זי האָט אין באַראַק צווישן נייעם טראַנספּאָרט געפֿונען.

— פּאַר אַ מאַן עקזיסטיר איך מער נישט, קיינער וועט אויף מיר זיך נישט אומקוקן... איך בין נישט מער קיין פֿרוי... אויס! ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פֿאַרטיידיקן, האָט זי גענומען איבערצייגן ליזען:

— מיינסט טאַקע, אַז אַלע, וואָס זענען אין לאַגער באַשעפּטיקט, זענען אויסוווּרפֿן? קוק ס'אַראַ גוטער מענטש איז דער טשעך, נעכטן האָט ער מאַרישיען געבראַכט אַ ברויט מיט אַ מעסערל, און היינט

אַ בלוזקע מיט אַ פּושקע מאַרמעלאַד! זאָג, פאַרוואָס האָבן מיר די מנוולים אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ?

— אַניע, וואָס רעדסטו? — האָט זי געמוסרט די קוזינע, אַ פאַר־עלטערט, אויסגעהאָרעוועט מיידל, — דו וואָלסט מיט אַ פרעמדן מאַן... צוליב אַ פּושקע מאַרמעלאַד? — איר בלאַס פּנים איז נאָך בלייכער גע־וואָרן, אירע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן, — וואָס וואָלט די מאַמע געזאָגט, ווען זי וואָלט זיך דערוווסט... זי איז דאָך נישט ווייט... אין אַ צווייטער צוים... און דער מאַן האָט אפשר אַ פרוי... אויך דאָ אין לאַגער! — — —

— אַלץ איינס! איך וויל איבערלעבן — האָט אַניע גלייכגילטיק געזאָגט. — עס גייט מיך קיין זאַך נישט אָן! איך קען אַלץ טון, אַלץ! — האָט זי נאָך אַמאָל איבערגעחזרט. — איך בין יונג, דו פאַרשטייסט? ווער קען מיך משפטן?

— אָבער יעדער מענטש האָט דאָך אַ מאָראַל, — האָט זיך ליזע שוואַך געוועַרט. — איך וואָלט עס קיין מאָל נישט געקענט — האָט זי כמעט אויסגעשריגן... — פאַר אַ פּושקע מאַרמעלאַד!...

— דאָס איז נישט מאַרמעלאַד, דאָס איז לעבן! — האָט איר אַניע האסטיק איבערגעריסן. וואָס מיר מאָראַל, איך שפּיי אויף אַלץ! קיין זאַך האָט נישט קיין ווערט, עס איז גאָרנישט דאָ! דו זעסט דאָך סאַראַ וועלט איז היינט, ווער ס'וועט זיין שטאַרקער, דער וועט איבער־לעבן...

— אויב קיין זאַך האָט נישט קיין ווערט, סאַראַ ווערט האָט דאָס לעבן? איז בעסער אומקומען ווי אַ ריינער מענטש!

— אומקומען? — האָט ווי אַן עכאָ נאָכגעזאָגט אַניע. — ניין, דאָס קען איך נישט!

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, די ליפּן געציטערט, אויף דעם פּנים האָט זיך געגאָסן דער גאַנצער ווייַ פון אירע פאַרקנעכטע צוואַנציק יאָר.

—קוק וואָס פאַראַ שיינע וועלט איז הינטער די דראָטן... — האָט זי מיט פייער גענומען רעדן. — ווען איך בין געפאָרן אין וואַגאָן און אַרויסגעקוקט אויף די פעלדער, האָב איך געוויינט פאַר בענקשאַפט...

אַזאַ מין קלאָרער ריינער הימל. אַזאַ מין הייסער ליכטיקער זומער! — און דאָ הינטער די דראָטן אומקומען אַ הונגעריקע און אַ נאַקעטע! פאַר־וואָס? דעם ערשטן טאָג אין לאַגער האָב איך געקוקט אויף אַלע אָרדנער ווי אויף אונטער־וועלט־מנוולים — היינט פאַרשטיי איך אַלץ אַנדערש, יעדער וויל איבערלעבן! איך וועל אויך פּרוּוון אַז אַרבעט זוכן — האָט זי פאַרענדיקט.

— אַרבעטן — הייסט שלאָגן מענטשן — האָט ליזע איבערגע־ריסן — אויב דו קענסט דאָס, איז אַ צווייטע זאַך. — זי האָט נידעריק דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און צו זיך אָנגעהויבן רעדן: גאָט מיינער, ווי שטאַרק איך וויל שטאַרבן! פאַרוואָס קאָן איך אַליין נישט מאַכן אַ סוף צו אַלעמען. איך האָב נאָר געוווּסט פון דאַכאַו, נאָר קיין פאַרשטעלונג האָב איך פון דעם אַלעמען נישט געהאַט. איך האָב געוווּסט, אַז דאָרט קומען אום הונדערטער מענטשן, מען שיסט זיי גלייך אויס, אָדער פּיי־ניקט אַזוי לאַנג ביז זיי שטאַרבן! פון דעם לאַגער האָב איך גאָרנישט געוווּסט! ווער קען וויסן, וויפל אַזעלכע לאַגערס זענען נאָך פאַראַנען? און אומעטום איז דאָס זעלבע. ניין איך וויל מער נישט לעבן. וואָס קאָן שוין זיין די פ ר יי ה יי ט נאָך דעם אַלעמען?... ווי אַזוי וועלן מיר פאַר־געסן די „אַפּעלן", די נאַקעטע מענטשן, די רייען ביים קלאָזעט!

זי האָט יעדעס וואָרט פּאַמעלעך געצויגן, ווי זי וואָלט בעסער גע־וואָלט פאַרשטיין דעם זין פון אירע אייגענע רייד.

— וואָס הייסט דאָס, און ווי אַזוי געשעט דאָס, אַז איין מענטש שלאָגט אַ צווייטן? — האָט זי געפרעגט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. וואָס איז וועגט אַ פאָלק, וועלכעס שאַפט אַזעלכע לאַגערס, און וואָס איז וועגט די וועלט, אַז זי האָט צו דעם דערלאָזט. מיר נאַרן זיך, אַז דער קריג וועט זיך אין גיכן ענדיקן, דאָס וועט קיין מאָל קיין סוף נישט נעמען!...

— איך האַלט נישט פון דיינע חכמות. לאָמיר בעסער גיין אויס־זוכן אַ פּושקע אויף זופּ! — האָט אַניע איבערגעריסן אירע רייד. — אפשר טיילט מען ערגעץ ווו אין די באַראַקן? קום, מירן אויסקראַצן אַ קעסל, עס איז דאָך שוין מיטאָג־צייט.

— די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען, — האָט ליזע אומעטיק

געענטפערט, — עס איז איצטער מסתמא ערשט עלף אַ זייגער... אויב די ווילסט גיין, גיי אַליין, ווען זיי וואָלטן מיך געכאַפּט און געשלאָגן, וואָלט איך דאָס נישט איבערלעבט.

— דו ווילסט זיכער זיין דער ערשטער קרבן אין באַראַק — האָט אַניע זיך צעשריגן. — נעכטן איז אין באַראַק פון די אונגאַרקעס אַ גאַנץ קעסל זופּ געבליבן! אַלע קענען אַן אויסוועג זוכן, נאָר דו ליגסט אַ גאַנצן טאָג אויף דער ערד און טראַכסט פון דער וועלט! פון יושר! אַ געלעכטער! דאָס וויכטיקסטע איז האָבן אַ פּושקע מיט אַ לעפל! קום — האָט זי נאָך אַמאָל איבערגעחזרט.

— איך וויל שלאָפן, אַלץ אַדורכשלאָפן — האָט ליזע מיט אַ מאַטער שטים געזאָגט און זיך אויסגעצויגן אויפן דיל.

פאַרן באַראַק, אין זאַמד איז געזעסן סאָניע מיט חוהן.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איז מיט דיר פאָרגעקומען — האָט חוה אָנגעהויבן. — נאָך נעכטן ביסטו געווען אַ גאַנצע אויפטועריין און היינט ביסטו אויס מענטש. קיין וואָרט קען מען פון דיר נישט אַרויסבאַקומען, רק דו שווייגסט!

— נישטאָ פון וואָס צו רעדן — האָט סאָניע פאַרביטערט געענטפערט. — אויס מיט אַלע מיינע פּלענער! איך האָב זיך שוין דעם אמת דערוווסט... איך האָב זיך באַקענט מיט עטלעכע אונגאַרקעס, זיי האָבן מיר דערציילט פון לאַגער... די אונגאַרקעס זענען דאָ דריי מאָנאַטן. נישט אומזיסט זענען זיי אַלע אַזוי א ו י ס ! זיי ווייסן אַלץ!... איך פיל, אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען! — האָט סאָניע פאַרצווייפלט אויסגעשריגן. דו ווייסט וואָס זיי האָבן מיר דערציילט פון דער „רויטער”?

— ווער איז זי, די שלאַנג?

— שאַריט איז איר נאָמען — האָט אָנגעהויבן סאָניע צו דערציילן. — זי איז אָנגעקומען מיט אַ טראַנספּאָרט פון סלאָוואַקיע. אירע באַקאַנטע דערציילן, אַז זי שטאַמט פון זייער אַן אנשטענדיקער פאַמיליע. די ערשטע טעג אין לאַגער האָט זי זיך אויפגעפירט זייער אָרנטלעך, נאָר אין דער צווייטער וואָך האָט זי געפּרווט אַנטלויפן, די וואַך האָט זי געכאַפּט און צוגעשטעלט צו די ס. ס.-לייט. מיידלעך דערציילן, אַז די פּאָליציי האָט זי אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זי איז געוואָרן בלוי

און געשוואָלן, אַלע האָבן געמיינט, אַז זי וועט שטאַרבן. נאָך אַ צייט איז זי ווידער צו זיך געקומען און נאָך איין מאָל באַוויזן אַנטלויפן. זי איז שוין געווען הינטער די דראָטן... ווען די וואַך האָט זי דערזען. דאָס מאָל האָבן די ס. ס. געוואָלט זי הענגען, נאָר זי איז לעבן געבליבן אונטער אַ באַדינג — אַז זי וועט בלייבן אַ שלעגערין... היינט צו טאָג איז זי אַזוי צערייצט געוואָרן, אַז זי קאָן אַ מענטש מיט אייגענע הענט דערהרגענען... איבער דער לאַגער־גאַס דרייט זיך אַרום דרעזי פון די ס. ס.־פרויען. ווען זי טרעפט, פירט זי אַוועק צו זיך... דער ראַפּאָרט־פירער פּאָרט אַרום אויף זיין ראָווער איבערן גאַנצן לאַגער... ווי איז דאָס מעגלעך, אַז די לעצטע צייט זאָלן אַנטלויפן דריי הונדערט מענטשן?

—וואָס טוט מען? — האָט סאָניע געפרעגט אַ פאַרלוירענע, — דאָ זיין וויל איך נישט — און אַנטלויפן קען איך נישט! חוה, לאָמיר ביידע באַגיין זעלבסטמאָרד... עס איז נישט פאַראַנען קיין לייכטערער טויט, ווי צוגיין צו די דראָטן. זיי זענען עלעקטריזירט, עס דויערט נישט לענגער ווי אַ פּאָר מינוט.

חוה האָט געקוקט אויף איר מיט ברייט געעפנטע אויגן.

— זעלבסטמאָרד באַגיין? — האָט זי נאָך אַמאָל איבערגעחזרט, — פאַרוואָס עפּעס זעלבסטמאָרד? טויזנטער מענטשן זענען אין לאַגער, אַלע גלייבן, אַז דאָס וועט זיך דאָך אַמאָל ענדיקן!

— יאָ, ענדיקן! — האָט סאָניע אויסגעשריגן — זיי וועלן נישט לאָזן אַ לעבעדיקן עדות. אין דער לעצטער שעה וועלן זיי אונדז אויס־פּאַרטיקן. זיי האָבן אויף אַלעם צייט, זיי וועלן אַלץ באַוויַיזן! — האָט סאָניע אַן אויפגערודערטע געקלאָגט. — פאַרוואָס קומט נישט אין לאַגער צו אַן אויפשטאַנד, פאַרוואָס קומט נישט צו אַ רעוואָלוציע, פאַרוואָס שווייגט די וועלט? חוה, איך האָב היינט געזען, ווי די „קאַפּאָס" האָבן געשלאָגן די ברוקערס. נאָך יעדן קלאַפּ האָבן זיי זיך אויסגעדרייט אין צווייען פאַר ווייטיק — אָבער קיינער האָט נישט צוריקגעשלאָגן. אַלע האָבן ווייטער געאַרבעט. אויב די מענער לאָזן זיך שלאָגן, אויב זיי זיצן דאָ, וואָס קענען מיר שוין טון? יאָ, מיר זענען פאַרלוירענע מענטשן שוין פון ערשטן טאָג מלחמה. זייער בראָך וועט זיכער קומען — אָבער אונדזערער איז שוין... שוין געקומען!

ביידע מיידלעך זענען אַנטשוויגן געוואָרן און מיט מאַטע אויגן געקוקט אויף די שלאָפנדיקע ווייבער אויפן דיל.

עס איז געווען אַ הייסער זומער טאָג. דער הימל איז געווען דורכ־זיכטיק און קלאָר, באַדעקט מיט קליינע ווייסע וואָלקנדלעך. די זון האָט זיך אין גאָלד צעגאָסן און געבאָדן דאָס זאַמד אין ליכטיקייט.

— ווי ס׳ברענט, ווי ס׳שטעכט די זון — האָבן מיט האַס געבי־טערט די פרויען. — עס זאָל כאָטש אַ טראָפּן רעגן פאַלן! אַ ביסל פייכטקייט... אָבער דער הימל אַליין האָט אונדז פאַרשאָלטן! פאַר־שאָלטן! און ווי לאַנג קאָן דאָס נאָך דויערן, יעדע שעה איז אַ יאָר, יעדער טאָג אַן אייביקייט.

ביים צווייטן באַראַק, וווּ עס זענען געווען פרויען פון קליינע פּוי־לישע שטעטלעך, האָבן צוויי אָרדנערינס געפירט אַ שמועס. די „מאַמע" פון וואַרשע, מיט ראָזען פון פּאַריז. זיי האָבן געטראָגן פאַרביקע זיי־דענע קליידלעך, מיט ווינט־טיכלעך אויף די פּיס. מיט עקל האָבן זיי ביידע געקוקט אויף די מיידלעך, וואָס האָבן מיט די פינגער געקראַצט די קעסלען פון זופּ און געשאָקלט מיט די פריזירטע קעפּ:

— ווי שרעקלעך דאָס איז, אַז אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ חיה.

— ווען איך וויים אומצוקומען פון הונגער, וואָלט איך דאָס נישט געקענט... — האָט ראָזע פון פּאַריז זיך אָנגערופן צו דער אָרדנערין הע־לענאַ, וועלכע מען האָט גערופן „די מאַמע".

— יאָ, — האָט די „מאַמע" געזאָגט — אַ מענטש איז גאָרנישט. אין מיין באַראַק איז נישטאָ צווישן טויזנט אַפילו איינע, איך זאָל קע־נען זאָגן: די איז אַ ריכטיקער מענטש! אַפילו די גאָר אינטעליגענטסטע, פיינע זענען אַזוי געמיין... פּרעך! יעדע פון זיי קען גיין איבער מתים. איצטער זע איך וואָס פאַראַ נאַרישע שפּיל איז דאָס גאַנצע לעבן! אי־בער דעם דראַנג צום לעבן איז קיין זאַך נישטאָ! קיין ליבע, קיין מו־טערשאַפט, קיין פריינדשאַפט! גאָרנישט... היינט זע איך דעם מענטש ווי ער איז — אַן דעקאָראַציעס...

— מען טאָר אַזוי נישט טראַכטן. איך וויל נישט פאַרלירן מיין גלויבן אין מענטש. קען דען אַ לאַגער זיין אַ פּרווו פון מענטש? צווישן טויט און לעבן, ווער קען דען אויסהאַלטן דעם עקזאַמען?

ראָזאַ איז צוגעגאַנגען צו די מיידלעך ביי די קעסלען און געפּרוווט זיי אָוועקטרייבן:

— גענוג שוין, גענוג! — זוכט נישט קיין קלעפּ אויף אייערע ביינער... באַלד וועט קומען די „רויטע"...

— עס איז נישט קיין אונטערשיד, אויב איך וועל שטאַרבן פון הונגער אָדער פון קלעפּ — האָט אַניע לאַכנדיק געענטפערט, האַלטנדיק אונטער דעם אָרעם אַ פולע פושקע זופּ און פאַמעלעך אַוועק צוריק זוכן ליזען פאַרן באַראַק.

אין באַראַק נעבן חוהן איז געזעסן שאַריקאַ און זי געבעטן:

—קום, חוה, אַרויס אויף דער לופט, מירן אַ ביסל זיך אַדורכגיין... די ביסט דאָך שוין אין גאַנצן געל געוואָרן. מוזט זיך אויסלערנען אַזוי ווי יעדער זיך אַרויסגנבענען. וואָס מער דו וועסט מורא האָבן, אַלץ ערגער וועט זיין. קום! — זי האָט חוהן ווי אַ קינד פאַר דער האַנט אָנגענומען און אַרויסגעפירט פון באַראַק. אָנגעוויזן חוהן אַ שטיין פאַרן באַראַק און געזאָגט: — דאָ וועלן מיר זיך זעצן. שאַריקאַ האָט זיך צו איר צוגעטוליעט, אָנגענומען פאַר דער האַנט און שטיל פאַרטרוילעך געזאָגט:

— ווייסט, איך האָב אַ... קאָהאַן!...

— וואָס האָסטו? — האָט חוה אַ פאַרוואונדערטע איבערגעפרעגט.

— אַ... אַ געליבטן... אַ מאַן... — האָט שאַריקאַ אַ פאַררויטלטע נישט דרייסט אָנגעהויבן דערציילן. — ער איז אַ פּרעכטיקער, שטאַרקער מאַן, אַ פראַנצויז!

— אָבער, שאַריקאַ, דו דאַרפסט נאָך נישט, דו ביסט נאָך אַ קינד — האָט זי חוה געמוסרט, גלעטנדיק איר קינדיש פּנימל, — דו קענסט נישט די מענער, דו ווייסט נישט וועך זיי זענען. דו ביסט נאָך צו יונג...

— איך האָב שוין פערצן יאָר, איך בין שוין אַ דערוואַקסענע! — האָט זיך שאַריקאַ געוועדט און מיט באַגייסטערונג אויסדערציילט: — ער איז נישט אַזוי ווי אַלע, ער איז אַן אַנדערער... ווייסט ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַקענט? הער:

— איך בין געשטאַנען ביי דער טיר פון באַראַק — און ער ביי דער צוים. מיר האָבן אויף זיך געקוקט פון דערווייטנס... מיט אַמאָל

האָט ער אַ רוף געטון: קליינע, כאַפּ! ער האָט פון דער קעשענע אַרויס־גענומען אַ פּעקעלע און דורך דער צוים אַדורכגעוואָרפן. אין פּעקעלע איז געווען אַ זיידן טיכעלע אויפן קאָפּ, אַ שטיק ברויט מיט וווּרשט! ווען ער וואָלט נישט געווען אַ גוטער מענטש, וואָלט ער מיר דאָס אַלץ נישט געגעבן! ער האָט מיך אויסגעפרעגט, פון וואַנען איך בין און ווי איך הייס. ער הייסט לואי, אַ פּרעקטיקער נאָמען! נישט אמת? יעדן טאָג זעען מיר זיך דורך דער צוים — האָט זי מיט פלאַמען אויף די בעקלעך דערציילט. — איך שטיי ביי דער טיר פון באַראַק און ער שפּאַצירט לענגאויס דעם דראָט... היינט האָט ער מיר אַרונטערגעוואָרפן אין אַ פּעקל אַ בלוזקע, אַ שפּיגעלע, אַ לעפל און אַ בליישטיפט... איצט וועל איך קענען צו אים שרייבן. — זי האָט אַרויסגענומען פון קליינעם טעשעלע אַ צעקנאָדערט בריוועלע און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אָנגעהויבן לייענען: „טייערע קליינע פריינדין! איך קוק אויף דיר שוין אַ לאַנגע צייט פון הינטער מיין צוים. איך וויל דיר העלפן. דיין זיס פּנימל דערמאָנט מיר מיין היים! איך טראַכט פון דיר טאָג און נאַכט! אונדז האָט דער גורל אין לאַגער צונויפגעבראַכט און מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט שיידן... וווּ איך זאָל נישט גיין, זע איך דיינע גרויסע לאַכנדיקע אויגן. איך ליב דיך! ווען מיר וועלן באַפרייט ווערן, וועלן מיר ביידע צוזאַמען קיין פראַנקרייך פאָרן. שרייב, אויב דו ווילסט. באַשרייב מיר גענוי דיין לעבן! אַלצדינגן! קליינינקע, דו זאָלסט וועגן קיין זאַך נישט זאָרגן. עס וועט נאָך זיין אַ גוט און שיין לעבן! האָף און וואַרט! איך האָב געהערט, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט זיין אַ „סאָרטיראָווקע" אויף אַרבעט. וווהין ווייסט קיינער נישט. דו דאַרפסט זיך פאַר דער „סאָרטיראָווקע" אויסבאַהאַלטן. איך וועל אַלץ טון, אַז דו זאָלסט בלייבן. מאָרגן קום איך צו דיר אין באַראַק. וואַרט אויף מיר אין אַ זייט. מיין קליין מיידעלע, כ׳נעם דיך אַרום און קוש פיל מאָל. דיינער — — —

פּ. ס. באַהאַלט די בליי, קיינער זאָל זי ביי דיר נישט געפינען. זאָלסט זיך היטן פאַר די ווייבער, קיינעם גאָרנישט דערציילן! אין בריוו דערמאָן נישט, נישט מיין און נישט דיין נאָמען. גלייך נאָכן איבערלייענען זאָלסטו אים צערייסן. ד. ז."

שאַריקאַ האָט געענדיקט לייענען, פֿאַרזיכטיק צוזאַמענגעלייגט דעם בריוו און באַהאַלטן אין דער טאַש פֿון דער בלוזקע.

— נו, זעסט סאַראַ מענטש ער איז! — האָט זי געזאָגט אַ צע־שטראַלטע פֿון גליק. אירע אויגן האָבן געגליט, ווי צעברענטע קוילן. — איך ליב אים אויך... איך טראַכט פֿון אים נאָר... גאַנצע טעג! ווייסט, ווען איך בין אין לאַגער געקומען, האָב איך אָן אויפֿהער געוויינט, כ׳האָב געוואָלט שטאַרבן, אָבער היינט וויל איך לעבן. די מלחמה וועט זיך ענדיקן און איך וועל צוזאַמען מיט אים קיין פֿראַנקרייך פֿאָרן. ווי מיינסטו, דאָס מוז זיין אַ שיין לאַנד! ווי גוט איז דאָס געשען, אַז איך האָב אים דאָ געטראָפֿן — האָט שאַריקאַ ווייטער געצויגן. — היינט האָט ער מיר געוויזן דריי פֿינגער דורך דער צוים, דאָס הייסט, אַז אין דריי חדשים אַרום וועט זיך ענדיקן די מלחמה. מיר רעדן יעדן טאָג אויף די פֿינגער... לאַנג וועלן מיר דאָ שוין נישט זיין.

חוה איז אויפֿגעציטערט געוואָרן.

— דריי חדשים זאָגסטו, און מיר איז יעדער טאָג אַ יאָר. איך ווייס שוין אַליין נישט, ווען איך בין דאָ געקומען, ווי אַלט איך בין איצטער געוואָרן! ווי אַלט...

— דו וועסט זיך צוגעוווינען — האָט שאַריקאַ חוהן גענומען באַ־רואיקן.

— איך וועל דיר יעדן טאָג ברענגען צו עסן... אויב איך וועל אַ ראָק פֿון אים באַקומען, וועל איך דיר געבן מיין קלייד. דו דאַרפֿסט פֿון קיין זאַך נישט טראַכטן... פֿאַרלאָז זיך אויף מיר — האָט שאַריקאַ היים פֿאַרזיכערט. זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו חוהן און נישט דרייסט געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס דערציילסטו גאָרנישט פֿון דיין לעבן? האָסט אַמאָל געהאַט אַ געליבטן?

קענען איר ווילן האָט זיך חוה פֿאַררויטלט.

— יאָ, — האָט זי געענטפֿערט און אָפּגעהאַקט גלייך.

— און וואָס איז מיט אים געוואָרן? — האָט שאַריקאַ אומגעדולדיק איבערגעריסן. — וווּ איז ער?

— ער איז אַנטלאָפן פון דער געטאָ, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק, איך טראַכט נישט מער וועגן אים.

שאַריט האָט אין פאַרוואונדערונג אויפגעשטעלט די אויגן — וואָס הייסט נישט וויכטיק? ווען מען ליבט, איז דאָך אויף דעם גאַנצן לעבן, אויף שטענדיק...

— ווען איך האָב געהאַט 14 יאָר, האָב איך פונקט אַזוי געטראַכט — האָט חוה אומעטיק געענטפערט. — היינט טראַכט איך פון קיינעם נישט, איך וויל נאָר גיכער פון דאַנען אַוועק... איך מיין צו אַ טראַנס־פּאָרט אויף אַרבעט זיך צושטעלן.

— ווילסט מיך דאָ לאָזן? — האָט שאַריקאָ מיט פאַרדרוס גע־פרעגט. וואָס וועט זיין מיט מיר? מיינסט, אַז אין אַרבעט־לאַגער וועט דיר זיין בעסער? אומעטום זענען די זעלבע דייטשן! אין אַן אַרבעט־לאַגער מוז יעדער שווער אַרבעטן און די דערנערונג איז די זעלבע, שלאָגן טוט מען אומעטום פונקט אַזוי! מיין טאַטע האָט שטענדיק געזאָגט, אַז אין אַ מלחמה איז אַמבעסטן צו זיצן אויף אַן אָרט...

— כ׳וועל דאָ נישט בלייבן — האָט חוה אַ צעמישטע אָנגעהויבן. — איך האָב מורא פאַר אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער! ווי עס זאָל נישט זיין, איז בעסער צו זיין אין אַן אַרבעטס־לאַגער, יעדער אַרבעטער האָט רעכט... שאַריקאָ, פאַרדריי זיך נישט דיינע יאָרן מיט ליבעס! דאָ קען קיין זאַך נישט געבוירן ווערן... מען מוז זוכן אַ וועג אויף אַרבעט...

פון דערווייטנס האָבן זיך באַוויזן מיידלעך מיט קעסלען זופּ.

— כ׳מוז צוריק אין באַראַק — האָט זי אויסגערופן אַן איבערגעשראָ־קענע...

— כ׳וועל נאָך היינט צו דיר קומען, מירן רעדן אַביסל — האָט שאַריקאָ שנעל פון זיך אַרויסגעוואָרפן.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז חוה צוריק אין באַראַק.

וואַסער... וואַסער...

פּאַמעלעך שלעפּט זיך איבער פאַמערן דער צוג מיטן טראַנספּאָרט פרויען אויף אַרבעט. הינטער די פאַרריגלטע טירן אויפן דיל ליגן פאַר־חלשטע פרויען, צעבורענטע אין פיבער און דורשט.

דורך דעם קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל רייסט זיך אַריין אַ שמאָל פּאַסיקל ליכט. אין וואַגאָן איז הייס און דעמפּיק, די לופט איז אַ שווערע, געדיכטע.

איניקע פרויען האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער, ליגן נאַקעט אויפן פאַרקאַלעכטן, פאַראומרייניקטן דיל.

אַ קליין מיידעלע וויינט אויפן קול:

— רייסט אויף די פענצטער... מירן זיך דערשטיקן... לאָמיר שרייען!

סאָניע באַרואיקט די פרויען מיט אַ דערשטיקט קול:

— שוין נישט לאַנג — — — זייט געדולדיק... מירן נאָך היינט אָנקומען...

איר צונג איז טרוקן און געשוואָלן, אין מויל אַ זויערקייט, זי וויל נאָך וואָס עפּעס זאָגן, נאָר פון איר פאַרטריקנטן האַלדז קען זיך קיין שטים נישט אַרויסבאַקומען.

לעבן סאָניען ליגט חוה אין פיבער. פאַר אירע אויגן רוקן זיך אַדורך די בילדער מיט די געשעענישן פון די לעצטע טעג.

— אַ גרויס לאַנג פעלד — — — אונטערן פרייען הימל שטייט אַ לאַנגע קאָלאָנע נאַקעטע פרויען מיט די קליידער אין די הענט... אַ יונגער דייטשער דאָקטאָר באַטראַכט יעדע פרוי גענוי, פּאַמעלעך... פרוווט די

מוסקולן... באַטראַכט דעם קערפּער... די ס. ס. מענער לאַכן... די „רויטע" ציט אַרויס די דאַרע פּרויען פון דער ריי, באַצייכנט מיטן אות „ק"... פאַרשפּאַרט אין אַ באַראַק... די פרויען לאָזן זיך נישט... ראַנגלען זיך. דער ראַפּאָרט־פירער קאָפּעט מיט די שטיוול... שלאָגט מיטן דינעם גו־מענעם בייטשל... חוה ציטערט אויפן גאַנצן קערפּער... וויל שרייען, עמיצן אָנכאַפּן פאַר די הענט, נאָר אירע הענט זענען אָנמעכטיק, ווי געליימטע. גלייך זעט חוה דעם באַראַק, וווּ זי האָט די קאַראַנטין מיט־געמאַכט. פאַרן באַראַק שטייט קאַטיאַ מיט די אָרדנערינס. די פרויען נאָך דער „סאָרטיראָווקע" גייען לאַכנדיק און זינגענדיק. שרייען אַריבער צו קאַטיען:

— זייט געזונט! איר זאָלט באַפרייט ווערן!

— די עלטערן געפינען...

— אַ סך גליק אויף דער פרייהייט!

די אָרדנערינס וואַרפן בייזע שטעכיקע בליקן. לעבן זיי שטייט מאַ־ריסיע אין אויסגעפּוצטע, קוקט זיך צו צום טראַנספּאָרט. דער באַראַק איז ליידיק... אַלע באַראַקן פון דער לאַגער־גאַס „3" פאַרלאָזן... ווען דאַרף איצטער אָנקומען? ווער?

— שאַריקאַ! שאַריקאַ! — וויל חוה שרייען צום אומעטיקן אונגאַ־רישן מיידל, וואָס שטייט פאַר איר באַראַק מיט אַ פאַרוויינט פּנימל, — איך פאָר אויף אַרבעט, אויף אַרבעט!

דער טראַנספּאָרט גייט ווייטער, פון איין צוים אין אַ צווייטע, איבער צענדליקער טויערן און וועגן. גייט פאַרביי די באַראַקן פון די טשעכישע, איטאַליענישע און פראַנצויזישע יידן... די באַראַקן זענען פאַרשפּאַרט... דורך די האַלב־אָפענע טירן קוקן אַרויס גרויסע דער־שראָקענע אויגן. צו די אַרויסגעשטעקטע קעפּ פון די פאַרשפּאַרטע באַראַקן שרייט בעטי מיט אַ ציטערנדיק קולכל:

— ביטע... ביטע... פראַוען... וואָ זינד די עסטרייכער? די ווינער יודן...

די קעפּ בייגן זיך אַוועק אין אַ זייט... שווייגן. קוקן שטום נאָך דעם טראַנספּאָרט.

דער לאַגער ציט זיך אויס ווי אַ שלאַנג, ווערט וואָס אַמאָל גרעסער

און לענגער... פון אַ באַראַק איז אַרויס אַ דאַר קליין ווייבל, לויפט נאָך דעם טראַנספּאָרט, שרייט:

— האָט איר נישט געזען די גריכישע מענער... די יידן פון גריכנלאַנד?

— מיר זענען פון פּוילן! — שרייען די מיידלעך. — ווו זענען די עלטערע פרויען? האָט איר זיי נישט געזען?

אין וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדט די פרוי, וואָס לויפט נאָך דעם צוג? חוה וויל זיך דערמאַנען די פרעמדע גריכישע ווערטער, זי קען נישט... ליגט און אָטעמט שווער, אָן כוח.

— ווייטער גיין! — טרייבן די אָרדנערינס. — ווייטער!

דער טראַנספּאָרט שפּאַנט ווייטער. חוה איז באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. פאַר אירע אויגן קרייזלען די באַראַקן. די פיס ברעכן זיך... מאַמאַ מאַ... וויינט זי, ליגנדיק אויפן דיל אין וואַגאָן.

אַ מאַן שרייט פון אַ באַראַק:

— פרויען, ווו זענען די באַראַקן מיט די קינדער?... האָט איר נישט געטראָפן אַ יינגעלע... אַ צעניעריקס?...

חוה הערט זיין קלאָגעדיק רופן. זעט דאָס אויסגעקרימטע פון ווייטיק פּנים... דער טראַנספּאָרט איז פאַרביי, נאָר חוהן גייען נאָך די גרויסע, זוכנדיקע, בעטנדיקע, פאַרטרערטע אויגן. וועמענס אויגן זענען דאָס? די מאַמעס? מומע זלאַטעס? פאַרוואָס זענען זיי געבליבן? פאַרוואָס מאַטערט חוהן אָן אויפהער דער געדאַנק...

נאַכט... אַ פעלד אָנגעשאָטן מיט אַש און מיסט. די דראָטן צישען, רוישן, זשומען. ציען זיך ווייט, ווייט... די גאַנצע ערד איז מיט דראָטן אַרומגעצוימט. זיי וויקלען זיך איר אַרום דעם האַלדז, שטיקן, פרעסן, שטעכן...

— וואַסער... אַ טרונק וואַסער. — בעטן אַלע אַרום... — מיר האָבן היינט גאָרנישט געטרונקען...

— לייגט זיך... שלאָפט, לאַגער־רוהע! — שרייען די אָרדנערינס.

לאַגער־רוהע — לאַגער־רוהע — טראָגט זיך אַן עכאָ פון אַלע באַראַקן הינטער די צוימען.

אוו — אוו — אוו... צעיאָמערט זיך אַ סירענע... ראַקעטן בליצן

אויפן הימל. טראַך — טראַך — טררר... — פאַלט איין קנאַל נאָך דעם צווייטן.

טרא — טאַ־טאַ־טאַ־טאַ — ענטפערט ס'מאַשין־געווער פון לאַגער. ס'טרייסלט זיך די ערד. חוהן דאַכט זיך, אַז די באַראַקן וועלן זיך באַלד צעפאַלן, אַלע צושיטן פאַרדעקן...

די פרויען ליגן מיט די פּנימער צו דער ערד אין טויט־אַנגסטן. ציטערנדיק בעט בעטי:

— גאָט שטראָף מיך נישט... אַז איך וויים נישט ווי אַזוי צו דיר בעטן... באַוויז אַ וווּנדער, אַ וווּנדער — — —

— אַ נס... אַ נס! — כאַפּן אויף די פרויען און צעוויינען זיך אויף אַ קול.

... האַ, האַ, האַ!... סאַראַ פרומקייט האָט זיי אַרומגעכאַפּט. קוקט בעסער ארויף וואָס פאַראַ פליערס דאָס קענען זיין... אַמעריקאַנישע צי סאָוויעטישע...

— שווייגט... שווייגט... — בעט זיך אַ פרוי, — די זעלנער הערן, זיי וועלן נאָך שיסן... וואָס איז דאָ פאַר אַן אונטערשיד... גאָט זאָל זיך מרחם זיין... שמע ישראל!...

טראַך... טראַך! בו־ר־ו־ם... קנאַלט אָן אויפהער...

...ווער שרייט עם האַלב־טשעכיש, האַלב־דייטש:

— גיט אָפּ ס'גאָלד... די זייגערלעך... די רינגלעך... מירן סיי ווי געפינען, איר שמוציקע לויז־באַנדע!

— ווו איז דאָס געווען, — רעדט חוה צו זיך. אירע געדאַנקען פּלאָנטערן זיך. פּאַמעלעך וועקט זיך אין איר זכרון אַ בילד פון דעזינ־פעקציע־אַנשטאַלט, אַ קליין צימערל, ווו אַלע זענען אונטערזוכט גע־וואָרן. אָפּגעגעבן די פּושקעס... די „לעפל".

מיט אַמאָל הייבט חוהן אָן טרייסלען, אַ צאָן קלאַפּט אין אַ צאָן. פאַר אירע אויגן וואַקסט אויס אַ באָד, ווו נאָך דער דעזינפעקציע זענען אַלע אריינגעפירט געוואָרן... אַ געדיכטער נעפּל איבער די קעפּ... הייס וואַסער גיסט זיך פון אַלע טושן... אַלע שרייען, וויינען... שטיקן זיך... אַ זעלנער מיט דער ביקס אויף דער האַנט שפּאַצירט אַרום... שמייכלט... חוהס קאָפּ פאַלט אָפּ נידעריק, ס'האַרץ קלאַפּט וואָס אַמאָל שוואַכער,

אַרום צעשפּרייט זיך אַ פינצטערקייט... זי זעט שוין גאָרנישט מער... ראַוס, ראַוס!... שרייען די אָרדנערינס. אַלע לויפן אַריין אין זאַל מיט אַ שטיינערנעם דיל. מיט אַמאָל נעמט די פרויען אַרום אַזאַ קעלט, אַז זיי הייבן אָן ציטערן אויפן גאַנצן קערפּער.

אין דער לופט טראָגט זיך אַ שטיל געזאַנג:

— שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ...

ווער זינגט דאָס? ווער?

פּאַוויעטישע מיידלעך פאַרטיילן גיך יעדער פרוי אַ העמד, אַ פּאָר קלימפּערס, אַ קלייד.

פריינטלעך און שטיל פרעגן זיי אויס:

— פון וואַנען זייט איר געקומען?... מירן אַריינגעפאַלן אויפן לע־נינגראַדער פראָנט... אין פלען...

— מיר קומען פון געטאָ... — ענטפערט נישט דרייסט איינע נאָך אַ צווייטע.

די מיידלעך שאָקלען מיט די קעפּ, פאַרשטייען נישט... געטאָ... געטאָ... זענען דאָרט שוין אויך די דייטשן...

...אַן אוקראַינקע מיט אַן אויסגעוויינט פּנים טיילט גיך אַרום אַלע צו ביסלעך וואַסער... טרינקט... טרינקט... דאָ באַדאַרף מען נישט רעדן... גיכער... שווייגט! שווייגט... — באַרואיקט זי אַלע.

חוה מאַכט אויף ס'מויל, טרינקט גיריק, האַסטיק, ווי אַ פיש אַרויסגענומען פון וואַסער. מיט אַמאָל זעצט זי זיך אויף און מיט אַ כאָרכלענדיקער שטים הייבט זי אָן:

— „שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ..."

ווער זינגט דאָס? חיים? יאָ, ער האָט עס שטענדיק געזונגען. שיראָ...

— חוה... חוה — שטאַמלט סאָניע אַ פאַרצווייפלטע. — האַלט זיך, האַלט, געדענק, מיר דאַרפן אַנטלויפן... באַלד פון דער סטאַציע...

ווען סאָניע האָט נאָר דערהערט דעם באַפעל צום אויסשטעלן זיך צום טראַנספּאָרט, איז אין איר אַ נייע קראַפט אַריינגעטרעטן.

— גיכער, פרויען! קומט אַלע צו פינף... מאַכט נישט קיין טומל — האָט זי גענומען קאָמאַנדעווען. געשטעלט זיך אין דער פאָדערשטער ריי

און גיך געשפּאַנט פּאַראויס צום סאַרטיר־פּלאַץ, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז די אָרדנערינס וועלן באַלד דעם צוג צוריקטרייבן און ווידער וועלן זיך אָנהייבן די מוראדיק לאַנגע טעג אין פינצטערן פאַרלייזיקטן באַראַק. בעת דער „סאַרטיראָוועקע" האָט זי נישט געפּילט ווי ס'ברענען זי די טרערן און רינען איבער איר פּנים, נישט געזען די תאוהדיק־צע־גליטע אויגן פון די ס. ס.־מענער. מיט איר גאַנצן איך האָט זי אין זיך איינגענומען דאָס בילד פון די טויזנטער נאַקעטע פרויען אונטערן פרייען הימל, יעדן ציטער פון די באַליידיקטע, דערנידעריקטע מאַמעס, די שאַנדע פון די יונגע, צעטומלטע אין שרעק מיידלעך.

זי האָט אַלץ פאַר ליב גענומען. דאָס שפּאַנען ארום די צוימען, דער לופט־אַלאַרם ביי נאַכט אויפן פעלד, די באָד, דאָס כסדרדיקע ציילן ביי יעדן טויער און וועג, דעם נאָגנדיקן הונגער, די איבערמענטשלעכע מירקייט, נאָר ווען זי האָט מיטאַמאָל דערזען אויף א ברייט פעלד נאָך אַזאַ טראַנספּאָרט, א טויזנטקעפּיקע ריי פרויען מיט פּנימער גרויע, האַלב־טויטע, האָט זי זיך פאַרלוירן, די כוחות האָבן זי פאַרלאָזן; פאַר אירע אויגן האָבן גענומען שווינדלען די באַראַק־צוימען און קעפּ. די פיס זענען ווי געליימט געוואָרן

א פאַרבאָרגענע שטים האָט צו איר וואַרעם געפּליסטערט מונ־טערנדיק:

— גיי... גיי...

וואָס לענגער סאָניע האָט מאַרשירט איבערן לאַגער, אַלץ מער האָט זי אָן אימה אַרומגענומען. שווייגנדיק האָט זי באַטראַכט דאָס עקשנות־דיקע שפּאַנען פון חוהן און וואָס אַמאָל מער איינגעהויקערט די פּליי־צע... נידעריקער און קלענער געוואָרן, ווי זי וואָלט אין זיך איינגע־שרומפּן געוואָרן.

אויף דעם פעלד פאַר דער באַן־ליניע צוזאַמען מיט אַלע געלייגט זיך אין זאַמד און טעמפּ פאַרקוקט אויפן רויטן הויכן קוימען פון דער קליינער ציגל־געביידע.

— הייסט, אַז ווידער אונדז אַריינגענאַרט... קיין וואַגאָנען זענען נישטאָ, וואָס וועט ווערן מיט די אַלע אין זאַמד? וואַרטן מיר אויף אַ ריי אין קוי־מען? — האָט סאָניע אין זיך געטראַכט.

„— ווינטער אין דעם הייזל זענען טויזנטער מענטשן דערשטיקט געוואָרן מיט גאַז... עס זענען געווען צייטן, ווען גאַנצע טראַנספּאָרטן זענען גלייך פון די וואַגאָנען דאָ אַריינגעפירט געוואָרן. יעדן טאָג איז דאָס פעלד געווען פול מיט מתים. מיר צוזאַמען מיט די ברוקער האָבן זיי באַגראָבן. שפּעטער זענען אַ סך פון זיי פונקט אַזוי אומגעבראַכט געוואָרן... מיר האָבן זיי דערקענט ביים פּאַרשיטן, אין די גריבער. יאָ... עס דאַרף נישט בלייבן קיין עדות״ — האָט די אָרדנערין מיטאַמאָל איבערגעריסן, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַר די אייגענע ווערטער.

סאָניע האָט אַ ווײַלע זיך איינגעקוקט אין דער אָרדנערין אין דער ווייסער בלוזקע מיטן לאַנגן ראָק, אויף איר גאָל פּאַרקנייטשט פּנים. אויף איר גרויען קאָפּ און מיט פייער אַרויסגעוואָרפן:

— איר קענט אַלץ דערציילן! איך האָב זיי פונקט ווי איר... איך וואָלט דאָס אַלץ אונטערגעצונדן, זאָל אַלץ אַוועק מיט פייער און רויך... מיר זענען סיי ווי פאַרלוירענע!...

— איר... איר זייט גליקלעכע מענטשן — האָט די אָרדנערין ציטערנדיק גענומען רעדן. — איר פּאָרט אַרויס פון דאַנען... מיר איז שוין אַלץ איינס, נאָר איך וואָלט געוואָלט נאָך מיין קינד אַמאָל זען... איר ווייסט ווער איך בין... — האָט ווייטער געצויגן די יונגע פרוי מיטן גרויען קאָפּ האָר, — איר האָט מסתמא געהערט פון אונדזער פאַמיליע, איך בין פון די זאַמויסקים...

סאָניע האָט לאַנג געטראַכט, ליגנדיק אויפן זאַמד, פון דער פּוילישער אָרדנערין, זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פונעם קוימען. דאָ... דאָ זענען אומגעקומען די יידן פון וואַרשעווער געטאָ, אַלע, זקנים און קינדער... און אויב מיר וועלן אומקומען, ווער וועט נקמה נעמען, ווער?

עס איז געווען אַ הייסער אָקטאָבער־טאָג.

די זון האָט ביז ווייטיק געברענט, ווי מיט נאָדלען געשטאָכן. די האַלב־פאַרחלשטע פרויען זענען געלעגן באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס... מיט פאַרטריקנטע ליפּן געבעטן ביי די אָרדנערינס: — איין טרונק, נאָר איין טראָפּן... וואַסער...

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ נידעריק דאַר מיידל מיט בלאָנדע

האָר און בלויע אויגן. זי האָט מיט אַן עמער זיך דערנענטערט צום טראַנספּאָרט און צו ביסלעכווייז גענומען טיילן יעדער פון אַ טעפּל.

די פרויען זענען אויסער זיך געוואָרן... געקושט אירע הענט... גע־דאַנקט.

— ניע נאַדאַ... ניע נאַדאַ — האָט דאָס ווייסרוסישע מיידל זיך געוועהרט. — מיין זאַך איז צו רייניקן די אובאָרנע... נאָר איך קען נישט צוקוקן זיך צו דעם... טרינקט, טרינקט — האָט זי געאיילט.

— איר זייט פון ראַטן־פאַרבאַנד? — האָבן איינעקע מיט דאַנק־באַרקייט און ליבע זיך אָנגערופן. — נאָך דער קריג וועלן מיר מיט דער אַרמיי אוועק קיין רוסלאַנד, קיין מאָסקווע...

דאָס בלאָנדע מיידל האָט מיט די אויגן אַרומגענומען די ליגנדיקע פרויען אין זאַמד און קאָלט אָפּגעענטפערט:

— ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך פאָרן אַ היים צו זיך. און איר דאָרט... פון וואַנען איר זייט געקומען. יעדער דאַרף זיך אומקערן צו זיין פאָלק אויף זיין לאַנד — האָט זי פאַרענדיקט און אוועק נאָך אַ פריש עמער וואַסער. עס איז געשוואומען אַ שעה נאָך אַ שעה... די פרויען נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט זענען פאַמעלעך איינ־געשלאָפן פון מידקייט און שלאָפקייט. פאַרנאַכט האָט אַלע אויפגע־וועקט אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו.

מיט רעש איז אָנגעקומען אַ לאַנגער עשאַלאָן מיט וואַגאָנען און געשטעלט זיך אונטער דער צוים ביים פעלד. דאָס איז געווען דער לעצטער טראַנספּאָרט פון לאָדזשער געטאָ.

— אוי — די בייראַטניקעס(1) זענען געקומען — האָבן אַלע פרויען מיט פרייד אויסגערופן.

— זאָלן זיי אויך פאַרזוכן דעם טעם פון אַ מלחמה... זיי האָבן געמיינט, אַז אויף אונדז וועט עס זיך ענדיקן — האָט איינע נאָך אַ צווייטער געשריגן.

דורך דער צוים האָבן זיך באַוויזן מענער אין עלעגאַנטע ריינע מאַנטלען, מיט טייערע וואַליזעס אין די הענט. די פרויען אויסגעפּוצטע אין טייערע קאָסטיומען, מיט קליינע רוק־זעק אויף די פּלייצעס. דער־

1) די פּריווילעגירטע באַאַמטע פון דער געטאָ אדמיניסטראַציע.

שראָקענע האָבן זיי זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי זיי וואָלטן צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט דער מלחמה־ווירקלעכקייט.

— זיי פאַרשטייען נישט, ווו זיי זענען געקומען, קוקן אויף אונדז ווי אויף משוגעים — האָבן די פרויען צווישן זיך גערעדט.

— פונקט ווי מיר האָבן געקוקט אויף אַלץ, ווען מיר זענען דאָ אָנגעקומען — האָט זיך אַ צווייטע טרויעריק אָנגערופן, ווי זי וואָלט זיך ווידער דערמאָנט די שעה אויף דער ראַמפּע.

די מענער האָבן גיך פאַרשטאַנען די לאַגע און גלייך גענומען רייסן פעקלעך געלד, אין זאַמד פאַרטרעטן די רינגעלעך מיט די זייגערלעך. די באַן־ליניע איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט יידישע געטאָ מאַנעטן.

אונטער דער ס. ס. קאָמאַנדע איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַ צוג מענער און גלייך זיי האָבן אָפּמאַרשירט. אין איין אויגן־בליק זענען אויססאָרטירט געוואָרן צוויי רייען:

איינע צום לעבן — די צווייטע צום פאַרניכטן... אין די וואַגאָנען וועלן מיר זיכער אָפּפאָרן, — האָט סאָניע אריינגערעדט אין הוהן. — שפּעטער דאַרפן מיר אויסנוצן אַ מאָמענט... און אַ גליקלעכע גענומען באַטראַכטן די וואַגאָנען. — אויפשטיין! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

די מידע פאַרפייניקטע פרויען האָבן זיך קוים פון זאַמד דער־הויבן, גענומען צערייבן די פאַרשטאַרטע פאַרחלשטע פיס.

פאַרן אָפּפאָרן האָט דעם טראַנספּאָרט ווידער באַטראַכט אַ דייטשע קאָמיסיע פון ס. ס.־מענער מיט אַ דאָקטאָרין אין אַ גרינעם מיליטערישן מונדיר.

ביים טויער פון לאַגער איז געשטאַנען אַ מאַשין מיט פּראָוויאַנט. פּוילישע מענער האָבן געטיילט יעדן באַזונדער, אַ ברויט, אַ פעקל פּוטער, אַ פּאָרציע וווּרשט.

— זייט געזונט — אַ גליקלעכן וועג — האָבן זיי שטיל צוגע־וואָרפן.

— ווו פאָרן מיר? — האָט סאָניע צווישן די ציין מיט אַ האַלב אָפענעם מויל געפרעגט.

— ווער ווייסט? מסתמא ווייט... — האָט געענטפערט אַ מאַן אין אַן אנצוג מיט בלוי־ווייסע פאַסן מיט אַן אויסגעקריצטן נומער אויף

דער האַנט, און פריינדלעך צוגעגעבן: — האָט קיין מורא נישט... אור־מעטום וועט זיין בעסער...

ווען דער טראַנספּאָרט איז נאָר אַריין אין די וואַגאָנען, האָבן די ס. ס.־מענער פאַרריגלט די טירן און אָוועקגעשטעלט זיך מיט ביקסן אין דער האַנט ביי יעדן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל.

מיטאַמאָל האָבן זיך אין די וואַגאָנען אָנגעהויבן שיטן עפּל, פּעקלעך פּוטער, דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטער זענען אַריינגעפאַלן ברויטן.

די פרויען האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון דיל.

— קוקט, סאַראַ דייטשן זענען נאָך פאַראַנען... די זעלנער האָבן דאָס אונדז אַריינגעוואָרפן — האָט אַ מיידעלע איבערראַשט אויסגערופן.

— קוק זיך בעסער אום אין סאַראַ וואַגאָנען זיי האָבן אונדז אַריינגעזעצט! — האָבן זיי די פרויען פאַרשריגן. דער דיל מיט קאַלך און מיסט אויסגעמישט, די פענצטער פאַרקראַטעוועט, די טירן פאַרשלאָסן... זענען מיר פאַרברעכער אָדער וואָס? נישטאָ אַפילו ווו אַ פוס אויסצוציען.

איינציקווייז האָבן זיך די פרויען אויסגעזעצט אויפן דיל, אויף די שויסן צעלייגט דאָס ברויט מיט דעם צולאָג־פּוטער און וורשט.

מיטאַמאָל האָט זיך איינע פון די ווייבער אויפגעכאַפּט פון דיל און אויסגערופן: — חברה, מיר האָבן דאָך קיין וואַסער נישט! לאָמיר אַלע צוזאַמען שרייען צו די פאָסטנס!... וואָס הייסט דאָס עפּעס, אָן לופט און אָן וואַסער... זענען מיר שוין אין גאַנצן נישט קיין מענטשן...

אין עק פון וואַגאָן איז געזעסן אַ הויכע, גראָבע מויד, מיט ביידע הענט פאַרדעקט אַ קענדל מיט קאַווע. די ווייבער האָבן זיך צו איר אַ וואָרף געטון, שרייענדיק:

— גיב אָפּ די קאַווע... זי איז פאַר אונדז אַלע! — און געפּרוווט אַרויסצורייסן ס׳קענדל פון אירע פעסטע הענט. די „גראָבע" האָט צוריקגעשלאָגן, געקאַפּעט מיט די פיס... די קאַווע האָט זיך ברייט צעגאָסן אויפן דיל. איינע פון די עלטערע פרויען איז צו צו דער „גראָבער" מיט אַ קלומפּ אין דער האַנט און געדראָט: — אויב דו וועסט די מינוט נישט אָפּגעבן די קאַן, עפן איך דיר דעם קאָפּ... דו... דו...

די „גראָבע" איז רואיק געזעסן, מיט ביידע הענט צוגעהאַלטן די קאַן און מיט חוזק נאָכגעשפּעט:

— אַזאַ בריה זייט איר?... איר עפּנט קעפּ?...

אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ טומל, איינע האָבן געשריגן, אַנדערע געוויינט. די פרוי, וואָס האָט אין לאַגער מיט אירע פיר טעכטער גע־שאַפן אַ „פּינפּטל", האָט איבער אַלע געקלאַגט:

— איר זייט נאָך ערגער פון די דייטשן, איר וועט זיך אַליין אומברענגען!...

די זעלנער מיט די קאָלבעס האָבן גענומען קלאַפּן אין וואַגאָן, אַריינ־שרייענדיק:

— וואָס איסט דען לאָס? איך מאַך גלייך פון אייך קאַטלעטן! — און אויסגעשאָסן אין דער לופט.

די פרויען האָבן באַקומען ספּאַזמען.

— מען שיסט, מען שיסט, — געשריגן פון אַלע כוחות. — לאָזט איר איבער די קאַווע, עס וועט נאָך אַ קרבן פאַלן... איבער אַזאַ...

מיטאַמאָל האָט זיך חוה פון דער ערד אויפגעכאַפּט, צוגעלאָפן צו דער „גראָבער" און מיט איין פעסטן צי אַרויסגעצויגן די קאַן מיטן ביסל איבערגעבליבענער קאַווע. — גוט אַזוי, גוט אַזוי! — האָבן אַלע אָנגעהויבן קלאַפּן אין די הענט.

חוה האָט דאָס קענדל קאַווע אַנידערגעשטעלט לעבן סאָניען און מיט אַ פעסטער שטימע אָנגעהויבן רעדן:

— פרויען, מירן אַרויס פון דעם גיהנום, נאָר איצטער זענען מיר ווייטער צווישן טויט און לעבן... פאַרשטייט די לאַגע, זייט רואיק... איך נעם איבער די אָרדענונג פון וואַגאָן איבערן גאַנצן וועג... די קאַווע געהערט צו אַלע... די ברויטן וואָס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן, גייען אַריין אין שותפות, פונקט די עפּל... זיי וועלן זיין אויף אַ רפואה!

— הוראַ, מיר מאַכן אַ קאָלעקטיוו! — האָבן די מיידלעך אויס־געשריגן. — אָט האָבן מיר אַ ריכטיקע אָנפירערקע!

— איך ווייס נישט, וואָס איז די פרייד מיט די עפּל און ווער דאַרף דאָ אַזאַ מין שותפות — האָבן אין אַ זייט גערעדט צוויי פאַר־עלטערטע מיידלעך. — באַלד קענען זיי אונדז אַרויספירן אויף אַ פעלד און אויסשיסן און ביי זיי אַ גדולה מיט די ברויטן און קאַווע — — — נישט אומזיסט האַלטן אונדז די דייטשן פאַר אַן אידיאָטן־באַנדע.

— טומלט נישט אין די זייטן! — האָט חוה אויסגעשריגן. — איך האָב אַליין קיין כוח נישט... זאָגט ווי אַזוי דאַרף מען פאַרטיילן די קאַווע. אויב מיר האָבן באַקומען צו אַ גאַנצן ברויט, וועלן מיר זיכער פאָרן אַ וואָך צייט... אפשר וואַרטן מיטן טרינקען? ווי מיינט איר? —

— אמת, אמת! — האָבן אייניקע מיטגעשטימט.

פון עק וואַגאָן האָט זיך עמעצער צעשריגן:

— וואָס עפּעס וואַרטן, איך שטאַרב פאַר אַ טרונק, וואָס זאָגט איר אויף דער גבאיטע?

— מיר ווייסן שוין די קהילה־גראַבלערס, כּלל־טוערס... פאַרן עולם־גולם האַלטן זיי שיינע דרשות און פאַר זיך לאָזן זיי פולע שיסלען...

— האָבן אַנדערע אויפגעכאַפּט. אין וואַגאָן האָט זיך אויפגעהויבן אַ געלעכטער, פון אַלע זייטן האָבן די פרויען געשריגן:

— מען דאַרף נישט קיין אָנפירערקעס! גיט צוריק די קאַווע!

— וואָס מאַכט עס אייך אויס, זאָל איינע האַלטן אָרדענונג, — האָט זיך אַריינגעמישט די „מאַמע", זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דיל, צו צו חוהן און דערלאַנגט אַ לעפּעלע, זאָגנדיק:

— איך באָרג אויס מיין לעפּעלע, נעמט און טיילט, נאָר געדענקט... דאָס לעפּעלע איז מיין גאַנץ פאַרמעגן, ווען מיר וועלן מיט גאָטס־הילף אָנקומען אויף אַן אָרט, זאָל איך עס צוריק באַקומען.

חוה האָט צוגעטיילט יעדער פרוי פון וואַגאָן צו צוויי לעפּעלעך קאַווע, צעטיילט די צוגאָב־ברויטן און אַ מידע אַוועקגעזעצט זיך אויפן דיל.

די פרויען זענען געווען אַזוי פאַרטון מיטן פאַרטיילן די ברויטן, אַז זיי האָבן נישט באַמערקט אפילו, ווען דער וואַגאָן האָט גערירט.

פּלוצים האָט איינע אויסגעשריגן:

— איר הערט, מיר פאָרן אויף אַן אמת!

די נאַכט איז צוגעפאַלן, אין וואַגאָן איז פינצטער געוואָרן, אייניציקווייז זענען אַלע איינגעשלאָפן.

פרימאָרגן האָט אַלע אויפגעוועקט אַ פייגלעך געפּיל פון דורשט. דאָס שטילע קרעכצן פון די שוואַכערע פרויען איז איבערגעגאַנגען אין

אַ מוראַדיקן יאָמער. איינציקווייז האָבן זיך אַלע אויסגעטון... מיט די קליידער געפּאָכעט, געקילט זיך. נאָר דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, די שוואַכערע זענען אַוועקגעפאַלן, מיט גרויע פּנימער און אַרויסגע־שטעקטע געשוואָלענע צינגען געלעגן שווער סאָפּענדיק.

אויף דער סטאַציע האָט זיך חוה פון דער ערד אויפגעשטעלט, צוגעשלעפּט זיך צום פענצטערל מיט די לעצטע כוחות און אָנגעהייבן שרייען:

— הער פּאָסטן, מיר ווערן דערשטיקט! וואַסער... וואַס...

די אַפּאַטיע, וואָס האָט חוהן אַרומגענומען פון ערשטן טאָג אָנקו־מען אין לאַגער, איז פאַרשוווּנדן, ווען זי איז נאָר אַריין אין וואַגאָן. טאָניע אַליין האָט זיך געוווּנדערט צוזעענדיק ווי חוה קאָמאַנדעוועט מיט די פרויען, ווי דרייסט זי שרייט צו די פּאָסטנס. רופט, זיי זאָלן עפענען די טירן.

לענגאויס דער באַן האָט אַרומשפּאַצירט אַ פּאָסטן, נאָר חוהס רופן איז צו אים נישט דערגאַנגען.

— לאָמיר אַלע שרייען! אפשר וועט ער דערהערן — האָט חוה מיט טויט־בלייבע ליפּן אָן כוח אַרויסגעשטאַמלט. — גאָט, ווי שרעק־לעך, ווי שרעקלעך און צעוויינט זיך אויפן קול.

די פרויען אין וואַגאָן האָבן גענומען שרייען, קלאַפּן מיט די קלימ־פּערס אין די ווענט. אויף דער לענג פון קילאָמעטערס האָט זיך געטראָגן אַ קלאַגנדיקער יאָמער:

— וואַסער... וואַסער... וואַסער...

דאָס געוויין האָט זיך געטראָגן איבער טאָלן און פעלדער. אין די דערפער, ווו דער צוג האָט זיך פון צייט צו צייט געשטעלט, האָבן די פּויערישע קינדער מיט שרעק געקוקט אויף די וואַגאָנען, נאָר צוטראָגן אַ קענדל מיט וואַסער האָט קיינער פון זיי נישט געוואַגט.

די פּויערים האָבן זיך געצלמט, געשאָקלט מיט די קעפּ, געשוויגן.

די פרויען זענען מיד געוואָרן, מער שרייען נישט געקענט, ווידער אין אָנמאַכט געפאַלן. איינגעשלאָפן. פון צייט צו צייט האָט זיך ווער דערוועקט, ווידער גענומען וויינען, בעטן אַ טרונק וואַסער, כאָטש אַ טראָפּן און נאָך אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן.

פּאַרנאַכט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט.

די פרויען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זענען אויפן אָרט אָנגעקומען. זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון דער ערד, אויף גיך אָנגעטון די קליידער', גענומען שטויסן וואָס נענטער צו דער טיר.

אויף דער סמאַציע האָבן די זעלנער אַרומשפּאַצירט, אונטערגעזונגען זיך פריילעך... צו דער טיר איז קיינער נישט צוגעגאַנגען.

די פרויען האָבן זיך ווידער געלייגט אויפן בלאָטיקן, דורך דעם וועג נאָך מער פאַראומרייניקטן, דיל, מיט ברייט צעעפנטע אויגן איינגעקוקט זיך אין דער פינצטערניש, פאַרצווייפלט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. געשוויגן.

וואַקלענדיק זיך אויף די פיס האָט זיך חוה צוגעשאַרט צום פענצטער איבער די אויסגעצויגענע ווייבער און מיט אַ מאַטער שטים, ווי פון אונטער דער ערד, קוקנדיק גלייך אין דעם רויטן אָנגעזויפטן פּנים פונעם פּאָסטן, אַרויסגעשריגן:

— מיר פאָרן אויף... אַר—בעט! ווען אַ פערד אַרבעט זשאַלעוועט מען אים אויך נישט קיין וואַסער...

— פרעך ביסטו אויך! — האָט דער פּאָסטן אַ וואָרטשע געטון, און בייז ברומענדיק צוגעגעבן:

— פון וואַנען זאָל איך נעמען וואַסער? איר, ווייבער, מוזט געדולד האָבן, שוין נישט לאַנג... אפשר עטלעכע טעג...

צום פענצטערל האָט זיך צוגעשטופּט די „מאַמע", אַרויסגעשטעלט אַ קענדל דורך די קראַטעס, שטאַמלענדיק:

— גנעדיקער הער... ביטע... פיר מיינע קינדער... האָבן זי מיטלייד...

דער זעלנער איז פּאַמעלעך צו צום פענצטערל... די מאַמע האָט אויפגעציטערט, עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער פאַרמעסט זיך אויף איר און מיט דערשטוינטע אויגן דערזען, ווי ער נעמט אַריבער דאָס קענדל... פאַרשווינדט.

ביים אַריבערנעמען דאָס קענדל דורך די קראַטעס האָט זיך ס'וואַסער צעגאָסן... די „מאַמע" האָט נאָר עטלעכע צו אַ לעפעלע פאַרטיילט, מיטן פּוסטן קענדל געזעצט זיך נעבן די טעכטער, אַרומגענומען זיי, ווי

אַ קוואָקע אירע הינדלעך פאַר אַ שטורעם, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט אין אירע אָרעמס באַשיצן, אויסבאַהאַלטן.

ביינאַכט האָבן זיך די פרויען אָנגעהויבן שטיקן, עטלעכע זענען צעמישט געוואָרן, אָנגעהויבן טומלען, זינגען. איבער אַלע האָט געקלאָגט די „גראָבע".

— מיר וועלן אויפן אָרט נישט אָנקומען... צו וואָס בין איך מיטן טראַנספּאָרט געפאָרן? אין לאַגער איז מיר גוט געווען... — איר קלאָגן איז אַריבער אין אַ ווילד געשריי:

— לאָזט מיך אַרויס! נעמט צו מיינע ברויטן, די פּוטער... אַלץ, אַלץ... איך שטאַרב... איך... פרויען, גיט אַ קוק, צי עס קלאַפּט נאָך מיין פּולס... — האָט זי זיך געפּלאָנטערט אין די רייד.

אינדערפרי האָט דער צוג זיך געשטעלט אויף אַ פּוסטן פעלד. אָפּגעשטאַנען עטלעכע שעה. די פרויען אין פינצטערן וואַגאָן האָבן שוין פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט, נישט געוווסט וויפל טעג און נעכט זענען אַדורך.

זיי וועלן אונדז אַזוי לאַנג האַלטן אין די וואַגאָנען, ביז מיר וועלן זיך אַלע דערשטיקן — האָט סאָניע געטראַכט אין זיך, ליגנדיק לעבן חוהן אין פיבער אַ צעברענטע. איר קאָפּ איז אויף חוהס קאָפּ אַראָפּ־געפאַלן, אַ קראַמף האָט איר קערפער אַרומגענומען, פון איר מויל האָט אָנגעהויבן רינען אַ שוים.

איבער דערפער און שטעט האָט משונהדיק געיאָגט דער צוג, פון צייט צו צייט געשטעלט זיך און ווייטער געפאָרן.

שפּעט ביינאַכט האָט זיך דער צוג געשטעלט. די ס. ס.־מענער האָבן גענומען קלאַפּן אין די טירן... פונאַנדעררוקן זיי, אַריינגעלאָזט לופט דורך אַ שפּאַרונע...

— הער פאָסטן, ווי לאַנג וועלן מיר נאָך אַזוי פאָרן? — האָט מיט אַ דערשטיקט קול קוים געפרעגט די „גראָבע".

—דער גאַנצער וואַגאָן איז שוין... שוין...

— איר זענט שוין אָנגעקומען! — האָט דער פאָסטן מיט חוזק אויסגערופן, — מאָרגן וועט איר אויסגעלאָדן ווערן. — און ער איז פאַרשוונדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

צווייטער טייל

צו א נײַ לעבן

ווען די טיר פון וואַגאָן איז אויפגעמאַכט געוואָרן, איז דאָס בלאַסע מיידעלע געלעגן אַ דערשטיקטע. אַרום איר אין קויט און שמוץ, נאַקעטע, פאַרחלשטע פרויען. נאָר עטלעכע פון טראַנספּאָרט האָבן זיך אויפגעכאַפּט צום אַרויסגיין, געטומען וועקן, מונטערן די איבעריקע:

— שטייט אויף, מיר זענען שוין אויפן אָרט, טוט זיך אָן... ס׳קאָן נאָך ווער אַריינקומען...

— לוסטיקער, מיינע דאַמען, דער וואַגאָן מוז אָפּפאָרן! — האָט אַריינגעשריגן אַ יונגער דייטש און נישט דערזעענדיק קיינעם, אַריין אין וואַגאָן.

אַ ווײַלע איז ער שטיין געבליבן אָן איבעראַשטער, אין דער נאָז האָט אים אַ זעץ געטון אַ הייסע פאַרעדיקע לופט, זיינע אויגן זענען אַ לויף געטון איבער די אויסגעצויגענע פרויען און זיין פנים האָט זיך אויסגעקרימט מיט עקל.

— איין ריכטיקער שטאַל — האָט ער אויסגעשריגן און אַרויסגעלאָפן פון וואַגאָן. מיט דער קאָלבע געטומען אַריינקלאַפּן, שרייענדיק:

— וואָס איסט דאַ לאָס? ראוס, ראוס! עקלהאַפטע שיים־באַנדע! — די ליכטיקייט און פרישע לופט וואָס איז מיטאַמאָל אַריין אין וואַגאָן האָט אַלע אויפגעוועקט. פּאַמעלעך האָבן די פרויען אויפגעמאַכט די אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט דערמאָנען, פון וואַנען זיי האָבן זיך דאָ

גענומען. געפּרוווט אויפשטעלן זיך, צוזאַמענגעמען די זאַכן, נאָר זייערע פיס האָבן זיך געבראָכן. איינע נאָך אַ צווייטע זענען זיי אַנידערגעפאַלן, אויף אַלע פיר געקראָכן צום אַרויסגאַנג.

די זעלנער האָבן אָפּמאַרשירט, אַ צווייטע גרופּע ס. ס.־לייט האָט איבערגענומען דעם טראַנספּאָרט.

זיי האָבן פון דערווייטנס די פרויען באַטראַכט, געשאָקלט מיט די קעפּ, געשוויגן.

נאָר עטלעכע האָבן שטיל אין אַ זייט געפרעגט:

— זענט איר קראַנק? פון וואַנען פאָרט איר?...

פּאַמעלעך האָט זיך דער טראַנספּאָרט געשלעפּט צו די לאָרעס, וואָס זענען נעבן דער באַן־ליניע געשטאַנען.

ביסלעכווייז זענען די פרויען אויף דער פרייער לופט צו זיך געקומען, גענומען בייסן די נישט־געריירטע ברויטן פונעם וועג.

די „גראָבע" מיט די צוויי ברויטן אונטער די אָרעמס האָבן די פרויען הויך געזידלט:

— אַ, דאָס ברויט נישט אָפּגעגעבן...

— נארישע זולל־וסובא, דערמיט ווילסטו זיך ראַטעווען?

— וואַרפט זי אַרויס פון דער ריי!...

— דאָס ברויט איז פון מיידעלע... פאַרן טויט האָט זי מיר עס געגעבן!... — האָט זיך געוועהרט די גראָבע.

סאָניע האָט זיך פאָרזיכטיק אָפּגערוקט פון טראַנספּאָרט, אַנידער־געזעצט אויפן גראָז, אַ ווונק געטון צו חוהן...

חוה איז אַרויס פון דער ריי, מיט וואַקלדיקע טריט צוגעשאַרט זיך צו סאָניען, פּאַמעלעך אַנידערגעלייגט דערנעבן.

מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט פאַרציטערטע הערצער געוואַרט, אַז דער טראַנספּאָרט זאָל אָפּפאָרן.

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט זעלנערישע טריט... און גלייך אַ גוטמוטיקע, כמעט פריינטלעכע שטים:

— איר זענט מיד?... ליידער, איך קען ניכטס דאפיר... ביטע צוריק...

פאַר סאָניען און חוהן האָט הימל און ערד זיך אַ דריי געטון, פאַר די אויגן פינצטער געוואָרן, טיף אין האַרץ האָט זיך צעוויינט אַ קול...

פון לאַגער אין לאַגער

אַלץ פאַרלוירן... איז וואָס ווייטער, וואָס ווייטער?

דער טראַנספּאָרט איז ווידער געציילט געוואָרן און גלייך האָבן די לאַרעס געריִרט.

די פרויען זענען געפאָרן איבער דייטשע וועגן און שטעט. דער האַרבסט איז געווען אין פולן בלי.

פון די פעלדער האָבן די פּויערים געפירט אויף די וועגענער תבואה, אין די סעדער האָבן זיך דיביימער געבראָכן אונטער דער שווערער לאַסט פון צייטיקע עפּל און באַרנעס.

מיט פאַרקלעמטע הערצער, מיט טרערן אין די אויגן האָבן די פרויען געקוקט אויף די געמיטלעכע, פּויערישע הייזלעך, פון די האַלב־אָפענע פענצטער מיט ווייסע פאָרהענגלעך פאַרהאַנגען האָבן אַרויסגעקוקט פאַרביקע בלומען־טעפּ, בילדער פון די ווענט...

אויף די הייף האָבן זיך געשפּילט געזונטע, אָפּגעברענטע פון דער זון קינדער, אין קורצע שפּילהייזלעך, מיט באָרוויסע פיסלעך אַרומגע־יאָגט איבערן ווייכן, גרינעם גראָז.

פאַר די אויגן פון די מאַמעס פון טראַנספּאָרט זענען אויסגעוואַקסן ווי לעבעדיק די פאַרשיקטע אין דער שפּערע קינדער, זייערע דאַרע בלאַ־סע פנימלעך, זייערע דינע, פאַרטריקנטע פיסעלעך.

די פאַרביקע ווילעס באַדעקט מיט ווילדע ווײַנטרויבן האָבן זיי דערמאָנט די פאַרלאָזענע, פוסטע, צעררודערטע שטיבער, מיט די צע־פראַלטע שענק און צעוואָרפענע בעטן, די אַרויסגעשליידערטע זאַכן אויפן דיל, נאָר פון זייערע פאַרשטיינערטע הערצער האָט זיך אַפילו קיין זיפץ נישט אַרויסבאַקומען. טיף אין דער נשמה האָט געיאָמערט דער צער נאָך די פאַרלוירענע קינדער, נאָכן חורבן לעבן.

ווי אַ חוזק האָבן די לאַרעס באַגלייט די טענער פון ראַדיאָס און פּאַטעפאָנען.

אַרום האָט אַלץ געאָטעמט מיט זאַטקייט, רואיקייט, מיט „היים״. אויף אַ גלאַטיקן אַספאַלט־וועג האָבן זיך די לאַרעס געשטעלט, די פּאַס־טנס האָבן אַרויסגעפירט דעם טראַנספּאָרט, אויסגעשטעלט אין אַ צוג און לאַנג געגוי געציילט.

— אָפּ! — איז געפאַלן אַ באַפעל. דער טראַנספּאָרט האָט גערירט פאָראויס.

שפּאַנענדיק איבערן לאַנגן אַספאַלט־וועג, צווישן צוויי שורות ביימער, האָבן זיך די פרויען ביסלעכווייז באַרואיקט. די דאָרפישע שטילקייט, דער קלאָרער, דורכזיכטיקער הימל, האָט יעדעם האַרץ אָנגע־פילט מיט אַ האָפענונג.

איצטער וועט זיך אָנהייבן אַ נײַ לעבן — האָבן די פרויען גע־טראַכט בײַ זיך.

ערשט ווען פון דערווײַטנס האָבן זיך באַוויזן דראָטן, זענען אַלע אויפגעציטערט געוואָרן. די ערשטע רייען זענען שטיין געבליבן, ווי די פיס וואָלטן זיך נישט געוואָלט צורירן צו די צוימען.

— ביטע, ביטע — האָבן קאָמאַנדירט די פּאָסטנס, אין דעם אַ טויער...

— ווו זענען מיר? — האָבן געפרעגט די פּראָוויזאָרן אַ יונגן פּאָסטן, מיט אַ האַקן־קרייץ אויפן אָרעם.

— הער פּאָסטן, ווו זענען מיר? — האָבן די פרויען אונטערגע־כאַפּט — וואָס וועלן מיר דאָ טון? — האָבן זיי פאַרצווייפלט געשטאַ־מלט.

פּאַמעלעך, דערשלאָגן, האָבן געשפּאַנט די פרויען צווישן צוויי שו־רות דראָטן, ערשט פאַרבײַגייענדיק די גרין־געמאָלטע באַראַקן, פאַרהאָנ־גענע מיט ווײַסע פאָרהענגלעך, דערזעענדיק דורך די אָפענע פענצטער קליינע, רונדיקע טישלעך פאַרדעקטע מיט קלאָרע טישטעכלעך, די יונ־גע גוט־געפלעגטע מענער, האָבן זיי זיך באַרואיקט.

מסתמא איז דאָ נישט שלעכט, אויב זיי זעען אַזוי גוט אויס — האָבן אייניקע געטראַכט. — ווי עס זאָל נישט זײַן, וועלן מיר דאָ אַן אַרבעט געפינען, די צײַט אַדורכצושטופּן...

מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן וואַגאָנעטקעס מיט ביקסן.

— ביקסן! האָט די מאַמע פון די פיר טעכטער אויסגעשריגן, ווער ווייסט, וואָס זיי מיינען מיט אונדז דאָ צו טון.

— ס'איז קיין זאַך — האָבן זי די טעכטער באַרואיקט, דאָ איז

מסתמא א פאבריק אזאנע... אָבער דאָס איז אן ארבעט נאָר פאר מענער, זעסט דעם טארטאק ביים וואלד, מירן דאָרט זיכער אַרבעטן...

אַלע פרויען האָבן זיך פארקוקט אויפן וואלד, וואָס האָט זיך מיט־אמאָל באַוויזן. עס איז אַלע פריילעכער געוואָרן דערזעענדיק די גרינע ביימער.

די גאנצע צייט אין אָשוויענטשים האָט קיינער פאר זיך נישט גע־זען קיין גרעזל, קיין בלעטל, ווי די גאנצע נאטור וואָלט אויסגעשטאָרבן.

ביי איינעם פון די טויערן האָט א מיליטערמאן מיט א קרייץ אויף דער ברוסט באטראכט דעם טראנספּאָרט. צום יונגן מיידל מיט אן אויפשריפט „א. ל.״ אויף דער האנט, וואָס איז נעבן אים געשטאנען, מיט כעס א זאָג געטון:

— אזא שיים שיקט מען אויף אַרבעט, נישט געקענט זיך אליין מיט זיי אָפּפּארטיקן!

ביידע האָבן געקוקט אויף די שמוציקע, אָפּגעריסענע פרויען, ווי נישט געוווּסט, וואָס מיט זיי צו טון, ווו אהינטון.

— וואָס פארא אָרדענונג איז דאָס, איך וואָלט זיי צוריקגעשיקט, דאָנער־וועטער! — האָט ער כמעט אויסגעשריגן.

פאר א נידעריקער געביידע, אויף א פוסטן פעלד, האָט זיך גע־שטעלט דער טראנספּאָרט, גרופּנווייז אריינגעפירט געוואָרן אין א קליין נעבן־צימערל.

פון די צימערן זענען די פרויען אַרוים מיט פלאַמען אויף די באקן, געציטערט פאר שאנדע.

...א דאָקטאָר זוכט גאָלד... בריליאנטן... — האָבן זיי שטיל אי־בערגעגעבן די אנדערע.

— ווען איך וואָלט דערפון געוווּסט, וואָלט איך זיך געוואָרפן אונ־טער די לאָרעס — האָט איינע פון די פרויען געזאָגט: אז מען איז נישט קיין מענטש, דארף מען נישט לעבן!

— זיי א פלעק און א שאנדע — האָט סאָניע א צערודערטע אויס־געשריגן. — זאָל נאָר איינע פון אונדז איבערלעבן, וועט די וועלט דער־פון קלינגען!

די מאמע פון די פיר טעכטער האָט איבערן גאנצן וועג געהאלטן

אין א שטיקל ברויט איינגעקנאָטן א פאָטאָגראפיע און א רינגל מיט א בריליאנט.

מיטן רינגל אין דער האנט איז זי צו צו איינער פון די פוילישע אָרדנערינס, אָנגעכאפּט זי פאַר דער האנט בעטנדיק:

— נעם דעם רינג און באהאלט די פאָטאָגראפיע, דאָס איז מיין איינציקער זון... איך וועל אייך אפשר אמאָל אָפּדינען...

די אָרדנערין האָט גלייכגילטיק צוגענומען דעם רינג און אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן פאָרזיכטיק געזאָגט:

— איך וואַרט אויף אייך ביי דער טיר פון אַרויסגאַנג... און שטילער צוגעגעבן: — קיינער דאַרף דערפון נישט וויסן... א פאָטאָגראפיע איז אַ דאָקומענט!...

די „מאַמע" איז צוריק אין רייע, מיט די טעכטער צוגעשטופּט זיך צו דער טיר פון צימערל, רואיק אריינגעגאַנגען, די ערשטע אַרויף אויפן טיש...

עס איז איר אַלץ איינס געווען, וואָס עס וועט פאָרקומען, זי האָט געוואָלט וואָס גיכער אַרויס, צוריקנעמען די פאָטאָגראפיע, וואָס איר זון האָט איר צום לעצטן מאָל צוגעשיקט פון אוראַל. נאָר ווען זי איז צוגעקומען צו דער טיר, איז זי שטיין געבליבן, ווי דאָס לשון וואָלט איר אָפּגענומען געוואָרן, שטום פאַרבראָכן ביידע הענט, קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

ביי דער טיר איז קיינער נישט געשטאַנען...

גיך איז דער טראַנספּאָרט אויסגעבאָדן און אָנגעטון געוואָרן, אויסגעשטעלט אין א לאַנגן צוג געשפּאַנט צו דער יידישער טייל פון לאַגער. דערזעענדיק וועש טרוקענען אויף די דראָטן, האָבן די פרויען געטראַכט ביי זיך:

— סאַראַ שאָד, אז אזוי פיל איז דאָרט אין לאַגער געבליבן, דאָ וועט זיין בעסער ווי אין געטאָ...

אנדערע האָבן צופרידן אויסגעשריגן:

— קוקט וואָס טיילט מען דאָ! העמדער! האַנטעכער!

ביים אָנקומען פון טראַנספּאָרט זענען די פרויען אַרויסגעגאַנגען פון די באַראַקן, נייגעריק אויסגעפרעגט:

— וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה?

— מיר ווייסן גאָרנישט... האָבן אייניקע מיידלעך אָפּגעענטפערט.

— מען רעכנט, אז די מלחמה ענדיקט זיך אין גיכן.

- זאָל גאָט געבן... מיר זאָלן נאָך צוריקקומען קיין פּראַג... ווייסט איר נישט, צי עס לעבט אונדזער בענעש? — האָבן די פרויען אויך גיך אויסגעפרעגט?

— וואָס טוט איר דאָ? — האָבן די מיידלעך פון דער רייע אויסגעשריגן, סארא מענטשן זענען דאָ?

— וואָס זאָלן מיר טון? — האָט אַ פרוי ווי אן עכאָ איבערגעפרעגט. מיר טוען קיין זאך נישט. איר ווייסט וווּ איר זענט געקומען? איר זענט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער „שטוטהאָף".

— מיר זענען אויף ארבעט געקומען! — האָבן עטלעכע איבערראַשט צוריקגעשריגן — איז דאָ אַ לאַגער? אַ לאַגער!

די „גראָבע" איז אַרויס פון דער רייע, צוגעלאָפן צו איינעם פון די מענער און אין איין אָטעם מיט געבראָכענעם דייטש אַ פרעג געטון?

— איך בעט אייך... ביטע, זאָגט מיר: גיט מען דאָ צו עסן?...

דער מאַן מיט געשטרייפטע הויזן מיט אַ לאַנג אויסגעדארט פּנים האָט פון קאָפּ ביז די פיס אויסגעמאָסטן די „גראָבע" און מיט אַ ביטערן שמייכל געענטפערט:

— מאַדאַם! איר וועט דאָ אינגיכן אייער גוטן אַפּעטיט פארלירן... נאָכאַמאָל זי אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן און צעלאַכט זיך אויפן קול.

פאַרנאַכט איז דער טראַנספּאָרט אריינגעפירט געוואָרן אין אַ באַראַק, צו 150 מענטשן צעטיילט געוואָרן אין באַזונדערע שטיבלעך.

די פרויען האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן ריין געוואַשענעם דיל, גליקלעכע, וואָס נאָכן גאַנצן טאָג מאַרשירן, קענען זיי רואיק אויסציען די געשוואָלענע פארמאַטערטע פיס. זיי האָבן אויף די קאַנען מיט וואַסער, וואָס די אָרדנערינס האָבן אריינגעבראַכט, אַ וואָרף געטון זיך, איינע די צווייטע אַרויסגעריסן די טעפּלעך פון די הענט, געטרונקען פולע קריגן, נישט געקענט זיך באַרואיקן, איינשטילן דעם דורשט. די אָרדנערינס זעענדיק די פאַרחלשטע פרויען, זייערע צעבריענטע פּנימער און אויסגעלאָשענע אויגן, האָבן זיך דערמאַנט זייער וועג אין לאַגער אין די

גשלאָסענע וואגאָנען, מיט הילפס־גרייטקייט אויפגענומען די פרויען. נישט קענענדיק זיי באַרואיקן, אַריין אין כעס, גענומען גיסן אויף זיי עמערס וואסער שרייענדיק:

— וואָס זענט איר אַזוי אַרויס פון די כלים? — ווי איר וואָלט אַ יאָר נישט געגעסן און נישט געטרונקען. איר האָט זיך נישט אויף וואָס צו באקלאָגן, איר זענט געקומען מיט גאנצע ברויטן, דאָ גייט מען אויס פאַר אַ ביסן...

מיט אַ מענערישן טריט איז אין דער שטוב אַריינגעקומען אַ יונגע פרוי מיט אַ שטרענג פּנים, געשוירענע האָר. זי האָט אַ ווײַלע באַטראַכט די פרויען אויסגעזעצטע אויף די שטרויזעק און רואיק, צאַרט אָנגעהויבן רעדן:

„יידישע פרויען... שוועסטער מיינע... איך ווייס וואָס איר האָט מיטגעמאכט, פון וואַנען איר קומט... אייערע אויגן דערציילן מיר אַלץ... נאָר זייט נישט פאַרצווייפלט. דאָ וועט איר זיך אויסרוען, אַביסל אָננעמען כוח. איך בין באַשטימט געוואָרן פאַר אייער שטובן־עלטסטע. אונדזער בלאָק־פירערין איז אַ סטודענטקע פון מאָסקווער אוניווערזיטעט... זי שלאָגט נישט, ווען אַפילו אַ מענטש פאַרשולדיקט זיך. איר זאָלט זיך האַלטן חבריש, שוועסטערלעך אַרויסהעלפן די שוואַכערע. נישט באַגנבענען, נישט באַרעדן. איר זאָלט וויסן זיין, אַז יעדן פאַל פון גנבענען ברויט, וועל איך שטרענג באַשטראָפן, אָן רחמנות! אויב אין אונדזער שטוב זענען דאָ עלטערע פרויען, זאָלט איר זיי אָפּגעבן דרך־ארץ, אָפּטרעטן אַ גוט אָרט אויפן שטרוי־זאַק, צולאָזן צום עסן אָן אַ רייע... געדענקט, אַז אין אונדזער טראַדיציע גיט מען פון שטענדיק אָפּ כבוד די עלטערע. מיר מוזן אויסבאַהאַלטן די שוואַכע, די קראַנקע, די יונגטלעכע, האַלטן זיך שטאַלץ און מוטיק. אונדזער פאָלק האָט אַ סך שווערע צייטן מיטגעמאַכט און נישט בלויז אַ פאָלק געבליבן, נאָר עם־הספר. מירן דאָס אויך איבערקומען".

די פרויען האָבן יעדעס וואָרט אײַנגענומען אין זיך, מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט געקוקט אויף דער אָרדנערין, ווי געוואָלט דאַנקען פאַר וואַרעמע מענטשלעכע ווערטער.

מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען די פרויען געזעסן, געשלונגען די טרערן.

— ווי עס זאָל נישט זיין, זענען מיר צווישן אייגענע, מען הערט אַ יידיש וואָרט... — האָבן זיי ביי זיך געטראַכט.

מען האָט אַריינגעבראַכט ברויט מיט קאַווע.

נישט דערעסן, האָבן זיך די פרויען אויסגעצויגן אויף די שטרויזעק, מיט די געדאַנקען צוריק אין די היימען, צו די אייגענע, צו די פאַרלוירענע.

צום ערשטן מאָל זייט חוה האָט איר היים פאַרלוירן, האָט זי באַנומען דעם גאַנצן גרויל פון איר און אַלעמענס לעבן. ליגנדיק אויפן שטרויזאַק האָט זי גערופן אין זכרון די ברידער, געוואָלט אַרויסרופן דאָס בילד פון דער היים אויף אַננעמען כוח, פאַרגעסן פון אַלעמען.

יוי ווייטער הלום האָבן זיך איר אויסגעוויזן די מאָלצייטן בעת די יום־טובים. די העל־צעברענטע ליכט אויפן ווייס־געדעקטן טיש... ווען איז דאָס געווען, ווען? — האָט זי זיך אליין געוואונדערט, אַז אַזוי גיך איז אַלץ חרוב געוואָרן. אפשר זענען קיינמאָל נישט געווען די מנוחה־דיקע פרייע טעג אין דער היים. די היציקע שמועסן צווישן זעליקן און אביגדורן? וועגן וואָס האָבן זיי זיך אַרומגעריסן? וועגן ארץ־ישראל, וועגן רעוואָלוציעס? ווו זענען זיי? וואָס איז מיט זיי געוואָרן, האָט געצאַפּלט אין איר דאָס האַרץ. איז דער טאַטע טאַקע אומגעקומען אין אָשוויענטשים? ער, וואָס האָט אַזוי געבענקט צו דער פרייהייט, דער גוטער, שטענדיק גלויביקער טאַטע? און איך האָב אים קיינמאָל קיין ליבע נישט אַרויסגעוויזן — האָט חוה ביי זיך מיט ווייטיק געטראַכט, געווען פאַר אים אַ פאַרשלאָסענע, ווי אַ פרעמדע. פון אַלע מחשבות איז אַלץ חוה צוריקגעקומען צום בילד פון דער מאַמען, אַזוי ווי זי האָט זי צום לעצטן מאָל ביי דער „ראַמפּע" געזען.

—איז דאָס מעגלעך, מיר זאָלן שוין קיינמאָל נישט זיין צוזאַמען? — האָט זי געפרעגט די פינצטערע נאַכט. — איז אַלץ שוין אומגעברענגט, חרוב? און הינטער די דראָטן איז די זעלבע וועלט ווי געווען... מענטשן לעבן רואיק אין זייערע היימען; און אויב אויף פעלדער קומען אום טויזנטער, שטאַרבן זיי ווי מענטשן — אין קאַמף! איך וועל קיינ־

מאָל נישט קע ען נקמה נעמען... דאָ וועל איך פארבלייבן, יעדן טאָג, יעדע שעה שטאַרבן ביסלעכווייז. ווייטער וועלן זיין פרילינגס צעבלי־טע, זומערס ליכטיקע און הייסע! נאָר איך, מיר אלע, וועלן נישט זיין! און פאַרוואָס קומט אונדז אזא אונטערגאנג אזא אויסראָטונג? זאָלן זיי אונדז אויסשיסן, צו וואָס האלט מען דאָ אונדז אלע? אויסשיסן, און אַ סוף זאָל נעמען! — האָט זי געוואָלט שרייען איבערן פינצטערן באראק צו די פארשמאכטע, פארשלאָפענע פרויען.

ער וועט הייסן מנחם

נאָך דעם וועג אין די געשלאָסענע וואַגאָנען האָבן זיך די פרויען געפילט אין שטוטהאפער לאַגער, ווי אין אַ מקום מנוחה. נאָך די „אַפּעלן" גאַנצע טעג געלעגן אויפן זאַמד פאַר די באַראַקן, געשלאָפן אָדער געשמועסט. ביסלעכווייז זיך באַרואיקט, ווי נאָך אַ שווערער קרענק פאַמעלעך אויפגעוואַכט צום לעבן. ווען עס זענען אָבער אַדורך עטלעכע טעג און קיינער פון זיי איז נישט גערופן געוואָרן צו קיין אַרבעט, האָבן זיי זיך ווי פון חלום אויפגעכאַפּט, אומרואיק אָנגעהויבן אויסצופרעגן:

— וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם ליגן? ווי לאַנג קען מען אַזוי אָפּקומען טעג? אין אַשוויענטשימער לאַגער זענען די פרויען אַזוי איבערראַשט און דערשראָקן געווען, אַז אַ סך פון זיי, האָבן נישט געקענט פאַרנעמען קיין עסן. די זופּן אָפּגעגעבן פאַר אַנדערע. דאָ האָט מיטאַמאָל אַלע אַזאַ הונגער און שרעק פאַרן הונגער אַרומגענומען, אַז אַלע געפילן און געדאַנקען זענען פאַרטעמפּט, ווי אָפּגעשטאָרבן געוואָרן. צוגעפירט צו היסטעריע, צו משוגעת. די שטובן־עלטסטע, רות, האָט געפּרוווט די פרויען באַרואיקן, צוגעבן זיי מוט. יעדן טאָג אַריינגעבראַכט ידיעות פון די פראָנטן, וואָס אירע באַקאַנטע האָבן איר איבערגעגעבן דורך די דראָטן.

די ערשטע ידיעות האָבן די פרויען אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, אָבער שוין נאָך עטלעכע טעג אָנגעהויבן צווייפלען אין דער אמתדיקייט פון אירע רייד, אין די ווינקלען געחוזקט:

— אונדז שפּייזט זי מיט רעדעס, מיט פּאָליטיק! נצחונות... און פאַר זיך באַהאַלט זי פולע טעפּ מיט זופּ, גאַנצע ברויטן!

די שטובן־עלטסטע האָט פאַר די שוואַכערע פרויען אויסגעפּועלט צוגאָפּ־זופּן ביי די טיילערינס. נאָר דאָס האָט אַלע נאָך מער צערייצט. וואָס אַמאָל דרייסטער האָבן זיי גענומען טומלען:

— נאָר די שוואַכע דאַרף מען ראַטעווען? די געזונטע קענען אויס־שטאַרבן? און דאָס הייסט יושר?

ביים ברויט פאַרטיילונג צוריקגעוואָרפן די פּאַרציעס שרייענדיק:

— דערפון קענען מיר נישט לעבן, טוט בעסער אינגאַנצן נישט טיילן! גאָרנישט!

— מיר ווילן אַרבעטן! מירן גיין מיט אַ דעלעגאַציע צו דער לאַ־גער־עלטסטע — האָבן אַנדערע צוגעוואָרפן.

געדולדיק האָט רות אויסגעהערט אַלע טענות פון די פרויען און גענומען זיי מוסרן:

— איר דאַרפט זיך גליקלעך פילן, איר האָט שוין פאַרגעסן, ווי איר האָט אויסגעזען, ווען איר זייט דאַ געקומען. קיינער פון אונדז האָט נישט געגלויבט, אַז איר וועט זיך צוזאַמענעמען אויפלעבן. היינט האָט איר דאָך שוין אַ לעבעדיקן פונק אין די אויגן, אַ מענטשלעכן אויסזען. איר פילט דאָך אַפילו נישט, אַז איר זייט אין אַ לאַגער! גאַנצע טעג לייגט איר זיך אויף דער זון, רוט זיך אויס... אוודאי, אַז עס איז צו ווייניק דאָס עסן, אָבער אין אַנדערע לאַגערן אַרבעטן מענטשן צו 15 שעה אַ טאָג ביי דער זעלבער דערנערונג! איר פאַרגעסט אין וואָס פאַרא צייט איר לעבט! וואָס מיינט איר, אַז אין אַ לאַגער קען מען גיין מיט דעלעגאַציעס?!

— די לאַגער־עלטסטע איז אַ רוסישע, זי וועט אונדז גאָרנישט טון! — האָבן רותן עטלעכע פרויען איבערגעריסן, מירן זי בעטן אַר־בעט אין דער קיך, אָדער ביים רייניקן די קלאָזעטן...

— איר רעדט ווי קינדער! — האָט זיך אויפגערעגט רות. — אין דער קיך אַרבעטן די „רוסקעס". ביי די קלאָזעטן אַרבעטן נאָר פּוילישע מענער. מיר קענען דאָ צו קיין אַרבעט נישט אָנקומען! וואָס טומלט איר אַזוי פיל? ווי לאַנג זייט איר אין גאַנצן אין לאַגער? איך קען מענטשן, וואָס זענען שוין צו 3־4 יאָר אין די לאַגערס, און זיי רייסן נישט אין קיין וועלטן! ווייסט איר נישט דערפון, אַז אין דער אַדמי־

ניסטראַציע פון אַלע לאַגערס אַרבעטן נאָר קרימינעלע פאַרברעכער, דע־גענעראַטן, מוסרים! איר ווילט שורע זאָל צוטראָגן דעם „אָבער־שאַר־פירער", אַז די יידן בונטעווען זיך? אַז עס גאָפעלט זיי דאָ נישט? אַ דע־לעגאַציע הייסט אויפשטאַנד! איר ווייסט וואָס קומט דערפאַר? לאָזט זיך נישט העצן, נישט פּראָוואָצירן, מיר קענען בעסער די לאַגע... נישט שורע, נישט קיין אַנדערער קען אייך העלפן...

— מירן גיין צו איר, מירן איר דערציילן, אַז מיר קומען פון געטאָ, מיר קענען שוין נישט מער — האָבן די פרויען זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי זייער באַשלוס. — מען דאַרף נאָר וויסן, ווי אַזוי צו רעדן צו איר, — האָבן זיי געטענהט.

רות האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי זי וואָלט מיט זיך אַליין געפירט אַ קאַמף און שטיל אָנגעהויבן דערציילן, וואָס פון שורען איז אין לאַגער געוואָרן, ווי אומרחמנותדיק זי שלאָגט די ווייבער, ווען עס באַפאַלט זי איר מרה־שחורה, וויפיל קראַנקע זי האָט געשיקט אין „קוימען". נאָר איין זאַך מוז איך צוגעבן — האָט זי ווייטער געצויגן, — טייל מאָל איז שורע גערעכט. איך געדענק, ווען מיט אַ צייט צוריק איז אָנגע־קומען קעז פאַר די באַראַקן און די אָרדנערינס האָבן צו קליינע פאַר־ציעס פאַרטיילט, האָט שורע אַלע אָרדנערינס באַשטראָפט. אַ גאַנצע נאַכט געלאָזט זיי שטיין אויף אַ „שטראָף־אַפּעל". די אָרדנערינס האָבן איר צוגעשיקט אַ רינג מיט אַ בריליאַנט, אַ גאָלדן זייגערל, נאָר שורע האָט דאָס אַלץ צוריקגעשיקט. צונעמען נישט געוואָלט. אַ גאַנצע נאַכט זענען די אָרדנערינס געשטאַנען אויף אַ רעגן, ערשט באַגינען האָט זי זיי אָפּגעלאָזט. שווער צו רעדן וועגן שורען — האָט רות פאַרענדיקט — איך מייד זי אויס, טייל מאָל איז זי מענטשלעך, טייל מאָל אַ ווילדע, צערייצטע חיה. איר מוזט זיין געדולדיק, האַלטן זיך...

— זיין געדולדיק! — האָבן די פרויען מיט האַס אויסגעשריען. — מיר האָבן פינף יאָר געהונגערט און שווער געאַרבעט! איר זייט געקומען פון ליטע, איר האָט נישט מיטגעמאַכט אַזאַ געטאָ! איר האָט גאָרנישט געפילט...

רות האָט זיך אויפגעהויבן פון שטרויזאַק, קאַלט און פרעמד אַ קוק געטון אויף אַלע און שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון צימערל.

אין דער שטוב איז געוואָרן אַ טומל. די מערהייט פרויען איז באַפאַלן די, וואָס האָבן אויפגערעגט די שטובן־עלטסטע. גענומען זיך קריגן, שרייענדיק:

— וואָס וועט איצטער זיין? רוט איז אין כעס, מען דאַרף זי איבערבעטן... זי וועט נאָך אונדז אַריינשיקן אַן אַנדערע שטובן־עלטסטע!

— וואָס האָבן מיר מורא צו האָבן? אַלץ איינס אַ הונגער־טויט — האָט געקלאָגט אַ מיידל פון אַ ווינקל. — מיר זענען פאַרלוירענע...

דער טומל איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. איינע האָט געשריגן איבער דער צווייטער. אויפן רעש איז אָנגעקומען פרומקע די „פּאָליציאַנטקע". אָפטמאָל פלעגט מען זי רופן אויך פרומקע די „פּאַרטיזאַנקע", ווייל זי האָט שטענדיק דערציילט וועגן די ליטווישע פּאַרטיזאַנער. זי איז געווען אַ נידעריק, לעבנסלוסטיק מיידל. צו יעדן געהאַט אַ פריינדלעך וואָרט, אַ שמייכל. אָפט מאָל פלעגט זי אַרומגיין איבער די באַראַקן, געפירט שמועסן מיט די פרויען, דערציילט וועגן אויפשטענדלער, וועגן פּאַרטיזאַנער. די פרויען האָבן זי פון ערשטן אויגנבליק ליב באַקומען, צוהערנדיק זיך צו אירע דערציילונגען, דערמאָנט זיך דאָס פאַרגאַנגענע לעבן, די אַמאָליקע וועלט. אויפסניי אָנגענומען אין זיך דעם גלויבן אין מענטש, אין נייעם מאָרגן. זיי האָבן געפילט אין איר אַ כוח און קוקנדיק אויף איר, איינגענומען אין זיך דעם פלאַם פון אירע אויגן, געשטאַרקט זיך מיט איר זיכערקייט און פעסטקייט. עס איז גענוג געווען זי זאָל זיך באַווייזן אויף אַ שוועל פון אַ צימערל, אַז די פרויען זאָלן אויפגעהייטערט ווערן אין דערוואַרטונג פון אַ גוטער ידיעה.

אַריינקומענדיק אין צימערל, האָט פרומקע אַ וווּנק געטון צו איינער פון די מיידלעך, זי זאָל זיך שטעלן פאַר דער טיר „אויף זעקס" און מיט איר ליבלעכער, וואַרעמער שטים אָנגעהויבן:

— פרויען, די מלחמה איז אין פולן ברען... די מענער זאָגן, אַז מיר וועלן אין גיכן אויסגעלייזט ווערן!

ביי די פרויען האָבן אויפגעפלאַמט די אויגן, די פּנימער צעשטראַלט, ציטערדיק האָבן זיי גענומען אויספרעגן:

— ווען זיי אונדז אין דער לעצטער שעה נישט אומברענגען, אָדער ערגעץ ווו אַרויספירן?...

— איצט איז עס אַנדערש — האָט פּרומקע באַראַיקט די פרויען,
— זיי האָבן שוין אַ ביסל מורא... עס איז שמאָל אויף די פראָנטן!

פון אַלע דערציילונגען פלעגט זיך שטענדיק פרומקע אומקערן צו אַ שמועס וועגן פּאַרטיזאַנער. אומדערמידלעך האָט זי דערציילט, ווי אַזוי צינדליקער מענער, מיידלעך און בחורים פון קאָוונע, האָבן געזאַמלט געווער, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ אין די וועלדער.

די פרויען האָבן געגלאָצט מיט די אויגן פאַרווונדערט. צום ערשטן מאָל האָבן זיי געהערט וועגן פאַרטיזאַנער, נישט דרייסט צוגעוואָרפן:

— מיר וואָלטן אויך נישט געלאָזט אַזוי זיך אַרויספירן... נאָר אונדזער געטאָ איז אָפּגעשניטן פון דער וועלט געוואָרן, נישט געווען וווּ צו לויפן!

— כ׳וויים, כ׳וויים — האָט פרומקע מיט אַן ערנסט אומעטיק פנימל ווייטער געצויגן, — עס איז אונדז זייער טרויעריק, נאָר מיר טאָרן נישט פאַרצווייפלט ווערן! מיר מוזן זען די צייט אָפּקומען, נישט ברעכן זיך. איר דאַרפט אַזוי אָרגאַניזירן די טעג, עס זאָל אייך נישט זיין אַזוי לאַנגווייליק... צווישן אייך איז דאָ אַ סך געלערנטע פרויען, דערציילט זיך ביכער, פּיעסעס, פילמען. געדענקט, אַז דער מענטש שטאַרבט נאָר דאַן, ווען ער הערט אויף צו טראַכטן. דאָס ווילן זיי! מיר זאָלן ווערן חיות, אַליין זיך אויספרעסן! נאָר מיר וועלן זייער חורבן נאָך זען... געדענקט מיינע ווערטער! עס קאָן אין גיכן קומען אַ מאָמענט, איר זאָלט קענען אַ סך אויפטון... נאָר וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן.

— זי האָט יעדעס פנים פאַרזיכטיק באַטראַכט, ווי געוואָלט פון יעדערער אַרויסלייענען די נשמה, לאַנג דערציילט וועגן לעבן פון רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען גאַנצע יאָרן אָפּגעזעסן אין טורמעס, וועגן העלדישע פרויען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די פרויען האָבן זיך מיט באַגייסטערונג צוגעהערט צו פרומקעס רייד, נאָר פון צייט צו צייט האָט ווער אַריינגעוואָרפן:

— אַלץ איז אַן אמת, אָבער די אַלע מענטשן זענען דאָך אין די טורמעס געגאַנגען פאַר אַ ציל, צו וואָס זיצן מיר דאָ?

די שווערע כמאַרע, וואָס איז געהאַנגען איבערן צימערל איז צע־

רונען. פרומקע האָט אָנגעהויבן זינגען אַלטע יידישע פאָלקס־לידער, ליט־ווישע און רוסישע. אַלע האָבן אויפגעלעבט, געגומען שטיל אונטערזינגען.

פון אַ זייט האָט פרומקען חוה באַטראַכט. געשלאָגן זיך מיט די געדאַנקען, צי זי זאָל בעטן ביי איר, זי זאָל סאַניען אַרויסנעמען פון זאַכעס באַראַק אָדער אפשר נאָך אָפּוואַרטן אַ צייט? ווער איז זי, די פרומקע, וועלכע אַלע רופן די „פּאַרטיזאַנקע"? צי איז אמתדיק דאָס אַלץ וואָס זי רעדט און אפשר?...

חוה האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון באַראַק, אָפּגעוואַרט פרומקען ביי דער טיר, מיט נישט זיכערע טריט איר נאָכגעגאַנגען און שטיל אָנ־געהויבן:

— איך דאַרף מיט אייך רעדן...

— אָ, ווי סודותפול! — האָט זיך פרומקע צעלאַכט, — מילא רעדט מען...

— עס גייט נישט וועגן מיר, איך בין דאָ מיט אַ חברטע געקומען — האָט חוה אומזיכער אָנגעהויבן, — זי איז אָפּגעטיילט געוואָרן... אַריין אין זאַכעס באַראַק, זי שוואַנגערט...

— וואָס פאַרא אָרעמע, סאַראַ אומגליקלעכע! — האָט פרומקע מיט באַדויער אויסגערופן. — פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל זי אַרויסנעמען פון דער שלעגערין, נאָר אין שפּיטאָל איז שווער אָנצוקומען... עס פעלן אינסטרומענטן — און שטילער צוגעגעבן, — ס'קינד דאַרף נישט גע־בוירן ווערן, זיי וועלן עס סיי ווי סיי צונעמען...

— זי וויל עס האָבן — האָט חוה קוים דערהערבאַר געזאָגט און אַ פאַרוווּנדערטע דערהערט איר אייגענע שטים:

— מיר האָבן פאַרשידענע פּלענער, מיר מיינען אַוועק אין וואַלד...

פרומקעס אויגן האָבן אַ פלאַטער געטון, זי האָט חוהן פעסטער אָנגענומען פאַר דער האַנט און ציטערדיק אָנגעהויבן רעדן:

— עס איז נאָך נישט די צייט, דער וואַלד וועט ווערן אַ מקום... איך בין אין דעם זיכער, די פּאַרטיזאַנער וועלן זיך דאָ אַריינרייסן... נאָר דערווייל ליגן די ס.ס.־לייט אין די גריבער מיט געווער אין די הענט, דער וואַלד איז מינירט! מירן נאָך צוזאַמען...

חוהן איז אַ כוואַליע וואַרעמע געפילן אַדורך. הייסט, אַז פרומקע

איז אַן אייגענע, אַ פּאַרטיזאַנקע! און איך האָב געצווייפלט אין איר — האָט זי געטראַכט ביי זיך אַ פאַרשעמטע.

— וואַרט אויף מיר פאַרנאַכט, פאַרן באַראַק האָט פרומקע אַ ווונק געטון צו חוהן. חוה האָט מיט דעם זעלבן בליק געענטפערט.

ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען און ווי ס׳וואָלט צווישן זיי גאָרנישט פאָרגעקומען, גלייכגילטיק זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

פאַמעלעך האָט חוה זיך דערנענטערט צו זאַכעס באַראַק, פאָרזיכ־טיק אַריינגעקוקט דורכן פענצטער.

אויפן דיל אונטערן פענצטער איז געלעגן סאָניע, איר פּנים איז געווען דאַר און אויסגעצויגן, באַדעקט מיט געלע פלעקן.

— סאָניע, סאָניע — האָט חוה שטיל אַריינגערעדט אין פענצטער, — מיר וועלן נאָך היינט זיין צוזאַמען! אין איין באַראַק...

סאָניע האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, הילפלאָז זיך איינגעקוקט אין חוהן און דאָס פּנים מיט ביידע הענט פאַרשטעלט.

פאַרנאַכט איז פרומקע צוגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט מיט אַן עלטערער פרוי. שווייגנדיק איז איר חוה נאָכגעגאַנגען.

די פרוי האָט ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד געקלאַמערט זיך אין פרומ־קעס הענט, אַן אויפהער געפליסטערט:

— איר זייט אַ ליכטיקער מלאך... איר האָט מיך געראַטעוועט! אַרויסגענומען פון טויטן־בלאָק! איך האָב אַ זון אין לאָנדאָן, ער וועט אייך אָפּדינען, באַצאָלן... און ווידער אַרויס מיט אַ געוויין: איך בין איצט אַ גליקלעכע, אַרויס פון טויטן־בלאָק! אַרויס...

אין גרויסן זאַל, אַ פול געפּאַקטן מיט פרויען, האָט קיינער נישט באַמערקט, ווי סאָניע האָט זיך אויפגעשטעלט פון איר שטרויזאַק און אויף איר אָרט האָט זיך אוועקגעזעצט די פרוי וואָס איז מיט פרומקען אַריין, ווי קיין מאָל גאָרנישט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון באַראַק.

ביי דער טיר האָט זיך סאָניע געוואָרפן פרומען אויף דעם האַלדז, דורך טרערן קוים אַרויסגערעדט:

— איר האָט מיך געראַטעוועט! איך בין אַ גליקלעכע, אַ גליקלעכע!

אַ צעטומלטע צוגעפאַלן צו חוהן, אָנגעהויבן דערציילן, ווי זאַכע הרגעט די ווייבער, ווי זי גיסט אויף זיי פולע עמערס וואַסער פאַרן

שלאָף. — איך זאָג אייך, זי וועט זיי אַלע אויספּאַרטיקן — האָט סאָניע אויסגעשריען מיט ווייטיק און באַגאָסן זיך מיט טרערן. זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין די רייד, נישט געפונען קיין ווערטער, ווי אַזוי זיי צו באַדאַנקען.

ביינאַכט אויפן שטרויזאַק, צוגעטוליעט צו זיך, האָבן זיי שטיל געפּליסטערט:

— ווייסט — האָט סאָניע אַריינגערעדט חוהן אין אויער, — איך וועל דאָס קינד זיכער האָבן. די דאָקטערין אין אָשוויענטשים האָט מיר געזאָגט, אַז אין לאַגער קען נישט געבוירן ווערן קיין קינד, נאָר מיר זענען צו דער צייט אַוועק... הערסט חוהלע, דאָס קינד לעבט, איך פיל עס! מיר וועלן אַ פּאָר טעג רוען און ביינאַכט אַנטלויפן... מען דאַרף נאָר אַריבערגיין איבער די דראָטן! אין אָשוויענטשים, פאַרשטייסטו, זענען געווען אַרום פּוסטע, ברייטע פעלדער. יעדן מענטש האָט מען באַלד געקענט זען... דאָ דאַרף מען זיך נאָר צוקלייבן צו די קוסטעס! דער וועג צום וואַלד וועט מער נישט דויערן, ווי אַ האַלבע שעה! עס איז נאָך וואַרעם, מען קאָן אַ צייט שלאָפן אין וואַלד. מיר וועלן שוין געפינען אַ פּויער ווו זיך אויסצובאַהאַלטן... ער וועט אונדז אָן אַרבעט געבן... ס'קינד וועל איך ביי די פּויערים אויסבאַהאַלטן — האָט זי ווייטער געצויגן אין דער שטילקייט. — אפשר וועל איך מיין מאַן געפינען, וועל איך אים ברענגען אַזאַ מתנה... און אויב איך וועל אים מער שוין נישט טרעפן, האָב איך זיין קינד, אַ ציל אין לעבן. אָן דעם איז אַלץ פּוסט, אָן אַ זין... חוהלע, עס דוכט זיך מיר, אַז כ'וועל האָבן אַ ייִנגעלע, מנחם וועט ער הייסן — מנחם דער טרייסטער...

חוה איז לעבן איר געלעגן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

אין שאָטן פון ביימער

עס איז געווען איינער פון די לעצטע האַרבסט־טעג. די זון האָט מיט שטראַלן געגלעט, געצערטלט די פּנימער פון פרויען און אָנגעפּילט זייערע הערצער מיט אַ פריידיקער האָפענונג.

אויסגעזעצט אויף די שטרויזעק האָבן זיי מיט בענקשאַפט אַרומ־געקוקט אויפן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס די צוימען. דער וואַלד האָט געשטילט און באַרואיקט, געוועקט זכרונות און צעוויגט אין טרוימען.

די פרויען האָבן זיך איינציקווייז צו זיך צוגעווינט, באַפריינדעט, יעדעס „פינפטל" איז משפּחהדיק נאָענט געוואָרן. אויסגעזעצט אויף די שטרויזעק האָבן זיי זיך דערציילט וועגן זייערע היימען, מענער און קינדער, וועגן דער אַרבעט אין „שאָפּן", דערמאָנט די פאַרמלחמהדיקע צייטן, די פאַרערעס, די וויעטשאָרינקעס, זומער אויף די דאַטשעס און אַליין נישט געגלייבט אין דעם, אַז דאָס אַלץ איז אַמאָל אויף דער וואָר געווען.

מיט אַ פאַרבענקטער שטימע האָט אַ מיידל אין איר „פינפטל" גערעדט צו אירע חברטעס:

— ווען איך קוק זיך אַרום ווי מיר זעען אויס, ווילט זיך מיר נישט גלויבן, אַז מיר זענען אַמאָל מענטשן געווען, נאָר די ביימער דער־מאנען אַן אַנדערע וועלט, אַנדערע צייטן... — איר קול האָט אויפגעע־לעבט, ווי זי וואָלט זיך פּלוצים עפּעס פריידיקס דערמאָנט און אויס־גערופן מיט באַדויער:

— עה, פרויען, ווען עס איז געווען אַ וועלט, האָב איך נישט

פאַרשטאַנען ווי אַזוי מ׳דאַרף לעבן... איצטער פאַרשטיי איך אַלץ אָנ־דערש, זאָלן מיר נאָר ווערן אויסגעלייזט פון דאַנען — — —

— אונדזער לעבן וועט שוין קיין ווערט נישט האָבן, ווען מיר וועלן אַפילו באַפרייט ווערן — האָט טרויעריק אַריינגעוואָרפן אַ צווייטע. — וווּ וועלן מיר זיך אַהינטון, אַז אַלץ איז צעטריבן, חרוב...

— היינט דאַרפן מיר נישט טראַכטן וועגן דעם אַלעם — האָט זיך אָנגערופן אַ מיידל פון אַ נעבן פּינפּטל, וואָס האָט זיך פון דער־ווייטנס צוגעהערט צום שמועס. — דער עיקר איז דערלעבן צו דער נקמה... זען ווי זיי וואַלגערן זיך אויף די וועגן, זען זייער בראָך!

— און איך טראַכט גאַנצע טעג, צוליב וואָס האַלטן זיי דאָ אונדז — האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערע פרוי. — טייל מאָל דוכט זיך מיר, אַז זיי וועלן אונדז אַרויסשיקן אויף שווערע אַרבעט אין די פאַבריקן, אָדער קוילן־גרובן, טייל מאָל דוכט זיך מיר, אַז נאָך דער מלחמה וועלן זיי אונדז אויסטוישן פאַר דייטשע קריגס־געפאַנגענע... כ׳ווייס אַליין נישט ווי אַזוי דאָס אַלץ פאַרשטיין, עס מוז דאָך זיין אין דעם אַלעמען אַ זין, אָדער אפשר האָבן זיי שוין מורא אונדז אַלע „אויסצופּערטיקן״?

— ווייבער, ווייבער — ווי נאַריש איר זייט! — האָט זיך ביטער צעלאַכט פייגע די רוימערין. — פאַר וועמען קענען זיי מורא האָבן? יעדן טאָג נעמען זיי איין אַ נייע מדינה, פירן אַרוים דאָס שענסטע און בעסטע... נאָך וועמען פרעגן זיי?... מיר נאַרן זיך, אַז אָט־אָט ענדיקט זיך אַלץ... זיי וועלן נאָך די גאַנצע וועלט איינעמען, מירן דאָ זיצן און זיצן... איידער מיר וועלן זיך אַרומזען, וועט פאַלן אַ שניי...

די „מאַמע״ וואָס איז געזעסן נישט ווייט און געשטריקט אַ סוועטער, האָט אַוועקגעלייגט די שפּיזלען און זיך אָנגעבייזערט אויף אַלע:

— וואָס האָט איר זיך ווידער אַוועקגעזעצט אַריינטראַכטן? איך האָב שוין אַ מלחמה איבערגעלעבט... איר זאָלט וויסן, אַז בשעת אַ מלחמה קאָן מען נישט זיין קלוג... די אויסלייזונג קומט שטענדיק פּלוצים, אומגעהאַפּט... איר האָט זיך נישט וואָס אָפּעסן די לעבער, איך אין איירע יאָרן וואָלט דאָ גאָר אַן אַנדערע געווען, אונדזערע שונאים זאָלן גאָר נישט זען אַזעלכע פּנימער, זיי צו להכעיס טאָר מען נישט פאַרלירן קיין מוט...

די פרויען פון צימער האָבן יעדעס וואָרט פון דער „מאַמען" איינ־געזומען אין זיך, קוקנדיק אויף איר ליבלעך צאַרט פּנים, דערמאָנט זייערע מאַמעס. מיט קנאה האָבן זיי געקוקט אויף די פיר מיידלעך וואָס האָבן זיך צו איר געטוליעט ווי הינדלעך צו אַ קוואָקע.

מיטאַמאָל איז אין דער שטוב אַריין מאַשאַ, די שטובן־עלטסטע, פון נעבן־צימער, פּאַרזיכטיק פאַרמאַכט די טיר, אויפגעהויבן די האַנט אין דער הויך, אַלע זאָלן זיך באַרויקן און אין איין אָטעם אַרויסגע־וואָרפן:

— מיר זענען געראַטעוועט! היטלער — איז דערשאָסן!... נאָר געדענקט, טומלט נישט. ס'איז אַ סוד... כ'וועל אַליין אַלע איבערגעבן. געדענקט, אַז איר ווייסט וועגן גאָרנישט... גאָרנישט! — און אַרויס פון צימער אין אויפגעטרייסלטע, אַ צעמישטע.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט! — האָט די מאַמע אויסגערופן קלאַ־פּנדיק פאַר פרייד אין די הענט. — מען מוז נאָר קענען איבערוואַרטן, איבערטראָגן!... איצטער וועט גיך אַלץ נאָכקומען... מירן נאָך אַלע מאַכן אַ גרויסע שמחה!

שטיל האָבן די פרויען צווישן זיך געשושקעט:

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווי אַזוי איז „ער" אומגעקומען — וואָס טענהן איצטער די דייטשן?

— ער האָט נישט באַדאַרפט דערהרגעט צו ווערן — האָט מיט באַדויער זיך אָנגערופן איינע פון די פרויען... — לייכט דאַרף אים דער טויט נישט אָנקומען, מען דאַרף אים אין אַ שטייג פירן איבער הונ־דערטער שטעט, מענטשן זאָלן אים נאָכלויפן, באַוואַרפן מיט שטיינער, באַשפּייען...

— הייסט, אַז מיר וועלן נאָך ווערן ווידער מענטשן — האָבן די פרויען אָנגעהויבן טרוימען — לעבן אויף דער פריי, אָנעסן זיך צו דער זאַט... מירן נאָך אַמאָל שלאָפן אין ווייסע בעטן, נישט מוזן אויפ־שטיין צום „אַפּעל"!

אין צימערל איז שטיל געוואָרן, די פרויען, אויסגעצויגענע אויף די שטרויזעק, זענען מיט די געדאַנקען אַוועק צום וואַלד... געזען זיך פריי גיין דורך די וועגן און שטעגן צוריק אַהיים... אַהיים!

אין פענצטערל האָט זיך באַוויזן פרומקע, די „פּאַרטיזאַנקע", באַטראַכט אַ ווײַלע אַלע פרויען... מיטן בליק זיך פאַרהאַלטן אויף סאָניען.

סאָניע האָט איר בליק אויפגענומען... פּאַמעלעך אַרויס פון באַראַק. שווײַגנדיק האָט פרומקע אַרומגעפירט סאָניען צווישן די באַראַקן, נישט קענענדיק אָנהייבן רעדן. שטיל ווי צו זיך האָט זי אַ זאָג געטון:

מ'דאַרף זיך נישט וואַרפן אין די אויגן... בעסער אַרײַן אין „טויטן־בלאָק"... דאָרטן דרייען זיך נישט די דײַטשן... היינט־מאָרגן וועט פאַרקומען אַ סאָרטיראָווקע... כ'מיין, אַזוי וועט עס זײַן בעסער...

סאָניע איז אויפגעציטערט געוואָרן:

— אין „טויטן־בלאָק"? — האָט זי אויטאָמאַטיש נאָכגעזאָגט. פאַר וואָס אין „טויטן־בלאָק"? איר פּנים איז בלייך געוואָרן, די פּיס אָנגעהויבן ציטערן. אפשר איז ריכטיק אוועקפאָרן נאָך דער „סאָרטיראָווקע" אויף אַרבעט? — האָט זי אַ פאַרלוירענע אָנגעהויבן שטאַמלען.

— ס'איז נישט אַ „סאָרטיראָווקע" אויף אַרבעט... יעדע פאַר וואָכן ווערן די שוואַכערע אָפּסאָרטירט פון די געזונטע... אייניקע גייען גלייך אין „קוימען", אַנדערע — אין „טויטן־בלאָק" — האָט פרומקע פּאַמעלעך אַלץ אויסדערציילט און שטילער צוגעגעבן: — קיינער דאַרף נישט וויסן, אַז דו... שוואַנגערסט... פאַרשטייסט? איך וועל דיך דאָרט אויסבאַהאַלטן...

— אָבער איך מיין דאָ נישט צו פאַרבלייבן... איך האָב אַ פּאַרטיקן פּלאַן.

— קינד... די געדאַנקען שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ... דער וואַלד איז אַרומגעשטעלט מיט מיליטער, מיט געווער... איצט איז נאָר איין וועג פאַר דיר: אויסבאַהאַלטן זיך! דאָס קינד וועסטו זיכער האָבן, ווייטער איז נישט צום טראַכטן... אפשר וועט זיך דערווייל אַלץ ענדיקן און אפשר וועסטו עס מוזן אָפּגעבן... נו... נו... קוק נישט אַזוי אויף מיר, צעגייִ נישט ווי פּוטער, ביסט דאָך נישט קיין יידענע — האָט פרומקע ווייך גענומען רעדן, זעענדיק, אַז סאָניע איז שטיין געבליבן ווי אַ געליימטע.

— אָפּגעבן? — האָט זי אַ וויוע געטון מיט אויסגעשטאַרטע אויגן און שטיל געבליבן.

— נאַרעלע וואָס דו ביסט, אויב די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועסטו

נאָך האָבן אַ קינד, ביסט אַזאַ יונגינקע... און אויב מיר וועלן ווייטער זיין שקלאַפן, דאַרפן קיין קינדער אויף דער וועלט נישט קומען... איך קום נאָך דיר פאַרנאַכט... אַלץ וועט זיין אַזוי ווי עס מוז זיין... — און זי האָט פאַרזיכטיק גענומען דערציילן וועגן „טויטן־בלאָק".

— סאָניעלע... עס איז דאָרט זייער טרויעריק... נאָר וואָס קען מען טון, נאָך גוט, אַז דער בלאָק איז אין אונדזער צוים... חוה וועט צו דיר אַריינקומען... עס זענען דאָרט פאַראַן עלטערע, גוטע מיידלעך, זיי אַר־בעטן פרייוויליק ביי די קראַנקע, זיי וועלן דיר העלפן... ווייטער וועלן מיר שוין זען.

מיט וואַקלדיקע טריט האָט זיך סאָניע געשלעפּט צוריק אין באַראַק, טראַכטנדיק:

— אויב דערמיט וועל איך ראַטעווען דאָס קינד... וועל איך גיין... כ'וועל אַרבעטן ביי די קראַנקע, וואַשן די דילן, אַרויסטראָגן די טויטע...

— איבער איר קערפּער איז אַדורך אַ ציטער. — אַרויסטראָגן די טויטע?

— האָט זי ביי זיך אַ פרעג געטון און גלייך אָפּגעענטפערט:

— יאָ... אַרויסטראָגן די טויטע...

שווייגנדיק האָט זי זיך אויסגעצויגן אויפן שטרוזאַק לעבן חוהן, עס איז איר אַזוי טרויעריק און שווער געוואָרן אויפן האַרץ, אַז די ווער־טער האָבן זיך איר פאַר איבעריק שוין אויסגעוויזן, אפילו נישט געפילט, ווי פון אירע אויגן רינען כוואַליעס טרערן.

חוה האָט זי שווייגנדיק אַרומגענומען, מיט אַ שמוציקער שמאַטקע געווישט איר ס'פּנים און שטיל זי באַרויקט:

— נו, גענוג שוין... גענוג! מען דאַרף נישט אַזוי... עס וועט שוין עפּעס... דאָס הייסט...

— וואָס דאַרף איך נאָך מיטמאַכן? וואָס? — האָט סאָניע אָנגע־הויבן קלאָגן. — אָפּגעבן ס'קינד, פאַרשטייסט? זיי אָפּגעבן! — ווי אַלע פּעדים פון לעבן וואָלטן זיך אין איר געגומען רייסן, האָט סאָניע אָנגע־הויבן אויסרעכענען:

— אויף מיינע אויגן האָבן זיי דעם ברודער דערשאָסן, די מאַמע איז אויף „לינקס" אַוועק אין אוישוויץ, די גאַנצע צייט געהאָרעוועט, געהונגערט, אַלץ פאַרלוירן... אָבער דאָס קינד קאָן איך נישט! דאָס איז

אַזעלכעס, אַזעלכעס... ניין! — האָט זי מיט אַמאָל אויסגערופן, — איך האָב שוין גענוג... צוליב וואָס זיך מאַטערן, צוליב וואָס?
פאַרנאַכט איז סאָניע געשטאַנען פאַרן באַראַק, געוואַרט אויף פרומקען.
פאַרן טויטן־בלאָק האָט פרומקע נאָך אַמאָל איבערגעחזרט:
— עס איז דאָרט זייער שווער... נאָר איך פיל אין דיר אַ קראַפט, קום — האָט זי סאָניען אַ שלעפּ געטון אויף דער שוועל פון בלאָק, דאָ איז קיין זאַך נישט שרעקלעך.
אַזוי ווי סאָניע האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל פון טויטן־בלאָק, האָט זי דאָס פּנים פאַרשטעלט מיטביידע הענט, קוים אַרויסגערעדט:
— דאָס איז צו שרעקלעך, איך קאָן נישט!
ס'איז געווען אַזאַ מין בילד, וואָס פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן, נעמט אָפּ דאָס לשון, רירט דעם מאַרך פון די ביינער.
איבערן זאַל האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון אַלט צעפוילט פלייש. אויפן דיל זענען געלעגן צוזאַמענגעקנוילט הונדערטער האַלב־נאַקעטע, מיט מיסט באַוואַקסן, צעפוילטע לייבער. פון די אָפענע ווונדן אויף די פּנים און הענט איז גערונען בלוט. פון די גרויסע טיפע אויגנלעכער האָבן אַרויסגעקוקט ווילדע מוראַדיקע אויגן, אויסגעלאָשענע, האַלב־טויטע. אַלע צוזאַמען האָבן געוויינט, עפּעס הויך געבעטן, געדאַוונט אין פאַרשידענע לשונות. צו סאָניען זענען דערגאַנגען עטלעכע יידישע, אונגאַרישע, דייטשע ווערטער.
מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט האָט איינע פון די קראַנקע געדאַוונט אויף טשעכיש. אַנדערע האָבן געגוססט שטילערהייט.
— קום, קום, — האָט פרומקע סאָניען אַ שלעפּ געטון פאַר דער האַנט, — אויב די מלחמה וועט זיך אין גיכן נישט ענדיקן, וועלן מיר אַלע אַזוי אויסזען... — און גיכער צוגעגעבן: — מיר מוזן אַריין צו דער בלאָק־עלטסטער. זי דאַרף דיר אַן אָרט צושטעלן.
ביידע זענען אַריין אין צימערל פון דער בלאָק־פירערין, איטען.
סאָניעס אויגן האָבן מיט שגעון אַ בליץ געטון איבערן וויים־געדעקטן טיש, אַרומגעשטעלט מיט טעלער ברויט און סאַרדינען, איבער די עפּל און פלעשער קאָניאַק, איבער די ווייסע פאָרהענגלעך מיט רויטע

שלייפן פאַרבונדן, אָפּגעשטעלט זיך אויף די גרינע סאָסנעס־צווייגן, אַרומגעהאָנגענע אויף די ווענט.

די בלאָק־עלטסטע אין אַ שוואַרץ זיידן קליידל מיט נאַסע נאָר וואָס אָנגעלייגטע האָר איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם טיש, באַטראַכטנ־דיק אים פון אַלע זייטן.

— איטע, איך גראַטוליר דיר צו דיין געבורטסטאָג און ווינטש דיר, דו זאָלסט אויף דער פרייהייט שמחות פראַווען, דיין מיידעלע גע־פינען... און אַלעם בעסטע! אַלעם בעסטע! — האָט פרומקע פון דער שוועל אָנגעהויבן.

איטע האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף פרומקעס האַלדז, „מיר זאָלן נאָר זוכה זיין" — אויסגערופן און צעקושט זיך מיט איר.

— זעסט, איטע, איך האָב דיר מיין איינציקע קוזינקע אַריינגע־בראַכט, גיב איר אַן אָרט... פאַרנעם זיך מיט איר.

— אוודאי, אַז זי וועט דאָ ביי מיר קיין עולה נישט האָבן — האָט איטע געענטפערט, שאַצנדיק מיט די אויגן דעם טיש, און מיט אַמאָל כמעט אויסגעשריגן: — אַ שיינע מעשה האָסטו מיר אָפּגעטון, אַ פרוי אַרויסגעפירט און ערשט היינט ברענגסטו מיר אַריין אַ צווייטע, איך האָב זי שוין אַריינגערעכנט צו די טויטע, איצטער ווי זאָל איך זי אַהינטון... עס האָט מיך גענוג געקאָסט שרעק, נאָר מיט סטעפאַנען ווייסטו, גייט אַלץ אַ דורך, אַ בריליאַנטענער גוי...

— ס'איז מיין קוזינקע... — האָט פרומקע נאָך אַמאָל איבערגע־חזרט.

— נו, גוט, גוט, עס וועט איר דאָ גאָרנישט פעלן — האָט איטע שוין אַ באַרויקטע צוגעוואָרפן... — דערווייל פיר זי אַריין צו דער זינגערין און שטאַרק אַ פאַרזאָרגטע אַ פרעג געטון:

— ביי וועמען קאָן מען דאָ לייען טעלערלעך... באַלד קומען די געסט און ביי מיר פעלן נאָך טעלערלעך...

אין צימערל, וווּ פרומקע האָט סאָניען צוגעפירט, איז געווען אַ בית־עולמדיקע שטילקייט. סאָניע איז אַרויף אויף איינער פון די נאַרעס, ווידער מיט ביידע הענט די אויגן פאַרשטעלט.

— ווו זאָל איך די אויגן אַהינטון — האָט זי אַ פאַרצווייפלטע

געטראַכט ביי זיך. — איך קאָן דאָך דאָס נישט צוזען, כ'זאָל נישט משוגע ווערן...

עס איז געלאָפן אַ שעה נאָך אַ שעה. אין די נאַרעס זענען געלעגן די פרויען מיט וואַקס־געלע פּנימער, ברייט צעעפנטע אויגן, טעמפּ פאַר־קוקט אין קליינעם שמוציקן פענצטערל, דורך וועלכן מען האָט געזען אַ לאַנגע רייעביימער. געשוויגן.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט פון הינטערן וועגטל אַ לאַנג־קלינ־גענדיק געלעכטער און גלייך אַ שכורע קוויטשיקע שטימע:

הונדערט יאָר, הונדערט,
זאָל לעבן, לעבן אונדז!...

— הורראַ! הורראַ! זאָל לעבן די סאָלעניזאַנטקע! — האָבן גע־שריגן עטלעכע שטימען צוזאַמען.

סאָניע האָט די אויגן אויסגעגלאָצט, אָנגעכאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, ווי דאָס שטיבל מיט די נאַרעס וואָלט זיך מיט אַמאָל אַ דריי געטון, מיט ציטערדיקע ליפּן קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס קומט דאָ פאָר?... דאָ גוססן מענטשן... ווער זינגט צווישן מתים?...

אַן אומעטיקע ווייבערישע שטימע האָט פאַרבענקט געצויגן:

„זאָג מיר איין מאָל איך ליב דיך,
זאָג דאָס נאָך איין מאָל,
זאָל דאָס אימער קלינגען...״

— נידער מיטן טרויער! — האָט געטומלט אַ גראָב מענעריש קול, ווידער אַ דונערנדיק געלעכטער און גלייך האָט זיך צעזונגען אַ סאָפּראַן:

„נאָר נישט אוים ליבע וויינען,
עס גיבט דאָך פיל מער,
אויסער דעם איינעם״...

לאַנג אין דער נאַכט האָבן זיך געצויגן פון דער שטובן־עלטסטערס צימער לידער דייטשע, פּוילישע און ליטווישע.

די פרויען זענען געלעגן מיט אָפענע אויגן, געשוויגן.

סאָניע האָט איינגענורעט דעם קאָפּ אין שטרוי, געפּרוווט איינ־שלאָפן, פאַרגעסן פון אַלעמען, נאָר דער שלאָף האָט נישט געוואָלט קו־

מען. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט איבערן צימערל אַ שטיל, דערשטיקט געוויין:

— גאָט, מיין גאָט... נעם מיך צו... איך קאָן נישט מער...

סאָניע איז אַראָפּ פון איר נאַרע, געזעצט זיך לעבן אַ צונויפגעקנוילט בינטל ביינער. אין שיין פון דער לבנה דערזען אַ בלאַסיק פאַרטריקנט פּנים, צוויי פאַרבראַכענע קנאָכיקע הענט.

— וואָס איז געשען? וואָס? — האָט סאָניע אומבאַהאָלפן געגומען אויספרעגן.

— ווער זינגט? — האָט צעטומלט געפרעגט די פרוי, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן. — כ'קאָן עס נישט פאַרנעמען... איך, איך בין אַן אָפּערעטן־זינגערין, געזונגען אין פּראָג און בודאַפּעשט, אין ווין... און אַזאַ סוף, אַזאַ סוף!... נאָך יעדן קאָנצערט בין איך אַרומגעשוווּמען אין בלומען, און איצט אויס... אויס — האָט זי אומאויפהערלעך גע־העשעט.

פּלוצים האָט זי זיך אויפגעזעצט, ווי אַ פרעמדע זיך אַרומגעקוקט איבער אַלע נאַרעס און אַ פאַרלוירענע אַ פרעג געטון:

— פרייליין, זאָגט מיר, ביטע, וועל איך שוין קיין מאָל נישט זיין קיין מענטש... — זי איז ווידער צוזאַמענגעפאַלן, מיט אַ כריפּעדיקער, געבראָכענער שטימע אָנגעהויבן קלאָגן: — ווער האָט זיך דאָס געריכט אויף אַזאַ סוף... איינזאַם, פאַרטריבן, קראַנק... צווישן פרעמדע...

— פאַר וואָס פרעמדע? — האָט פון סאָניעס האַלדז זיך אַ קול אַ ריס געטון, — מיר זענען אַלע אייגענע... פון איין פאַרשאָלטן פאָלק...

זי האָט זיך לעבן דער זינגערין אַנידערגעלייגט, וואַרעם אַרומגענומען און געלעגן ביזן טאָג.

שטיל האָט געררוישט דער וואַלד הינטער די דראָטן.

פּיילעס טאָג־בוך

איך געפין זיך אין לאַגער אָשוויענטשים. דאָס איז אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. איך האָבן געפונען אַ שטיקל מאַרגארין־פּאַפּיר און די בליי האָב איך אויסבאַהאַלטן אין אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט. איך שרייב אַ טאָג־בוך פון מיין לעבן אין לאַגער. איך שרייב פאַר זיך אַליין און מיין טאָג־בוך דאַרף קיינעם נישט געפעלן ווערן. די עוואַקואַציע פון געטאָ איז אַזוי גיך פאָרגעקומען, אַז איך האָב נישט באַוויזן אַרויסצולויפן אויף דעם בית־עולם, געזעגענען זיך מיט דער מאַמען. דעם טאַטנס קבר און שיפּ־כעס איז אין גאַנצן פאַרטרעטן געוואָרן און איך ווייס נישט, אויב איך וועל זיי נאָך געפינען. גוט, אַז זיי זענען שוין געשטאָרבן. זייערע ליידן האָבן זיך שוין געענדיקט...

איך בין אין דרייסיקסטן באַראַק, צוזאַמען מיט טויזנט פרויען. דער באַראַק איז אַ לאַנגע הילצערנע בודע אָן אַ פענצטער. דאָס ליכט שיינט אַריין נאָר דורך דער האַלב־אויפגעמאַכטער טיר. צוויי מאָל אין טאָג ציילט מען אונדז אַלע, דאָס הייסט „אַפּעל", נאָר מיר רופן דאָס לעבעדיקע צרות. דאָס עסן, וואָס מיר באַקומען, קאָן איך אין גאַנצן נישט פאַרנעמען. אַ גאַנצן טאָג שלאָגט מען אונדז מיט גומעס און שטעקנס. די גומעס הייסן „באַנאַנען". איך ווייס נישט וועמען איך דאַרף מער האַסן: אונדזערע מחבלים, אָדער אונדזערע אָרדנערס. אין באָד האָט מען מיר אַלץ צוגענומען און אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ. איך האָב באַקומען אַ קורץ קליידל, אויסער דעם האָב איך קיין זאַך נישט.

דער צווייטער טאָג.

איך האָב צוויי טעג נישט געשריבן. איך פיל אַז איך גיי אַראָפּ

פֿון זינען. איך קוק אויף אַלעם וואָס קומט פֿאָר און איך בין אין גאַנצן פֿאַרנאַרט. מיר דוכט זיך, אַז מיר וועלן דאָ אַזוי לאַנג זיין, ביז אַלע וועלן משוגע ווערן. דאַן וועט מען אונדז אַלע פֿירן אין „קוימען”. איין מיידעלע פֿון אונדזער באַראַק איז שוין משוגע געוואָרן. היינט האָט זי די אָרדנערין אַגי, די ערשטע באָמבע זאָל זי טרעפֿן, אַרויסגעפֿירט ערגעץ און קיינער ווייסט נישט ווו. מאַנכע זאָגן, אַז זי איז פֿאַרברענט געוואָרן. איך פֿאַרשטיי נישט ווי אַזוי מען קאָן אַזאַ נפֿשל פֿאַרברענען. איך קוק אויף דעם אַלעם וואָס ס'קומט פֿאָר און איך קאָן אין דעם נישט גלויבן, באַנעמען. איך עס קיין זאַך נישט, אין מיין מויל איז אַ ביטערקייט, אין קאָפּ אַ רויש. די צווייטע נאַכט שוין שטיי איך, ווייל איך קאָן נישט געפֿינען קיין אָרט אויף דעם דיל צו שלאָפֿן. ס'זענען אַדורך דריי טעג, נאָר איך בין הונדערט יאָר אַלט געוואָרן. דאָ וועט שוין זיין מיין סוף.

פֿערטער טאָג.

איך ווייס נישט וואָס פֿאַר אַ טאָג איז היינט. איך האָב דעם חשבון פֿאַרלוירן. איך ווייס נישט אַפֿילו, ווו איך געפֿין זיך. אויב דער לאַגער איז אין פּוילן אָדער שוין ביי זיי... איך האָב געוווסט, וואָס זיי וועלן מט אונדז טון, נאָר דאָס אַלץ האָב איך זיך נישט פֿאָרגעשטעלט. דאָס איז צו שרעקלעך, איך זאָל אַלץ באַשרייבן קענען. אַלץ וויינט אין מיין האַרץ, נאָר קיין וואָרט קאָן איך פֿון מיר נישט אַרויסבאַקומען. איך ווער אין דעם אַלעמען דערשטיקט. עס איז דאָך גאָרנישט פֿאַראַנען אַזאַ מענטש, וואָס זאָל דאָס אַלץ באַשרייבן קענען. וואָס זאָל איך שרייבן פֿון לאַגער. ווען מען לאָזט אונדז אַפֿילו נישט גיין אין קלאָזעט. מאַנכע פּרוּװען גייען פּשוט אַראָפּ פֿון זינען. ביי דער טיר שטייען אַ גאַנצן טאָג ספּעציעל גענומענע היטערינס, מען רופֿט זיי „טאַר־וואַכע”. דאָס זענען אין גרעסטן טייל אונגאַרישע אויסגעפּרעסענע מוידן. זיי לאָזן פֿון קיינעם נישט אַראָפּ קיין אויג אויף אַ רגע און ווען די מענטשן האָבן קיין ברירה נישט און פֿאַראומרייניקן דעם באַראַק, שלאָגן זיי, די זאַראַזעס! איך האָב געפֿונען אַן אָרט צו שלאָפֿן. אין אונדזער באַראַק איז דאָ אַן אויוון, ווו די אָרדנערינס קאָכן זיך יעדן אָוונט פֿאַרשידענע מאכלים. איך וואַרט, ביז זיי עסן אָפּ און גייען שלאָפֿן אין זייער צימערל... דאַן

קריך איך אַרויף אויפֿן אויוון, ער איז נאָך וואַרעם און עס שלאָפֿט זיך זייער געשמאַק. די ערשטע טעג האָבן מיר די ביינער געוואָלט זיך דורכ־ברעכן. היינט פֿיל איך שוין קיין זאַך נישט, אויב קיינער וועט זיך צום אויוון נישט צוכאַפּן, בין איך שוין פֿאַרזאָרגט מיטן שלאָפֿן.

פֿינפֿטער טאָג.

איך ווייס נישט, וואָס זאָל דאָס באַדייטן, אַז מען האַלט אונדז אין איין ציילן. האָבן זיי מורא, אַז מיר וועלן אַנטלויפֿן, אָדער איז דאָס סתם צו פּייניקן די מענטשן? ווען עס איז נאָך פֿינצטער, וועקט מען אונדז אַלע, מיר זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי. אַלע מוזן זיך אויס־שטעלן צו פֿינף אין דער ברייט. ביז מיר אַלע שטעלן זיך ריכטיק אויס און ווערן אַדורכגעציילט, איז שוין טאָג. מען שטייט אַזוי לאַנג אין ריי, ביז די פֿיס הייבן אָן ציטערן פֿאַר שוואַכקייט און אין קאָפּ צו שווינדלען. זייער אַ סך פֿאַלן אַוועק פֿאַרחלשט און אַזוי ליגן זיי, ביז דער ראַפּאָרט־פֿירער קומט און נעמט אויף די אַלגעמיינע צאָל. נאָך מיטאָג איז ווידער אַזאַ מין „אַפּעל". איבער די „אַפּעלן" וועלן מיר האָבן אַ גיכן טויט. אין באַראַק איז אַזוי היים, אַז ס'דערגייט צום האַרצן. טויזנט מענטשן אין איין באַראַק, ווער קען דאָס פֿאַרשטיין? וועלכער מענטש קאָן זיך דאָס פֿאָרשטעלן? דאָס שרעקלעכסטע איז דאָס, וואָס מען קאָן נישט גיין אין קלאָזעט. איך בין אין גאַנצן קראַנק דערי־בער, אַלץ טוט מיר וויי. אַפֿילו דער גרעסטער פֿאַרברעכער האָט דאָס רעכט אין אַ טורמע געניסן פֿון אַ קלאָזעט. וואָס זענען מיר? פֿאַר וועמען האַלט מען אונדז דאָ? איך פֿיל, אַז איך גיי אַראָפּ פֿון זינען. כ'וועל דאָ זיכער משוגע ווערן.

דער זעקסטער טאָג.

פֿיל מיידלעך פֿון אונדזער באַראַק האָבן זיך אויסגעזוכט פּושקעס פֿון קאָנסערוון, זיי האָבן מיר נישט געוואָלט זאָגן, ווו זיי ליגן. נאָר היינט האָט זיך אַרויסגעגנבעט פֿון בלאָק אַ מיידל פֿון אונדזער „פֿינפֿטל" און ווען זי איז צוריק געקומען מיט אַ פּושקע, האָט זי אונדז אַלע אָנ־געוויזן דאָס אָרט. זיי ליגן ביים מיסט־קאַסטן, נישט ווייט פֿון דער קיך, ווער עס האָט אַ פּושקע, דער איז געראַטעוועט! איך זע, אַז אַ סך מיידלעך גנבענען זיך אַרויס פֿון באַראַק און קומען צוריק מיט פֿולע

פושקעס זופ. איך מוז וואס גיכער מיר א פושקע געפינען. אויב איך וועל האבן נאך א זופ א טאג, וועל איך זיך קענען אפשפארן א פארציע ברויט, ס׳קאן דאך פאסירן, זיי זאלן אונדז אין א שיינעם טאג אויפהערן צו געבן עסן. מיט א שטיקל ברויט קאן מען דאך א טאג אדורכלעבן. איך מוז זיך צוזאמענעמען און וואס גיכער געפינען א פושקע.

דער זיבעטער טאג.

איך בין נעכטן אנטלאפן פון דער ריי, וועלכע איז געגאנגען אין קלאזעט. נישט ווייט פון קלאזעט־באראק ליגן אויך פושקעס פון קאנסערוון. איך האב א גרויסע בלעכערנע פושקע, איך בין געראטעוועט! איך האב זיך באלד דערנאך צוגעשטעלט צו א ריי פון אונגארישע פרויען. צוזאמען מיט זיי ארײַן אין וואש־רוים. איך האב זיך אפגעוואשן און מיט א פושקע וואסער צוריקגעגאנגען אין באראק. אונדזער באראק איז היינט נישט געווען אין וואש־רוים. עס איז אזא מין היץ, אז אלע ווערן פארברענט פון דורשט. איך האב עטלעכע געגעבן א ביסל וואסער צו טרינקען, דערפאר האב איך באקומען א שטיקל ברויט און איינע פון די פרויען האט מיר געגעבן א פאר קארטאפל פון איר זופ. די מיידלעך פון אונדזער פינפטל האב איך געגעבן וואסער צו טרינקען בחינם. נאך מיטאג האב איך ווידער געבראכט א פושקע וואסער. איך ווייס נישט אויב די „טאר־וואכע” איז א בלאטע, אדער זי זעט נישט באמת. ווען איך בין צוריקגעקומען מיט דעם וואסער, איז זי געזעסן ביים טויער מיט פארמאכטע אויגן. ס׳איז אזוי הייס, אז די זון שטעכט ווי מיט נאדלען, ס׳האט נישט קיין זין צו לויפן מיט דער פושקע איבער פרעמדע באראקן און איינשטעלן זיך דאס לעבן. פאר וואסער קאן איך אין אייגעם באראק מער ווי איין זופ יעדן טאג באקומען.

אכטער טאג.

איך האב נעכטן געהאט א גליקלעכן טאג. באלד אין דער פרי בין איך מיט אלע געגאנגען אין דער קיך נאך קאווע. איך האב זיך גענוי ארומגעקוקט איבער דער לאגער־גאס. פון ביידע זייטן לענגאויס דער גאס שטייען באראקן. דרייסיק באראקן אין דער לענג. אין די באראקן, דערציילט מען, זענען נאר יידישע פרויען. יעדן אין דער פרי גייען הונדערטער מיידלעך פון אלע באראקן נאך זופן. מאנכע באראקן באקומען

אין דער פרי זופּ. איך בין צוגעלאָפן צו אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע האָבן געטראָגן קעסלען מיט עסן, גיך איינגעטונקען די פּושקע און אַרויסגע־כאַפּט אַ זופּ. די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן צו שרייען, נאָר איך בין אַנטלאָפן הינטער אַ באַראַק און אויסגעטרונקען די זופּ. איך האָב נאָך באַוויזן מיין ריי צו דערלאַנגען. ווען איך בין צוריקגעקומען אין באַראַק, האָב איך אָפּגעוואַשן דעם דיל און דערפאַר באַקומען אַ טאָפּלטע זופּ. איך האָב זי געטוישט אויף אַ פּאָרציע ברויט. איך מוז זיך אויפנייען אַ זעקעלע. כ'האָב מורא, אַז זיי וועלן מיר ביינאַכט אַלץ צוגנבענען. נעכטן האָב איך געגעסן אַ פּאָרציע ברויט און דריי זופּן. איך בין אין גאַנצן זאַט! דאָס ערגסטע איז דאָס, אַז פון אַרומלויפן בין איך זייער מיד. איך וויל אָבער דערפון נישט טראַכטן, אויב עס וועט מיר וויטער אַזוי גיין, וועל איך די צייט אפשר אַדורכשטופּן. דער עיקר איז דאָס, אַז אַ מענטש טאָר זיך נישט פאַרלירן.

צענטער טאָג.

איך האָב אַ דעקע. כ'גלויב אַליין נישט אין אַזאַ גליק. קאַטיאַ, די בלאָק־פירערין, איז ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען צו דער דראָט, רעדן מיט אַ קאַפּאָ. ער איז אַ טשעך. זי פירט מיט אים אַ ליבע. נאָך בייטאָג האָב איך געזען ביי איר אונטערן שטול אַ דעקע, נאָר דאַן האָב איך נאָך פון קיין זאַך נישט געטראַכט. נאָך איר אַרויסגיין פון באַראַק האָבן די אָרדנערינס איינגעאָרדנט אין זייער צימערל אַ קאָנצערט. איך ווייס נישט ווי אַזוי ס'איז צו מיר געקומען דער געדאַנק קאַטיען אַרונטער־ציען אַ דעקע. איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז איך בין אַראָפּ פון מיין אויוון און אין דער פינצטער דערקראָכן צו איר צימער. די טיר איז געווען האַלב־אָפן. עס איז גענוג געווען אויסצוציען אַ האַנט, די דעקע זאָל זיין מיינע. דאָס איז נישט קיין גנבה. פאַר וואָס זאָל זי האָבן אַ שטוב מיט קליידער און שלאָפן אונטער זיידענע דעקעס? פאַר וואָס זאָל איך אַרומגיין אַ נאַקעטע און נישט האָבן אַפילו מיט וואָס זיך צוצודעקן ביינאַכט. איך האָב גענומען גאָר אַ פּראָסטע דעקע און עס קומט מיר דערפאַר קיין זאַך נישט. איך האָב זיך ביינאַכט מיט איר צוגעדעקט, ס'איז געווען אַ מחיה צו שלאָפן! בייטאָג טראָג איך זי אַרומגעבונדן אונטערן קלייד. עס איז מיר טאַקע

זייער היים, דערפאַר ביינאַכט האָב איך מיך מיט וואָס צוצודעקן. ווען איך זאָל די דעקע פאַרקויפן אַן אָרדנערין פון אַ צווייטן בלאָק, וואָלט איך געווען מיט עסן פאַרזאָרגט איבערן קאָפּ אַריבער, ס'וואָלט מיר איבער דער גאַנצער מלחמה קיין זאַך נישט געפעלט.

עלפטער טאָג.

מאַמע, מאַמע! ווען דו וואָלסט געלעבט און געזען, וואָס ס'איז מיט מיר געוואָרן! איך דערקען מיך נישט און דו וואָלסט מיך אויך נישט דערקענט. דיין טאָכטער גייט אַרום מיט אַ פּושקע איבער די באַראַקן און בעטלט אַ ביסל עסן. יאָ, דאָס האָב איך דערלעבט, איך האָב מיר געקויפט ביי איינער אַ „טאָר־וואַכע" אַ קלייד פאַר צוויי פּאָרציעס ברויט. לעבן דעם באַראַק מאַכן די ברוקערס אַ שאָסיי, זי האָט אַ ברוק־קער אַ געליבטן. זי גיט אים ברויט. פון דעם קלייד וואָס איך האָב מיר געקויפט, האָב איך מיר אַ העמד געמאַכט, אַ קאָפּ־טיכל און אַ זעקעלע אויף ברויט. איך האָב דאָס העמד מיט טרערן באַגאָסן! ווי שווער איז דאָס מיר אָנגעקומען. וויפיל געזונט פאַרליר איך, ווען איך גנבע זיך אַרויס פון באַראַק. ווען איך קום צוריק, ציטערן מיר די הענט מיט די פיס. צו וואָס טויג מיר אַזאַ לעבן? צו וואָס זאָל איך זיך מאַטערן? מאַמע, נעם מיך צו, איך קאָן נישט מער! אַלע זאָגן, אַז איך בין אַ מענטש, אַז איך וועל אין פייער נישט פאַרברענט ווערן. ס'אַראַ מענטש בין איך, אַז יעדע אָרדנערין קאָן מיט מיר טון וואָס זי וויל. אין געטאָ זענען מיר אויך קנעכט געוועזן, אָבער איך האָב נאָך געקענט אַרויסגיין אויף דיין קבר זיך אויסוויינען. איך בין נאָך אַ מענטש גע־ווען, געהאַט אַ שטוב און מענטשן זענען צו מיר געקומען. איך האָב נאָך געהאַט וואָס אָנצוטון און געקענט אַרויסגיין אין גאַס! איך האָב געגעסן נאָך מיט אַ לעפל פון אַ טעלער און געלעבט ווי אַ מענטש. היינט בין איך קיין זאַך נישט. איך לויף אַרום מיט דער פּושקע ווי אַ משוגענע נאָך אַ ביסל זופּ און דאָס האַרץ גייט מיר אויס פאַר שרעק, קיינער זאָל מיך נישט כאַפּן. איך האָס אַלץ, די גאַנצע וועלט און אַלע מענטשן! קיינער פון אונדז טראַכט גאָרנישט דערפון, ווי נידעריק ער איז געפאַלן. איצט איז מיר אַלץ אַזוי קלאָר, איצט פאַרשטיי איך די לאַגע גאָר אַנדערש. אַרום ליגן מיידלעך אויף דעם דיל און שלאָפן. זיי

זענען גליקלעך, אַז מ׳קאָן שלאָפן. ווי לאַנג וועט דאָס דויערן? ווי לאַנג וועלן מיר זיך אַזוי מאַטערן? מאַמע, מאַמע! דיר איז אַזוי גוט, דו פילסט שוין קיין זאַך נישט און מיין האַרץ גייט אויס פאַר צער און פאַר ווייטיק.

צוועלפטער טאָג.

עס איז היינט געווען אַ „שטראָף־אַפּעל״. די דעקעס, וועלכע קאַמיאַ האָט אַריינגעבראַכט צום אויסלייגן אויף דעם דיל, האָבן די מיידלעך צעריסן, אויפגעגנייט זיך זעקלעך אויף ברויט, הויזן און אַרומגעבונדן מיט זיי די פיס. די אָרדנערינס האָבן אין דער פרי באַמערקט, אַז עס פעלט דאָ עפּעס. זיי האָבן אַלע אונטערזוכט און אַלעם צוגענומען. דער גאַנצער באַראַק איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר סאַבאָטאַזש: 3 שעה צו קניען. אין דער צייט פון „שטראָף־אַפּעל״ איז די העלפט פרויען פאַרחלשט געוואָרן, געלעגן אויף דער ערד ווי טויטע. איך פאַרשעלט דעם טאָג, ווען איך בין געבוירן געוואָרן. וואָס וואָלט געווען, ווען קאַטיאַ וואָלט פון מיר אַראָפּגעצויגן איר דעקע. אויף דעם געדאַנק אַליין ווערט אין מיר פאַרגליווערט דאָס בלוט. פון קניען אויף דער ערד שטעכן מיר די זייטן און ברעכט דער גאַנצער קערפּער. מסתמא האָב איך פיבער. איך האָב מורא, אַז היינט נאָך מיטאָג וועל איך נישט קענען שטיין ביים אַפּעל. איך האַלט עס מער נישט אויס. ווען איך וואָלט נישט געהאַט היינט אַ טאָפּלטע זופּ, ווייס איך נישט וואָס מיט מיר וואָלט געוועזן. ווער קאָן זיך פאָרשטעלן אַזאַ מין זאַך: דריי שעה קניען אויף דער ערד! זענען מיר שוין אין גאַנצן קיין מענטשן נישט?

זעכצנטער טאָג.

איך בין קראַנק. די הענט מיט די פיס ציטערן מיר. איך ווייס נישט, צי דאָס איז פון שרעק, צי פון אויפרעגונג. די ביינער ברעכן און דער קאָפּ גליט... וואָס וועט זיין, ווען זיי וועלן דערקענען, אַז איך בין קראַנק? יעדן טאָג אין באַראַק קומט אַריין אַ יידישע דאָקטאָרין פון טשעכיען. איך גלויב נישט אין איר דאָקטאָריי. זי זעט אַליין אויס ווי אַ משוגענע. עטלעכע מיידלעך האָבן ביי איר פּאַסטילקעס גענומען קעגן דיזענטעריע. אָבער פיל זאָגן, אַז דאָס איז סם, מען זאָל דאָס נישט נעמען. וואָס זאָל איך טון? נעכטן ביים „אַפּעל״ בין איך צוזאַמענגע־

באַלן און היינט וויים איך נישט וואָס וועט זיין. ביים שטיין אויף „אַפּעל" מישט זיך מיר אין קאָפּ. און ווען אַפילו דער „ראַפּאָרט־פירער" איז היינט אַריינגעקומען אין באַראַק, האָב איך זיך פון דער ערד נישט געקענט אויפהייבן. ווען איך וואָלט כאָטש געהאַט אַ מענטש מיט וועמען איך וואָלט געקענט זיך באַראָטן! אָבער קיינעם האָב איך נישט. אַליין ווי אַ שטיין בין איך!

זיבעצנטער טאָג.

איך האָב זיך ריזיקירט און צוגעגאַנגען צו דער דאָקטאָרין. זי האָט מיר געגעבן אַ פּאַסטילקע. איך האָב זי אַ גאַנצן טאָג אַרומגעטראָגן און מורא געהאַט אַראָפּשלינגען. ערשט, ווען עס איז מיר ווידער שלעכט געוואָרן, האָב איך זי איינגענומען. עס איז מיר אַ ביסל בעסער, איך פיל שוין נישט קיין פיבער נאָר די ביינער ברעכן און עס רוישט דער קאָפּ. שוין דריי טעג ווי איך עס קיין שום זאַך נישט. אין מיין זעקעלע ליגן דריי פּאָרציעס ברויט. ווען איך וועל געזונט ווערן, וועל איך קענען צוריק אויף די פיס זיך שטעלן.

אַכצנטער טאָג.

איך האָב נישט וואָס צו לעבן! ביינאַכט האָט מיר עמעצער אַרונ־טערגעשניטן דאָס זעקעלע פון האַלדז. ס'איז געבליבן נאָר הענגען דאָס שנירל. איך האָב געמיינט, אַז דאָס האַרץ וועט מיר צעגיין פון וויינען. גאַנצע דריי פּאָרציעס ברויט! ווי קען מען דאָס אַזאַ מין זאַך טון? פאַר וואָס האָבן זיי מיך באַגנבעט, די אויסוואורפן, פאַר וואָס? ווען איך וואָלט געפונען די וועלכע האָט מיר דאָס געטון, וואָלט איך זי ביינאַכט דערשטיקט! דאָס זעקעלע האָב איך געפונען אויף דעם דיל, ס'איז גע־ווען צעריסן אין צווייען, אַזאַ אומגליק! איך וועל דאָס נישט איבער־לעבן, איצט מוז איך היטן די פושקע, זיי זאָלן זי מיר ביינאַכט נישט צוגנבענען.

ניינצנטער טאָג.

די זאַראַזע אַני האָט געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אַלע און צוגענומען די פושקעס. זי זאָגט, אויב זי וועט ביי עמעצן געפינען אַ פושקע אָדער מרעפן וועמען פון אונדז אויף דער לאַגער־גאַס, וועט זי דריי טעג איר קיין עסן נישט געבן. איך גלויב, אַז די „גיפט" קאָן דאָס טון!

נאָך מיטאָג, אין צייט פון קאָנצערט, האָבן זיך אייניקע מיידלעך אַרויס־געגנבעט פון באַראַק. ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי געהאַלטן פּושקעס אונטער די קליידלעך, נאָר איך וועל שוין מער נישט גיין. איך האָב מורא, אַן אומגליק וועט זיין אַז מיר וועלן האָבן נאָך איין זופּ! ווי זעט מען שוין, אַז אַגי זאָל כאַפּן אַ טיפוס! פיל פרויען אין אונדזער באַראַק זענען קראַנק אויף טיפוס. די פּראָוויזאָרין האָט עס פעסטגע־שטעלט, זי האָט געזאָגט, אַז עס וועט ווערן אַן אַלגעמיינע עפּידעמיע. אַלע שלאָפן צוזאַמען אויף דער ערד און עסן פון די זעלבע טעפּ. אפשר האָב איך שוין אַ טיפוס? וואָס טוט מען? ווו זאָל איך זיך אַהינטון?

צוואַנציקסטער טאָג.

איך שרייב אין וואַגאָן. מיר אַלע זענען געראַטעוועט. מיר פאָרן אויף אַרבעט! איצט בין איך שוין אין גאַנצן געזונט. אויב איך בין נאָר אַרויס פון לאַגער, קאָן מיר שוין קיין שום זאַך נישט געשען. אַ סך קראַנקע זענען געבליבן אין אָשוויענטשים. די „רויטע" האָט זיי פאַר־שפּאַרט אין אַ באַזונדערן באַראַק. ווער ווייסט וואָס עס וועט מיט זיי ווערן? איך בין גליקלעך, אַז איך בין אַדורך די „סאָרטיראָווקע". וואָס אַזעלכעס עס איז „סאָרטיראָווקע" קאָן איך גאָר מיט ווערטער נישט באַשרייבן. ס'איז געוועזן אַזאַ מין בילד, אַז איך האָב געבעטן, אַז די ערד זאָל אונדז אַלע פאַרשלינגען! בעסער צו אַזאַ מין שאַנדע נישט דערלעבן. אָבער איך וויל דערפון נישט שרייבן, אַלץ וואָס ס'איז גע־וועזן איז שוין פאַרגאַנגען און איצט הויב איך אָן אַ ניי לעבן. יעדערער פון אונדז האָט אַ גאַנץ ברויט, אַ פּאָרציע וווּרשט מיט פּוטער אויף דעם וועג באַקומען, אַ חוץ דעם האָב איך נאָך צוויי עפּל. ווו איך זאָל נישט קומען, וועט מיר זיין בעסער. ס'אַרא גליק, ס'אַרא גליק, אַז איך בין אַרויס פון אַזאַ גיהנום.

איין און צוואַנציקסטער טאָג.

די וועלט איז אַזוי שיין און קוקנדיק דורך דעם פאַרקראַטעוועטן פּענצטערל פונעם וואַגאָן, ווילט זיך מיר וויינען פאַר בענקשאַפט. אין געטאָ בין איך פאַרהאָרעוועט געוועזן, איך האָב נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן. עס איז היינט אַ שיינער זומער־טאָג, דער הימל איז קלאָר

און ריין, אַרום אַזאַ שטילקייט פון פעלדער, אַזאַ פרישקייט און ליכ־טיקייט, איך קוק אויף די פעלדער צעבליטע און טראַכט, אַז אַט היינט זענען מיינע בעסטע יאָרן און איך האָב נאָך אין לעבן גאָרנישט גענאָסן. איך פיל עפּעס מאָדנעס... איך קאָן עס מיט ווערטער נישט אויסדריקן, נאָר עס דוכט זיך, אַז איך בין שוין נישטאָ. איך גיי נאָך אַרום צווישן מענטשן. קוק אויף דעם אַלעמען וואָס ס׳קומט פאָר, אָבער דאָס בין איך נישט, נאָר אַ פרעמדע און אַן אַנדערע. איך ווייס נישט פאַרוואָס איז מיך איצטער אַזאַ בענקשאַפט נאָך ליבע באַפאַלן. עס דוכט זיך מיר איצטער, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין גרעסער גליק אין לעבן. עס איז מיר אַזוי שרעקלעך, אַז אין דער סאָרטיראָווקע און אין באָד האָבן מיך אַזוי פיל מענער אַ נאַקעטע געזען. דאָס לעבן קאָן דאָך זיין אַזוי שיין, פאַרוואָס איז עס אַזוי נידעריק און געמיין. איך קאָן נישט גלויבן, אַז אויף די גרינע צעבליטע פעלדער גיסט זיך בלוט, און איין מענטש הרגעט אַ צווייטן. איך וויל איצט אין וואָגאָן באַטראַכטן אַלץ, וואָס איך האָב אי־בערלעבט. איז עס טאַקע אַן אמת געווען? איז דער לאַגער נאָך ווייטער און מענטשן ווי מיסט וואַלגערן זיך אין די באַראַקן? ווי גוט איז עס מיר, ווי גוט אַז איך פאָר ווייטער, און ווייטער, און דער רעש פון די רעדער פאַרטויבט מיין אינערלעך געשריי.

צוויי און צוואַנציקסטער טאָג.

איך פאָר שוין אַ נאַכט און צוויי טעג, איך שטאַרב פאַר אַ טרונק וואַסער. פון שמאָלן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל שריי איך מיט די לעצ־טע כוחות: מענטשן, אַ טראָפּן וואַסער, נאָר איין טרונק. איך ווער פאַר־ברענט, דערשטיקט! ס׳איז פאַר אונדז נישטאָ קיין אָרט אויף דער וועלט, נישט קיין היים, אָבער וואַסער... וואַסער איז דאָך פאַר אַלעמען... פאַר אַלעמען גענוג.

דריי און צוואַנציקסטער טאָג.

אויב איך וועל שטאַרבן און עמעצער וועט מיינע צעטעלעך געפינען, זאָל ער זיי אין דער ערד באַגראָבן. דאָס איז מיין לעצטער ווונטש! איך ווייס, אַז איך וועל קיין קבר נישט האָבן... די פאַרשריבענע פּאַפּירלעך בין איך אַליין. מיין בענקשאַפט צו לעבן און גליק, אויך מיין האַס צו דער וועלט און צו מענטשן. יאָ, איך שטאַרב, איך פיל עס, ס׳איז

מיר אַזוי שרעקלעך, אַלץ צעפּאַלט זיך אַרום. איך פאַל... מאַמע, מאַמע!

פיר און צוואַנציקסטער טאָג.

איך בין נישט געשטאָרבן, איך וועל קיינמאָל נישט שטאַרבן! דריי טעג און צוויי נעכט בין איך געפאָרן. היינט געפין איך זיך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין שטוטהאָף. איך געפין זיך אין אַ שטוב מיט הונדערט דרייסיק מענטשן צוזאַמען. אונדזער שטובן־עלטסטע איז רות, אַ יידישע פרוי פון ליטע. זי איז דער ערשטער מענטש, וועלכן איך געפין אין לאַגער. אונדזער בלאָק־עלטסטע איז וויערא, אַ רוסיש מיידל. אין דעם לאַגער איז אַ סך לייכטער.

כ׳ווייס נישט ווי עס לעבן די מענטשן אין אַנדערע באַראַקן, נאָר ביי אונדז שלאָגט מען נישט, דאָס עסן איז ערגער און שמוציקער געקאָכט. אַ צווייטע זופּ איז אינגאַנצן אוממעגלעך צו באַקומען. אין אונדזער צוים זענען דריי יידן־באַראַקן. אין די באַראַקן הינטער דער צוים לעבן פרויען פון לעטלאַנד, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און גרוזיע. איך רעד מיט זיי אָפט דורך דעם דראָט. קעגנאיבער זענען מענער־באַראַקן. אָפט הער איך ווי די מענער זינגען רוסישע לידער. זיי זעען פיל ערגער אויס ווי די פרויען. וואָס פאַרא לעבן וואַרט אויף מיר דאָ ווייס איך נישט. אָבער ערגער קען מיר שוין קיינמאָל נישט זיין, ווי ס׳איז געווען.

פינף און צוואַנציקסטער טאָג.

אין אונדזער צימער זענען פיל שוועסטער צוזאַמען, משפּחות, און אַ מאַמע מיט פיר טעכטער. ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען איך וואָלט כאָטש איין נאָענטן מענטש געהאַט. איין מענטש פאַר וועלכן מ׳קען זיך דאָס האַרץ אויסרעדן. פיל מיידלעך האָבן משפּחות אין אויסלאַנד, ברידער, וועלכע זענען אין אָנהייב קריג אַנטלאָפן, איך האָב אפילו נישט צו וועמען צו בענקען. איך האָב אפילו נישט צו וועמען צו האָפן. דאָס איז אַזאַ מין שרעקלעך געפיל צו זיין אינגאַנצן אַליין! די מיידלעך פון אונדזער שטוב דערציילן זיך וועגן זייערע היימען, וועגן זייער לעבן, איך דריי זיך צווישן זיי אַלע אַרום אַן איינזאַמע און ס׳איז מיר אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט.

כ׳קען אַזאַ מין לעבן מער נישט אויסהאַלטן! אויס מיט אַלע האָפענונגען. ווען איך בין אַרויסגעפאָרן פון לאַגער, האָב איך געמיינט, אַז איך

בין געראַטעוועט, נאָר איך בין פון איין טורמע אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטער. פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ מין גורל? איך גיי אויס פאַר לאַנג־ווײַליקייט און איינזאַמקייט. ווי איך האַס זיי! די — ... עס איז נישטאָ קיין נקמה, עס איז נישטאָ קיין באַצאָלונג פאַר אַזוי פיל קרבנות! נעבן מיר אויף דער ערד זיצן די פרויען און שמועסן. זיי זענען גליקלעך, אַז אין אונדזער באַראַק איז אַ קלאָזעט און אַ וואַש־רוים, און די גרעסטע פרייד איז דאָס, אַז מיר זענען רעגיסטרירט געוואָרן. יעדער האָט באַקומען אַ נומער מיט אַ מגן־דוד. מיין נומער איז 76824. זיי אַלע האָבן זיך אויפגעגעבן אַלס שניידערינס און גלייבן, אַז זיי וועלן באַקומען אַרבעט. איך קוק אויף זיי, אויף די שטרויזעק אויסגעלייגטע אויף זייערע נומערן און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך ליג אויף אַ גרויסן בית־עולם און די נומערן זענען סימנים פון געוועזענע מענטשן.

זיבן און צוואַנציקסטער טאָג.

כאָטש מיר האָבן אַ וואַש־רוים, וואַשט זיך קיינער נישט. נאָך די „אַפּעלן" ליגן מיר אַ גאַנצן טאָג אין זאַמד און ווערן סיי ווי סיי שמוציק און פאַרלייזיקט. ווי שרעקלעך איז דאָס בילד: טויזנטער פרויען פון די באַראַקן פון אונדזער צוים אין שמוציקע, צעריסענע קליידער מיט גאָלע קעפּ און באָרוועסע פיס, ליגן אויסגעצויגן אין זאַמד שעהען לאַנג און קוקן אויף דעם וואַלד. איך קען קיין עסן נישט פאַרנעמען. מיר אַלע זענען קראַנק אויף דיזענטעריע. איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טון. אינגאַנצן נישט עסן הייסט פאַלן פון די כוחות, און עסן די זופּ הייסט שעהען לאַנג ליגן אין קראַמפּן. אין אָשוויענטשים האָט מען טאַקע געשלאָגן אָן אויפהער, אָבער יעדן טאָג האָב איך עטלעכע זופּן געגעסן, קאַרטאָפל אויסגעקאָכטע אין פלייש און אין מאַנגע, דאָ שלאָגט מען נישט, נאָר עס וואַרט אונדז אַ הונגער־טויט.

אכט און צוואַנציקסטער טאָג.

נעבן אונדזער באַראַק איז אַ באַראַק פון דער בלאָק־עלטסטער זאַכע, אַן אויסוואורף, אַן אונטערוועלט־שטיק. די נאַכט האָט זי די פרויען אַזוי געשלאָגן, אַז מיר האָבן נישט געקענט איינשלאָפן. זי לאָזט די פרויען נישט וואַשן זיך, נישט גיין אין קלאָזעט, כאָטש אין דעם זעלבן בלאָק איז אַ וואַסער־לייטונג. אויף די „אַפּעלן" טרייבט זי אַרויס אַ פּאָר שעה

פריער. די פרויען ווערן פארחלשט פון שטיין. ווען מיר גייען זיך אויס־שטעלן אויפן „אפעל" באַגינען, שטייען זיי שוין אויסגעסדרט ווי סאָל־דאַטן. אַלע פרויען אין באַראַק זענען קראַנק אויף דיזענטעריע און טי־פוס, נאָר קיינער דערציילט נישט דערפון דעם דאָקטאָר... זאָכאַ וועט זיי גלייך שיקן אין טויטן־לאַגער. היינט איז צו מיר צוגעקומען אַן על־טערע פרוי און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן מיך, איך זאָל פון איר צונעמען עטלעכע פּאַרציעס ברויט... זי וועט מיר צוויי וואָכן אָפּגעבן איר ברויט, איך זאָל אַריינגיין אין באַראַק אויף איר אָרט. אַ רחמנות אויף דער פרוי! זי האָט אַלע קינדער פאַרלוירן און איז אינגאַנצן אַליין. שוין צוויי וואָכן ווי זי האָט אַביסל וואַרעמע קאַווע נישט געטרונקען. יעדעס מאָל, ווען זאָכאַ טיילט קאַווע, צעהרגעט זי אַזוי די פרויען, אַז אין דער קאַווע גיסט זיך בלוט. איך האָב איר היינט דורך דעם פענצטער דער־לאַנגט אַ ביסל וואַרעמע קאַווע. „באַטש איין מענטש טראַכט וועגן מיר", האָט זי געוויינט טרינקענדיק די קאַווע... ווען מיינע קינדער וואָלטן געזען ווי איך זע אויס... יאָ, עס איז בעסער, אַז זיי זענען נישטאָ. עס איז אַזאַ צייט היינט, אַז מען באַוויינט נישט די טויטע. בעסער די טוי־טע ווי די לעבעדיקע!... נאָר ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ מאַמע זאָל זיין צופרידן, אַז אירע קינדער זענען געשטאָרבן! אין לאַגער זענען אָנגע־קומען עטלעכע הונדערט בליץ־מיידלעך. מיידלעך דערציילן, אַז זיי זע־נען פיל ערגער ווי די ס. ס. מענער. וואָס וועט איצט זיין מיט אונדז? איך האָב זייער מורא פאַר עפּעס אַן אומגליק. ביינאַכט האָב איך מורא צו שלאָפן... איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשען? אין אַשוויענטשים האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פון באַראַק און געלאָפן איבער די לאַגער־גאַסן נאָך זופּ, איך האָב אפילו נישט מורא געהאַט פאַר דער „רויטער" און היינט בין איך אַזוי אָנגעפילט מיט שרעק, אַז ווען אין אַנדערע צי־מערן הער איך אַ טומל, שפּיר איך, אַז אַלץ שטאַרבט אין מיר אָפּ. איך וועל שוין מער מיין טאָגבוך נישט שרייבן, איך האָב נישט קיין געדולד, און די בליי איז שוין אויך אויסגעגאַנגען.

ניין און צוואַנציקסטער טאָג.

איך האָב געוווסט, אַז עס וועט זיין אַן אומגליק, און ס'איז טאַקע געקומען! גלייך נאָך דעם „מאָרגן־אַפּעל" האָבן די אָרדנערינס געהייסן זיך

אונדז אויסזעצן גלייך אויף דעם דיל. רות איז אַרומגעגאַנגען אָן א קאָפּ, זי האָט זיך מיט א ליפּנשטיפט אָנגעפאַרבט די ליפּן מיט די באַקן. זי האָט די „גראָבע" געזעצט פאָרנט און די אַלע, וועלכע זעען גאָר גוט אויס. אין שטוב איז געווען אזא מין שטילקייט, אז איך האָב געהערט ווי עס קלאַפּן די הערצער, די הענט מיט די פיס האָבן מיר געציטערט. רות האָט אונדז אַלעמען דערקלערט, אז ס'וועט זיין א „סאָרטיראָווקע", אָבער וואָס דאָס איז, האָט קיינער פון אונדז נישט געוווּסט. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט פעסטע טריט אין קאָרידאָר פון באַראַק. איך האָב געמיינט, אז אָט פירט מען אונדז אַלע צום אויסשיסן. און אין דעם מאָמענט האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק איך וויל לעבן! אין אונדזער שטוב איז אַריינגעקומען אונדזער „לאַגער-עלטסטע" שורא מיט אַ רימען אין דער האַנט. זי האָט א ווייַלע באַטראַכט אַלע פּנימער, צוגערופן צו זיך די „מאַמע" און געפרעגט, ווי אַלט זי איז. די „מאַמע" קוקנדיק גלייך אין די אויגן שורען, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, האָט מוטיק געענטפערט: „איך האָב פינף און דרייסיק יאָר". ווי אזוי האָט זי געקענט שמייכלען אין אזא מין מאָמענט? שורא האָט אויף איר א קוק געטון און געפרעגט: ווען ביסטו געבוירן געוואָרן? „איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1899 — האָט די „מאַמע" אָן אן אויפּרעגונג געענטפערט. שורא האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן מיטן רימען איבערן קאָפּ, שרייענדיק: — אזא אַלטע קו, ציילן קען זי נישט! — האָט איר געהערט אזא מין זאַך, האָט איר געזען אזא פערדישן קאָפּ? אַרויס פון דאַנען, איך זאָל דיך מער אויף מיינע אויגן נישט זען! צוזאַמען מיט דער „מאַמען" זענען אַרויסגעגאַנגען צוויי בלאַסע נידעריקע מיידלעך. זיי זענען די גאַנצע צייט אין א ווינקעלע געזעסן און איך האָב זיי כמעט נישט געקענט. וווּ זענען זיי געגאַנגען? די מיידלעך זאָגן, אין קרעמאַטאָריום! פון אַנדערע צימערן אין אונדזער באַראַק זענען אויך פיל פרויען אַרויסגעפירט געוואָרן, אַלע ליגן איצט אויף די שטרויזעק ווי געהרגעטע, נאָר די פיר טעכטער וויינען אויך. זיי רייסן די קליידער און האַקן מיט די קעפּ אין די ווענט. אָרעמע, דאָס וועט זיי שוין נישט העלפן!

דרייסיקסטער טאָג.

איצט פאַרשטיי איך שוין אַלץ. אַלץ איז מיר קלאָר געוואָרן. פאַר

אונדזער באראַק ליגט אַ גרויסער באַרג מיט שיך. דער באַרג איז אַזוי הויך ווי אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע. איך האָב אָפּטמאָל געקוקט אויף די שיך און נישט געוווּסט פון וואַנען ס׳נעמט זיך אַזאַ מין באַרג. איצט ווייס איך שוין אַלץ! די שיך זענען געבליבן נאָך די מענטשן, וועלכע זענען אין קרעמאַטאָריום פאַרברענט געוואָרן. אויב אונדזער בלאָק וועט אין קרעמאַטאָריום אָוועקגעפירט ווערן, וועט אפילו קיין צייכן נישט בלייבן! אונדזערע קלומפּערס זענען צעריסן, זיי וועלן גיין אויפן מיסט־קאַסטן. ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, אַז אין דער הייַנטיקער צייט ברענט מען לעבעדיקע מענטשן. איך שרייב „ב ר ע נ ט מ ע ן מ ע נ ט ש ן" נאָר איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי דאָס געשעט. איך קען עס נישט פאַרשטיין.

איין און דרייסיקסטער טאָג.

הייַנט איז אין אונדזער באַראַק געווען אַ רעוואָלוציע! פון זאַכעס בלאָק איז אַ טייל מענטשן אָוועקגעפירט געוואָרן און ס׳פעלט איר צו דער צאָל עטלעכע הונדערט פרויען. מיר זענען פון באַראַק אַרויסגעפירט געוואָרן אויף אַן „אַפּעל", מען האָט אונדז גענוי אָפּגעציילט, און די ערשטע רייען האָט געוואָלט פרומקע, די פּאָליציאַנטקע, אַריינפירן אין זאַכקעס בלאָק. אין דער רייע איז געוואָרן אַ טומל. די מיידלעך זענען זיך צעלאָפן, קיינער האָט נישט געוואָלט שטיין אין די פאָדערשטע רייען. ס׳איז געווען אַ טומל, אַ באַלאַגאַן, די „בליץ־מיידלעך" האָבן געהרגעט צום טויט. די מיידלעך זענען אַרומגעלאָפן אַרום דעם באַראַק, די אָרדנער־רינס מיט די „בליץ־מיידלעך" האָבן געשלאָגן ביז בלוט, ס׳האָט אָבער קיין זאַך נישט געהאָלפן, זיי זענען מיד געוואָרן פון שלאָגן. און די מיידלעך פון אונדזער באַראַק זענען צוריק געגאַנגען אין זייערע שטובן. מיר האָבן אויסגענומען! זיי מיינען טאָקע, אַז מיט אונדז קען מען אַלץ טון! ס׳איז בעסער געהרגעט צו ווערן מיט איין מאָל, ווי אַריינפאַלן אין זאַכעס הענט. זאַכע איז פונדערווייטנס געשטאַנען און געקוקט, ווי מיר לאָזן זיך הרגענען און ווילן אין באַראַק נישט אַריינגיין. זי האָט זיך מסתמא געטראַכט, אַז זי וועט אונדז דערפאַר זיכער גוט באַצאָלן. איך האָב אויך געקריגן אַ פּאָר קלעפּ מיטן רימען, אָבער ס׳איז מיר קיין זאַך נישט געשען. ס׳האָט זיך מיר נאָר בלויז געלאָזט דאָס בלוט פון דער נאָז.

מיר האָבן אויסגענומען! די אָרדנערינס זאָגן, אז ווי לאנג דער לאגער שטייט, איז נאָך אזא רעוואָלוציע נישט געווען! זיי וויסן גאָרנישט, וואָס מיר קענען.

צוויי און דרייסיקסטער טאָג.

אזא רעוואָלוציע איז נאָך אין דער וועלט נישט געווען! וויערא, אונדזער בלאָק־עלטסטע, איז אַריינגעקומען און געהאַלטן א רעדע. זי האָט זייער שיין גערעדט, מיר אַלע האָבן געוויינט. זי האָט געזאָגט צו אונדז: „פרויען, היינט האָב איך געזען אייער צוגעבונדנקייט צו מיר, און איך קען אייך נישט זאָגן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, צוזעענדיק, אז איר לאָזט זיך הרגענען און ווילט פון מיין בלאָק נישט אַרויסגיין. איך האָב פאר אייך קיין זאך נישט געטון. איך וועל זיך באַמיען פאר אייך צו קריגן דעקעס און אפשר וועל איך קענען פועלן, איר זאָלט קריגן בעסערע זופּן. איך פארשטיי אייך, נאָר וואָס מער מען פארשטייט, אַלץ ווייניקער דאַרף מען רעדן. איך האָב שוין געהונגערט. איך האָב אויך אַלע פאר־לוירן. און מיר וועלן נאָך דערלעבן צו א בעסערער צוקונפט. אַזעלכע רייד! די מיידלעך פון אונדזער שטוב שרייבן איר לידער און האָבן איר אויסגעמאָלט א גרויס בילד. איך וועל איר אויך פרוון אָנשרייבן א ליד.

דריי און דרייסיקסטער טאָג.

איך וויים נישט, פארוואָס אַלע מיידלעך האָבן יעדן טאָג אין דער זופּ קארטאָפל, און איך האָב קיינמאָל נישט מער ווי צוויי, דריי שטיק־לעך. דאָס איז אפילו נישט איין קארטאָפל. ווי אזוי קען איך אזא לעבן אויסהאַלטן? פיל פון אונדזער שטוב זענען קראנק אויף דיזענטעריע. מען זאָגט, אז דאָס איז פון הונגער. מיין מאָגן קען קיין עסן נישט פאר־טראָגן. אויב מיר וועלן אין א מאָנאט צייט נישט באפרייט ווערן, וועלן מיר אַלע שטארבן פאר הונגער און שמוץ. מיינע נערוון זענען אַזוי שוואך, אז איך קען נישט פארטראָגן, ווען מענטשן רעדן. איך וויים נישט, וועגן וואָס מען קען רעדן גאנצע טעג. וואָס איז געווען וועט שוין קיינמאָל נישט זיין. וואָס איז — זעען מיר אַלע און דאָס, וואָס ס׳וועט ווערן הייב איך נישט אָן צו פארשטיין.

פיר און דרייסיקסטער טאָג.

היינט וועט זיין א „פּאַרטיזאַנקע״ אויף אַרבעט. איך וויים נישט,

איִיב אין אן אַרבעטער־לאגער איז בעסער, נאָר איך האָב באַשלאָסן זיך אויסצובאהאלטן. איך קען אזא וועג נאָכאַמאָל נישט מיטמאכן. ווען איך וואָלט געהאט א פּלעשל, וואָלט איך מיר געקענט מיטנעמען וואסער, אָבער פאָרן אָן וואסער אין געשלאָסענע וואגאָנעס, קען איך מער נישט. הלוואי זאָל מיר געלינגען זיך אויסצובאהאלטן.

פינף און דרייסיקסטער טאָג.

„דער חתן *) איז געהרגעט געוואָרן. מיר אַלע זענען געראַטעוועט! איצט וועט זיך שוין זיכער ענדיקן די מלחמה! איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז די דייטשן זאָלן היינט אונדז אין זינען האָבן, זיי ציטערן איצט פאר זייער אייגענער הויט. איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז זיי וועלן נישט באווייזן אונדז אַלע אויסצוראָטן. אַלע אַרום מיר ליגן אויף די שטרויזעק און שמועסן וואָס זיי וועלן טון, אַז ס'וועט זיך ענדיקן די מלחמה. איך ווייס טאַקע נישט ווו איך וועל גיין, ווען די טויערן פון לאַגער וועלן פאַר אונדז אויפגעמאַכט ווערן. אַלע יידן פון אונדזער שטעטל זענען אויסגעהרגעט געוואָרן. איך וויל אָבער דערפון נישט טראַכטן. ווען ס'וועט זיך ענדיקן די מלחמה, וועל איך קויפן אַ גאַנץ ברויט און מיטאַמאָל אויפעסן. טייל מאָל ווילט זיך מיר אַזוי אַ גלאָז טיי, אַז עס דערגייט מיר פשוט צום הארצן, נאָר איצט איז עס שוין נאָך אַלעמען. איצט וועט שוין זיין ברויט גענוג און אַלץ פריי פאַר אַלע.

זעקס און צוואַנציקסטער טאָג.

ס'איז געווען אַ „סאָרטיראָווקע". איך האָב זיך באהאלטן אונטער אַ שטרויזאַק, און קיינער האָט עס נישט באמערקט. נאָך דער „סאָרטיראָווקע" איז אַ טייל פרויען צוריקגעקומען אין בלאָק. זיי אַלע זענען געווען אַזוי צעטומלט און דערשראָקן, אַז שעהען־לאַנג זענען זיי געלעגן אויף די שטרויזעק, ווי דאָס לשון וואָלט געווען ביי זיי אָפּגענומען. ווי גוט האָב איך געטון, וואָס איך האָב זיך אויסבאהאלטן! נאָך דער „סאָר־טיראָווקע" איז די „מאַמע" פון די פיר טעכטער אריינגעקומען אין אונדזער שטוב. די מיידלעך ווערן משוגע פאַר פרייד. איך פריי זיך אויך שטאַרק, אַז זי איז ווידער אין אונדזער שטוב.

---

*) דער חתן — היטלער.

און איצט, אויב ס׳ענדיקט זיך די מלחמה, איז זי געראַטעוועט מיט אירע פיר טעכטער, זיי זענען גליקלעך! זיי וועלן אַלע אַרויסגיין פון לאַגער, זיי וועלן נאָך האָבן אַ היים. איך האָב אַזוי גוט געטון, וואָס איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן. ס׳אַרא זין האָט זיך היינט צו שלעפּן אין לאַ־גערס, ווען ס׳איז שוין היינט באַלד נאָך דער מלחמה. איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, ווו איז די „מאַמע" געוועזן און ווי אַזוי איז זי צוריק־געקומען. זיי שווייגן און ווילן קיינעם קיין וואָרט נישט דערציילן. אויב אַזאַ אַלטע יידענע קען זיך ראַטעווען פון טויט, פאַרוואָס זאָל איך עס נישט קענען?

זיבן און דרייסיקסטער טאָג.

די נאַכט האָב איך געהערט ווי די „מאַמע" האָט דערציילט די טעכטער, ווי אַזוי פרומקע האָט אַרויסגענומען זי פון „טויטן־בלאָק". אַלע פרויען וואָס זענען אָפּגעסאָרטירט געוואָרן אַלס שוואַכע, זענען פאַר־שפּאַרט געוואָרן אין אַ צימער אין טויטן־בלאָק. דריי טעג האָבן זיי נישט געקריגן צו עסן און צו טרינקען, עטלעכע זענען אין ערשטן טאָג שוין געשטאָרבן און די וועלכע זענען לעבן געבליבן, זענען פון קרעמאַ־טאָריום אַרויסגעפירט געוואָרן גלייך דערנאָך, ווי די „מאַמע" איז אַרויס־געגאַנגען פון צימערל. ווי אַזוי פרומקע קען אַזעלכע זאַכן אַדורכפירן, פאַרשטיי איך אינגאַנצן נישט. פרומקע האָט מסתמא די פיר טעכטער אויך אויסבאַהאַלטן, זיי זאָלן מיט דער „מאַמען" בלייבן צוזאַמען. אָפּט־מאָל קומט זי אַריין אין אונדזער שטוב און דערציילט וועגן פּאַרטיזאַנער. איך האָב אָבער קיין געדולד נישט אויסצוהערן אירע דערציילונגען. איך ווייס נישט ווי אַזוי איך האָב זיך געקענט אַמאָל גוט לערנען. דער קאָפּ איז מיר אַזוי שוואַך, אַז אין מיטן דערציילן, פאַרגעס איך וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן.

דער ניין און דרייסיקסטער טאָג

איך האָב היינט געפונען אַ פלעשל. איצט וועל איך שטענדיק האָבן אַוועקגעשטעלט אַביסל קאַווע. דאָס קאַלטע וואַסער נאָך די קרויט־זופּן מאַכט פון מיר אַ תל. איצט וועל איך גאָר קאַווע טרינקען. ס׳וועט מיר זיכער בעסער ווערן. אין אונדזער שטוב קומט אָפט אַריין די דאָקטאָרין, זי גיט פאַסטילקעס די קראַנקע קעגן טיפוס און דיזענטעריע. אָבער איך

האָב מורא צו בעטן, קיינער דאַרף נישט וויסן, אַז איך בין קראַנק. אין אַשוויענטשים בין איך אַ צייט אַרומגעגאַנגען מיט פיבער און עס איז אַליין פון זיך אַוועק.

דער איין און פערציקסטער טאָג.

איך האָב נישט געשריבן דריי וואָכן, איך בין שטאַרק פאַרנומען. איך האַנדל מיט ציבעלעס. ווען איך וואָלט זיך גלייך גענומען צו האַנ־דלען, וואָלט איך שוין געהאַט אַ קלייד מיט אַ פּאָר שיך און געווען אינגאַנצן אַנדערש אַוועקגעשטעלט. וואָס איז מיט מיר געשען, אַז איך בין צוויי וואָכן אָפּגעלעגן אויף דעם שטרויזאַק? פאַר אונדזער בלאָק אַרבעטן פּוילישע מענער. זיי פאַרריכטן די צוימען, די וואַסער־לייטונג אין די באַראַקן און עלעקטרי. איך בין צוגעגאַנגען צו איינעם און געבעטן, ער זאָל מיר ברענגען אַביסל זאַלץ. ביי זיך האָט ער געהאַט צוויי ציבע־לעס. איך האָב זיי געקויפט פאַר אַ פּאַרציע ברויט. מיט די ציבעלעס האָב איך נישט באַוויזן צוצוגיין צום באַראַק, ווייל די דאָקטערינס, ווען זיי האָבן ביי מיר נאָר דערזען די ציבעלעס, האָבן זיי ביי מיר זיי גלייך געקויפט. די דאָקטערינס האַלטן, אַז ציבל האָבן וויכטיקע וויטאַמינען זיי נייטיקן זיך אין דעם. איך בין אַריינגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל. די דאָקטאָרין האָט מיר געגעבן אַ זופּ און אַ האַלב ברויט.

אַלע דאָקטערינס זענען מיך באַפאַלן, איך זאָל יעדן טאָג אַריינ־קומען אין שפּיטאָל און ברענגען וואָס עס לאָזט זיך, צוקער, מעל און קאַרטאָפל. דער שפּיטאָל איז אין אונדזער צוים. יעדן טאָג גיי איך צו זיי אַריין, מיט ציבעלעס, זאַלץ און פיל מאָל געלינגט מיר צו קויפן אַן עפּל. איך פאַרדין זייער גוט. די דאָקטערין האָט מיר געגעבן אַ מעדיצין קעגן דיזענטעריע און איך פיל זיך בעסער. אונדזער גאַנצע שטוב איז מיך מקנא.

דער צוויי און זעכציקסטער טאָג.

די מיידלעך פון רוסישן בלאָק אַרבעטן אין דער קיך, זיי שיילן קאַרטאָפל און מייערן. נעכטן ביי דער דראָט האָב איך געקויפט פון אַ רוסיש מיידל צוואַנציק קאַרטאָפל מיט עטלעכע מייערן פאַר אַ ציבעלע. איך האָב זיך מיט זיי אָפּגעשטימט יעדן אָוונט צו טרעפן. אין שפּיטאָל כאַפּט מען אויס פון מיר די קאַרטאָפל מיט די מייערן ווי די בעסטע פּאָ־

מיגראַנצן. די דאָקטערין מיט דער קראַנקן־שוועסטער האָבן אַ גרויס ציי־מער מיט אַן אויוון. זיי לעבן ווי קייזערינס. פּרעגלען זיך די קאַרטאָפל אין וווּרשט, עסן ביי אַ ווייס געדעקטן טיש און שלאָפן אין ריינע נאַ־רעס. די דאָקטערינס זענען פון ליטע, טשעכיע און אונגאַרן. זיי זענען זייער פיינע פרויען, גיבן מיר פאַרשידענע פּאַסטילקעס „פּראָסטאַזיל", „אַספּירין" א"אַ. איך פאַרקויף דאָס אין אונדזער באַראַק. עטלעכע קראַנקע האָבן ביי מיר באַשטעלט צוקער. איך האָב נישט קיין צייט צו שרייבן, כ'גיי זוכן צוקער.

דער זיבן און זעכציקסטער טאָג.

אין אונדזער באַראַק איז אַ שרייב־שטובע. דאָרטן אַרבעטן יידישע מיידלעך פון ליטע און פּוילן. יעדן טאָג ברענגט זיי אַ האָלענדער אַ זאַק האָלץ צו הייצן דאָס אייוועלע. ס'ווייזט זיך אויס, אַז דער האָלענדער האָט באַקומען פּאַקעטן פון דער היים. איך האָב געבעטן דעם האָלענ־דער, ער זאָל מיר ברענגען דעם גאַנצן פּאַקעט, איך וועל אים אָפּקויפן. איצט מוז איך זוכן ברויט, איך זאָל קענען קויפן דעם פּאַקעט. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן צו ברענגען קעז, „מאַגגי", עפּל און צוקער. הלוואי זאָל איך דאָס אַלעס אָפּקויפן קענען.

דער ניין און זעכציקסטער טאָג.

איך האָב זיך געבאָרגט צוויי ברויט ביי איינע פון די קראַנקן־שוועס־טערס פון שפּיטאָל און אָפּגעקויפט דעם גאַנצן פּאַקעט פון דעם האָלענ־דער. ער איז אַן אנשטענדיקער און גוטמוטיקער מענטש, מיר וועלן מסתמא צוזאַמען האַנדלען. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז „מאַג־ני" איז אַזאַ ווירקעכיקער אַרטיקל. די דאָקטערינס מיט די שוועסטער האָבן עס פּשוט צעכאַפּט. איך וועל שוין מער נישט האַנדלען מיט קאַר־טאָפל און מייערן. ווען איך קום אַריין אין באַראַק מיט אַ זעקל קאַר־טאָפל, מיינען זיי, אַז איך מאַך גאָלדענע געשעפטן. „מאַגגי" איז אַזוי גרויס ווי אַ קלעצל צוקער און קיינער ווייסט עס ביי מיר נישט באַמערקן. די עפּל האָב איך פאַרקויפט אַ קראַנק מיידעלע פון שפּיטאָל. זי האָט אַ פולע טאָרבע ברויט און קען קיין זאַך נישט עסן. אין שפּיטאָל ליגן אַזוי פיל קראַנקע מיידלעך, איך זע, אַז זיי גייען אויס, און קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום. ווען איך וואָלט געזעסן ווי זיי מיט

פאַרלייגטע הענט אין דער שטוב אויפן שטרויזאַק. וואָלט פון מיר דאָס זעלבע געוואָרן.

דער זיבעציקסטער טאָג.

איך האָב צוויי לעבלעך ברויט און ווייס נישט, ווו איך זאָל זיי באַהאַלטן. אויף די אַפּעלן קען איך מיט די ברויטן נישט אַרויסגיין, אַ גאַנצע נאַכט זיץ איך און איך היט די ברויטן, מען זאָל זיי ביי מיר נישט צוגנבענען. איך האָב באַשלאָסן צו קויפן אַ קלייד מיט אַ פּאָר שיך. די מיידלעך קוקן אויף מיינע לעבלעך ברויט און זאָגן, אַז איך האָב מסתמא אַ קאַוואַליר. אָבער דאָס אַרט מיך נישט. זאָלן זיי רעדן! איך קוק ווי מאַנכע מיידלעך וואַרפן בריוועלעך איבער די דראָטן צו די מענער. איך פאַרשטיי נישט, ווען מען קאָן רעדן אין אַ לאַגער מיט אַ מאַן. איך האָב זיך באַקענט מיט אַ סך מענטשן, איך וואָלט זיי געוואָלט באַשרייבן, יעדן באַזונדער, אָבער איך האָב קיין צייט נישט. איך מוז צוגיין אין שפּיטאָל. אַ קראַנקן־שוועסטער האָט מיר צוגעזאָגט אַ פּעקל סוכאַרעס. איך פאַרקויף די סוכאַרעס אונדזערע מיידלעך וואָס זענען קראַנק אויף דיזענטעריע. אַז עס גייט, גייט עס מיט אַלעמען! נעכטן אין דער זופּ האָב איך געהאַט 8 גאַנצע קאַרטאָפל, איך האָב אַ העלפט אָוועקגעגעבן דער „מאַמען". ס'איז מיר אַ רחמנות אויף דער מאַמען. פון דער צייט, וואָס זי איז געקומען פון „טויטן־בלאָק", איז זי אין גאַנצן ווי צעמישט. זי האָט קיין זאַך נישט און פאַר יעדן שאָרך האָט זי מורא. אויב איך וועל איצט ווידער האָבן צוקער פון האָלענדער, וועל איך איר געבן אַ ביסל, זאָל זי אויך וויסן פון אַ לעבן.

דער צוויי און זיבעציקסטער טאָג.

וואָס פאַראַ נאַכט איז היינט געווען! נאָך איצט קלעמט מיך ביים האַרצן. מיר אַלע זענען שוין געלעגן און געשלאָפן, מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ בילן פון הינט ביים באַראַק. אין באַראַק זענען אַריינגעקומען מענער פון ס. ס. און „לאַגער־פּאָליציאַנטן". זיי זענען איבער אַלע שטובן געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן וועמען געזוכט. מיט עלעקטרישע לעמפּלעך געלויכטן אין אַלע פּנימער. מיר אַלע האָבן געמיינט, אַז די לאַגער־פּאָליציי פירט אונדז אַרויס פון באַראַק און וועט אונדז אויסשיסן. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן געזעגענען. עס איז געוואָרן אַזאַ מין רעש און

טומל, אַז מען האָט געקענט משוגע ווערן. ס'איז אָבער קיין זאַך נישט געוואָרן. די לאַגער־פּאָליציאַנטן זענען אַוועקגעגאַנגען און מיר אַלע האָבן זיך צוריקגעלייגט אויף דער ערד, נאָר קיינער איז די נאַכט נישט געשלאָפן. אַזאַ מין נאַכט! יאָ, איך האָב געמיינט, אַז די נאַכט איז שוין די לעצטע! אין דער פרי האָב איך זיך דערוווסט, אַז די אָרדנערס פון די מענער־באַראַקן האָבן אויסגעגראָבן אַ ריוו אונטער דער צוים און איבערגעגאַנגען אין די פרויען־באַראַקן צו זייערע כלות. ווען די הינט האָבן אָנגעהויבן בילן, זענען די מענער אַריינגעלאָפן אין די פרויען־באַראַקן, אויסגעלייגט זיך אויף די שטרוי־זעק... און געשלאָפן. אין די קליידער מיט די גאָלע קעפּ — האָט זיי קיינער נישט דערקענט. הייסט, אַז מיר זענען שוין גאָרנישט ענלעך צו פרויען? די לאַגער־פּאָליציאַנטן האָבן געזוכט אין אַלע צימערן און קיינעם נישט דערקענט. ווען די לאַגער־פּאָליציאַנטן זענען אַוועק, האָבן זיך די אָרדנערס אויף די ביי־כער אַרויסגעשאַרט ביז צום ריוו אונטער דער צוים. די „טאָר־וואַכע" האָט דאָס געזען, נאָר זי איז אַ „בלאַטע", פאַר אַ שאַכטל סאַרדינען קען מען אַלץ מיט איר טון. ווען די פּאָליציאַנטן וואָלטן די אָרדנערס געפונען אין אונדזער באַראַק, וואָלטן זיי אַלע אויפגעהאַנגען געוואָרן. צוליב אַ פּאָר אויסגעלאַסענע מיידלעך מוז אונדזער בלוט פאַרגליוועט ווערן פון שרעק! זיי האָבן צו עסן און טרינקען, גייען אויסגעפּוצט אין די שענסטע קליידער, מער פעלט זיי נישט ווי ליבעם!

דער אַכציקסטער טאָג.

איך האָב זיך באַקענט מיט אַן איטאַליענער. אַלע זאָגן, אַז ער איז אַמאָל אַ קאָנסול געווען. ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן, איך זאָל מיט אים קאָרעספּאָנדירן. ער זאָגט, אַז טראָץ דעם, וואָס איך האָב קיין האָר נישט, בין איך אַ שיינע און ער וועט מיך נישט פאַרלאָזן... ער באַקומט פון דער היים פּאַקעטן און זאָגט, אַז ער וועט זיך מיט מיר טיילן. ווען איך בין אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן און הונגעריק, האָט זיך קיינער אויף מיר נישט אומגעקוקט. היינט, ווען איך האָב אַ קלייד מיט אַ פּאָר שיך, בין איך מיט אַמאָל אַ שיינע געוואָרן. ער געפעלט מיר נישט, דער אי־טאַליענער... אַ מענטש, וועלכער קאָן האָבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אַזאַ אויסגעגעסן צופרידן פּנים, איז אַ לומפּ! ער איז אַ „קאַפּאָ" ביי

די עלעקטריקער, נאָר די מיידלעך זאָגן, אַז ער פאַרשטייט זיך גאָרנישט אין עלעקטראָטעכניק. ווער איז ער? אפשר אַ שפּיאָן? מען קען אַמאָל זאָגן אַ וואָרט און ווער ווייסט וואָס ס׳קען דערנאָך קומען!

דער איין און אַכציקסטער טאָג.

היינט איז אין גאַנצן באַראַק געווען אַ רעוויזיע. אַלץ איז אַדורך בשלום. נאָר איך קען נאָך איצט צו זיך נישט קומען. יעדן טאָג אַ ניי אומגליק. טויזנט מאָל האָט מען אונדז באַזוכט, אַלץ צוגענומען, און איצט זוכן זיי ווידער גאָלד. היינט איז געקומען דער ראַפּאָרט־פירער און געזוכט אין אַלע שטובן ווערט־זאַכן. נאָך גוט וואָס איך האָב באַוויזן אין דער לעצטער מינוט אַרויסצוואַרפן דאָס זעקעלע מיט מייערן. מער וואָלט מיר נישט געפעלט, נאָר ער זאָל ביי מיר געפינען זאַכן פון דער לאַגער־קיך און זען, אַז איך האַנדל מיט גנבות! עס וואָלט זיך אָנגעהויבן באַלד אַ פאַרהער! פון וואַנען האָב איך די מייערן? ווער האָט זיי מיר געגעבן? ער איז אַ שרעקלעכער מענטש! נישט לאַנג האָט ער אויפגעהאַנגען צוויי אוקראַינער, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון לאַגער. איך וויל גאָרנישט טראַכטן, וואָס עס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט ביי מיר דאָס זעקעלע געפונען! די וויכטיקסטע זאַך איז דאָס, אַז אַ מענטש זאָל דעם קאָפּ נישט פאַרלירן. אַלע זענען נאָך זייער איבערשראָקן און כאָטש ער איז שוין אַוועק, קען זיך קיינער פון אונדז נישט באַרואיקן.

צוויי און אַכציקסטער טאָג.

מיין קאָפּ אַרבעט שוין נישט אין גאַנצן! פאַר וואָס האָב איך דאָס זעקעלע אַרויסגעוואָרפן? איך האָב עס דאָך געקענט אין זאַמד באַגראָבן! איצט איז אַלץ פאַרלוירן... און ווי אַזוי פאַרלוירן... איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער ראַפּאָרט־פירער איז געקומען באַזוכן איינע פון די שרייבערינס. ווייל ער האָט מורא פאַר דעם ראַפּאָרט־פירער, אַז ער גייט אין אונדזער באַראַק, האָט ער זיך אויסגעטראַכט אַ גאָלד־רעוויזיע! נאָר אין אמתן האָט ער קיין גאָלד אין זינען נישט געהאַט. איך ווייס נישט, ווער זענען די מיידלעך פון דער שרייב־שטוב, נאָר ווי אַזוי קענען זיי ליבן אַזאַ מערדער? ווען איך זע אים פון דערווייטנס, הייב איך זיך אָן צו טרייסלען פאַר שרעק. אַזעלכע אויסוואורפן! איבער זיי

האָב איך מיין זעקעלע מיט קאַרטאָפל פאַרלוירן! אַלץ איז אויס! אַלץ איז אויס! איצט האָב איך שוין נישט מיט וואָס צו האַנדלען. וואָס וועל איך איצט טון? וואָס וועל איך איצט טון?

דער דריי און אַכציקסטער טאָג.

מען האָט מיר צוגעגנבעט די שיך! איך וועל דאָס נישט איבער־טראָגן. אַ פּאָר טעג בין איך געשלאָפן אין די שיך, נאָר די פיס זענען מיר אַזוי געשוואָלן געוואָרן, אַז איך האָב זיי געמוזט אויסטון. איך האָב זיי באַהאַלטן אונטער דעם שטרוי־זאַק, אונטער מיין קאָפּ. פאַרוואָס האָבן זיי מיר, די זאַראַזעס, די שיך צוגעגנבעט? אַזאַ אומגליק? וואָס וועל איך טון אָן שיך? איך האָב שוין מער קיין כוח צו דעם אַלעמען! זאָל אַלץ שוין נעמען אַ גיכן סוף! איין מאָל אויף אַלע מאָל אַ סוף!

דער פיר און אַכציקסטער טאָג.

איצט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן! אין אַשוויענטשים איז געוועזן אַ פאַרניכטונגס־לאַגער. אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָרט איז אַ „קוימען". דאָ אין לאַגער ווערן שטילערהייט פאַרברענט האַלבע טראַנספּאָרטן. ביז היינט האָב איך מורא געהאַט זיך צורירן צו דעם באַרג פון שיך. און ס'וואָלט בעסער געווען, ווען איך וואָלט דאָרט קיין שיך נישט געזוכט! איך האָב פון באַרג שיך געוואָלט אַרויסשלעפּן אַ פּאָר שיך פאַר זיך. און אין איינעם האָב איך געפונען אַ צעטעלע: „שלמה... מיר אַלע זע־נען אַרומגערינגלט... עס איז אַ סאָרטיראָוועקע... זאָלסט נישט איבער־קלערן! היט דעם טאַטן". איך האַלט דאָס צעטעלע אין דער האַנט און ס'ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק שרייען. די פרויען אויף די שטרויזעק שלאָפן. איך וויל זיי אויפוועקן און שרייען: הערט, דאָ פירט מען אַרויס גאַנצע באַראַקן צום טויט, וואָס שלאָפט איר? אָבער ניין, זאָלן זיי שלאָפן... ווי גוט איז זיי, אַז זיי קענען שלאָפן.

פינף און אַכציקסטער טאָג.

היינט איז ווידער געווען אַ „סאָרטיראָווקע". פון אַלע אַרומיקע באַראַקן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן די פרויען צו אַ קאָמיסיע פון דייטשע דאָקטוירים. אַלע געזונטע האָבן פאַרמירט די מענער פון „אַר־בעטס־איינזאַץ". די פרויען האָבן זיך זייער געפרייט, אַז ס'איז אַ „סאָר־טיראָווקע" אויף אַרבעט. זיי זאָגן, אַז אין אַן אַרבעטס־לאַגער איז נישט

אַזאַ אונטערגאַנג. ווען איך וואָלט געהאַט מיינע שיך, וואָלט איך זיך געשטעלט אין דער ערשטער ריי און אויך אַוועקגעפֿאָרן פֿון דאַנען. ס'איז מיר שוין דאָ אַלץ נמאס געוואָרן. ביז היינט האָבן די מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין קיך, פֿון רוסישן און פּוילישן באַראַק געברענגט קאַרטאָפֿל און מייערן. איינע פֿון די שיילערינס האָט וועגן דעם געמסרט דער דײַ־טשישער אָרדנערין פֿון דער קיך. ס'איז זייער שווער היינט אַרויסצו־טראָגן אַ קאַרטאָפֿל. אַלע שיילערינס פֿאַר דעם אַרויסגיין ווערן גענוי רעווידירט. די וועלכע עס געלינגט שוין אַרויסצוטראָגן אַ פּאָר קאַרטאָפֿל אין אַרבל, ווייסן אַליין נישט וויפֿיל דערפֿאַר צו פֿאַרלאַנגען! די דאָק־טערינס קויפֿן שוין סיי ווי סיי נישט קיין קאַרטאָפֿל. זיי נעמען אַרויס די קאַרטאָפֿל פֿון די קעסלען זופּ, וועלכע קומען אַריין אין שפּיטאָל פֿאַר די קראַנקע. די מענער זענען אויך קליגער געוואָרן. פֿאַר אַ ציבעלע פֿאַ־דערן זיי אַ האַלב ברויט. פֿון וואַנען זאָל איך נעמען אַזוי פֿיל ברויט? אַמבעסטן וואָלט געווען, ווען איך וואָלט קראַנק געוואָרן און באַקומען אַ בעטל אין שפּיטאָל. אין שפּיטאָל איז וואַרעם און ריין. מען דאַרף נישט שטיין אויף די אַפּעלן און דאָס עסן דערלאַנגען די קראַנקן־שוועס־טערס אויף די נאַרעס. די זאַך איז נאָר אין דעם, וואָס אָן פֿיבער נעמט מען נישט אַריין אין שפּיטאָל. און מיר טראָגן „סטאַמאַטיקייט" (צינגאַ) און דיזענטעריע איז קיין זאַך נישט.

דער זיבן און אַכציקסטער טאָג.

ס'איז אַ קאַלטער רעגן־טאָג. איך זיץ אויף דער שוועל פֿון דעם באַראַק און וואַרט אויף דעם האַלענדער. ער האָט מיר פֿאַרשפּראָכן צו ברענגען מעל פֿון פּאַקעט, וועלכן ער האָט באַקומען. די דאָקטערינס קענען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף דעם מעל. פֿאַר אַ טאַרבעלע מעל וועל איך זיכער באַקומען אַ ברויט. איך וועל זיך אַ וואָך אויסרוען אויף דעם שטרויזאַק, אויב איך וועל דאָס ברויט באַקומען. עס זענען שוין קאַלטע טעג און זיצנדיק פֿאַר דעם באַראַק ווער איך אין גאַנצן אַדורכ־גענומען פֿון דער קעלט. מער ווי דאָס קליידל, וועלכעס איך האָב זיך געקויפֿט, טראָג איך נישט. וואָס וועט זיין, ווען דער ווינטער וועט אָנ־קומען? אַלע זענען דאָך נאַקעט און באָרוועס! איך קוק אויף דעם באַרג מיט שיך און עס ווילט זיך מיר וויינען. איז דאָס אונדזער אַלעמענס

סוף? אין אונדזער באַראַק זענען פיל קראַנקע אויף טיפוס און דיזענ־טעריע. „סטאַמאַטיטיס" האָבן אַלע. דאָס איז אַזאַ מין קראַנקהייט, אַז דער גומען ווערט געשוואָלן און די צונג מיט ווונדן באַדעקט. ביי אַ סך פרויען פאַלן אַרויס די ציין. דאָס איז פיל ערגער פון טיפוס. נישט ווייט פון אונדזער באַראַק איז אַ „טויטן־בלאָק". יעדן טאָג ווערט פון דאָרטן אַרויסגעפירט אַ פולער וואָגן מיט טויטע. אַנדערע גוססן וואָכן־לאַנג. פאַר דעם שפּיטאָל ליגט אַ באַרג טויטע יעדן טאָג. ס'ווילט זיך מיר וויינען איבער די אַלע חרובע לעבנס, ווי איבער זיך אַליין. איך וואַרט און וואַרט און דער האָלענדער קומט נישט. ער איז אַ גוטער אַנשטענדיקער מענטש. ער האָט מיר נעכטן געבראַנגט אַ מתּנה אַ פּאָר וואַרעמע מענער־שקאַרפּעטן. ער זאָגט, אַז ער קען נישט קוקן אויף די באָרוועסע פיס פון די פרויען. דעם ערשטן מאָמענט האָב איך די שקאַרפּעטן געוואָלט אָוועקגעבן דער „מאַמען". אָבער מיר אַליין איז קאַלט, און אין די שקאַרפּעטן אויף דעם מאָרגן־אַפּעל איז מיר פיל לייכ־טער. אַ רחמנות אויף דער „מאַמען". זי שטאַרבט. די וועלכע שלאָפן לעבן איר, וואַרטן אויף דעם אָרט, אויפן שטרויזאַק. וואָס איז דאָס לעבן פון אַ מענטש? — טראַכט איך. וואָס איז דער גאַנצער קאַמף פאַר דעם דאָזיין? אַלץ פּוסטע חלומות.

דער ניין און אַכציקסטער טאָג.

ס'איז היינט געקומען אַ טראַנספּאָרט פרויען פון אַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע דייטשישע שטעט און דערפער. זיי דערציילן שווידערלעכע זאַכן. זיי זענען צו דער אַרבעט יעדן טאָג צען קילאָמעטער ווייט צופוס געגאַנגען. אַפילו די שווערע קראַנקע, מיט הויכן פיבער, האָבן געמוזט גיין צו דער אַרבעט. נאָר אַ ביסעלע זופּ מער פון אונדז האָבן זיי באַקומען. די ברויט פּאָרציע איז געווען די זעלביקע ווי אונ־דזערע. זיי אַלע האָבן ווונדן אויף די הענט און אויף די פיס.

זיי זענען גליקלעך, אַז זיי זענען פון אַרבעטס־לאַגער געקומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. קענען ליגן אויף די שטרוי־זעק און רוען. איצט פאַרשטיי איך, אַז איינע ווערן אויסגעראָטן דורך אַרבעט און אַנדערע פון הונגער און שמוץ. ס'איז יאָ גוט אויסגעקומען, אַז מען האָט מיר געגנבעט די שיך! איך האָב זיך געשטעלט אין דער לעצטער ריי ביי

דער „סאַרטיראָווקע" און דער קאָנטינגענט איז פריער פאַרפולט געוואָרן. צו וואָס דאַרף איך זיך וואַלגערן אין אַנדערע לאַגערן, אַז אומעטום איז דאָס זעלבע.

דער צוויי און נײַנציקסטער טאָג.

איך האָב גלײַך געוווּסט, אַז דער איטאַליענער איז אַ לומפּ. ער האָט זיך דערקלערט אין ליבע דער יינגסטער טאָכטער פון דער „מאַמען". עס איז מיר גלײַך קלאָר געוואָרן, ווען זי האָט זיך היינט אָפּגעוואַשן. זי זיצט אַ גאַנצן טאָג אויפן שטרויזאַק און שרײַבט צו אים בריוו. וואָס וואָלט זי געזאָגט, ווען זי וואָלט געוווּסט, אַז ער האָט זיך מיר אויך דערקלערט אין ליבע!

דער דרײַ און נײַנציקסטער טאָג.

היינט איז געקומען אַ וועגעלע פרויען פון דער אַרבעט. זיי זענען גלײַך אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין „טויטן־בלאָק". זיי אַלע זענען געקומען פון פאַנצערגרובן און זענען אַזוי קראַנק, אַז די אָרדנערס האָבן זיי געמוזט פון די וועגעלעך אַרײַנטראָגן אויף די הענט אין באַראַק. דאָס זענען געווען יידישע פרויען פון ליטע, אונגאַרן און טשעכיע. ס'ווײַזט זיך אויס, אַז אין יעדן אומגליק איז דאָ גליק. ווען איך וואָלט געהאַט שיך, ווער ווייסט ווו איך וואָלט איצט געווען? איצט ווייס איך, אַז פאַר אַרבעט מוז מען זיך פּונקט אַזוי אויסבאַהאַלטן ווי פון קרעמאַטאָריום.

דער הונדערט זיבעטער טאָג.

איך ליג אין שפּיטאָל! ס'איז מיר אַזוי גוט! אַ קראַנקנשוועסטער האָט מיך אויסגעבאָדן און געגעבן אַ ריין העמד. איך האָב שוין זיכער נישט קיין פיבער. מיטאָג דערלאַנגען די קראַנקן־שוועסטערס אויף די נאַרעס. איך ליג זיך אויפן דריטן עטאַזש, איינע אַליין אויף אַ נאַרע. עס וואָלט מיט מיר גאָר שלעכט געווען, ווען איך וואָלט היינט נישט אָנגעקומען אין שפּיטאָל! איך וואָלט נישט אויסגעהאַלטן נאָך איין נאַכט אויפן דיל אין באַראַק.

דער הונדערט צענטער טאָג.

אויף די ערשטע און צווייטע עטאַזשן ליגן זייער וויכטיקע פרויען פון גאַנץ אייראָפּע. ווען איך וואָלט נישט אַזוי שוואַך געווען, וואָלט איך זיי אַלע באַשריבן. היינט איז ביי אונדז אין שפּיטאָל אַ יום־טוב,

קעניגסבערג איז גענומען געוואָרן! אַלע קראַנקע זענען אַראָפּ פֿון די נאַרעס, גייען אַרום איבער די פּאַלאַטעס און קושן זיך. זיי זאָגן, אַז די רויטע אַרמיי איז גאָר נאָענט! ווי ווייט קען זיין פֿון קעניגסבערג צו אונדז? איך קען זיך דאָס גאָרנישט פֿאָרשטעלן, אַז מיר קענען היינט־מאָרגן אויסגעלייזט ווערן. אַזאַ מין טאָג, אַזאַ מין טאָג! איך האָב שוין נישט געגלייבט, אַז די מלחמה וועט זיך ווען ענדיקן. אויב ראש־השנה און יום־כּפּור האָבן אונדזערע טרערן נישט אויפֿגעשפּאָלטן דעם הימל, האָב איך געמיינט, אַז מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט אויסגעלייזט ווערן! ווען די פֿיס וואָלטן מיר אַזוי נישט געציטערט, וואָלט איך אויך אַראָפּ פֿון דער נאַרע טאַנצן צוזאַמען מיט אַלע. איצט איז שוין נישט ווי דע־מאָלט, די מעשה מיטן חתנס טויט, איצט איז אַ טויט צו זיי אַלע!

דער הונדערט צוועלפֿטער טאָג.

אַן אומגליק איז מיר היינט געשען. דער טעלער זופּ איז מיר אַראָפּ־געפֿאַלן אויף דער אונטערשטער נאַרע. די קראַנקע האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלט, אַז אַלע דאָקטאָרינס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפֿן. ס׳ווייזט זיך גאָר אויס, אַז די קראַנקע איז די מאַמע פֿון דער „אָבערשוועסטער״. זי האָט מיך אָנגעזידלט און אָנגעזאָגט, אַז אויב דאָס וועט נאָך ווען פּאַסירן, וועט זי מיך אַרויסוואַרפֿן פֿון שפּיטאָל! וואָס בין איך שולדיק, אַז איך קען מיט איין מאָל אַלץ נישט אויפֿעסן? ווען איך וואָלט געהאַט אַ פּושקע, וואָלט איך עס איבערגעגאָסן, באַהאַלטן אויף שפּעטער. איצט ווייס איך נישט וואָס איך זאָל טון. אָפּגעבן די זופּן די קראַנקע, וועל איך דאָך אינגאַנצן פֿאַלן פֿון די כּוחות, אַליין פֿון זיך אַ תּל מאַכן. איין נס, וואָס איך האָב אַ פֿלעשל געפֿונען! איך האָב אַ פֿולע פֿלאַש קאַווע, אַלע זענען מיך מקנא, זיי מוזן זיך שעהען לאַנג בעטן אַ טרונק וואַסער.

דער הונדערט דרייצנטער טאָג.

קיין מעדיצין גיט מען מיר נישט, נאָר איין מאָל האָב איך אַ פּאַסטילקע באַקומען... די וואָס ליגן אויף דער אונטערשטער נאַרע, באַקומען יעדן טאָג שיסלען מיט וואַסער זיך צו וואַשן, דיעט־זופּן, שפּריצן, מעדיקאַמענטן. וואָס האָבן זיי מיך אַרויפֿגעלייגט אויף אַן אויבערשטער נאַרע, מען זאָל מיך אַפֿילו נישט אַרויסזען? מיין דעקע איז פֿול מיט לייז באַשאָטן און איך האָב זיך מיין גאַנצן קערפּער צעריסן. קיינער

קוקט זיך אויף מיר נישט אום אפילו, אָדער אפשר האָבן זיי אין מיר פאַרגעסן? יעדן טאָג טראָגן די שוועסטערס אַרויס אַזויפיל טויטע, אַזויפיל טויטע! איצטער פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס פאַר דעם שפּיטאָל ליגט אַ באַרג מתים... דער שפּיטאָל איז נישט מער ווי די ווייסע פאַרטעכער פון די דאָקטאָרינס און די לייז פון מיין נאַרע.

דער הונדערט פערצנטער טאָג.

היינט איז געווען אין שפּיטאָל אַ „סאָרטיראָווקע"! אַלע קראַנקע זענען אַרויס פון די בעטן, נאַקעט מאַרשירט אין אַ ריי פאַר אַ קאָמיסיע דאָקטוירים. ווי שרעקלעך איז צו קוקן אויף די פאַרטריקנטע, צעביסענע לייבער. מיין קערפּער איז אַזוי העסלעך, אַז איך אַליין האָב זיך פיינט. איך האָב צו זיך אַן עקל! איך האָב געציטערט, דער דאָקטאָר זאָל מיין נאָמען נישט פאַרשרייבן. ער האָט פאַרשריבן אַלע דאַרע קערפּערס און זייערע נומערן צוגענומען. אַזאַ סאָרטיראָווקע איז עס געווען! איך קען נאָך איצט צו זיך נישט קומען. אַ סך קראַנקע זענען נאָך דער סאָרטיראָווקע געשטאָרבן. איך בין איצט אַזוי שוואַך, איך וועל אויך מסתמא שטאַרבן... נישט פון טיפוס, נאָר פון די לייז. זיי וועלן מיך אויפעסן. אפשר וואָלט בעסער געווען, ווען איך וואָלט צוריקגעגאַנגען אין באַראַק?

דער הונדערט פינפצנטער טאָג.

אין מיין בעט האָט אַ קראַנקנשוועסטער אַריינגעלייגט אַ דיזענטעריע קראַנקע. זי האָט מיר היינט דאָס גאַנצע בעט פאַראומרייניקט! איך ליג אין שמוץ און די שוועסטער וויל דאָס בעט נישט אויסרייניקן. וואָס זאָל איך טון? איך בין אַזוי קראַנק... אַזוי קראַנק! ווער האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט אַזאַ טויט? די לייז, ווי ווערים גרויסע, פרעסן מיין לייב. ווען איך וואָלט געהאַט כוח, וואָלט איך אַראָפּגעגאַנגען פון דער נאַרע צוריק אַריין אין מיין באַראַק. איך וואָלט זיך געלייגט אויף מיין שטרויזאַק און אויסגערוט אַביסל. איך קען שוין נישט מער... איך קען נישט... מער! אַזוי פינצטער, פינצטער...

דער הונדערט זעכצנטער טאָג.

דאָס קראַנקע מיידעלע, וואָס ליגט אין מיין בעט, איז היינט געשטאָרבן. נעכטן שוין איז זי אָן באַוווסטזיין געלעגן. ווען איך האָב זיך היינט

אויפגעוועקט, האָב איך זי דערזען אַ שטאַרע, אַ קאַלטע. איך באַדויער זייער שטאַרק, וואָס איך האָב זי געשאָלטן, ווען זי האָט מיר דאָס בעט פאַראומרייניקט. וואָס איז זי שולדיק, אַז זי האָט שוין קיין זאַך נישט געפילט. קיינער ווייסט נישט ווי זי הייסט. דער נומער אויף איר קליידל האָט זיך אויסגעריבן. נאָך מיטאָג וועט מען זי אַרויסטראָגן, אַרויס־וואַרפן אין שניי, פאַרן שפּיטאָל. ווי שרעקלעך איז צו שטאַרבן ווינטער! ס'איז מיר היינט בעסער. די טיפוס־פלעקן זענען אַראָפּ פון די הענט, נאָר וואָס קען דאָס זיין, אַז איך שפּיי מיט בלוט. איך האָב שוין אָנ־געשפּיגן אַ פול פלעשל, איך האָב עס באַהאַלטן אונטערן שטרוי און קיינער ווייסט דערפון נישט. דאָס איז דאָך נישט פון די ציין... פון וואַנען איז מיר ווידער דאָס צוגעקומען?

דער הונדערט זיבעצנטער טאָג.

איך שטאַרב מיט דעם פולן באַוווסטזיין. איך הער זיך צו, ווי מיין האַרץ קלאַפּט וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער... מסתמא איז אַזוי די לעצטע שעהען... פון מיין נאַרע זע איך דעם גאַנצן לאַגער. היינט איז אַ שניי געפאַלן. דער וואַלד איז אינגאַנצן אַ ווייסער. ווען איך האָב זומער געקוקט אויפן וואַלד, איז מיר פרייַלעך געוואָרן אויפן האַרצן! איך האָב נאָך דעמאָלט געהאַט האָפענונג. היינט זעען די ביימער אויס ווי שקעלעטן, מיט ווייסע תכריכים פאַרדעקט, אַלע באַראַקן ליגן אין שניי, פונקט אַזוי ווי מיט תכריכים פאַרדעקט, נאָר די מענטשן אויף די שטרוי־זעק ווייסן נאָך נישט דערפון, אַז זיי זענען שוין געשטאָרבן... איך בין אַזוי מיד... די ערד איז מן הסתם אַ קאַלטע...

דער הונדערט אַכצנטער טאָג.

עס איז אַזוי ליכטיק... טויזנטער ליכט ברענען... ס'שפּילט אַ מוזיק, אַלע זינגען... די מענטשן גייען שוין אַ היים! איך גיי אויך...

ליבע און וווּרשט

אין צימערל פון דער שרייבשטובע איז שטיל און געמיטלעך. אַלע שרייבערינס זענען אַרויס צו דער צוים, צו זייערע „פריינד“.

חוה האָט אָפּגעוואַשן דעם טיש, אַלע טעפּלעך אויסגעשייערט, אויס־געשטעלט אויף דער פּאָליצע, פאַרדעקט זי מיט אַ ווייס פאַרהענגל און נאָך אַמאָל זיך אַרומגעקוקט איבערן צימערל.

— איך וועל שוין גיין — האָט זיך חוה אָנגערופן צו אירקען, דער שרייבערין, וואָס איז ביים טיש געזעסן און געשריבן אַ בריוו.

— גייט, גייט, איר האָט זיך שוין גענוג היינט אָנגעהאָרעוועט — האָט אירקע געענטפערט. — רוט זיך אויס, זייט איר רוימט דאָ, איז גאָר אַ צווייטע שטוב געוואָרן, ס׳דערמאָנט שוין אַ היים...

חוה איז שטיל אַרויסגעגאַנגען און אירקע האָט ווידער זיך אָנגע־בויגן איבערן בריוו.

אויף אַ נאַרע איז געשלאָפן דינה, די עלטסטע פון די שרייבערינס. אין שיין פון לעמפּל האָט איר פּנים זיך נאָך בלאַסער אויסגעוויזן. זי האָט זיך אומרואיק געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, ווי שלעכ־טע חלומות וואָלטן זי געמאַטערט.

אירקע האָט געענדיקט שרייבן דעם בריוו און גענומען אים הויך לייענען:

„מיין ליבער וואָלאַדעק! ווי גוט איז דאָס, וואָס מיר זענען פריינט געוואָרן, מיר וועלן שוין פריינט אויף שטענדיק פאַרבלייבן! איך באַוווּנ־דער דיך, וואָס דו האָסט פאַרשטאַנען זיך רעיעסטרירן אלס שלאָסער. דאָס איז געווען אַ געניאַלער געדאַנק! יעדן טאָג וועסטו קענען צו אונדז קומען

פאַררוכטן דעם שלאָס, אַזוי אַרום וועלן מיר קענען יעדעס מאָל אַביסל זיך אַדורכשמועסן. איך דאַנק דיר פאַר די עפּל און פאַר דעם קוכן.

מיין ליבער פריינט, דו פרעגסט וואָס דו זאָלסט פאַר מיר פאַרשאַפן. דאָס האָט מיך אַביסל באַליידיקט. איך האָב ביי מיינע באַקאַנטע ביז איצט קיין באַשטעלונגען נישט געמאַכט. דאָס מאָל שרייב איך אַ קלענערן בריוו, עס איז שוין שפּעט און איך וויל שוין גיין שלאָפן. שרייב גלייך אַן ענטפער, איך וואַרט אויף דיר מיט אומגעדולד. אַ גוטע נאַכט. דיינע א. מ."

— נו, מיט אים האָב איך זיך שוין אָפּגעפאַרטיקט! ביז ער וועט איבערלייענען דעם בריוו וועט ער זיך גענוג פאַרשוויצן... אויף אַ גאַנצן טאָג אַרבעט וועט ער האָבן.

זי האָט דעם בריוו צוזאַמענגעלייגט, אַרויסגענומען פון אַ שאַכטעלע אַ בויגן בלוי, דין פּאַפּיר און אָנגעהויבן אויפסניי:

„פיל געערטער הער ראַפּאָרטפירער! זאָל איך עס וואָגן אָדער נישט? — טראַכט איך אָנהייבנדיק שרייבן דעם בריוו צו אייך. וועל איך פאַרשטאַנען ווערן, אָדער אויסגעלאַכט? איך גיי נאָך מיין אימפּולס, איך וויל נישט טראַכטן, וואָס עס קען שפּעטער ווערן. איך זייט צו מיר די גאַנצע צייט אַזוי גוט געווען, אַז איך פיל אין אייך אַ שוץ. ס'איז מיר אַזוי טרויעריק און איך קען מיין בענקשאַפט נישט שטילן! פון פענצטער טראָגט זיך אַ ריח פון וואַלד, פון דעם זעלבן וואַלד, ווו איך האָב אייך היינט געזען רייטן אויף אַ פערד. איך האָב אייך פון דער ווייטן טרויעריק נאָכגעקוקט און געטראַכט: ס'אַרא גליקלעכער מענטש איר זענט... איר זענט פריי!

ס'ציען זיך לאַנגע מאָנאָטאָנע טעג, איינער ענלעך צו דעם צווייטן, און קיין זאַך געשעט נישט אין מיין לעבן. ס'פאַרגייט אַזוי, ווי ס'פאַר־גייען די לעצטע הארבסט־טעג, און מיין האַרץ נעמט אַרום אַ קעלט. וואָס וועט זיין מאָרגן? דער געדאַנק לאָזט מיך נישט רוען און ווי אַ זשאַווער פרעסט ער אויף מיין נשמה. ווען איר וואָלט געקענט אַ רגע פרייע צייט פאַר מיר געפינען און צוקומען, וואָלט איך אייך אַזוי דאַנקבאַר געווען, ווי ס'קען נאָר דאַנקבאַר זיין אַ נומער, ווען ער ווערט אַלס מענטש באַטראַכט". מיט אַכטונג...

אירקאַ האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו און געטראַכט אין זיך:

— „ס׳איז נישט צו אינטים — און אָפיציעל דאַרף דאָס אויך נישט זיין... יאָ, ער וועט קומען — האָט זי זיך אליין באַשטעטיקט. איך מוז דאָך זיך פון אים דערוויסן, וואָס ס׳וועט דאָ זיין מיט אונדז? אויף וואָס האַלטן זיי אונדז דאָ? און אויב אַן עוואַקואַציע פון לאַגער, וואָס וועט זיין מיט די יידן? איז מעגלעך זיי זאָלן אונדז דאָ אַלע מיט דינאַמיט אויפרייסן, ווי מיר האָבן זיך איינגערעדט? זי האָט זיך געזעצט אויף דעם פענצטער און אָנגעהויבן אַנאַליזירן די פּערזאָן פון „ראַפּאָרט־פירער". ער איז טאַקע אַ מערדער אין ווייסע הענטשקעס, אָבער מיר האָט ער פיל טובות געטון! פאַר מיר האָט ער די שרייב־שטובע איינ־געאָרדנט, פאַר מיר אַן אויוון אריינגעשטעלט, כאָטש עס איז נאָך וואַ־רעם, ס׳קען נאָך קומען אַ מאָמענט, ער זאָל מיר ראַטעווען דאָס לעבן... אָבער פאַרוואָס טוט ער דאָס אַלץ? האָט זי נייגעריק ביי זיך געטראַכט. ליבט ער מיך, אָדער וויל ער מיט מיר נאָר אַ שפּיל טון זיך?

מיטאַמאָל האָט זיך דינה אויף דער נאַרע אויפגעזעצט און נאָך אַ פאַרשלאָפענע געפרעגט:

— ביסט נישט אַרויס צו דער צוים? וואָס איז היינט מיט דיר גע־שען?

זעענדיק זי פאַרטיפט ביים דינעם בלויעם בויגן פּאַפּיר, האָט זי ניי־געריק אַ פרעג געטון:

— זאָג, אירקע, צי דו ביסט פאַרליבט אין „ראַפּאָרטפירער"? מיר קענסטו אַלץ אָנפאַרטרויען. דו ווייסט גאָרנישט סאַראַ וויכטיקע זאַך דאָס קען ווערן פאַר אונדז אַלע. דו וואָלסט געקענט ביי אים פועלן, ער זאָל באַשטימען בעסערע זופּן פאַר די פרויען, אין די מאַגאַזינען ליגן מיליאָנען קליידער און שיך. ס׳גייט צו ווינטער, אַלע וואָלטן געראַטעוועט געוואָרן, ווען ער זאָגט נאָר איין וואָרט... און דער עיקר דאַרפסטו ביי אים אויספרעגן, וואָס הערט זיך מיט דער עוואַקואַציע? קענסטו מיט אים וועגן דעם אַלעמען רעדן?

— אַוודאי, אַז כ׳קען! — האָט אירקע מיט זיכערקייט געענטפערט. מיינסט טאַקע, אַז ער איז אַזאַ פעסטע מויער? און אַרויס מיט אַ געלעכ־

טער: הא, הא, הא! דו קענסט נישט די מענער, זיי זענען גרויסע העלדן ביז זיי פאַלן נישט אריין אין אונדזערע הענט — האָט אירקע אויף איר שטייגער געחוזקט.

— ווייסטו זיכער, אַז ער ליבט דיך? — האָט נאָכאַמאָל דינה אי־בערגעחזרט.

— דאָס קען איך נישט זאָגן — האָט אירקע אָפּגעענטפערט א פאַר־טראַכטע. — ווען איך וואָלט אים געטראָפן פריוואַט, וואָלט ער זיכער דע־צידירט אין מיין לעבן, ער איז מיין טיף... נאָר דאָ האָב איך קודם כל פאַר אים מורא. יאָ, שטאַרק מורא — האָט זי נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן. צי ער ליבט מיך, איז שווער צו זאָגן, כ'וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס איז ער דערמיט אויסן? נאָר איין זאַך איז מיר קלאָר, אַז ער איז שטאַרק מיט מיר פאַראינטערעסירט.

— יאָ, ער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט — האָט דינה באַשטעט־מיקט, וואָס קען דאָס באַדייטן.

— ער איז אַן אמתדיקער מאַן! — האָט אירקע ווייטער געצויגן א באַגייסטערטע. ווען נישט דער גראַפּיקער וואָלט איך זיך זיכער אין אים פאַרליבט! זי איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן, פאַרקוקט זיך דורכן פענצ־טערל אין דער ווייט און א פאַרחלומטע אָנגעהויבן דערציילן:

— דינה, דו ווייסט נישט, ווער איז אָליוועך? ער איז עפּעס, עפּעס אזעלכעס... ווי אַן עקזאָטישע בלום! איך האָב פון שטענדיק אַן געליבט די מענטשן פון סקאַנדינאַוויען, עס איז אין אים עפּעס פון די פיאָרדן... זיינע אויגן זענען לילא בלוי, טיף ווי אַ ים... ער איז אַ הויכער שטאַרקער מאַן מיט א פּנים פון אַ קינד... און זיינע פינגער זענען אזעלכע, ווי ביי מיין לערער פון מוזיק, לאַנגע און שמאָלע... אַ וווּנדערלעכער מאַן איז ער, דינה, פאַר וואָס האָב איך אזעלכן אויף דער פרייהייט נישט געטראָפן?

— איך זאָג דיר, אירקע, אַז דו ביסט גאָר אין ביידע פאַרליבט.

— האָט זיך דינה צעלאַכט, — ווי אזוי ווערסטו נישט צעמישט פון זיי אַלע.

איך בין דאָ גאָר נישט אויסן — האָט דינה ווי צו זיך געזאָגט — נאָר איך אויף דיין אָרט, וואָלט די גאַנצע קאָמפּאַניע געהייסן גיין פייפן און געבליבן מיט איינעם! כ'האָב פיינט צו דרייען אַ קאַרוזעלע מיט מענער...

— און פון וואָס זאָל איך לעבן? האָט אירקע געפרעגט און איר קינ־

דיש פּנימל איז געוואָרן ערנסט פאַרזאָרגט. „דער שליאָסער" האָט מיר טאַקע געשיקט אַ קוכן מיט אַ פּאָר עפּל; ווייסטו דען נישט, וואָס פאַר אַ וויטאַמינען עס האָבן „סטאָמאַטיטים". וואָס וועל איך טון, ווען אַלע ציין וועלן מיר אַרויספאַלן, אַזוי ווי ביי לענען? „דער שליאָסער" באַקומט פּאַקעטן פון דער היים און פאַרדינט פון אַלע זייטן... ער וועט נישט פאַרהונגערן! און „דער מויערער", וואָס האָט דעם אויוון פאַרריכט, האָט דאָך מיך געראַטעוועט מיטן גלאָז צוקער. כ'מוז דאָך האָבן אַ פּאָר גראַם צוקער אַ טאָג — האָט זיך אירקע ווי פאַרשעמט אָנגעהויבן פאַרטיידיקן, פון די קרויט־זופּן וועלן מיר נישט איבערלעבן די מלחמה... ביי די ווערטער איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון פענצטערל און ווי קיינמאָל גאַרנישט געזאָגט:

— דינה, קום... ווייסט דאָך, אַז אָן צוים איז קיין תכלית נישט...

— גיי, גיי אַליין — האָט דינה געענטפערט מיט אַ גענעץ און זיך ווידער אויסגעצויגן אויף דער נאַרע.

אירקע האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ ליפּנשטיפט, אַ שאַכטל פּודער, אַ פּינצעטע צו די ברעמען און אוועקגעזעצט זיך ביים שפּיגל אָנדרייען די האָר. צופרידן האָט זי באַטראַכט דאָס פּנים, געשמייכלט צו זיך און אָנטועדיק אַ גראַנאַטן מענטעלע מיט אַ באָרדאָ געשטריקט היטעלע אויפן קאָפּ, איז זי אַרויס פון צימערל.

הינטער דער טיר פון דער שרייב־שטובע זענען געלעגן די פרויען אויף דער ערד און געשלאָפן. אירקע איז איבער זייערע קעפּ אַדורכגעקראָכן, אין איילעניש אַרויפגעטרעטן אויף אַ האַנט און אַרויסגעלאָפן אויף דער לאַגער־גאַס צו דער צוים.

ביי דער צוים זענען געשטאַנען פאַרלעכווייז די אָרדנערס פון די מענער־באַראַקן מיט די שטובן־עלטסטע און בלאָק־פירערינס פון די פרויען־באַראַקן און איינגעטוליעט אין זיך שטיל געשמועסט.

— נינאַ — האָט פון אונטער דער צוים געגרעדט אַ מאַן אין אַ געשטרייפטן אנצוג צו אַ שיין שוואַרצהאָריק מיידל, פול און קיילעכדיק ווי אַ פּעסל — היינט האָב איך דיך ווידער געזען אַרומלויפן אָן מאַנטל, ווילסט זיך פאַרקילן, קראַנק ווערן?... פון מיר טראַכסטו אינגאַנצן נישט!...

ער האָט אַראָפּגענומען דעם שאַל פונעם האַלדז און דערלאַנגט איר דורך דער צוים.

— פּאַול, פון דיין לעצטן בריוו פאַרשטיי איך גאָרנישט, — האָט זיך שטיל באַקלאָגט אַ קראַנקנשוועסטער פון שפּיטאָל, — דו זוכסט זיך טענות... אפשר האָסטו אַ צווייטע שוין — האָט זי ציטערדיק געפּליס־טערט. — גוט, גוט אַזוי — האָט זי מיטאַמאָל אויסגערופן. טו וואָס דו ווילסט, נאָר אַזעלכע ווי איך וועסטו דאָ... דאָ שוין נישט געפינען...

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זיך געבייזערט דער מאַן — מיינסט, אַז ביסט ביי זיך אין דער היים... אַז מיר קענען זיך יעדן טאָג זען?... אַלע אָרדנער דערציילן מיר, אַז אַ גאַנצן טאָג לויפסטו אַרום מיט אַן אויסגעוויינט פּנים אַרום דער צוים, מען מאַכט פון דיר אַ טעאַטער, אַ צירק!...

— און פאַרוואָס ווייזטו זיך נישט אַ גאַנצן טאָג? — האָט זיך פאַרטיידיקט אַ פאַרשעמטע דאָס מיידל. זאָלן מיר זיך צע־גיין... צעגיין! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ דערשטיקט קול, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין דער צוים און זיך צעוויינט.

— הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל — האָט שטיל געפּליסטערט אַן עלטערער בחור, האַלטנדיק די האַנט פון זיין מיידל אין דער צוים. ער האָט פון טאַש אַרויסגענומען אַ רינגל און אָנגעטון זיין מיידל אויפן פינגער. דאָס מיידל האָט איר קאָפּ אַריינגעשטעקט אין די דראָטן און זייערע ליפּן האָבן זיך באַהאַפטן.

אירקע איז אַרומגעלאָפן לענגאויס דער צוים און געדערדט צו זיך אַן אויפגעבראַכטע: וואָס קומט נישט אַליוער? וואָס קומט ער נישט?! מיטאַמאָל האָט זי אַ טראַכט געטון: אפשר איז ער קראַנק? דעם געדאַנק האָט זי גלייך פאַרטריבן, געטראַכט אַ ווייַלע, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען. „אהא"! — האָט זי אויסגערופן, — וואָס האָט ער דאָס נעכטן געזאָגט:

„איך גלייב נישט אין די לאַגער־ליבעס! איך האָב אַן עקל צו דער צוים, ווו די מיידלעך קומען ווי אויף אַ מאַרק זיך פאַרהאַנדלען"... וואָס האָט ער דערמיט געמיינט, וואָס מיינט ער מיט זיין שטענדיקער רעזערוו. ניין! איך וועל נישט וואַרטן אויף אים! — האָט זי אויסגערופן אין כעס

און צוריקגעגאַנגען אין „שרייבשטובע”. זי האָט זיך געזעצט ביים טיש און ווידער אָנגעהויבן שרייבן.

„מיין גאָלדן־האָריק ייִנגל! איך שרייב צו דיר דעם בריוו און איך וויין. איך בין נישט אין כעס, וואָס דו ביסט נישט געקומען; כ'וויין, וואָס דו האָסט נישט אונטערשיידט דאָס עכטע פון דעם נישט עכטן. איך האָב אין מיין ביאָגראַפיע דיר געננוי באַשריבן מיין לעבן. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט נישט שענער, נישט בעסער ווי איך בין... נאָר איך האָב געמיינט, אַז אין די שורות וועסטו מיך געפינען. ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען דורך דער צוים, האָב איך גלייך דערפילט, אַז דו ביסט מיין באַשטימונג... פאַר דיר בין איך גרייט צום גרעסטן קרבן. אַמאָל האָב איך נאָר פון ליבע געטראַכט, היינט וויל איך האָבן אַ היים; אַליוועך, נאָר מיט דיר, און נאָר ביי דיר... וועל איך פון דעם אַלעם פאַרגעסן. דו האָסט אין דיין אויטאָביאָגראַפיע מיר געשריבן, אַז דו האָסט פיל געליטן פון דיין פרוי. איך פאַרשטיי סאַראַ ווידערגעפיל עס לאָזט אַ מיאוס פאַמיליען לעבן, נאָר דו דאַרפסט פאַרשטיין ווי איך ליב דיך, אַז איך בין מסכים צו ווערן אפילו די צווייטע. איך ווייס, אַז די ווילסט זיך נישט פאַרבינדן... ווייל דו ביסט אַ קינסטלער, קענסט קיין עול נישט טראָגן. איך האָב אין מיין לעבן קיינמאָל נישט געאַרבעט, קיין זאָרג נישט געהאַט, נאָר פאַר דיר וואָלט איך געגאַנגען אַרבעטן, גענומען דעם עול פון אַ היים אויף זיך. דו וואָלסט זיכער דיין פרייהייט נישט פאַרלוירן. אפשר מיינסטו, אַז איך בין אַ לייכטזיניק מיידל, וואָס ווייסט אַליין נישט וואָס זי וויל. איך בין טאַקע אין לאַגער אַלס קינד געקומען, נאָר היינט בין איך רייף, אַזוי ווייט רייף, אַז איך שרייב צו דיר דעם בריוו און וועל אים נישט באַדויערן. מיין לעבן און גליק גיב איך אין דיינע הענט און דו טו וואָס דיין געוויסן הייסט דיר. נאָר זיי נישט קיין פחדן. שרייב אַזוי אָפן ווי איך. ווי עס זאָל נישט זיין, וויל איך דעם אמת וויסן. שרייב אומבאַדינגט נאָך היינט אַן ענטפער. אויף שטענדיק דיינע...”

זי האָט דעם בריוו אפילו נישט דורכגעלייענט און מיטן היטעלע אין דער האַנט אַרויסגעלאָפן פון „שרייבשטובע”. זי האָט אויפגעזוכט

דעם זעכציק יעריקן קוכער, וואָס האָט אויף זיין מיידל שוין צוויי שעה געוואַרט, און אים געבעטן:

—זיי אַ מענטש, ווילי, טראָג אַריין דעם בריוו אין בלאָק זיבן, זאָג אים, אַז איך וואַרט אויף אַן ענטפער שוין איצט!

פון הינטער די באַראַקן האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט דער לאַגער־פּאָליציאַנט פּריץ און געלאָזט זיין הונט אויף די מענער. די מענער זענען זיך צעלאָפן. עטלעכע האָט דער הונט נאָכגעיאָגט און צעביסן. די פרויען, באַהאַלטענע הינטער די באַראַקן, האָבן געהערט אַ רעוואָלווער־שאָס און פאַרציטערט געוואָרן פון שרעק.

ביי דער צוים איז געוואָרן אַ טויט־שטילקייט, ווי עס וואָלט דאָ קיין לעבעדיקער נפש קיין מאָל נישט געווען.

עס האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ רעגן.

דער לאַגער־פּאָליציאַנט האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, שפּאַצירנדיק לענגאויס דער צוים, בייז געברומט צו זיין הונט:

— שלעכט, רעקס, נישט איך און נישט דו וועסט זיי אָפּהיטן... אויסשיסן דאַרף מען זיי אַלע, אויסשיסן! — האָט ער אויסגעשריגן צום הונט. אויסגעשפּיגן מיט עקל און רייצנדיק דעם הינט ער זאָל בילן צו די באַראַקן, פאַרשוווּנדן הינטערן טויער.

די פרויען האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן שאַרן צו דער צוים, נאָך אַ שעה זענען אַלע צוריק אויף זייערע ערטער געשטאַנען, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

איינציקווייז זענען זיך די שרייבערינס פונאַנדערגעגאַנגען מיט פּאַקעטן אונטער די מאַנטלען איינע נאָך דער צווייטער אַריין אין דער „שרייב־שטובע".

מיט אַמאָל איז דאָס צימערל געוואָרן פול מיט רעש און געפילדער. די מיידלעך האָבן די מאַנטלען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, אָנגעלייגט אין אַ בארג אויף די נאַרעס, די שטיוול אָנגעשטעלט אין מיטן דיל און גענומען זיך אויפמאַכן די פּאַקעטן.

— אוי, סאַרדינען! — האָט אויסגערופן די שרייבערין לידא מיט באַגייסטערונג. — דאָס הייסט אַ קאַוואַליר! סולאַ, ער איז אַן אמתדיקער קונצנמאַכער. ווי אַזוי האָט ער סאַרדינען געפונען?

— און ביי מיר קוק, סאַראַ וווּרשט! — האָט געקלאַפּט מעלאַ אין די הענט.

— גיב נאָר אַ קוק ווי מאַקט פּאַרפּאַקט אַ פּעקעלע! ווי צאַרט... דאָס ברויט מיט דעם קעז באַזונדער, זייף מיט אַ ציין־בערשטל, גיט נאָר אַ קוק! קנעפּ מיט אַ נאָדל!

אין אַ קליין שאַכטעלע איז געלעגן אַ גאָלדן פינגערל; אין אַ הערצל אויסגעקריצט אַ מאָנאָגראַם.

די מיידלעך האָבן געגלאָצט מיט די אויגן אויף דעם רינגל און באַשטעטיקט: — כאָטש מאַקס האָט אַ „גרינעם ווינקל" 1) איז ער פיל אָנשטענדיקער פון די, וואָס האָבן אַ „רויטן ווינקל" 2)

— דינעלע, טייערע צנועה, ליכטיקע הייליקייט, קריך אַראָפּ פון דער נאַרע, גיב אַ קוק סאַראַ פּאַקעטן מיר האָבן געבראַכט! — האָבן אַלע גערופן און געצויגן פון איר די דעקע.

— הוראַ, הוראַ! — האָט מינע אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער — קומט וועל איר אייך איבערלייענען אַ מייסטערווערק! אַ בריוו פון בריוולאַנד...

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן טיש, אונטערגעלייגט אונטער זיךביידע פיס און אָנגעהויבן מיט פּאַטאָס לייענען דעם בריוו, וואָס זי האָט צוזאַמען מיטן פּאַקעט באַקומען:

„מיין טייערע פּרינצעסין! איך וועל דיך אַזוי רופן, ווייל דאָס איז דיין אמתדיקער נאָמען! דו ביסט אַ שיינע בלום, דו ביסט אַ ליכטיקער שטערן! ווען איך קוק אויף דיין דאַר פּנימל, פאַרקלעמט מיך ביים האַרץ, אַז אַזאַ רויז איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַ גאָרטן און אַריינגעוואָרפן אין שמוץ! דאָס בלוט קאָכט אין מיר פון האַס, נאָר מיר אַלע מוזן שווייגן, ביז עס וועט קומען די שעה! יאָ, מיין טייערע, מיר וועלן נאָך זען ווי עס וועט זיך אויפהייבן אַ ווולקאַן און פאַרשלינגען אַלע אונדזערע שונאים! די שוואַרצע וואָלקנס וועלן פאַרשווינדן פון די הימלען און פון די טרערן פון אונדזערע מאַמעס און שוועסטערס וועט

1) גרינע ווינקלען (דרייעקן) ביי די נומערן האָבן געטראָגן קרימינעלע פאַר־פּאַרברעכער.

2) רויטע ווינקלען ביי די נומערן האָבן געטראָגן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

אויסוואַקסן אַ באַשטראָפער, וואָס וועט נקמה נעמען! — וואָס איך האָב ביז היינט מיטגעמאַכט אין לאַגער, קען איך גאָרנישט אין ווערטער באַשרייבן. איך זאָל דיר אפילו אַ גאַנץ יאָר שרייבן, וועט עס נאָר זיין אַ טראָפּן אין ים. פון דעם טאָג, וואָס איך האָב דיך דערקענט, איז אין מיין לעבן אויפגעגאַנגען אַ ליכטיקע זון. יעדער בריוו פון דיר ברענגט מיר אַזויפיל פרייד, ווי אַ פאַרנומענע שטאָט פון אונדזערע אויסלייזער! מיין טייערע, איך שיק דיר אַ לעבער. דו זאָלסט זי אויסקאָכן און איבערפּרעגלען. כ׳וואָלט עס אַליין פאַר דיר פאַרגעברייט, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט אַן אייוועלע. עס איז מיר אַ שאָד, דו זאָלסט זיך די הענטעלעך צומוציק מאַכן.

פאַרבלייב געזונט, מיט האָפענונג און מוט און גלויבן אין דיין טרייעם אויף שטענדיק... ג. ז.

פּ. ס. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר אָנשרייבן אַ לאַנגן בריוו פון דיין גאַנצן ביז איצטיקן לעבן, פון דיין היים."

די מיידלעך האָבן זיך געוווּשט די טרערן פאַר געלעכטער.

— אַזאַ מין בריוו! דאָס הייסט אַ ליבע! וואָס ווייסן מיר אַלע? און דער עיקר, די לעבער! מיר וועלן זיך אויסקאָכן קאַרטאָפל און פאַרבייסן מיט לעבער.

— איך וועל צושטעלן קאַרטאָפל — האָט צוגעזאָגט מעלאַ.

— איר גייט זיך שוין „צומאַכן" צו מעלען, האַ? ווורשט איז אַן אַרטיקל! — האָט אירקאַ אָנגעהויבן חוזקן. איר קענט טאַקע אָפּלאַכן פון לידעס בעקער. ער איז אַ פּראָסטער מענטש, קען נישט שרייבן קיין ליבעס־בריוו. אָבער אַליץ בעסער זענען זיינע בריוו, ווי די וועלכע מעלאַ באַקומט. גלייך דערקענט מען, אַז עס איז נאָר אַ באַשטעלונג!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

מעלאַ איז געזעסן אויף דער נאַרע האַלב־אויסגעטון. אויף אירקעס ווערטער אַן אויפגעבראַכטע, אַראָפּ פון דער נאַרע, מיטן זאָק אין דער האַנט צוגעלאָפן צו אירקען, דערלאַנגענדיק איר דעם בריוו, אויסגעשריגן:

— נעם, לייען! זע וויפל פעלערן .. נאָר ער קען אַזאַ בריוו אָנשרייבן. לייען, לייען — איז מעלאַ נישט אָפּגעטרעטן.

הויך פאַר אַלע האָט אירקע אָנגעהויבן לייענען.

„מיין טייער גאָלד־פישל! איך האָב דיין בריוו פיל מאָל געלייענט, און יעדעס מאָל ווען איך לייען אים, אויפסניי ווערסטו מיר טייערער. דו שרייבסט מיר, אַז דו האָסט געהאַט אַ מאַן און קענסט פון אים נישט פאַרגעסן... ווען איך טראַכט, אַז דו וועסט אים נאָך דער מלחמה זוכן, באַגיסט מיך אַ קאַלטער שווייס. ווי אַזוי וועט דיך קענען פאַרשטיין דיין מאַן, אַז ער האָט מיט דיר אַזאַ לעבן נישט מיטגעמאַכט. אונדז האָבן די דראָטן צוזאַמענגעבראַכט! און אַזוי ווי דער לאַגער איז מיר אַריין אין די ביינער, אַזוי ביסטו מיר אַריין אין בלוט, מיין טייער זומער־פייגעלע!"

אַלע מיידלעך האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— גיט נאָר אַ קוק אויף דעם „זומער־פייגעלע", וואָס וועגט הונ־דערט קילאָ!

— גיט נאָר אַ קוק אויף אירע פיס! — האָט געשריען מעלאַ, — אַז זי קריכט אַרויף אויף דער נאַרע, ברעכן זיך די ברעטער.

— שטערט נישט, לייענט ווייטער — האָט גערופן לידאַ — ס'איז אַ גאַנץ פיינער בריוו, עס איז אפילו פּאָעטיש...

— לייען די פּאָעמע, לייען, אירקאַ — האָבן אַלע געפּאָדערט.

אירקאַ האָט ווייטער געלייענט:

„...אפשר האָסטו פאַר מיר קיין אַכטונג, ווייל איך בין אין טורמע געזעסן? נאָר איך שווער דיר, אַז כ'בין אַריינגעפאַלן אומשולדיק. איך וועל דיר דאָס אַלץ אויפקלערן גענוי, איך וועל וועגן דעם מאָרגן צו דיר קומען. דו דאַרפסט נישט קוקן אויף דעם „גרינעם ווינקל" וואָס איך טראָג, נאָר אויף דעם מענטש! איך האָב ביז צו דער מלחמה אויסגעמיטן פרויען. איך האָב אַלץ געוואַרט אויף אַ ליבע, און היינט, ווען מיין האַרץ קלאַפּט נאָר פאַר דיר, זאָל קומען אַ צווייטער און דיך צונעמען? איך בעט דיך דו זאָלסט שרייבן אַ לאַנגן בריוו פון אַלעמען. איך שיק דיר קנעפּ צום מאַנטל, דו זאָלסט זיי נאָך היינט צונייען. אויף דעם „מאָרגן־אַפּעל" איז זייער קאַלט. טייל מאָל באַפאַלט מיך אַ שרעק, אַז דו וועסט קראַנק ווערן און איך גיי אַרום אַ גאַנצן טאָג אָן אַ קאָפּ. טייערע, שרייב מיר, אויב דו האָסט וואַרעמע וועש, איך וועל דיר אַלץ באַזאָרגן. ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועט דיר קיין זאַך נישט פעלן. דו זאָלסט עסן און טרינקען און פון קיין זאַך נישט זאָרגן. איך בעט דיך גלייך נאָך

דעם מאָרגן־אפעל קומען באַטש אויף אַ ווײַלע צו דער צוים, איך מוז דיך זען. איך קוש דיך פיל, פיל מאָל און וואַרט אויף דײַן בריוו.

דײַן מאַקס."

— זאָגט אַליין — האָט מעלאַ געפרעגט אַ באַליידיקטע. איז מעגלעך, ער זאָל אַליין נישט שרײַבן? מינאַ האָט מיר געלייענט איר פראַנצויזישן בריוו, איך האָב גלײַך דערקענט, אַז עס איז באַשטעלט געוואָרן בײַ אַן „אינטעליגענט". דער גאַנצער בריוו איז הוילע פילאָזאָפיע, קיין זאַך נישט! אירקאַ, איך בעט דיך, זײַ אַ מענטש און שרײַב אים אַרײַן אַן ענטפער — האָט מעלאַ זיך גענומען בעטן.

— און מיר שרײַב אויך אַ בריוו — האָט לידאַ געבעטן, אַז איך וועל קריגן ווורשט, וועלן מיר זיך טיילן, נו בעבעלע, שרײַבסט?

אין „שרײַב־שטובע" איז אַרײַנגעקומען „פרומקע די פּאַרטיזאַנקע". זי האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט איבער דעם צימער מיט מאַנטלען, שטיוול און בלוזקעס פאַרוואָרפן און גלײַך דערלאַנגט אירקען דעם בריוו, זאָגנדיק:

— אַן אמתדיקער דזשענטעלמען האָט מיך צוגערופן צום צוים און געבעטן, איך זאָל דיר דעם בריוו דערלאַנגען. איך זאָג אייך, אַן אמתדיקער דזשענטעלמען — האָט פרומע איבערגעחזרט. זי איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, באַטראַכט דעם טיש מיט פּאַקעטן און שווײַגנדיק אַרויס.

אַלע מיידלעך האָבן אַרומגערינגלט אירקען און געבעטן:

— לייען! וואָס שרײַבט ער? אפשר עפּעס פון פּאָליטיק? הויך, מיר האָבן אויך נישט קיין סודות...

אירקע האָט דעם בריוו אַרײַנגעלייגט אין דער טאַש און געענטפערט מיט שטאָלץ:

— מײַנער איז נישט ווי אײַערער! מײַנער איז אַ קינסטלער, אַן אַרטיסט!

— אָ־וואָ, וואָס זענען זיי די קינסטלער? — האָט נאָכגעשפּעט מאַשאַ, דרייענדיק זיך די לאָקן בײַם שפּיגל. — אַלע שרײַבער און מאָלער האָבן צו טויזנט ווײַבער... ווי האָט געלעבט מאָפּאַסאַן, באַלזאַק, היינע? און וואַנגאָג פון דײַנע מאָלערס האָט געלעבט מיט אַ גאַסן־פרוי! מײַנער איז טאַקע געזעסן אין תפיסה, נאָר ווען איך וואָלט חתונה געהאַט מיט

אים, וואָלט ער מיך אויף די הענט געטראָגן און דיין מאָלער וועט דאָס גאַנצע לעבן גיין אין צעריסענע הויזן! וואָס זענען דען מאָלערס? שלע־פּערס! קיין זאַך נישט! וואָס האָסטו פון אים? בילדלעך שיקט ער דיר! אויך אַ קאַוואַלער, האַ, האַ, האַ...

— בילדער איז קונסט — האָט אירקאַ געצויגן אַ באַליידיקטע מיט אַ טויט־בלייך פּנים. ווען דו וואָלסט געזען די קונסט־אויסשטעלונגען אין פּאַריז, וואָלסטו געוווסט, וואָס פאַר אַ שלעפּערס ס'זענען די מאָלערס! פון כעס איז אירקעס האַלדז הייזעריק געוואָרן. — מיינער גייט טאַקע אין צעריסענע הויזן, אָבער דערפאַר גנבעט ער נישט אַוועק דאָס ברויט מיט קעז פון הונגעריקע מענטשן! איך דאַרף נישט זיינע פּאַקעטן! ווילסט וויסן, ווער ס'איז דיין קאַוואַליר? איך האָב דיר טאַקע נישט געוואָלט זאָגן, נאָר אויב ס'האַלט שוין אַזוי ווייט, וועל איך דיר זאָגן: אַליוועך האָט מיר געשריבן, איך זאָל דיר זאָגן, דו זאָלסט צו אים פּינקטלעך שרייבן... אויב ער באַקומט נישט פון דיר אַ טאָג אַ בריוו, הרגעט ער אַוועק אַלע ייִדן. פון אַזעלכע נעמסטו פּאַקעטן! — האָט אירקע אויפן גאַנצן קול געשריגן. — דו פרעסט לעבעדיקע מענטשן, זייער ברויט, זייער פלייש! און שרייבסט נאָך ליבעס־בריוועלעך, אויטאָביאָגראַפיעס...

— ווען נישט מיינע פּאַקעטן, וואָלסטו שוין לאַנג אויסגעפּייפט די נשמה — האָט מעלאַ הויך אָנגעהויבן קוויטשען. זי איז צו איר צוגעלאָפן מיט געבייליטע פויסטן שרייענדיק:

— אַליין עס איך?... נאָר פאַר מיר נעם איך! און דו ווער ביסט אַזאַנע? שרייבסט זיך גאָרנישט איבער מיטן ראַפּאָרטפירער, מיט דעם מאַסן־מערדער! האַ, האַ, האַ! נעמסט זיך אָן פאַר יידישער קריוודע! — זי האָט זיך פאַרכליניעט און אַרוים מיט אַ געוויין.

דער טומל האָט אויפגעוועקט די פרויען הינטער דער טיר. הערנדיק דאָס געוויין פון דער שרייב־שטוב, האָבן זיי דערשראָקן געפרעגט:

— ווו שלאָגט מען? ווער וויינט?...

די גאַנצע צייט איז דינה געלעגן אויף דער נאַרע שווייגנדיק און באַטראַכט אַלע. מיטאַמאָל איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון דער נאַרע און אַן אויפגעבראַכטע אויסגעשריגן:

— שעמט אייך! אַ חרפּה פאַר די פרויען, וואָס ליגן הינטער דער

טיר אויף דער ערד! יעדע אַנדערע אויף אייער אָרט, וואָלט גליקלעך גע־וועזן... און איר רייסט זיך אַרום!... איבער וועמען? איבער באַנדיטן, מער־דער, וואָס וועלן אויפגעהאַנגען ווערן אין דער ערשטער שעה נאָך דער מלחמה! אַ היץ אין באָד מיט זיי! מיר דאַרפן זיך פאַרטראַכטן ווי אַזוי צו „בלאַטירן״ די „בליץ־פּרויען״. שוין דריי וואָכן, ווי ס'גייען נישט קיין טראַנספּאָרטן אויף אַרבעט... אויב מיר וועלן נישט האָבן ווייטער וואָס צו שרייבן — וועלן זיי די בודע פאַרמאַכן!... איבער וואָס וועט איר זיך דאַן אַרומרייסן... מיר מוזן זיך דערוויסן, אויב עס וועט זיין אַן עוואַקואַציע — די באַראַקן זענען אויסער זיך, ס'גייט צום ווינטער... איר ווייסט וואָס הייסט ווינטער אַן עוואַקואַציע מיט קראַנקע, נאַקעטע מענטשן?

— אמת, אמת, דינה איז אַ מענטש, זי ווייסט וואָס זי רעדט. איצ־טער איז אַלץ געווענדט אין אירקען, זי קען זיך וועגן אַלעמען דערוויסן...

די מיידלעך האָבן אַרומגערינגלט אירקעס נאַרע און גענומען בעטן:

— פּיטשימאַנטשיקל... בעבעלע, וועסט זיך מיט אים וועגן אַלץ אַדורכרעדן? שרייב, אַז דו דאַרפסט זיך מיט אים...

— וועסט אָנטון מיין בלוזקע מיט די בלימעלעך, — ס'איז אַ היי־מישע בלוזקע — האָט מעלא זיך אָנגערופן שטיל, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט די ווערטער איבערשטרייכן אַלץ, וואָס זי האָט פריער געזאָגט.

— טו אָן מיינע זיידענע שטרומף — האָט לידא צוגעוואָרפן. — מיר האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן ווי עס האַלט אין דער וועלט, האָבן צו טון נאָר מיט בלעדזינען... ווער ווייסט וואָס מיר דאַרפן נאָך מיטמאַכן, און דאָ האַלטן מיר אין איין קריגן זיך! זי האָט עטלעכע פעניצער ברויט באַלייגט מיט קעז און סאַרדינען פון איר פּאַקעט און גענומען טיילן.

די שרייבערינס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די נאַרעס מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ, ווי פּלוצים וואָלט פאַר זיי זיך אַנטפּלעקט דאָס אַלץ, וואָס קיינע האָט נישט געוואָלט צו זיך צולאָזן. אומעטיק האָט סילאַ פאַרצויגן:

„איך וויל נאָך איין מאָל זען מיין היים,
צי איז דאָרט אַלץ ווי געווען,
מיט אַ דעכעלע פון שטרוי,

איך וויל אַזוי, איך וויל אַזוי
א היים!...

אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט און ווייטער געצויגן:

„גיט מיר צוריק מיין אַלטע היים,
זאָל זיין אַ שטיבעלע פון ליים,
מיט אַ דעכעלע פון שטרוי
איך וויל אַזוי,
איך וויל אַזוי,
אַ היים...

פיר ווענט, אַ טישל און אַ באַנק,
פאַרמאָגט האָב איך עס יאָרן־לאַנג,
נישטאָ קיין פרוי, נישטאָ קיין קינד,
אין הארץ איז מיר ווי און ווינד,
איך וויל אַ היים.

די מיידלעך האָבן געענדיקט. שווייגנדיק אַ ווײַלע געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און איינציקווייז זיך צעגאַנגען אויף זייערע נאַרעס. פון אונטער די דעקעס האָט זיך געהערט אַ שטיל, דערשטיקט געוויין.

אויף דער נאַרע זיינען געבליבן נאָר לידא, מעלא און אירקע. אין דער שטילקייט האָט הארט, פרעמד אָפּגעהילכט לידעס קול:

— וועסט מיר אָנשרייבן אַ פראַנצויזישן בריוו צו מיינעם, אירקאַ? פאַר אַלע שרייבסטו, נאָר פאַר מיר ווילסטו נישט, איך האָב היינט נישט קיין קאָפּ צו אים.

— אָבער פריער פאַר מיר — האָט מעלא איבערגעריסן — אירקע, נשמהלע, שרייב מיר אַ ליבעס־בריוו, ווי פאַר זיך אַליין. ער בעט זיך תמיד אַ לאַנגן בריוו, מאָל אים אויס אַ פּאָר בלומען...

— גוט, כ׳וועל שרייבן — האָט אירקע נאָך האַלב ברוגז געזאָגט. — נאָר כ׳וועל אים אויך זאָגן: „אויב דו וועסט נישט אויפהערן הרגענען די יידן פון דיין באַראַק, וועל איך מיט די איבעררייסן!”

— מען שרייבט נישט אַזוי — האָט מעלא איבערגעריסן. — שרייב אריין:

„איך בעט דיך דו זאָלסט נישט שלאָגן די יידן, ווייל דאָרט זענען מיינע ברידער!"

גלייך איז זי אַרויסגעקראָכן אויף דער נאַרע און אין א ווייליע ארום האָט זיך געהערט א שטיל פייפן פון אונטער דער דעקע.

אירקע האָט געשריבן צו מעלאס געליבטן:

— ליבער מאַקס, אַלע שלאָפן שוין. איך שרייב צו דיר אין שטיל־קייט פון נאַכט... און דו שלאָפסט שוין מסתמא. איך האַלט אין דער האַנט דיין פּאַקעט...

— ניין, „פּאַקעט" דאַרף מען נישט שרייבן! זי האָט אויסגעמעקט דאָס פּאַקעט און אריינגעשריבן „בריוו". זי האָט לאַנג געשריבן און גע־מעקט. ווען זי האָט דעם בריוו געענדיקט, זענען שוין אַלע אין צימערל געשלאָפן.

דאַן האָט זי אַרויסגענומען פון איר טעשל אַן ענגלישן בריוו פון אַליווערן און שטיל ביי זיך געלייענט:

— מיין טייער מיידל! אנטשולדיק מיר, וואָס איך בין היינט צו דער צוים נישט געקומען. איך בין אַ מענטש פון שטימונגען, כ׳בין היינט זייער שלעכט געשטימט געווען, און די צוים ווירקט אויף מיר א סך ער־גער, ווי די „אפּעלן".

ווען איך קוק אויף די פּאַרלעך, וועלכע קושן זיך צווישן דער צוים, דאַכט זיך מיר, אַז איך שטיי אין אַ גרוים שאַנד־הויז! מיין מיידל, מיר האָבן זיך אין אַ שלעכטער צייט געטראָפן, אין אַנדערע צייטן וואָלט איך זיכער אַנדערש פאַר דיר געווען. איך בין פאַרביטערט און מיד. נאָר איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן! איך שיק דיר מיין אדרעס פון קריסט־יאַניא, וווּ איך האָב די לעצטע יאָרן געוווינט. איך וועל דיר העלפן זיך איינאָרדענען און געפינען אַ היים, אויב דו וועסט קיינעם פון דיין פאַ־מיליע נאָך דער מלחמה נישט געפינען.

אויפן בריוו איז געווען אויסגעמאָלט א סילועט פון א שטאָטישן וואָקזאַל, אַ מיידל גייט אראָפּ פון דער באַן מיט א וואַליזקע אין דער האַנט.

אירקע האָט לאַנג געקוקט אויף דעם בילדעלע טיף געריררט. ווי ער האָט מיך דאָס אויסגעמאָלט!... אין מיין היטעלע... מיט אַ וואַליזקע אין דער האַנט. מיין טייערער אַליווער, האָט זי מיט טרערן געטראַכט, דו ליגסט איצט אויף דער ערד אָן אַ דעק. און נישט איך קען דיר העלפן, און נישט דו מיר... פון אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן קאַפּען טרערן.

די נאַכט האָט אירקע באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן מיט אַלע ליבעס. אפילו קיינעם קיין ליבעס־בריוו נישט שרייבן מער. זאָלן זיי זיך אַליין ברעכן די קעפּ, און אויב זיי האָבן נישט וואָס צו שרייבן דאַרף מען נישט.

— נאָר צו דיר, מיין טייערער, וועל איך שרייבן... אָן אַ חילוק וואָס דו טראַכסט וועגן מיר.

שפּעט ביי נאַכט איז זי איינגעשלאָפן מיט אַליווערס בריוו אין דער האַנט.

רודאָלף פון אַרבעטס־איינזאַץ

אַרום דעם לאַנגן טיש אין דער שרייב־שטובע זענען געזעסן די שרייבערינס איינגעבויגן ביי שאַבלאָן־קאַרטאָטעקן, יעדן אַרעסטירטן לויט דער לאַגער־קאַרטאָטעק פאַרשריבן אויף אַ באַזונדערער קאַרטע.

די שטילקייט האָט איבערגעריסן מעלאַ פרעגנדיק:

— דינה, ווי אַזוי פאַרשרייבן דעם נומער 34087? ביי דער רובריק „באַמערקונגען” איז עפּעס אַ צייכן, וואָס קען ער זיין, אַ פריידענקער אָדער אַ האָמאָסעקסואַליסט?

דינה האָט גענומען די ליסטע און הויך איבערגעלייענט:

„וויקטאָר שאוק, נאַציאָנאַליטעט: טשעך, געבוירן אין פּילזן, שטודירט אין פאַריז געשיכטע, קען ענגליש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש און שפּאַניש, פאַרהייראַט, אין לאַגער געקומען 1942 יאָר”.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און צוריקגעבנדיק מעלען די ליסטע געענטפערט:

— אַלץ איינס... שרייב ווי דו ווילסט, די נומערן לעבן פון לאַנג שוין נישט. און ביי זיך אַ טראַכט געטון:

— אַ טויטע בוכהאַלטעריע פירן מיר... צוליב וואָס דאַרפן זיי די קאַרטאָטעק?

מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר. אויף דער שוועל האָט זיך געוויזן איינע פון נייעם טראַנספּאָרט בליץ־מיידלעך.1)

— אַכטונג! — האָט אויסגערופן דינה.

1) בליץ־פּרויען — פרויען, וואָס האָבן געדינט אין ס. ס.

אַלע שרייבערינס האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער. אויסגע־צויגן ווי סטרונעס, שטיין געבליבן.

דאָס בליץ־מיידל, אין דער שוואַרצער פּעלערינע, מיט אַ ברייטער קאַפּוזע אויפן קאָפּ, האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט ברומענדיק:

— זעצט אייך; און צו צום איוועלע. די פּאַרפּרוירענע הענט אַרויפ־געלייגט אויף דער רער, ס'פּנים איינגעבויגן צו דער פּליטע.

נישט דרייסט האָט דינה צוגערוקט אַ בענקל צום בליץ־מיידל און שטיל אַ זאָג געטון: „ביטע פּרווי אויפזעערין... זעצט אייך"...

דאָס בליץ־מיידל איז ווייטער געשטאַנען, פאַרזיכטיק זיך אַרומגע־קוקט אין אַלע זייטן, געשוויגן.

— זעצט אייך — האָט דינה איבערגעחזרט און שטילער צוגעגעבן:

— כ'וועל עמיצן אַרויסשטעלן פאַר דער טיר — — — —

— אין דער שוואַרצער פּעלערין, זעט איר אויס ווי אַ נאָנע... עס איז גאַנץ קליידזאַם — האָט זיך מעלא אין אַ זייט אָנגערופן.

— יאָ, נאָנעס האָט מען פון אונדז געמאַכט! — האָט דאָס בליץ־מיידל געענטפערט מיט כעס צערייבנדיק די פאַרפרוירענע פינגער זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל ביים איוועלע, אויסגעטון די שיך, אַריינגעשטעקט די פיס אין אַש־קאַסטן, דעם קאָפּ נידעריק אַראָפּגע־בויגן, ווי זי וואָלט עפּעס אין די מחשבות געשוויגן און נאָך אַ רגע אַ פרעג געטון ביי דינהן:

— ווי מיינט איר, וואָס פאַר אַ מתנה קויפט מען פאַר אַ מאַן אויף געבורטסטאָג? איך מיין עפּעס אַזעלכעס, וואָס וואַרפט זיך נישט אין די אויגן... אפשר אַ שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל? זונטיק וועל איך האָבן פריי, אַנשטאַט גיין אין קינאָ וועל איך זוכן אין דער שטאָט... געפעלט אייך אַ שטעקן? — האָט זי תמעוואַטע פאַרענדיקט.

— ניין, אַ שטעקן פּאַסט נישט — האָט דינה אָפּגעוועגדט און מיט מבינות צוגעגעבן:

— פאַר אַ מאַן, פאַרשטייט איר, קויפט מען אַ זילבערנעם פּאָרט־סיגאַר... אָדער עפּעס ענלעכס.

— ער רויכערט נישט — האָט דאָס בליץ־מיידל געענטפערט מיט באַדויער.

— אפשר א פּאָר זיידענע טיכלעך מיט א מאָנאָגראם אויסגע־שטריקט — האָט דינה געראטן.

די אויפזעערין האָט פאר פרייד אָנגעהויבן פּאטשן אין די הענט רופנדיק:

— איר זענט א פּאבלהאפטער מענטש, ווי קומט איר אין די באַ־ראקן?... מיט די אַ?... ווייסן באטיסט האָב איך, איך אליין וועל אים אויסשטיקן א ווונדערלעכן מוסטער... ווירקלעך, ווירקלעך א פיינער איינפאל. שוין צוויי וואָכן מאטער איך מיך און קען קיין זאך נישט אויסטראכטן...

— קען איך וויסן פאר וועמען דארף דאָס זיין? — האָט דינה דיסקרעט געפרעגט.

דאָס בליץ־מיידל האָט זיך א ווײַלע געוואקלט און מיט שטאָלץ דער־קלערט: ער איז דער הויפּט־דאָקטאָר פון לאגער... זייער א וויכטיקער מענטש...

מיטאמאָל איז אין דער שטוב אַריין חוה, וואָס איז פאַרן באראק „אויף זעקס" געשטאנען און שטיל געמאָלדן:

— די בליץ־פּרויען גייען...

דאָס בליץ־מיידל האָט זיך אויפגעכאפּט אויף די פיס א צעטומלטע, אויף גיך אָנגעהויבן שנירן די שיך, זי האָט קוים באַוויזן צו דער צייט צולויפן צו דער טיר, ווען אין דער שרייב־שטובע איז אריין א גרופּע פון זעקס בליץ־פּרויען אין מיליטערישע מונדירן.

— אכטונג! האָט דינה באַפוילן אויף זייער אָנקומען.

אלע שרייבערינס האָבן זיך אויפגעשטעלט און דערשראָקן געקוקט אויף די פּנימער פון די נייע אויפזעערינס.

— איר האָט דאָ גאָר געמיטלעך, פאמיליאר... האָט זיך אָנגערופן איינע פון זיי, וואָס טוט איר דאָ א גאנצן טאָג?

די ערשטע אויפזעערין, וואָס איז נאָך אלץ ביי דער טיר געשטאַנען האָט שטיל א זאָג געטון:

— זיי זענען שרייבערינס... אויסגעצייכנטע מיידלעך, זייער אר־בעטזאם און ווי זויבער זיי האלטן זיך דאָ — — —

— ווער האָט אייך דאָ אָנגעשטעלט, וואָס שרייבט איר? — האָט אויסגעפרעגט אַ צווייטע בייז און הארט.

— דער ראַפּאָרטפיהער האָט די שרייב־שטובע איינגעאָרדנט — האָט דינה רואיק געענטפערט. מיר רעגיסטרירן אַלע „העפטלינגען", יעדן לויט זיין נומער. מיר רעגיסטרירן שוין דעם נומער 937.409, מיר האַלטן שוין באַלד ביי אַ מיליאָן.

— ווירקלעך? — האָבן זיך די בליץ־פרויען געוווּנדערט. דער לאַגער איז דאָך גאָר קליין, ווו געפינען זיך דאָ די אַלע מענטשן? און וואָס טוט איר מיט די אַלע ליסטעס, וואָס איר פילט אויס? — האָט איינע נאָך אַ צווייטער אויסגעפרעגט.

—די ליסטעס גייען קיין בערלין — האָט דינה ווייטער אינפאָר־מירט. יעדער מענטש ווערט פאַרשריבן לויט זיין נאַציאָנאַליטעט. יעדעס פאָלק האָט אַ נומער. צ. ב. יידן 0,8, ליטווינער 17, פּאָליאַקן 32. אין לאַגער געפינען זיך 52 נאַציאָנאַליטעטן. יעדער האָט זיין קאַרטאָטעק און ווערט רעגיסטרירט לויט די שאַבלאָנען.

— דאָס איז זייער אינטערעסאַנט! — האָבן די בליץ־מיידלעך גע־שאָקלט מיט די קעפּ. באַטראַכטנדיק מיט תמעוואַטע פּנימער די שאַבלאָ־נען.

— יעדער שאַבלאָן איז פאַרטיילט אויף רובריק, צ. ב. שטאַטלאָזע, פריידענקער, גייסטלעכע, האָמאָסעקסואַליסטן, ביבל־פאָרשער, קרימינע־לע, פּאָליטישע, גאַסן־פרויען א. א. וו. צו דעם ווערט צוגעשריבן פאַ־מיליען־נעמען, געבורט־שטאָט, בילדונג, פאַך און דער טאָג פון אָנקומען אין לאַגער — האָט דינה ווייטער געצייגט.

— אָ, די אַרבעט איז פיל בעסער פון אונדזערער — האָבן די בליץ־פרויען שוין גאָר היימיש צוגעגעבן. אונדז גייט עס ערגער!

— זעצט אייך — האָט דינה די אָרדנערינס מיט אַ געמאַכטער העפלעכקייט איינגעלאַדן.

די בליץ־פרויען האָבן זיך געזעצט נעבן אויוון, די רימענס אריינגע־לייגט אין די טאַשן און באַטראַכט יעדע שרייבערין באַזונדער, געגומען אויספרעגן פון זייער לעבן, פון זייערע היימען.

שטיל האָבן די בליץ־פרויען צווישן זיך געשמועסט:

— איך וועל דאָ זיכער פאַרפרוירן ווערן, סאַרא שאָד, וואָס איך האָב מיין סוועטער נישט געבראַכט...

— ווער האָט דאָס געקענט וויסן, אַז דאָ וועט עס אַזוי זיין? — האָט אַ צווייטע בייז צוגעגעבן. איך האָב אויך גאָרנישט מיטגענומען, אפילו קיין טאַשן־טיכער...

ווי גאָרנישט מיינענדיק האָט אירקאַ אַרויסגענומען פון דער טאַש די ברעמען־פינצעטע און אָנגעהויבן זיך שפּילן מיט איר.

— איר האָט אַ פּינצעטע? — האָבן אויסגערופן צוזאַמען אַלע בליץ־פרויען... דאָ קען מען עס גאָרנישט באַקומען.

— ביטע, ביטע — האָט אירקע געזאָגט דערלאַנגענדיק די פּינצע־טע און מיט אַ גלייכגילטיקער שטימע צוגעגעבן:

— מיר דאַרפן נישט אַזעלכעס... עס איז אונדז נישט אַזוי פריילעך אויפן האַרץ... מיר זאָלן וועגן אַזעלכע זאַכן געדענקען...

— וואָס איז דען געשען? — האָט ערנסט געפרעגט די ערשטע פון דער גרופּע בליץ־פרויען, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויפן לאַ־גער און גאָר חבריש צוגעגעבן: איר זייט דאָך גוט איינגעאָרדנט, וואַרעם אָנגעטון...

— מענטשן רעדן — האָט דינה פּאַמעלעך אָנגעהויבן — אַז דער לאַגער ווערט עוואַקואירט, מיר ווייסן נישט וואָס מיט די יידן וועט ווערן, ווי מיינט איר, וואָס וועט זיין מיט אונדז — האָט דינה גאַנץ אָפן אַ פרעג געטון און גלייך ווי באַדויערט די אייגענע ווערטער, אַראָפּ־געהאָנגען דעם קאָפּ און שווייגנדיק זיצן געבליבן.

— די יידן וועלן מסתמא פון לאַגער נישט אַרויס — האָט זיך איינע פון די אויפזעערינס אָנגערופן און ווייטער געוואַרעמט די הענט ביי דער פּליטע.

— קעטי, וואָס רעדסטו, — האָט איר האַסטיק איבערגעריסן די עלטסטע. — די יידן וועלן זיכער אויך אַרויספאָרן פון דאַנען, צווישן זיי זענען דאָ אַ סך אָנשטענדיקע מענטשן.

די בליץ־פרויען, זעענדיק ווי די שרייבערינס זענען אויפגעציטערט געוואָרן, האָבן זיך איבערגעקוקט און גענומען אַלע טרייסטן:

— עס האַלט נאָך נישט דערביי... מיר האָבן נאָך גאָרנישט וועגן דעם געהערט.

אין שרייב־שטובע איז ווידער אריין חוה און געמאָלדן:

— ס׳גייט אַ דייטש פון אַרבעטס־איינזאַץ, ער איז שוין ביים טויער...

די בליי־פּרויען האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער, אַרויסגעגענומען די רימענס פון די טאַשן און איינציקווייז זיך גענומען אַרויסשאַרן.

— קומט אָפּטער, קומט אונדז באַזוכן — האָבן די שרייבערינס געבעטן. — קומט אָנזאָגן, ווען וועלן מיר אַרויס אויף דער פרייהייט...

— אָ מיר ווילן עס נישט וויייניקער! — האָט די לעצטע אין דער טיר אַ זאָג געטון מיט אַ בלאַסן שמייכל און אַרויס.

די שרייבערינס האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. הייסט עס, אַז דערווייל איז נאָך גאָרנישט קלאָר... מירן שוין ביי זיי זיך דערוויסן צו דער צייט... איצטער דאַרף מען די פרויען באַרואיקן, נאָר אָן אַ טומל... זיי זאָלן עס נישט דערשנאַפּן... שאַ... עמעצער גייט...

מיט אימפּעט איז אריין איטע, די בלאָק־עלטסטע, פון „טויטן־בלאָק”.

גלייך פון דער טיר האָט זי אָנגעהויבן:

— מיידלעך, איך בעט אייך, זוכט מיר אויס דעם נומער פון אילזע ברין. איר ווייסט דאָך, דאָס איז די אָפּערעטן־זינגערין פון בודאַפּעשט.

איטע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש און ווי פאַר זיך אָנגעהויבן דערציילן:

—זעקס וואָכן האָט זי זיך נעבעך מיטן טויט געמאַטערט, שטאַרבן נישט געקענט. און איצט קען איך זי נישט אויפגעבן פאַר אַ טויטע, ווייל עמיצער האָט פון איר ס׳קלייד אַראָפּגעריסן, און ווער קען דאָס ווסן וואָס פאַר אַ נומער זי האָט געהאַט? — מיידלעך, האָט זי אָן אויפהער ווייטער גערעדט — איר האָט שוין געהערט, וואָס איך האָב אויפגעטון פאַר מיינע ווייבער? איר וועט עס אליין נישט גלייבן. כ׳האָב זיך אָפּגעבעטן ביי „מיינעם”, ער זאָל אויפשטעלן אַ קאַמער פאַר די טויטע. יעדן טאָג איז מיר ס׳האַרץ צעגאַנגען, ווען איך האָב געזען ווי זיי ליגן נאַקעט פאַרן באַראַק און וואַרטן אויפן וואָגן. נו, איר פאַרשטייט

דאָך, אַז ער האָט מיר געענטפערט, אַז עס איז נישטאָ קיין ברעטער, אַז אָן אַ באַפעל טאָר מען נישט... נאָר איך האָב אים איבערגערעדט! קומט כאָטש אַריין אין קאַמער, איר וועט זען, אַז איצטער ליגן זיי ווי די פּריצעס!

— אַ דאַנק — האָט זיך אָנגערופן דינה — מיר האָבן „גענוג פאַר־גענומען" ביי די „סאָרטיראָווקעס און טראַנספּאָרטן"...

— אָ וואָ, ווי איך האָב זיך פאַררעדט — האָט זיך מיטאַמאָל איטע אויפגעכאַפּט און צוגעגאַנגען צו דער טיר. האַלטנדיק שוין די קליאַמקע אין דער האַנט, אויפסניי אָנגעהויבן:

— איר האָט זיכער געהערט די לעצטע מעלדונג פון אָבערשאַרפירער, אָט אַ פרייד! עס איז געקומען אַ באַפעל, אַז מער וועט מען קיינעם אין קרעמאַטאָריום נישט שיקן, אפילו נישט די שווער־קראַנקע! יעדער וועט שוין שטאַרבן מיט זיין נאַטירלעכן טויט! איר ווייסט וואָס דאָס באַדייט? איבער די מלחמה וועט זיך אין גיכן ענדיקן, וועט מיין חברה נאָך אָנקור־מען אין אַן ערשטקלאַסיקן שפּיטאָל. זיי אַלע וועט נעמען דער רויטער קרייץ אין דער שווייץ, זיי וועלן נאָך אויסגעהיילט ווערן. וואָס מיינט איר, אַז זיי זענען שוין קיין מענטשן נישט, ווייל זיי ליגן ווי מיסט? ווען מען לייגט אַריין אַ קייסער אין שמוץ, וועט ער אויך לעבעדיקערהייט פוילן. נו, נו, זאָלן מיר נאָר עס דערלעבן, מיינע ווייבער וועט מען נאָך אויף די הענט טראָגן, זיי זענען די סאַמע אומגליקלעכסטע, די סאַמע געליטענע...

און ווי זי וואָלט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט נאָך וואָס זי איז געקומען, האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— איך בעט אייך, געדענקט פון די, ווי הייסט זי דאָרט, די זינ־גערין, זוכט מיר אויס איר נומער.

דערזעענדיק דורכן פענצטער דעם פירער פון ארבעטס־איינזאַץ, האָט זי אויסגערופן:

— זייט מיר געזונט... אַ גרוס פון אַ „בענדל"... און אויף גיך אַרויס.

אין פענצטערל האָט טאַקע אָנגעקלאַפּט דער פירער פון ארבעטס־איינזאַץ און אַריינגעשריגן:

— פוילע באַנדע, עס גייט אייך פיל צו גוט, קומט רעגיסטרירן אַ טראַנספּאָרט!

די שרייבערינס האָבן צוזאַמענגעלייגט די שאַבלאָנען, געכאַפּט די מאַנטלען און מיט די בליישטיפטן אין די הענט אַרויס פון צימערל, אויסגעשטעלט זיך פאַרלעכווייז און געלאָזט זיך איבערן טויער צו דער צווייטער טייל פון לאַגער.

אויף דער מענער־זייט זענען אַלע אַרויס פון די באַראַקן, מיט פאַר־בענקטע אויגן נאָכגעקוקט די פוילע, שיינע, גוט־געקליידטע מיידלעך.

אייניקע האָבן מיט חוזק נאָכגעשריגן:

— ווער פעלט אייך נאָך אין די ביכער? האָט איר שוין אַלע איינ־געשריבענע אויסגעשריגן?

שווייגנדיקע זענען זיי ווייטער געגאַנגען. באַטראַכטנדיק די מענער אין די געשטרייפטע אַנצוגער, זייערע גרויע אויסגעצויגענע פּנימער און איינגעפאַלענע אויגן, איז אַלעמען אָן אימה באַפאַלן.

— זיי ווייסן נאָך נישט, אַז זיי זענען שוין טויטע — האָט דינה מיט אַ ציטער געטראַכט. פון די פרויען־באַראַקן האָבן זיך נאָך שרעק־לעכערע געשטאַלטן געוויזן.

וואָס ווייטער די שרייבערינס זענען געגאַנגען, אַלץ נידעריקער האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. וואָס אַמאָל פאַמעלעכער נאָכגעשלעפּט די פיס. אויפן פעלד, נעבן דער באָד, האָבן זיי געטראָפן שוין אָן אויסגעשטעלטע בריגאַדע פרויען אויף אַרבעט. גלייך האָבן זיי זיך געזעצט צו די טישן און שווייגנדיק זיך גענומען צו פאַרשרייבן די נומערן און פאַמיליע־נעמען פון די פרויען.

יעדע גרופּע פון הונדערט פרויען איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ באַזונדערער הונדערטשאַפט און אָפּגעפירט אין באָד. אין באָד האָט דער דאָקטאָר נאָכאַמאָל סאָרטירט די פרויען.

פלוצים האָט זיך פון באָד אַרויסגעריסן אַ האַלב־נאַקעט מיידל מיט אַ יללה צוגעלאָפן צום שרייב־טיש, קוים אַרויסגעהעשעט:

— ראַטעוועט! דער דאָקטאָר האָט מיך אָפּגעטיילט, געוואַלד! מיין שוועסטער וועט אָפּפאָרן... איך, איך בין אַ געזונטע!... כ׳וועל אַרבעטן, אַרבעטן..

זי האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן. מיט בײדע הענט אײנגעקלאַמערט אין טיש און געשטאַמלט:

— מײַן שװעסטער... שױן דאָס לעצטע... כ'װיל צוזאַמען...

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! — האָט מעלאַ אױסגערופן — און אװעקגעשטופּט זי פון טיש. מיר קענען גאָרנישט אויפטון, װאָס מײנסטו זענען מיר?...

דינה האָט זיך אױפגעשטעלט, אַ װײלע געטראַכט. אירע אױגן האָבן זיך מיטאַמאָל ליכטיק אָנגעצונדן, װי זי װאָלט עפּעס אין זיך אדורכגעבראָכן, מיט זיכערע טריט צו צום סעקרעטאַר פון ארבעטס־אײנזאַץ און מיט אַ רואיק אנטשלאָסענער שטים אָנגעהױבן בעטן:

— הער שעף... ביטע, לאָזט די קלײנע פּאָרן אויף ארבעט מיט איר שװעסטער, צעטײלט נישט קײן משפּחות...

דער סעקרעטאַר האָט אָפּגעמאָסטן דינהן פון קאָפּ ביז פיס און מיט אַ געלעכטערל געפרעגט:

— מײַן ליבכען, װאָס באַקום איך דערפאַר?

— אַ דאַנק — האָט דינה מיט אַ חנעװדיקן שמײכל געענטפערט.

— אַ דאַנק איז קײן געשאַנק — האָט דער סעקרעטאַר אַ שמעריר געטון מיט אַ רײע װײַסע צײן אין געלעכטער.

— מירן אָן אָפּמאַך שליסן — האָט ער פאָרגעלײגט: פאַר יעדער נישט צעשײדטער משפּחה אַ קוש — מסכים?

— מסכים — האָט דינה אַ פאַררױטלטע געענטפערט, צו צום מײדל און צוגעפירט זי צו אַ „הונדערטשאַפט".

— װאָס פאַר א שלעפּערקע האָסטו דאָ אַרײנגעשטעלט — האָט צו דינהן אױסגעשריגן אן אוקראַינישע אָרדנערין און דערלאַנגט איר אַ פּאַטש אין פּנים... פּאַשאָל פון דאַנען!

דינה האָט זיך אַ װאַקל געטון אויף צוריק. פאַר די אױגן איז איר פינצטער געװאָרן, גלײך אָבער האָט זי זיך באַהערשט און מיט אַלע כוחות אָפּגעמאָסטן דער בלאָק־פירערין אַ פּאַטש און נישט אומקוקנדיק זיך אפילו אויף איר, צוריק צום שרײַב־טיש.

שפּעט בײַ נאַכט זענען די שרײַבערינס צוריקגעקומען אין צימערל. שװײַגנדיק אױסגעטרונקען די זופּ, געלײגט זיך אויף די נאַרעס.

דינה איז שוין געשלאָפן, ווען וויערא — די בלאָק־עלטסטע איז אַריינגעקומען אין צימערל און סודותפול אַ זאָג געטון:

— דינה, אַ גאַסט איז צו דיר געקומען, רודאָלף פון ארבעטס־איינזאַץ, ער וויל דיך זען; ער איז אין מיין צימער... שוין פון לאַנג האָט ער אַן אויג אויף דיר...

די מיידלעך זענען אַראָפּ פון די נאַרעס, אַרויסגעצויגן זייערע בלוזקעס פון אונטער די שטרויזעק, איינע נאָך אַ צווייטער געעצהט:

— נעם, טו זיך אָן, מאַך זיך פאַר אַ מענטש!...

— כ'דאַרף אים נישט געפעלן! — האָט דינה שטאָלץ געענטפערט — אָנגעטון איר פשוט קליידל, גלאַטיק פאַרקעמט די האָר און אַרויס אַ רו־איקע, באַהערשטע פון דער שרייב־שטובע.

ווי נאָר זי איז אַריבער וויערעס שוועל, איז זי אַ פאַרגאַפטע געבליבן שטיין אויפן אָרט.

ביי אַ ווייס־געדעקטן טיש אָנגעשטעלט מיט טעלער עפּל, טאָרטן און ווייַן איז געזעסן דער סעקרעטאַר פון „ארבעטס־איינזאַץ" אין אַ גרויען ציווילן אַנצוג מיט אַ האַקנקרייץ אויף דער האַנט.

אויף איר אָנקומען האָט ער זיך טיף פאַרנייגט, צו צו איר מיט אויסגעצויגענע הענט און מיט דעם זעלבן געלעכטערל געפרעגט:

— איר האָט זיך אויף מיר נישט גערעכנט, איך האָב דאָך אַ חוב ביי אייך... 225 משפחות זענען נישט געטיילט געוואָרן!

— איך האָב זיי נישט געציילט — האָט דינה אַ שוויסטשע געטון דורך די פאַרקלעמטע ציין, און געזעצט זיך ביים טיש אויפן אָרט, וואָס ער האָט איר אָנגעוויזן.

— נישט געציילט האָט איר... דערמאָנט זיך וויפל אַלטע ווייבער איך האָב אַדורכגעלאָזט, וויפל שוועסטער, פריינט, עס איז זיכער מער געווען ווי 225 משפחות, נאָר די רעשט בין איך אייך שוין מוחל, צום ערשטן מאָל...

— איך קען מיין חוב באַצאָלן — האָט דינה האַרט אָפּגעענטפערט און אָפּגעהאַקט.

רודאָלף איז אויפגעשפּרונגען פון זיין בענקל. איבער זיין פּנים איז אַדורך אַ רויטע כוואַליע בלוט:

— באַצאָלן — זאָגט איר?... ווער בין איך פאַר אייך, אַן אַלפאָנס!

ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער שטוב, ווידער געזעצט זיך נעבן דינהן און ווייך, נישט זיכער אָנגעהויבן:

— דינה הייסטו, יאָ? איך ווייס מער ווי דיין נאָמען. פון ערשטן טאָג ווען איך האָב דיך דערזען, קאָן איך פון דיר נישט פאַרגעסן. איך בין נישט קיין ראָמאַנטיקער, די צייט איז נישט אַזאַ... נאָר דו דערמאָנסט מיר מיין מאַמען. דו איינע ביסט ריין ווי אַ טרער אין דעם שמוץ געבליבן, יאָ, דינה... דיאַנע... ביסט ווי אַ געטין... וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי פרעמד, זאָג אַ וואָרט, גיב אַ לאַך...

קוקנדיק אויף זיין האַקנקרייץ, האָט דינה האַרט און קאַלט געענטפערט:

— איך בין אַ יידישע... און איר זייט?...

— זאָג מיר פשוט דו — האָט דער סעקרעטאַר נישט דרייסט איבערגעריסן, נאָך אַ ווײַלע טראַכטן אַראָפּגענומען פון אַרבל דעם האַקנקרייץ און אַריינגעלייגט אין דער טאַש זאָגנדיק:

— פּליכט איז פּליכט און איך בין איך!

ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער שטוב און אַ צעמישטער צוריקגעזעצט זיך לעבן דינהן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אָנגעהויבן רעדן:

— דינה, איך זע אין דיר אַ מענטש, איך גלויב אין דיר... דער פּאַטש וואָס דו האָסט געגעבן דער קו געפעלט מיר שטאַרק, יאָ, דו האָסט כאַראַקטער... פאַר דיר קאָן איך אויפדעקן די קאַרטן: איך בין נישט קיין נאַצי! איך האָב גענומען אָנטייל אין אַנטיהיטלעריסטישן אויפשטאַנד אין 1933 יאָר, צוזאַמען מיט אַ גרופּע סטודענטן... זיי האָבן מיך געכאַפּט! שוין צען יאָר וואַלגער איך זיך אין די לאַגערס! זיי האָבן מיך טעראָריזירט, פאַרשטייסט, געבונדן, אַרומגעשטעלט מיט שפּיאָנען! נאָר איך בין נאָך אַ מענטש טראָץ אַלעמען. נאָך דער מלחמה וועל איך אַוועק, ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק! אָט אַזוי ברענט אין מיר די שאַנדע! קיין דייטש בין איך נישט מער... מיט קיינעם קאָן איך וועגן דעם נישט רעדן... נישטאָ צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצוזאָגן!... דינה, איך פאַרטיידיק זיך נישט פאַר דיר, אָבער איך מוז טון „דאָס אַלץ"

וואָס איך טו! איך מוז! דו ביסט די ערשטע וואָס הערט עס פון מיר... דינה, מיר קענען זיין גליקלעך, כ׳קאָן דיך אַרויספירן פון לאַגער צו מיין שוועגערין! דו וועסט זיין פריי! פאַרשטייסט? וועסט מיט מיר אַרויס־פאָרן אין אַ מונדיר פון אַ בליץ־פרוי און צוריקקומען וועל איך מיט אַ צווייטער... דאָס מיסט פעלט נישט אויס...

— ...און וואָס וועט טענהן דיין שוועגערין, ווען איך וועל איר דערציילן, אַז איך בין אַ יידישע? — האָט דינה קאַלט אַ פרעג געטון.

רודאָלף האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף די פיס און אַ טויט־בלייכער אָנ־געהויבן רעדן:

— דו קענסט אַזאַ זאַך נישט זאָגן! מיין ברודער איז אַ הויכער אָפיציר, אַלע אירע זין פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס אין דער פּאַרטיי! פאַרשטיי, אַז פאַר דיר איז עס אַ לעבנס־פראַגע!

קוקנדיק אים גלייך אין פּנים האָט דינה געענטפערט:

— איך בין אַ פאַרהייראַטע...

— אָבער דיין מאַן לעבט נישט! — האָט רודאָלף אונטערגעכאַפּט און שטיל צוגעגעבן: — איך ווייס אַלץ פון דיין לעבן, פון ערשטן טאָג, ווען איך האָב דיך ביים שרייב־טיש דערזען, האָב איך דיר אָנגעהויבן נאָכגיין. כ׳ווייס אַלץ פון דיר — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט. — דער לאַגער האָט דיך נישט פאַרדאָרבן... טראַכסט נאָך אַלץ ווי מענטשן אין יענע צייטן... ליבסט דיין טויטן מאַן... כאָטש ער לעבט שוין נישט פון לאַנג.

— ווייל איר האָט אים דערהרגעט! — האָט דינה אויסגעשריגן און מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים.

רודאָלף איז צו איר נענטער צוגעגאַנגען און גלעטנדיק אירע האָר ציטערדיק אָנגעהויבן רעדן:

— נאָך דעם קריג וועסטו מיך ערשט דערקענען... זאָג נאָר איין וואָרט און דו ביסט אַ גליקלעכע! וואָכן־לאַנג האָב איך געטראַכט, צי איך זאָל צו דיר קומען. איצט ווייסטו אַלץ, זאָג נאָר איין וואָרט!

דינה האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און אַ קוק געטון אויף רודאָלפן, אירע אויגן האָבן געברענט פון האַס.

— איך ליב מיין מאַן — האָט זי שטיל געענטפערט. — איך וועל

זיך מער מיט קיינעם נישט פארבינדן. אויב איך וועל איבערלעבן די מלחמה, וועל איך אין קיין קריסטלעך לאנד נישט לעבן, איך וועל אוועקפארן בויען אונדזער לאנד... קיין פאלעסטינע.

— אויב דאס איז דיין ציל, קאן איך מיט דיר בויען דיין לאנד, איך האב קיין היים נישט מער! — האט ער אפגעענטפערט מיט דער זעלבער אנטשלאסנקייט. — דינה, דו מוזט מיר גלייך נישט געבן דעם ענטפער, זאלן מיר זיין דערווייל פריינד, איך קען ווארטן.

— טייערע, פארזוך דעם טארט! איך האב דיר אנגעגרייט עטלעכע קלייניקייטן, איך וויל זיי דיר מארגן באזארגן. זאג, וואס דארפסטו, דערווייל, ווי לאנג דו ביסט נאך דא?

— די ראציע, וועלכע איך באקום, איז פאר מיר גענוג, אויב איר מיט דער קאמענדאנטור האט אזוי באשטימט און קיין זאך דארף איך נישט — האט דינה שטיל אבער פעסט געענטפערט.

— דו וועסט אלץ טון פון דיין פרייעם ווילן — האט רודאלף געענטפערט שוין אין כעס, אנבייסנדיק אן עפל.

זיי זענען ביידע אנטשוויגן. אלץ איז געזאגט געווארן. נישט זיכער האט רודאלף געזאגט:

— איך מוז שוין גיין, נאר ווען דו וועסט וועלן מיך זען, שרייב א בריוו, איך בין שטענדיק פאר דיר...

מיטאמאל האט ער זי פעסט איינגעקלאמערט אין זיינע ארעמס און צוגעטוליעט צו זיך.

מיט א דערשטיקט קול האט דינה קוים ארויסגערעדט:

— איך האב אייך נישט וואס צו שרייבן, נאר מיין חוב קען איך באצאלן.

זי האט א ווילדע געקעמפט מיט זיך און ווען ער האט צו איר אויסגעשטרעקט זיינע ליפן, האט זי איר חוב באצאלט...

זיסע קאַווע

די „בלאַק־פירערין״ זאַכע האָט צעשלאָגן עטלעכע פרויען ביז בלוט און איינע פון זיי איז געשטאָרבן.

ביים באַטראַכטן די קראַנקע, וועלכע גייען נישט אַרויס צום „אַפּעל״ האָט דער לאַגער־דאָקטאָר געמאָלדן דעם „אָבערשאַרפירער״, אַז זאַכע האָט צעבלוטיקט די קעפּ פון אירע ווייבער און איינער אַרויסגעלאָזן דעם מאָרך.

דער „אָבערשאַרפירער״ האָט זאַכען גענומען אויף אַ פאַרהער און דערקלערט:

— אויב דיינע ווייבער זענען צעלאָזן, קענסטו זיי באַשטראָפן... ביטע, אָבער אַזוי שלאָגן טאָר מען נישט...

די פרויען אין זאַכעס באַראַק האָבן זיך אין אַ ווינקעלע געשושקעט:

— עס קומט משיחס צייטן! דער אָבערשאַרפירער סאָרטירט נישט מער די קראַנקע. ער האָט שוין מורא. ער שיקט אַ דאָקטאָר. ער וויל מער נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ! אין קרעמאַטאָריום שיקט מען אויך נישט מער, וואָס קען דאָס באַדייטן?

די שרייבערינס האָבן פון זייערע נומערן אַראָפּגענומען די מגן־דודן און אַרויפגענייט זיך רויטע דריי־עקן. הייסט, אַז מיר זענען איצט נישט ווי יידן באַטראַכט, נאָר ווי פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. ווער האָט זיך דאָס געריכט אַזאַ מין קורס אויף יידן? זיי מוזן שוין האַלטן גאָר שמאָל...

— האָט איינע דער צווייטער איבערגעגעבן מיט אַ נייער האָפענונג.

דעם זעלבן טאָג איז זאַכע באַזייטיקט געוואָרן פון איר אַמט. אויף איר אָרט איז באַשטימט געוואָרן יעגי, דאָס מיידל פון סומאַטראַ. זי

איז געווען אַ הויכע און שלאַנקע, מיט אַ ליכטיק און פריינדלעך פּאָר אַלע פּנים. ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז זי צופעליק געווען אין האָלאַנד און צוזאַמען מיט אַ גרופּע האָלענדער בעת אַן אַבלאַווע אַרויס־געשיקט געוואָרן אין לאַגער.

ביים איבערנעמען דעם באַראַק האָט זי אַלע פרויען צוזאַמענגענומען און דערקלערט:

— יידישע פרויען! פון היינטיקן טאָג בין איך אייער אָרדנערין, איך גלויב, אַז מיר וועלן לעבן ווי שוועסטער... עס איז גענוג טרויעריק, אַז אונדזער יוגנט מוזן מיר אַלע אין לאַגער פאַרברענגען... איך וועל פאַר אייך אַלץ טון, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך, נאָר איך וויל, איר זאָלט מיך פאַרשטיין... נישט אַלץ דאַרף מען רעדן... איר זאָלט נאָר צוטרוי צו מיר האָבן, דאָס איז מיין גרעסטער ווונטש. קוקט נישט דערויף וואָס איך טראָג אַ שווארצן דרייעק...*) מיין שווארצער פלעק אויפן אָרעם איז פונקט אַזאַ אומרעכט ווי אונדזער אַלעמענס דאָ זיין! — איר קול האָט זיך פאַרהאַקט, די טרערן האָבן אָנגעהויבן שטיקן, נאָך אַ ווײַלע האָט זי ווייטער גערעדט: — פרויען, איך וועל איינאָרדענען אַ ספּע־ציעלע וואַך ביים „וואַש־רוים", יעדן טאָג זאָלן זיך 100 פרויען קענען אויסבאָדן. איר וועט זען, אַז אין 10 טעג אַרום, וועלן אַלע פון אונ־דזער באַראַק זיין אָפּגעוואַשן!

— הורראַ! — האָבן אַלע פרויען אויסגעשריגן, גלייך זענען זיי אָבער אַנטשוויגן, ווי דערשראָקן פאַרן פרייען וואָרט, וואָס האָט זיך פון זייערע הערצער פּלוצים אַרויסגעריסן. מער נישט געוואַגט.

— איך וועל אייך באַזאָרגן זייף — האָט דאָס יונגע מיידל ווײַ־טער געצויגן. — עס איז אויך מעגלעך, אַז איך וועל פאַר אייך דעקעס באַקומען, נייע קלומפּערס... בעסערע זופּן... איר זאָלט זיך נאָר האַלטן ריין, חבריש, שוועסטערלעך! געדענקט, אַז מיר זענען איין גרויסע לאַ־גער־משפּחה!

נאָך דער רעדע זענען זיך די פרויען געפאַלן אין די אָרעמס, גע־קושט זיך, געוויינט פאַר פרייד, געווונטשן צו דערלעבן צו דער פרייהייט.

*) אַ צוואַרצן דרייעק אויף דעם אָרעם האָבן אין לאַגער געטראָגן גאַסן־פרויען.

— אַזאַ מין גליק, אַזאַ מין גליק! — האָט איינע צו דער צווייטער געדעדט — אין איין טאָג פּטור ווערן פון זאַכען און פון דער לאַגער־עלטסטער שורען! עס קאָן נאָך קומען אַזאַ שעה, זיי זאָלן אויפמאַכן די טויערן און זאָגן: גייט אייך אייער וועג...

אין קאַבינעט פון ראַפּאָרט־פירער איז געשטאַנען האַנס דער אויפזעער פון די וואַלד־העקערס, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע און געוואַרט אויף זיין פּסק־דין. דער ראַפּאָרט־פירער, אַ יונגער פעטט געבויטער מאַן, מיט העלע האָר און העלע וואַסערדיקע אויגן, איז געזעסן ביים שרייב־טיש אויף אַ ווייך אויסגעבעטן פאָטעל, פאַרקוקט אין די וואָלקנס רויך פון זיין סיגאַרעט און געשוויגן.

— אהאַ! — האָט ער מיטאַמאָל אויסגערופן. — איצט מיר קלאָר געוואָרן, נאָך וואָס דו גייסט אין באַראַק „16 א״, אַ געליבטע האָסטו דאָרט, וואָס? דו דומער קערל. 50 שמיץ וועסטו קריגן אויף דעם הוילן קערפּער און 50 שמיץ דאָס ווייב!... הענגען דאַרף מען אייך אַלע! עס איז דאָך שטרענג פאַרבאָטן צו גיין אין די ווייבער־באַראַקן, — האָט דער ראַפּאָרט־פירער וואָס אַמאָל העכער געשריגן. — אַ דייטש ביסטו... און קענסט זיך נישט אויף דיסציפּלין... דו...

האַנס דער אויפזעער פון די וואַלד־העקערס, וואָס האָט באַזאָרגט מיט האָלץ די קאָמענדאַנטור און די לאַגער־אָרדנערס, אַ יונגער פאָלקס־דייטש, אין אַ גרינעם מונדיר און גלאַנציקע שטיוועלעך איז געשטאַנען נעבן דעם ראַפּאָרט־פירער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נישט געוווסט ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, קוקנדיק אים גלייך אין פּנים אַריין האָט ער אָנגעהויבן:

— יאָ, הער ראַפּאָרט־פירער, איך בין זיך מודה אין מיין שולד... איך גיי אָפט אַריין אין דעם באַראַק, איך ליב אַ פרוי, איך נעם אויף זיך אירע פופציק שמיץ. פאַר איר קאָן איך אויך הונדערט שמיץ אויפנעמען! — האָט ער פעסט אויסגערופן. — פאַר וואָס זאָל זי איבער מיר שמיץ באַקומען, וואָס איז זי שולדיק, אַז איך גיי צו איר?

דער ראַפּאָרט־פירער האָט אַ בליץ געטון מיט אַ ריי ווייסע ציין און הויך זיך צעלאַכט:

— דו נאַר איינער, ליבסטו זי באמת? כאַ, כאַ, כאַ!

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּאָטעל און אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער שטוב, רעדנדיק: — איר זייט דאָך אַלע פּאַרריקטע! איך קען דאָס גאָרנישט באַגרייפן, ווי אַזוי קען מען אין לאַגער ליבעם האָבן אין זינען? יאָ, יאָ, איר זייט ווירקלעך פּאַרריקטע! — האָט ער איבער־געחזרט און ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— הער ראַפּאָרט־פירער, איך ליב די פרוי, אַנדערש וועט שוין נישט ווערן, ווען אַפּילו איר וועט מיך הייסן הענגען! אויב מיר וועלן איבערלעבן, וועלן מיר הייראַטן — האָט ער שטילער שוין, אַ ביסל אַ צעטומלטער צוגעגבן.

דער „ראַפּאָרט־פירער" איז פאַר דער מלחמה אַ ברוקער געווען און אַלס באַלוינונג פאַר די מסירות, וועלכע ער האָט אויף די אַרבעטער געטראָגן, באַשטימט געוואָרן אַלס זייער אויפזעער. די אַרבעטער האָבן אים געגעבן אַ שפּאָט־נאָמען: „הער אינזשיניער" און ביי דעם נאָמען איז ער שוין געבליבן.

ער האָט שווייגנדיק אַ ווײַלע האַנסן באַטראַכט, פּאַמעלעך צו צו אים, אַ זעץ געטון אים אין דער פּלייצע רעדנדיק מער מיט די אויגן ווי מיט די ליפּן:

— ווייס, אַז מען דאַרף זיך נישט שנאַפּן לאָזן!... און סודותפול אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ שמייכל אויף זיינע דינע ליפּן.

האַנס האָט געענטפערט מיט דעם זעלבן שמייכל. דער שלעגער האָט דעם מסור פאַרשטאַנען.

אין שפּיטאָל, אין דער כירורגישער אָפּטיילונג, אויף דעם ערשטן עטאַזש פון אַ נאַרע איז געלעגן סאָניע. זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ גרויס שאַכטל פון מאַרגארין און פּאַמעלעך עס געוויגט. אין שאַכטל איז געלעגן אַן עופהלע. זיין נאָמען איז געווען מנחם! דאָס איז געווען אַ דאַר יינגעלע, מיט צאַפּלדיקע הענטעלעך און פיסעלעך.

סאָניע האָט דאָס שאַכטל כסדר אויפגעמאַכט, ציטערדיק אַריינגע־קוקט און גלייך פאַרמאַכט, ווי זי וואָלט זיך אַליין דאָס גליק נישט פאַר־גינען. איר פּנים איז נאָך בלייך געווען נאָך דעם שווערן קימפּעט, זי

האָט דעם אָטעם קוים געצויגן, וויגנדיק דאָס שאַכטל האָט זי מיט אַ שוואַך אָפּגעריסן קול שטיל אונטערגעזונגען:

שטילער, שטילער, לאָמיר שווייגן,
קברים וואַקסן דאָ,
ס'האָבן זיי פאַרפלאַנצט די שונאים
גרינען זיי צום בלאָ,
ס'פירן וועגן צו פּאָנאַרן צו
ס'פירט קיין וועג צוריק,
איז דער טאַטע ווי פאַרשוווּנדן,
און מיט אים דאָס גליק.
שטילער, קינד מיינס, וויין נישט, אוצר,
ס'העלפט נישט קיין געוויין,
אונדזער אומגליק וועלן שונאים
סיי ווי נישט פאַרשטיין...

צו סאָניעס נאַרע איז צוגעגאַנגען די דאָקטאָרין, אַ יידישע פרוי פון פּראַג און דערלאַנגט איר אַ פּעקעלע זאַנגדיק:

— איינע פון די קראַנקע, אַ שניידערקע, האָט פאַר אייער קינד אויפגענייט אַ פּאָר העמדעלעך און ווינדעלעך, זי ווינטשט אייך, איר זאָלט אין גיכן געזונטערהייד אַהיימגיין. נו, ווייזט מיר נאָר אייער העלד, ער ליגט שוין באַלד ווי משה רבנו — האָט זי גערעדט שמייכלדיק אומעטיק.

— מ'קאָן נישט וויסן, מ'קאָן נישט וויסן — האָט סאָניע איילִיק איבערגעריסן און דערלאַנגט העך דאָקטאָרין דאָס שאַכטל מיטן קינד.

די דאָקטאָרין האָט אין שאַכטל זיך פאַרקוקט, מיט אַמאָל איז איר פּנים בלייך געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, זי האָט דאָס קינד שווייגנדיק דערלאַנגט סאָניען און שטיין געבליבן אָפּהענטיק.

— מיינט איר, פרוי דאָקטאָר — האָט סאָניע ציטערדיק אויסגעפרעגט — דערקענט מען, אַז עס איז אַ לאַגער־קינד, צי אַלע קינדער האָבן אַזעלכע ווייכע ביינדעלעך? עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס וועט זיך אויסוואַקסן...

די דאָקטאָרין האָט נישט געענטפערט, אַ ווײַלע נאָך געשטאַנען און

אַרויסגעגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט. אין אַמבולאַנס־צימער האָט זי אין אַ זייט צוגערופן די קראַנקן־שוועסטער פרידע, מיט וועלכער זי איז צוזאַמען אין לאַגער געקומען און שטיל איר איינגערוימט:

— פרידאַ, גיי אַריין צו דער קימפּעטאָרין, וואָס ליגט אויף דער זעקסטער נאַרע, דערקלער איר, אַז מיר קענען דאָס קינד מער נישט אויסבאַהאַלטן... זאָג איר... אַז אין די טעג וועט זיין די עוואַקואַציע, זי וועט מיט דעם קינד סיי ווי נישט דערגיין, עס וועט פאַרפרוירן ווערן... גיי, זאָג איר, גיב איר צו פאַרשטיין...

ווען סאָניע האָט אויסגעהערט פרידעס דערקלערונג, האָט זי קיין וואָרט נישט געענטפערט זי האָט אַרויסגענומען דאָס קינד פון שאַכטל, צוגעטוליעט צו זיך און היים אַריינגערעדט אין אים:

— איך וועל דיך זיי נישט אָפּגעבן, נישט אָפּגעבן!

אין איר פּנים איז געווען אַ מאָדנע פאַרביסנקייט און רואיקייט. פרימאָרגן ווען די קראַנקן־שוועסטער פרידאַ איז געקומען אין זאַל מעסטן די היץ ביי די קראַנקע, האָט זי אַ דערשטוינטע דערזען, אַז דאָס פּנים פון קליינעם יינגעלע איז שוואַרץ. אַ קראַנקע וואָס איז געלעגן נעבן סאָניען האָט דערציילט:

— אַ צעדרייטע יידענע גאָר... די גאַנצע נאַכט געהאַלטן די האַנט אויפן קינדס קעפּל. ס'איז נעבעך דערשטיקט געוואָרן.

ווען פרידע האָט עס פון שפּיטאָל אַרויסגעטראָגן, האָט סאָניע אַפילו קיין טרער נישט געלאָזן, זי האָט לאַנג נאָכגעקוקט די טריט פון דער קראַנקן־שוועסטער און ווען זי האָט די טיר נאָך זיך פאַרמאַכט, איז סאָניע אַראָפּ פון דער נאַרע, גענומען דאָס שאַכטל מיט די קינדער־העמדעלעך און צו צום אַרויסגאַנג.

— ווו גייט איר? — האָט אַ צעטומלטע געפרעגט די דאָקטאָרין.

— בלייבט נאָך אַ פּאָר טעג... איר וועט זיך אַ ביסל אויסרוען.

— איך בין שוין געזונט! — האָט סאָניע האַרט געענטפערט און אַרויסגעגאַנגען פון שפּיטאָל־צימער נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם. נעבן דער קאַמער פון טויט־בלאָק האָט זי באַגראָבן דאָס שאַכטל מיט די קינדער־זאַכן און צוגעדעקט דאָס אָרט מיט אַ שטיין. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים „קבר" אויף דער ערד און אַריינגערעדט אין שטיין:

— שלאָף מיין זונעלע... מיין גוטע טויב, מיין שטילער פיש... מיין... מיין...

ביינאַכט האָט אַן אָרדנערין פון „טויטן־בלאָק" געפונען סאָניען שלאָפן אויף אַ שטיין. זי האָט סאָניען אָנגענומען פאַר דער האַנט, געפּרוווט אויפוועקן רעדנדיק:

— גאָט איז מיט אייך, וואָס איז אייך געשען? קומט אַריין אין באַראַק אין דער שטוב, וואָס זענט איר חסר דעה?...

סאָניע האָט אויפגעמאַכט די אויגן און אין אַ שיגעון אָנגעהויבן שרייען:

— אַ מגפה אויף אייך, אויף דער דאָקטאָרין, אויף אַלע „גרינע יאַקלעך"... איר אַלע זאָלט פאַרברענט און פאַרזונקען ווערן!

— טפו, אַ משוגענע גאָר... אַן אומגליק אויף אונדזערע שונאימס קעפּ! — האָט די אָרדנערין פון „טויטן־בלאָק" אויסגערופן און אַ דער־שראָקענע געלאָזט זיך לויפן מיט אַלע כוחות צוריק אין באַראַק.

אויף דעם סילועסטער־אָוונט אין דער „שרייב־שטובע" איז איינ־געלאַדן געוואָרן די נייע לאַגער־עלטסטע העני, אַ יונגע סטודענטין פון ליטע.

אַרום דעם ווייס־געדעקטן טיש באַפּוצט מיט גרינע יאָלקע־צווייג־לעך, אַרומגעשטעלט מיט טעלער ברויט־שניטקעס און עפּל האָבן זיך אויסגעזעצט די שרייבערינס אין העלע זייבערע קליידלעך אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. פאַרשווונדן זענען די דראָטן, די אומעטיקע איינ־זאַמע טעג, פול מיט בענקשאַפט און יוגנט ברען האָבן זיך אַלע צעזונ־גען. איבערן לאַנגן קאָרידאָר פון באַראַק האָבן זיך וואָס אַמאָל געטראָגן העכער די טענער פון סענטימענטאַלע דייטשע לידער, פראַנצויזישע קו־פּלעטן און ליטווישע טאַנגאָס.

— קאָמפּאַניע! — האָט אירקע אויסגערופן פון איר אָרט, — זאָל זיין אַז מאָרגן וועלן מיר אַלע אומקומען, נאָר איין שעה זאָל פריילעך זיין!

די לאַגער־עלטסטע, וואָס האָט אַ גאַנצע צייט געזונגען ציגיינער־

ראַמאַנסן, האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט פון אָרט און אויפהויבנדיק א גלאָז שוואַרצע קאַווע געזעדט:

— פרויען! איך הייב אַ טאָסט פאַר אונדזער פרייהייט! איך וועל זיך דאָ פאַר אייך נישט פאַרשטעלן... ווייל מיר אַלע שפּילן אויף אַ גרויסן מאַסקאַראַדן־באַל, נאָר איך וויל, איר זאָלט וויסן, אַז איך בין נישט ווי אַלע לאַגער־עלטסטע, מיין פּנים איז אָפט מאָל רואיק צופרידן, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס אין מיין האַרץ טוט זיך. איך מיין זיך נישט צו מישן אין אייער לעבן, טוט וואָס איר ווילט, נאָר איין זאַך זאָלט איר געדענקען, אונדזער פּאַראָל איז: נאָר זיך נישט שנאַפּן לאָזן!... איך פאַרשטיי גוט די לאַגע, אָדער מיר אַלע וועלן אַרויס פון דאַנען, אָדער מיר אַלע וועלן אומקומען! זאָל זיך אייך נישט אויסווייזן אַז איך פיל אַנדערש, ווייל איך עס אַ בעסער מיטאָג... איך וויל אָפט די מענטשן העלפן, כ'האָב אָבער געבונדענע הענט. כ'וועל זיך באַמיען פון מיין פּרייוואַט דעם לאַגער־דאָקטאָר פאַר אייך און אייערע באַקאַנטע אַרויסצו־באַקומען אַ ביסל מעדיקאַמענטן, ער איז אַ העכסט אַנשטענדיקער מענטש, ער וועט מיר נישט אָפּזאָגן. אין די קאַלטע טעג וועל איך די „אַפּעלן" אָפּנעמען אין די באַראַקן, צו וואָס זאָלן די ווייבער פרירן אויף דער קעלט? מיידלעך, עס ווילט זיך מיר אַ סך אייך דערציילן, נאָר איצטער איז סילוועסטער, לאָמיר פון אַלעמען פאַרגעסן, פאַרגעסן!

דינה מיט מעלען האָבן זיך אַרומגענומען און אָנגעהויבן זיך דרייען אַרום טיש אין אַ וואַלץ.

— אַוועק מיטן טיש! — האָט לידאַ קאָמאַנדעוועט — פרוי לאַ־גער־עלטסטע, מיר טאַנצן אַ ליטווישן טאַנגאָ...

— אַ ליטווישן טאַנגאָ — האָט מיט בענקשאַפט איבערגעחזרט די לאַגער־אויפזעערין און אויסציענדיק די הענט צו לידען, גענומען טאַנצן.

די קאַוונער מיידלעך האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן טיש און גענו־מען זינגען ליטווישע טאַנץ־לידער. זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, די פּנימער צעפלאַמט, פון זכרון זענען אַרויסגעשוווּמען פאַרגאַנגענע אַמאָ־ליקע סילוועסטערס.

אירקע איז אַרויף אויף אַ שטול און מיט אַ פלאַמיקער שטים אָנגע־הויבן:

— מיידלעך, לאָמיר היינט, אויף דעם סילוועסטער־אָוונט, באַשטימען, אַז מיר אַלע טרעפן זיך אין 1950 אויף אַ סילוועסטער־באַל! איך וועל געבן אַ מעלדונג אין די צייטונגען פון ווילנע, וואַרשע, פּאַריז... ווו מיר זאָלן זיך נישט געפינען, מוזן מיר זיך דעם אָוונט צוזאַמענטרעפן. געדענקט אַלע: מאַסקאַראַדן־קליידער אומבאַדינגט! יעדע מוז קומען מיטן אייגענעם מאַן! און מיר מוזט איר דערלויבן מיט צוויי — איינער איז קיינער!

— הוראַ, הוראַ! — מיר מאַכן אַ מאַסקאַראַדן־באַל אין 1950 — ביז דאַן וועלן מיר שוין אַלע זיין איינגעאָרדנט! און אויסער דעם, אַזאַ אייגענעם אָוונט ווי היינט, מיט שוואַרצע קאַווע אַנשטאַט וויין, מיט ברויט אַנשטאַט טאָרטן — האָבן די מיידלעך אויפגעכאַפּט.

אַלע האָט אַרומגענומען אַ שגעון פון טאַנצן, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, האָבן זיי געקרייזלט אַרום שטיבל, נישט איבעררייסנדיק אויף אַ ווײַלע, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אין דעם טאַנץ אַוועק פון אַלעמען, אויפהערן זיין. פּלוצים האָט זיך די לאַנגער־עלטסטע אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט און ווי זי וואָלט זיך מיטאַמאָל דערמאַנט עפּעס שווערעס און פּיינלעכעס, געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענע.

— מיידלעך, איך מוז שוין גיין... ווײַלט זיך גוט! עס איז נאָך היינט אַ סילוועסטער־אָוונט אין מיין באַראַק, ביי די אָרדנערינס. טראָץ דעם מוז איך נאָך גיין אין אַנדערע באַראַקן. אין טויטן־בלאָק וועט זיין אַ באַל מיט זינגערינס און רעציטאַטאָרינס... די נאַכט וועט נישט סטאַיען!

זי האָט געפּרוווט פריילעך זיין ווי ביז איצטער, נאָר אויף איר בלאַס פּנים האָט זיך אויסגעמאָלן אַן אומעט. אירע בלויע אויגן זענען מיטאַמאָל געוואָרן מאַט און אויסגעלאָשן ווי ביי אַ זקנה, נאָר די העלע, גאָלדענע האָר זענען געווען צעשויבערט, ווי ביי אַ צעשפּילט מיידעלע. זי האָט זיי מיט די פינגער געקעמט, געוואָלט אין זיי באַהאַלטן די ציטערדיקע הענט...

— וואָס איז מיט אייך? — האָבן די שרייבערינס באַאומרואיקט געפרעגט. — איר זענט מיטאַמאָל אַזוי אַנדערש געוואָרן! פאַרבלייבט

מיט אונדז, ביטע, פאַרזוכט דעם טאָרט, מיר האָבן אים געמאַכט פון ברויט מיט מאַרמעלאַד. נו, וואָס איז מיט אייך, פרוי לאַגער־עלטסטע?

— גאָרנישט, גאָרנישט. — האָט העני זיך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן.

— אַ מיידעלע האָב איך געהאַט... אַ טאָג פאַר דעם סילוועסטער איז זי פון מיר צוגענומען געוואָרן...

נאָך איר אַרויסגיין האָבן נאָך לאַנג געטאַנצט די שרייבערינס. שפּעט ביינאַכט זענען זיי פאַרמאַטערט געפאַלן אויף די נאַרעס, איינגעשלאָפן אין די קליידער.

אין די באַראַקן פון די „פּאָלקעס" און די „רוסקעס" האָבן די מיידלעך אויסגעוואַשן די דילן, ביי די וואַלד־העקער געקויפט יאָלקעס פאַר ברויט, אַרום די גרינע ביימלעך אויסגעזעצט זיך, לאַנג אין דער נאַכט געזונגען קאָלענדעס. דער גאַנצער לאַגער איז געווען יום־טובדיק אויפגעמונטערט.

דער שניי האָט פאַרשאָטן אַלע באַראַקן. די פרויען אויף די שטרויזעק זענען אַריינגעפאַלן אין אַ ווינטער־שלאָף. ווען חוה איז נאָך דעם טיפוס צוריקגעקומען אין איר שטוב, האָט זי שוין קיינעם נישט געטראָפן. די מערהייט פרויען זענען געשטאָרבן פון טיפוס און דיזענטעריע. אַנדערע זענען אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין די שויץ־גראָבנס. אין שטוב האָבן זיך געפונען פרויען צוזאַמענגענומענע פון עטלעכע באַראַקן, וואָס זענען ערשט געקומען פון לאַנדווירטשאַפטס־אַרבעט ביי די דייטשע פּויערים. פון אַלע באַקאַנטע זענען נאָר געבליבן: די יינגסטע טאָכטער פון דער „מאַמען", יעני, די טענצערין פון איר „פינפטל" און די „גראָבע". פון דער גראָבער איז נאָר דער נאָמען געבליבן. זי איז געוואָרן דאַר און פאַרטריקנט, דאָס פּנים גרוי און אויסגעצויגן, נאָר דער גוידער — אַ דין זעקעלע הויט — האָט דערמאָנט וועגן דער אַמאָליקער גראָבער.

חוהן האָט אויך קיינער נישט דערקענט. ווי אַ פרעמדע איז זי ביי דער טיר געשטאַנען. אין אַ שמוציק צעריסן קלייד מיט צוויי לינקע ברוינע שיך אויף די באָרוועסע פיס. אַלע אירע זאַכן זענען אין שפּיטאָל צוגעגנבעט געוואָרן. זי האָט זיך הילפלאָז אַרומגעקוקט איבער די פרעמדע פּנימער, נישט געקענט ווייטער גיין. די יינגסטע טאָכטער פון דער

„מאַמען", אין אַ וואַרעמען סוועטער, אין אַ העל־וואָלענעם טיכעלע אויף דעם קאָפּ, האָט זיך אײַפּגעשטעלט אויף דעם שטרוי־זאַק, געמאַכט אַן אָרט פאַר חוהן און פריינטלעך געבעטן:

— באַבושקע, קומט צו מיר, קומט! ביי מיר אויף דעם שטרויזאַק איז דאָ אַן אָרט פאַר אייך... קוקט, מיידלעך, וואָס פאַרא גרויענקע, זאָל זי זיין מיט אונדז צוזאַמען...

חוה איז ווייטער געשטאַנען ביי דער טיר, נישט געקענט זיך רירן פון אָרט. זי האָט געזען ווי די מיידלעך באַוועגן מיט די ליפּן, פאַרשטאַנען, אַז זיי רעדן צו איר, אָבער קיין וואָרט האָט זי נישט געהערט.

די מיידלעך, וועלכע זענען געלעגן ביי דער טיר, האָבן זיך אויפגעהויבן פון די שטרויזעק, צוגעגאַנגען צו איר, אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט צום שטרויזאַק, וווּ דאָס מיידל איז געזעסן.

— באַבושקע... ווו זענען אייערע קינדער, זענט איר אינגאַנצן אַליין געבליבן, מיט וועמען זענט איר אין בלאָק געוועזן? — האָט דאָס מיידל אויסגעפרעגט.

חוה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשוויגן.

פון די פענצטער האָט געבלאָזן אַ קעלט און נעציקייט. די פרויען אין די צעריסענע זומער־קליידער זענען געלעגן איינגעקורטשעט אויף די שטרויזעק און געדרימלט. עטלעכע קראַנקע האָבן אין היץ עפּעס גערעדט, אַנדערע געטומלט. „די גראָבע" האָט זיך טעמפּ צוגעהערט ווי די רויטע פון איר „פינפטל" האָט אין פיבער , אָן באַוווסטזיין, קאַמאַנדעוועט:

— נעם אַראָפּ די עפּל פון באַלטן, זיי וועלן מיר פאַלן אין קאָפּ אַריין, פאַרשיטן!...

די צווייטע האָט שטיל זיך געבעטן ביי איר שוועסטער:

— באַנטשע, נעם אַרויס דעם מאַנטל פון דער שאַנק און דעק מיך צו... נאָר דו ווילסט נישט! אַ שאָד דיר דער מאַנטל.

באַנטשע האָט איר טיפוס־שוועסטערל געקושט, געריבן די געפרוירענע הענט און אַריינגערעדט אין איר:

— נשמהלע, וואָס פאַר אַ שאַנק, וואָס פאַר אַ מאַנטל? מיר זענען אין לאַגער, אין שטוטהאָף!...

...נעם אַרויס דעם זאַק מעל פון אונטערן שטרויזאַק — האָט געשריגן אַ דריטע. מ׳מאַך אַ זופּ — פאַר אַלע!

זי האָט מיט די הענט צונויפגעשאַרט דאָס שטרוי און הויך זיך געפרייט:

— אָט מאַך איך פייער, באַלד וועט וואַרעם ווערן...

רות, די שטובן־עלטסטע, איז געזעסן אויף איר שטרויזאַק, אַפּאַטיש באַטראַכט די פרויען, געשוויגן.

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט, אין שטוב איז אַריינגעקומען מלכה קוואַל, אַ יידישע שוישפּילערין; צוזאַמען מיט איר זענען אַריינגעקומען עטלעכע פרויען, זינגערינס און רעציטאַטאָרינס. מלכה קוואַל איז געווען אַ הויכע שלאַנקע פרוי. אין די לאַנגע הויזן אויף שעלקעס האָט זי זיך נאָך העכער אויסגעוויזן. די האָר, גלאַטיק פאַרקעמט, האָבן איר פּנים ווי אַ בילד — אַ ראַם באַצירט. זי איז שוין געווען אין איר אָפּגעלאָזנקייט און ליידן.

די זינגערינס האָבן זיך געזעצט לעבן רות, באַטראַכט אַ ווײַלע די פרויען און ווי פאַר זיך שטיל אָנגעהויבן זינגען יידישע פאָלקס־לידער.

די פרויען זענען ווייטער שווייגנדיק געלעגן אויף די שטרויזעק ווי זיי וואָלטן פאַרשטיינערט געווען. איינציקווייז האָבן זיי זיך אויפגעזעצט, פאַרוואונדערט אַרומגעקוקט. זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, זייערע הערצער אויפגעציטערט.

פּלוצים האָט זיך אויפגעהויבן יעני, די טענצערין, אַרויס אין דער מיט פון דער שטוב און אָנגעהויבן טאַנצן.

אַלע אין דער שטוב זענען איבערראַשט געוואָרן און פאַרוואונדערט צוגעקוקט זיך ווי דער דאַרער קערפּער פון אויסגעבלייכטן מיידל איז געשוואומען אין דער לופט, געשלענגלט זיך אויף דער ערד און איינגעקאָרטשעט אין זיך געבליבן ליגן ווי שטאַר אויפן דיל.

— וואָס פאַר אַ טאַנץ! — ווער האָט דאָס זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז די קליינע האָט אַזעלכע הענט, אַזעלכע פיס — האָבן אַלע געטראַכט אויפגערודערט.

ווען יעני איז צוריקגעגאַנגען אויף איר שטרויזאַק, האָט זי שטיל די פרויען דערקלערט:

— דער טאַנץ הייסט „דער טויט פון א שלאַנג"... איך האָב אים אליין אויסגעטראַכט און שטילער צוגעגעבן: אזוי וועלן זיי אויסגיין!...

מלכה קוואַל האָט געוואַרט, ביז אַלע וועלן אויסזינגען זייערע לידער און ווען אין שטוב איז שטיל געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן רעדן מיט אַ הייבער אנטשלאָסענער שטים:

— פרויען, אונדזער קרייז האָט זיך פאַר אַ ציל געשטעלט, פון צייט צו צייט אַדורכצופירן אימפּרעזן אין די באַראַקן. מיר ווילן קיינעם נישט ווייען און נישט אַלס פאַרוויילונגען דאַרפט איר די פאַר שעה באַטראַכטן... מיר ווילן נאָר די מענטשן אביסל דערמונטערן, ארויסרייסן פון יאוש... היינט וואָלט איך געוואָלט מיט אייך זיך אביסל דורכשמועסן, באַטראַכטן אונדזער לאַגע און זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון אַלעם, וואָס האָט מיט אונדז געטראָפן. פרויען — האָט זי מוטיק ווייטער געצויגן — מיר מוזן פאַרשטיין, וואָס מיט אונדז איז געשען און פאַרוואָס מיר געפינען זיך דאָ... יעדע פון אונדז איז קראַנק און פאַרביטערט, מיר קענען קלאָר נישט דענקען און מיר זענען נישט פעאיק היינט צו טאָג אונדזער פראַגע באַהאַנדלען. אָבער ווייל מיר ליגן דאָ אויף דער ערד, ווייל מיר זענען די אָממיינסטן אומגליקלעכע פון אַלע און אָממיינסטן דערנידעריקטע, מוזן מיר אָט דאָ, ליגנדיק אויף דער ערד, פאַרשטיין דעם וואָרצל פון אונדזער טראַגעדיע! איך בין נישט קיין רעדנערין, כ'האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און נישט מיט דער יידן-פראַגע. אַלע מיינע יאָרן האָב איך געאַרבעט פאַר דער בינע. מיין ציל איז געווען: פאַרשפּרייטן יידישע קולטור, פלעגן אונדזערע טראַדיציעס. איך בין אַרויסגעטרעטן כמעט אין אַלע יידישע טעאַטערס אין אייראָפּע און מיין וואָרט איז דערגאַנגען צו די, וועלכע זענען ווייט אוועק פון אונדז. אָבער מיינע טייערע חברטעס, דאָ ערשט, אין לאַגער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קולטור אַליין איז קיין זאַך נישט און קען קיין קיום נישט האָבן. אויב מיר וועלן נישט ווערן מיט אַלע פעלקער גלייך, אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין באָדן, וועט אונדזער קולטור פריער אָדער שפּעטער מוזן אונטערגיין! נישט איצט און נישט דאָ איז דאָס אָרט צו באַטראַכטן אונדזער געשיכטע, וואָס פאַר אַ רעכט האָבן אונדז די פעלקער, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט, געגעבן, נאָר איין זאַך מוזן

מיר קלאָר באַנעמען, אַז דער האַס צו אונדז האָט זיך נישט אָנגעהויבן ביי די דייטשן. דער האַס פון די פעלקער פאַרפאָלגט אונדז טויזנטער יאָרן! מיר גלויבן, אַז די „גרינע יאַקלעך" וועלן האָבן דעם סוף, וועלכער קומט זיי... נאָר דערמיט איז נאָך אונדזער פראַגע נישט געלייזט! מיר וועלן ווייטער זיין די געראָדפּטע און שוצלאָזע, וועמענס בלוט עס קען יעדער הפקרדיק פאַרגיסן. און אויב נאָך דעם קריג זאָלן מיר קיין אייגן לאַנד נישט האָבן, זאָלן מיר גאָרנישט דערלעבן פון דאַנען אַרויסצוגיין!

— נישט ריכטיק! — האָט האַסטיק איבערגעריסן א געוועזענע אַרבעטער־דעלעגאַטקע, א יונגע וועש־נייערין — נאָך דער מלחמה וועט זיין אַ סאָציאַליסטישע אייראָפּע און אַלע פעלקער וועלן האָבן פאַרזי־כערטע רעכט! עס איז צו באַגריסן, אַז אין לאַגער געפינען זיך פרויען, וואָס אינטערעסירן זיך מיט די מענטשן דאָ, אָבער איך וועל קיינמאָל נישט הערלאָזן, אַז עס זאָל ביי אונדז אין דער שטוב פאַרשפּרייט ווערן נאַציאָנאַלע פּראָפּאַגאַנדע. מיר האָבן שוין גענוג געלעבט אין געטאָ, מיר דאַרפן נישט בויען א נייע געטאָ! עס איז שוין נישט די צייט פון בויען מדינות און עס איז גאָר נישט געזאָגט, אַז מיר מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד! לאָמיר פרעגן ביי די „רוסקעס", ווי אַזוי לעבן די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד? זיי ווייסן גאָרנישט פון קיין אַנטיסעמיטיזם. און אויב די רוסישע אויפזעערינס שלאָגן יידן, זענען זיי אין לאַגער צעפּוילט גע־וואָרן פונקט אַזוי ווי אונדזערע יידישע אויפזעערינס. אויב מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה, דאַרפן מיר בויען אַ ניי סאָציאַליסטיש לעבן פאַר אַלע פעלקער! נאָך דער מלחמה וועט גאָר קיין יידן־פראַגע נישט זיין אויף דער וועלט... און די יידישע מאַסן...

— דאָס איז טאַקע אונדזער אומגליק, דערפאַר זעען מיר אַזוי אויס — האָט מלכה אויסגעשריגן. אונדזערע אַלע כוחות גייען אַוועק נאָר אויף באַקעמפן זיך אַליין. זיכער, אַז די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן פאַרזיכערטע גלייכע רעכט, כאָטש איך האָב זיך נאָך נישט געטראָפן מיט אַ סאָוועטישן ייד, נאָר איך גלויב, אַז דאָס יידישע לעבן אין רוס־לאַנד איז בעסער ווי אומעטום. אָבער מיינע טייערע, ביז דער קאָמוניזם וועט זיגן אומעטום, וועט שוין קיין ייד אויף דער וועלט פון לאַנג נישט זיין! פאַרוואָס רעדט איר נישט פון יידישן פאָלק, נאָר פון דער אַרבעטער־

מאסע? ווו האָט איר די יידישע אַרבעטער־מאסע? איך האָב באַזוכט פּיל לענדער, נאָר איך האָב זי נישט געזען!

—ווו האָט איר געקענט זען די יידישע אַרבעטער־מאסע? — האָבן עטלעכע מיידלעך זיך אָנגערופן מיט אַ חוזק־געלעכטער — אין די יידי־שע טעאַטערס, ווו איר האָט געשפּילט, זענען די בילעטן אַזוי טייער גע־ווען, אַז אַן אַרבעטער האָט זיך גאָרנישט געקענט פאַרגינען אַזאַ פאַרגע־ניגן. ווען איר וואָלט זיך כאָטש מטריח געווען אַמאָל און געגאַנגען צו די נאָדל־אַרבעטער אין פאַראיין אָדער צו די טריקאָטאַזש־אַרבעטער, וואָלט איר געזען אַ יידישע אַרבעטער־מאַסע! שניידערס, היטל־מאַכערס, קירזשנערס! — האָבן וואָס אַמאָל העכער געטומלט די מיידלעך. וואָס זענען אָקאָרשט געלעגן ווי האַלב־טויטע אויף דער ערד אָן ווילן, אָן גע־דאַנק.

— רייסט מיר נישט איבער! — האָט אויסגעשריגן מלכה — דאָס איז נישט מער ווי אַ שמועס, מיר דיסקוטירן הינטער די דראָטן, הינטער אונדזערע פּלייצעס שטייט מאַשין־געווער! באַרואיקט זיך!

די מיידלעך האָבן זיך געשטילט און מלכה האָט ווייטער גערעדט, נאָר שוין מיט אַ פאַרביסנקייט און ליידנשאַפטלעכן ברען:

— וויפל קלעפּ דאַרפן מיר באַקומען, אַלע זאָלן פאַרשטיין אויף וואָס פאַרא וועג מיר דאַרפן גיין? איז דאָס אַלץ, וואָס מיר מאַכן מיט אויף אונדזערע פּלייצעס צו ווייניק, מיר זאָלן ווערן געאייניקט? פאַר־שטיין, אַז אָדער מיר וועלן ווערן אַ פאָלק מיט אַלע גלייך, אָדער מיר וועלן אונטערגיין! איצט איז נישט קיין פראַגע פון די אָדער יענע אַר־בעטער, עס גייט וועגן פאָלק! נאָר אויף אַן אייגענעם באָדן וועלן מיר ווערן אַ פאָלק אַ פריים מיט אַן אייגענער שפּראַך און קולטור...

— יידן זענען נישט קיין פאָלק — האָט זיך אין אַ זייט אָנגערופן אַ פּרוי פון טשעכאָסלאָוואַקיע. די יידן זענען ווי אַ קאָרטן־הייזל, גענוג אַ שטאַרקערער ווינט און אַלץ צעפאַלט זיך... מיר דאַרפן זיך אַסימילירן און אַ סוף מאַכן צו אונדזערע ליידן. עס האָט קיין זין נישט צו זוכן נאַציאָנאַלע לייזונגען, טראַכטן פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור? צו וואָס דאַרפן מיר דאָס? אין אונדזער טשעכישן לאַנד...

עס איז נישט פאַראַן קיין אַלגעמיין מענטשלעכע קולטור — האָט

מלכה איבערגעריסן דער טשעכישער פרוי — יעדע קולטור איז א נאַ־
ציאָנאַלע און יעדעס פאָלק שאפט אין זיין נאציאָנאַלער שפראך. האָט
איר געטראָפן, אויסער יידן, וועמען עס איז, וואָס זאָל נישט קענען זיין
מוטער־שפראך? אָט זענען מיר אַלע יידישע פרויען, נאָר איינע פאַר־
שטייט נישט די צווייטע, יעדע פון אייך רעדט אין א באזונדער׳ער שפראך.
איך קום אין אלע יידישע באראקן פון גאנצן לאגער, נאָר זעלטן הער
איך אַ יידיש וואָרט... די ליטווישע רייסן זיך מיט די אונגארקעס, די
אונגארקעס — מיט די פוילישע, און די טשעכישע זענען בכלל א וועלט
פאר זיך! יעדע פינף פרויען זענען א באזונדערע סעקטע! אָט דאָ, אין
לאגער, זעען מיר ערשט, ווי ווייט מיר זענען צעריסן און גלייכגילטיק
צום גורל פון פאָלק! יעדע פון אייך ווארט די מלחמה זאָל זיך ענדיקן,
זי זאָל קענען פאָרן אהין, פון וואנען זי איז געקומען און גלייך פארגעסן
פון אלעמען. פרויען, ווו איז אונדזער יידישע אייניקייט? דאָ אין לאגער,
זעען מיר, אז נישט מיר זענען סאָלידאר מיט זיך און נישט אנדערע
סאָלידאריזירן זיך מיט אונדז.

זי האָט ביידע הענט צוגעלייגט צום שטערן, ווי עס וואָלט איר
מיטאמאָל פינצטער געוואָרן פאר די אויגן און נאָך א ווײלע ווייטער
געצויגן:

— עס געפינען זיך דאָ כמעט אלע פעלקער פון דער וועלט און
נישט אין געטאָ האָב איך געזען אונדזער טראגעדיע, ווו יעדן טאָג זענען
אַרויסגעפירט געוואָרן הונדערטער און אנדערע אויסגעשטאָרבן פון הונ־
גער, נאָר דאָ, אין לאגער, ווו אלע קלאפּן אין די הענט, ווען זיי זעען
הינטער די דראָטן, אז מ׳שלאָגט אונדז! אפילו דאָ זענען מיר נישט
גלייך מיט אלע! דאָ זענען מיר קנעכט ביי קנעכט! און א סוף מוז צו דעם
נעמען — איינמאָל פאר אלע מאָל א סוף!

פאר די „רוסקעס" וועט די „רויטע ארמיי" נקמה נעמען, פאר די
„פאָלקעס" וועלן זיך די פאָליאקן אָפּרעכענען; אָבער ווער וועט פאַר
אונדז נקמה נעמען? ווער אין דער וועלט וועט ציילן די יידישע קרבנות?
ווו וועלן מיר גיין, ווען עס וועלן געעפנט ווערן די טויערן פון לאגער?
צו די, וועלכע פרייען זיך ווען זיי זעען, אז מען שלאָגט אונדז, אין זייערע
לענדער? צו די, וואָס האָבן אויסגעמאָרדעט צוזאמען מיט „זיי" אונדזע־

רע נאָענטסטע? פרויען, ווער פון אונדז וועט איבערלעבן, טאָר נישט בויען אַ היים נאָר פאַר זיך! אונדזער שטים מוז דערגיין צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט און צוזאַמען מיט זיי...

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ טומל פון קאָרידאָר. פון די צי־מערן זענען אַרויסגעלאָפן פרויען שרייענדיק:

— גיכער, גיכער, מ׳גיט הייסע זיסע קאַווע! זיסע קאַווע מיט מילך!

אַלע פרויען האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די שטרויזעק, אָנגעהויבן זוכן די פושקעס און בלעכערנע טעלערס. אייניקע זענען אַרויסגעשפּרונ־גען דורך דעם פענצטער, אַנדערע אַ וואָרף געטון זיך צו דער טיר.

— ווו איז מיין פושקע? — האָט הויך אויף דעם קול גערופן די „גראָבע". — ווער האָט מיר געגנבעט די פושקע — האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און צוגעלאָפן זוכן צו די טיפוס־קראַנקע מיידלעך אונטער זייערע שטרויזעק.

— איך ווייס נישט פון קיין פושקע... וואָס ווילסטו פון מיינע יאָרן? — האָט געוויינט די קינדער־דאָקטאָרין פון לאָדזשער געטאָ. איך בין קראַנק... קראַנק...

— אָך דו גנב איינער! — האָט אויסגעשריגן די „גראָבע" און אַרויסגעצויגן פון אונטער דעם שטרויזאַק די פושקע. — פאַר דעם ליגנט אליין דאַרף איך דיר עפענען דעם קאָפּ.

גלייך איז זי אַרויסגעלאָפן צום קאַווע־קעסל, ווו אַלע ווייבער האָבן זייערע שמוציקע טעלער און פושקעס געטונקען.

די אָרדנערינס האָבן מיט די רימענס געשלאָגן, געפּרוווט צעטרייבן די ווייבער און אויסשטעלן אין אַ רייע.

— אַוועק פון דאַנען, אַוועק! — איר ווילט, מיר זאָלן אייך באַגיסן מיט דער הייסער קאַווע? — האָבן עטלעכע אָרדנערינס געשריגן.

די מיידלעך האָבן וואָס אַמאָל ענגער זיך צוזאַמענגעפּרעסט ביים קעסל, אַוועקגעטריבן די שוואַכערע, געפּאַקט זיך אַלץ נענטער, כדי אָנ־צושעפּן אַ טעלער קאַווע. אין טומל און ענגשאַפט איז אַ פרוי אריינגע־פאַלן אין קעסל. ווייט איבער דער לאַגער־גאַס האָט זיך געטראָגן איר יאָמער. אין גרויסן הילצערנעם קעסל זענען אַרומגעשווומען שטיקער

בלאָטע פון אירע קלומפּערס צוזאמען מיט ‎עטלעכע טעלער און פּושקעס פון זופּ.

אין דער שטוב זענען בלויז געבליבן די טיפוס־קראנקע אויף די שטרויזעק און הוה, וועלכע איז איינגעשלאָפן זיצנדיקערהייט.

מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט זיך מלכה געזעצט לעבן רות. געשווינג, די זינגערינס, וואָס זענען מיט איר געקומען, זענען זיך צו ביסלעך פונאנדערגעגאַנגען.

רות, וואָס האָט זיך שווייגנדיק די גאנצע צייט צוגעהערט צום שמועס, האָט זיך מיט ביטערקייט אָנגערופן צו מלכהן:

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אויב דאָס שענסטע און בעס־טע פון אונדזער פאָלק איז אונטערגעגאנגען, זאָל דאָס שמוציקע, פאַר־לויזיקטע אויך אונטערגיין! אַ סוף זאָל ‏עס נעמען... מיר האָבן דאָך סיי ווי שוין גאָרנישט! וואָס ווילסטו? די ווערעמדיקע באנדע זאָל ווערן אונדזער אויסלייזער, טרעגער פון נייע אידעען? אויב אונדזערע גע‏לערנ־טע, אונדזערע פּאָליטיקער האָבן פאר אונדז נישט אויסגעקעמפּט קיין רעכטלעכע ‏עקזיסטענץ, זאָלן זיי דאָס טון, די כאראקטערלאָזע און...

די שענסטע און בעסטע דאָ אויף די שטרויזעק וואָלטן זיכער נישט געהאט מער כאראקטער ווי מיר אלע — האָט מלכה קוואַל טרויע־ריק געענטפערט, זיי וואָלטן געווען די זעלבע קליינע מענטשעלעך און אוודאי נישט קיין העלדן!

מלכה האָט ווידערביידע הענט צוגעלייגט צום קאָפּ. וואָס איז דאָס, וואָס איז דאָס? — האָט זי געפרעגט אַ דערשראָקענע. עס שווינדלט מיר אין קאָפּ די לעצטע צייט!

זי האָט אַ ציי געטון די לאנגע הויזן, וועלכע האָבן זיך נישט גע־האַלטן אויף די לויזע שעלקעס, ארומגעבונדן זיי מיט אַ שנירל און אַ מידע געזאָגט צו רות:

— איך פיל זיך זייער שלעכט... קום אריין ביינאַכט צו מיר אויף דער נארע.

ביי די ווערטער איז זי פון שטוב ארויסגעגאַנגען.

נעבן באראק האָבן זי אַרומגערינגלט די ווייבער און מיידלעך מיט פולע טעלער קאווע אין די הענט.

— קומט אָפּטער, זייט נישט אין כעס, וואָס מיר זענען געלאָפן נאָך קאווע — האָט זיך ווי פאַרשעמט פאַרטיידיקט די „גראָבע”, אַ פאַר־שוויצטע מיט אַ פּושקע קאַווע אין די צעגראַטשעטע הענט.

— היינט איז זיסע קאַווע! איר ווילט אַ טרונק? — האָט זי גע־פרעגט און אויסגעשטרעקט צו מלכהן די פּושקע.

אין אָוונט, ווען רות איז אַריינגעגאַנגען צו מלכהן, האָט זי איר נאַרע געטראָפן אַ פּוסטע.

די חתונה

מלכה קוואַל איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון לאַגער־שפּיטאָל א צעבראָכענטע פון פיבער, מיט רויטע פלעקן אויפן פּנים און קוים ציענדיק דעם אָטעם געבעטן זיך ביי דער היטערין פון דער איינגאַנג־טיר:

— לאָז מיך אַריין, כ'מוז צוגיין צו דער דאָקטאָרין... זי איז מיינע א באַקאַנטע...

דאָס זעכצניעריקע מיידל פון ליטע, וואָס האָט ביי דער טיר געהאַלטן אָרדענונג, האָט זיך מיט חוזק צעשריגן:

— פּאַשאָל געגאַנגען! גיט נאָר א קוק אויף דער שלעפּערקע, אויך מיר א באַקאַנטשאַפט פאַר דער דאָקטאָרשע...

מיטאַמאָל האָט זיך אין דער שוואַכער, נידערשלאָגענער מלכה דער־וועקט די שטאָלצע מלכה קוואַל פון אַמאָל. זי האָט מיט אויגן פול מיט עקל אָפּגעמאָסטן די היטערין פון קאָפּ ביז פיס, מיט איין האַנט זי אַוועקגעשאַרט פון דער טיר, ווי מען שאַרט אָפּ מיסט אָדער אומריינקייט, מיט דער צווייטער אויפגעריסן די טיר און אַריין אין שפּיטאָל, לאָזנדיק דאָס מיידל א פאַרגאַפטע.

אין שפּיטאָל איז געווען האַלב־פינצטער. א טייל קראַנקע זענען געשלאָפן, אַנדערע מיט ברייט צעעפנטע, דערשראָקענע אויגן האָבן זיך צוגעהערט ווי דינה האָט גערעדט פון היץ.

אויף איר נאַרע איז געלעגן וויערא און הויך געוויינט:

— אַזאַ פּאָדלעץ... איך האָב זיך דאָס אויף רודאָלפן נישט געריכט, אפילו קיין וואָרט נישט צוגעשיקט. פאַרליבט זיך אין לענען, די פאַר־שייטע שלעגערין!... יעדן טאָג שיקט ער איר טאָרטן, עפּל! זאָל איך

אים נאָר זען! איך וועל שוין אים זאָגן! וואָס פרעג איך נאָך אים... זיין סוף וועט באַלד קומען! אוי וועט ער קומען!...

מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט ווייסע ליפּן איז דינה געלעגן איינגעקאָרטשעט אויף איר נאַרע, דעם קאָפּ אין אַ זייט פאַרוואָרפן, קוים דערהערבאַר געפּליסטערט:

— רעד מיר נישט פון אים... איך בין גליקלעך, אַז... אַז איך האָב מיין מאַן נישט פאַרראַטן, נישט פּאַ...

זי האָט פון האַלדז אַראָפּגענומען אַ זעקעלע, אַ ווייַלע געזוכט און אַרויסגענומען אַ קליין פאַרקנייטשט שטיקל פּאַפּיר און דערלאַנגט וויעראַן זאָגנדיק:

— אויב דו וועסט איבער־לעבן... שרייב אויף דעם אַדרעס צו מיין מאַן... זאָג אים, אַז איך האָב גע... געוואַרט...

מיטאַמאָל האָט זי ביידע הענט אויסגעצויגן אין דער לופט, ווי זי וואָלט עמיצן גערופן און גלייך זענען זיי שווער, אָנמעכטיק אַנידערגעפאַלן אויף דער קאָלדרע.

וויערא האָט מיט די פינגער געפּרוווט אויפרייסן דינהס אויגן, אַריינשרייענדיק אין איר:

דינהלע, דינינקא מיינע... שטאַרב נישט... לעב! לעב! מיר וועלן צוזאַמען קיין מאָסקווע פאָרן, מעדי־ צין שטודירן... ביי מיר...

זי האָט דעם קאָפּ אַרויפגעלייגט אויף דינהס ברוסט, געשטאַנען און פאַרצווייפלט געטראַכט ביי זיך:

דאָס איז דער סוף פון אונדז אַלע... נישטאָ צו וואָס וואַרטן מער... מיר קומען אום.

די דיזשורירנדיקע דאָקטאָרין איז געשטאַנען ביי דער טיר פון גרויסן קראַנקן־זאַל און אַלע באַטראַכט.

מלכה איז צו איר צוגעגאַנגען און גענומען בעטן:

— פרוי דאָקטאָר, גיט מיר אויף צוויי טעג אַ בעטל... איך בין נישט קראַנק, כ׳בין נאָר מיד... כ׳דאַרף זיך אַביסל אויסרוען... אַביסל שטילקייט...

די דאָקטאָרין האָט מיט אַ וואַרעמען בליק מלכהן אַרומגענומען און מיט באַדויער געענטפערט:

— איך וואָלט אייך זייער געוואָלט העלפֿן... פֿאַרשטייט זיך, אַזאַ באַרימטע אַקטריסע... נאָר וואָס קען איך טון? מיר ליגן שוין די טיפֿוס־קראַנקע מיט די דיזענטעריע־קראַנקע צוזאַמען אין איין נאַרע. ווו זאָל איך אייך אַהינטון? קומט אין אַ פּאָר טעג אַרום... עס דאַרפֿן באַפֿרייט ווערן ערטער...

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, קוים שלעפּנדיק די פֿיס, איז מלכּה קוואַל אַרויסגעגאַנגען פֿון שפּיטאָל. גלייך ביים אַרויסגאַנג האָט זי פֿאַר דער האַנט אָנגעכאַפּט שׂרה, די שטובן־עלטסטע, און מיט איין אָטעם אַרויסגעוואָרפֿן:

— מלכּהלע, ווו ביסטו, איך זוך דיך אַרום אין אַלע באַראַקן... דו ווייסט דאָך... היינט איז מיין חתונה! טייערע, קום עפּעס אויפֿזינגען... נאָר עטלעכע רעציטאַציעס... איך האָב אַ טיש געדעקט... אַלע אָרדנערינס וואַרטן אויף דיר!...

זי האָט מלכּהן אָנגענומען אונטערן אָרעם און פֿירנדיק זי ווייטער דערציילט:

— ביי „אים" אין באַראַק האָבן זיינע חבֿרים אויך איינגעאָרדנט אַ חתונה... מיר האָבן אָפּגעשמועסט עפֿענען די פֿענצטער פֿון אונדזערע באַראַקן... כּדי צו הערן ס'געזאַנג — האָט זי היים געבעטן.

— מאָרגן וועל איך אים דיר ווייזן פֿון דערווייטנס, ער איז אַ ריכטי־קער דיאַמאַנט!... מיר האָבן זיך דורך דער צוים באַקענט... שוין צוויי חדשים קענען מיר זיך.

— איך קען נישט — האָט מלכּה קוים אַרויסגערעדט מיט אַ דער־שטיקט קול. — איך בין קראַנק. — און ווידער מיטביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ אַ פֿאַרלווירענע. — כ'ווינטש דיר אַ מזל־טובֿ... אַלדאָס גוטס, איינגיכן אויף דער פֿרייהייט... נאָר איך מוז גיין שלאָפֿן... שלאָ—פֿן.

דער כּלהס מאַמע האָט אַריינגעטראָגן אין צימערל פֿון די אָרדנערינס אַ טיש פֿון דער שרייבשטובע. זי האָט אים באַדעקט מיט אַ ליילעך, וואָס איינע פֿון די דאָקטאָרינס האָט איר פֿון שפּיטאָל אויסגעבאָרגט. אויף עטלעכע טעלער צעליגט שטיקלעך ברויט מיט סאַרדינען, וועלכע

איינער פון די „עלעקטריקער" האָט איר פּאָר ברויט פּאַרקויפט און גע־נומען זיך צו שניידן די עפּל.

איינציקווייז זענען אָנגעקומען די שטוב־עלטסטע מיט די אָרדנערינס. אַלע אויסגעפּוצט אין ווארעמע, וואַלענע קליידלעך. זיי האָבן זיך געזעצט אַרום דעם טיש און שטיל אָנגעהויבן זינגען חתונה־לידער.

יעני פון סומאַטראַ איז אויך אַריינגעקומען. גלייך פון דער טיר האָט זי זיך פאַרענטפערט:

— איך וויל צוזען אַ יידישע חתונה...

פון דער צייט, וואָס זי האָט איבערגענומען דעם באַראַק פון יידישע פרויען, האָט זי אַ סך יידישע ווערטער זיך אויסגעלערנט. אָפטמאָל איז זי געקומען אין די שטובן צו הערן יידישע לידער.

איצט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און שטיל ווי פאַר זיך אָנגעהויבן זינגען אַ ליד אין דער האָלענדישער שפּראַך.

די געדריקטע שטימונג האָט איבערגעריסן די אונגאַרקע, פייגע די פרומע, ווי אַלע האָבן זי גערופן צוליב אירע תעניתים. זי האָט זיך אויפ־געשטעלט פון איר אָרט און אין אויפגעהייטערטע אויסגערופן:

— לאָמיר טאַנצן אַ טאַנץ לכבוד דער מחותנתטע! מיידלעך, לע־בעדיק זאָל ווערן!

די מחותנתטע איז געזעסן אין דער מיט פון טיש, מיט אַראָפּגע־לאָזטע פאַרטרערטע אויגן געטראַכט אין זיך:

אָט אַ חתונה! אָן אַ טאַטן, אָן אַ ברודער, אָן אַ חתן, אָן אַ קלעז־מער!... נישט אַזוי ווי ביי מיר האָט עס אויסגעזען... פאַר אירע אויגן האָט זיך אויסגעמאָלט דאָס בילד פון איר חתונה:

אַ גרויסער, ליכטיקער זאַל, אַרום די ווייס־געדעקטע טישן די גאַנצע משפּחה יום־טובדיק אויסגעפּוצט. דאָס גאַנצע שטעטל יידן שטייט אונטער די פענצטער און פרייט זיך מיט דער חתונה... אַמאָל איז אַ חתונה געווען אַ שמחה פאַרן גאַנצן שטעטל...

— הוראַ, לאָמיר טאַנצן לכבוד דער כלה, — האָבן אַלע אָרדנערינס אויפגעכאַפּט פרומעס אויסרוף. — לעבעדיק, לעבעדיק זאָל ווערן; — האָט איינע נאָך אַ צווייטער געשריגן.

מיט אַ שטילן פאַרבענקטן ניגון האָט די אונגאַרקע אָנגעהויבן זינגען.

אויף אַ בענקל איז אַרויף מאַשע און אָנגעהויבן רעדן:

— פרויען! לאָמיר טאַנצן פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק, לאָמיר פריילעך זיין און האָפן, אַז אינגיכן וועלן מיר פּראַווען שמחות אויף דער פריי!

— הורא, אויף דער פריי! — האָט יעני אויפגעכאַפּט און גענומען פּאַטשן אין די הענט.

די אָרדנערינס האָבן יענין אַריינגעשטופּט אין דער מיט פון שטיבל, רופנדיק:

— טאַנץ, יעני, אַ טאַנץ פון סומאַטראַ! אַזוי ווי ביי אייך ווערט געטאַנצט!

נישט טראַכטנדיק קיין רגע, האָט יעני אַ קלאַפּ געטון מיט די שטיוועלעך אין דיל און אָן אָטעם, אָן אָפּרו געלאָזט זיך אַרום דער שטוב. זי האָט זיך געטראָגן מיט אַ הוראַגאַנישן שטורעם איבער דער שטוב, עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט צעפּראַלן דעם דיל, די דראָטן אַרום דעם לאַגער און ווי אַ ווינט אַרויס אויף די פעלדער.

די פרויען האָבן געקוקט און געגאַפט:

— וואָס פאַרא בלוט, וואָס פאַרא פייער!

ווען יעני איז אָן כוח אַנידערגעפאַלן אויפן בענקל, איז וויעראַ אַרויף אויפן טיש און גענומען טאַנצן אַ קאַזאַטשאָק.

אַלע האָבן, קלאַפּנדיק אין די הענט, אונטערגעזונגען:

עך, טי יאַבלאָטשקאַ... קודאַ טי קאַטישסיאַ...

אין שטיבל איז פריילעכער געוואָרן. די מיידלעך האָבן אַריינגע־צויגן די מחותנתטע אין ראָד און גענומען טאַנצן אַ ברוגז־טאַנץ. די פרומע שרה האָט געזונגען מיט התלהבות:

אַ חתונה וועלן מיר מאַכן...

קלעזמאָרים וועלן שפּילן...

ווען די גרוזינקע, עווא, האָט זיך גענומען טאַנצן איר טאַנץ, האָט זיך פּלוצלינג אויפגעמאַכט די טיר און עס איז אַריינגעקומען פרומקע

די פּאַרטיזאַנקע. זי האָט מיט די אויגן אַלע אַרומגענומען, שטילשווייגנדיק שטיין געבליבן.

אויף איר אָנקומען האָבן אַלע אָנגעהויבן צוזאַמען:

חברטע פרומקע, זינגט אַ ליד,

זינגט אַ ליד ....

פרומקע, אַ טויט־בלייכע, האָט פּלוצלינג אַרויסגערעדט:

— מאָרגן פרי הייבט זיך אָן... די עוואַקואַציע פון לאַגער. — און מער רעדן האָט זי נישט געקענט.

— די עוואַקואַציע? — האָבן אַלע אין איין קול אויסגערופן. אויפגעהויבן זיך פון די בענק, אַרומגערינגלט פרומקען. אויסגעפרעגט:

— וואָס וועט זיין מיט אונדז, מיט אַלע יידן?

— איך ווייס נישט — האָט געשטאַמלט פרומע. — קודם כל גייען די מענער...

— די מענער? — האָט ווי אַן עכאָ איבערגעחזרט די כלה און שטיל געבליבן, ווי דאָס לשון וואָלט איר אָפּגענומען געוואָרן.

— און ווען וועלן מיר גיין? — האָבן אַנדערע ציטערדיק אויסגעפרעגט.

— איך ווייס נישט... איך ווייס קיין זאַך נישט, מ'זאָגט, אַז מען דאַרף גיין זיבן טעג, יעדן טאָג צו צוואַנציק קילאָמעטער... — פרומקע האָט זיך צעוויינט. — וואָס וועט זיין? אַלע זענען דאָך נאַקעט און קראַנק!

— נאַקעט... — האָט פאַרצווייפלט איבערגעחזרט מאַשע און אָנגעהויבן קלאָגן:

— דערויף צוויי יאָר אין לאַגער אָפּגעהושכט, מ'זאָל איצטער פאַלן אין וועג... אין שניי...

— מיר וועלן מסתמא דאָ... בלייבן, די לאַגער פּאָליציאַנטן זאָגן, אַז נאָך דער עוואַקואַציע פון לאַגער, וועלן... די יידן־באַראַקן ווערן אויפגעריסן מיט דינאַמיט! — האָט פרומקע איינציקווייז אויסדערציילט אַלץ.

— גייט, דערציילט אַלע אָרדנערינס, אָדער ניין! זאָל קיינער נישט

ווייסן ביז צו דער לעצטער מינוט... — האָט פרומקע גערעדט אַ צע־טומלטע.

אַלע זענען זיך צעלאָפן.

אין צימערל איז פרומקע אַליין געבליבן. מיט ארויסגעזעצטע אויגן, אַ צעטומלטע האָט זי געקוקט אויף די טעלער פאַרשאַרטע אין די ווינק־לען, אויף די צעוואָרפענע שטיקלעך ברויט און מיט כּעס אויסגעשריגן:

— אַ חתונה אויף זיי! אַ חתונה... און שווער אַנידערגעפאַלן אויף דער באַנק.

זי האָט אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ ביים וויים־געדעקטן טיש און ווי־דער זיך הויך ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד צעוויינט:

— גאָט, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ טויט, פאַרוואָס?

דריטער טייל

פֿאַר דער באַפֿרייאונג

דער לאַגער, וואָס איז מיטן ערשטן שניי אַריינגעפֿאַלן אין אַ ווינ־טער־שלאָף, האָט מיטאָמאָל אויפֿגעוואַכט. אין אַלע איז אַריין אַ לעבנס־קראַפֿט.

די פֿרויען וואָס זענען זייט וואָכן געלעגן אויף דער ערד אָן באַ־וועגונג, שטילשווייגנדיק, האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, צעריסן די שטרוי־זעק, אַרומגעבונדן מיט די שמאַטעס די באָרוועסע פֿיס און אַרויס אויף דער לאַגער־גאַס. זיי האָבן גענומען זוכן אין דעם באַרג מיסט שטיקלעך טראַנטעס אויף אַרומצובינדן די גאָלע קעפּ, אָנגעהאַנגען די שיסלען אין אַ זייט און מיט ציטער געוואַרט אויף אַ באַפֿעל צום אויסשטעלן זיך צום טראַנספּאָרט. ווי דורך אַ חלום האָט זיך יעדע דערמאָנט אין איר היים. אין זייערע שוין פֿון לאַנג אויסגעלאָשענע אויגן האָט ווידער גע־נומען פֿינקלען אַ פֿלעמל פֿון האָפֿענונג.

— מיר גייען אַהיים... איר וועט זען, אַז זיי וועלן אונדז דאָ נישט האַלטן מער — האָט איינע געטרייסט די צווייטע.

אויף די פֿרויען, וואָס האָבן איבערגעריסן די לאַגער־דראָטן און אַרומ־געגאַנגען פֿריי איבער די באַראַקן, האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט מער. מיט דעם אַרויסמאַרש פֿון ערשטן טראַנספּאָרט איז דער שטרענגער לאַגער־רעזשים פֿאַרשוווּנדן. די אַדמיניסטראַציע האָט פֿאַרלוירן דעם קאָפּ. אין די ווינקלען האָבן זיך געסודעט די פּאָליציאַנטן:

— בעסער מיט די לויטע נישט מיטגיין. אַט, אַט קומען אָן די רויטע באַנדיטן, מיט די וואַלד־רויבער.*)

די „קאַפּאָס" האָבן אָראָפּגענומען די בענדער און גענומען זיך דרייען אין די באַראַקן צווישן די פרויען. איינער צוגעטראָגן אַ ברויט, דער צווייטער אַ פּאָר הענטשקעס, אַנדערע — אַ קליידל, אַ פּאָר טליתים אויף אַרומצוהילן זיך אין וועג.

מיט די מענטשן האָט זיך קיינער נישט פאַרנומען, וועגן דער באַשפּייזונג נישט געטראַכט. אין דער קיך האָבן נאָר עטלעכע אַרבעטער זיך געפּאָרעט. אויף גיך האָבן זיי די קוישן מיט די צעפּוילטע קרויט־בלעטער און שמוציקע מייערן אַריינגעוואָרפן אין די קעסלען, און איידער זיי זענען איבערגעקאָכט געוואָרן, צוריק אַריינגעגאָסן אין די קאַנען.

ווען די ווייבער האָבן דערזען פון דערווייטנס די „קיכן־קאָמאַנדאָ", האָבן זיי זיך מחנותווייז געוואָרפן אויף די קעסלען און צעכאַפּט די פּאַרעדיקע זויערקייט אין זייערע טעלער און פּושקעס.

ביינאַכט זענען די עלעקטרישע דראָטן איבערגעריסן געוואָרן, און אין דער פינצטערניש איז צעגנבעט געוואָרן דאָס ברויט. נאָר קיינער האָט נישט געפילט דעם שניידיקן פראָסט און נישט דעם הונגער. אַלע האָבן געאָטעמט נאָר מיט איין פאַרלאַנג: אַרויס פון די צוימען! וואָס גיכער אַוועק פון דעם טויטן־גרוב!

בלויז די אונגאַרישע יידישע פרויען האָבן נישט געגלייבט אין דעם גרויסן נס.

— איר וועט זען, אַז זיי וועלן אַלע אַרישע אַרויספירן פון לאַגער און אין אונדזערע באַראַקן אַריינלאָזן גאַז. איר קענט נאָך נישט די דייטשן, — האָבן זיי אַריינגעטענהט: — זיי וועלן אונדז נישט וויזן פאַר דער וועלט אַזוי, ווי מיר זעען אויס!...

די אונגאַרישע יידישע פרויען האָבן זיך צוזאַמענגענומען און אַוועק־געזעצט זאָגן תפילות. די טשעכישע מיט די פּוילישע יידישע פרויען האָבן זיי הויך נאָכגעזאָגט. אין אָנבליק פון טויט האָבן זיך אַלע מוחל געווען די עולות, איבערגעבעטן זיך און מיט ציטער געוואַרט אויף דעם מאָרגן.

*) פּאַרטיזאַנער.

ווי אַן אייביקייט האָט זיך געצויגן די נאַכט.

מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, מיט פאַרבראָכענע הענט זענען זיי געזעסן אין דער פינצטער, פאַרשטאַרטע פון שרעק, מורא האָבנדיק איינצושלאָפן.

אין דער פרי האָבן זיך די אַרישע פרויען גענומען אויסשטעלן צום טראַנספּאָרט.

— ווי מיינט איר, וואָס זאָלן מיר טון? פאַר וואָס לאָזן זיי אונדז נישט אַרויס? — האָבן מיט ציטער אויסגעפרעגט די יידישע פרויען, ווילנדיק זיך צושטעלן צום טראַנספּאָרט.

— מיר ווייסן אַליין נישט וואָס צו טון — האָבן געענטפערט די ליטווישע פרויען מיט אַ פאַרבאָרגענעם חוזק, קנייטשנדיק מיט די אַקסלען: עס איז אַ ווייטער וועג. זיבן טעג דאַרפן מיר גיין. מירן פאַרפרוירן ווערן אויף די פעלדער. עס איז אפשר רעכט זיך אויסצובאַהאַלטן אין די יידישע באַראַקן...

נאָכן אַרויסמאַרשירן פון די אַרישע פרויען האָט פון לאַגער זיך געטראָגן אַזאַ אימהדיקע פוסטקייט, אַז יעדער האָט געפילט דעם ריח פון טויט. עס זענען שוין איבעריקע געוואָרן די תפילות. פאַרצווייפלט, שטילשווייגנדיק זענען די יידישע פרויען געזעסן אויפן צעשיטן שטרוי און געוואַרט אויפן סוף.

נאָר די „פרומע" פייגע האָט זיך נישט איינגעבראָכן.

דערלאַנגענדיק דאָס לעצטע העפטל ברויט איר פאַרהלשטער חברטע, האָט זי געזאָגט:

— אין יעדער סכנה דאַרף מען גלויבן אין זיין רחמים. היינט וויל איך פאַסטן... נעם, עס.

באַגינען איז אַריינגעקומען די עלטסטע פון די ס. ס.־פרויען און געהייסן אַלע זיך אויסשטעלן צום טראַנספּאָרט.

יעדע האָט באַקומען אויפן וועג אַ ברויט, אַ קעזל און אַ וואַרעמע דעקע. די פרויען האָבן די דעקעס גלייך צעריסן, אַרומגעבונדן די באָרוועסע פיס, געמאַכט טאָרבעס אויף ברויט.

אַלע ספקות זענען פאַרשוווּנדן.

— מיר גייען אַהיים. גאָט זיי דאַנק דערלעבט. איבערגעקומען! — האָבן זיי געוויינט לאַכנדיק און געלאַכט וויינענדיק.

אין שפּיטאָל ביי אַ נאַרע איז געשטאַנען איינגעבויגן אַ האַלב־נאַקעט מיידל מיט אַ גרויסן גאָלן קאָפּ נעבן איר פאַרשלאָפענער, אויסגעטריקנטער שוועסטער און ציטערדיק אַריינגערעדט אין איר:

— מינדעלע, זיי נישט אין כעס. איך גיי מיט זיי אַלע. איך קען נישט מער...

דאָס קראַנקע מיידעלע האָט פּאַמעלעך אויפגעמאַכט די אויגן און דערשראָקן געפרעגט:

— זעלדע, ווו גייען? ס'שנייט אין דרויסן. לאָז מיך דאָ ליגן — און זי האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט נישט געזען, ווי איר שוועסטער איז געשטאַנען געבראָכן אין צווייען, נישט געפילט איר קוש אויסגעמישט מיט טרערן, נישט געזען ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען שטיל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

די קראַנקע פרויען, דערזעענדיק דורך די האַלב־פאַרפרוירענע שויבן דעם צוג ווייבער, האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איינגעהילט זיך אין די לייַלעכער און דעקעס און באַרוועסערהייט אַרויסגעשפּרונגען דורך די פענצטער, ווי קעץ אַרויסגעגליטשט זיך דורך די טירן, אַריינגעגנבעט זיך אין די רייען, אויסבאַהאַלטן זיך צווישן די „געזונטע".

ווען די אָרדנערינס פון „טויטן־בלאָק" האָבן פאַרפּאַקט זייערע זאַכן און מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס אַרויס פון באַראַק, האָבן זיך די האַלב־טויטע ווייבער, נאַקעטע, מיט וווּנדן באַדעקטע, געגומען שאַרן אויף אַלע פיר דורך די טויטע צו דער טיר, אַרויס פון באַראַק און אויף די בייכער געקוקט זיך צו דער רייע. נאָר עטלעכע האָבן באַוויזן זיך צו־צושטעלן צום טראַנספּאָרט. אַדורכגענומען פון דער פרישער, פראָסטיקער לופט זענען כמעט אַלע מיט באָרוועסע, פאַרשטייפטע פיס, פאַרחלשט געוואָרן. עטלעכע טריט פון „טויטן־בלאָק" זענען געלעגן די פרויען און געבעטן זיך, מען זאָל זיי צוריק אַריינטראָגן אין באַראַק.

עס האָט זיך אויסגעשטעלט אַ צוג פון עטלעכע טויזנט מענטשן. וואָס אַמאָל זענען געוואָרן צוגעפירט פון סוף לאַגער גרופּעס האַלב־נאַקעטע, האַלב־טויטע יידישע פרויען. עס איז געפלאָסן אַ שעה נאָך אַ שעה,

און די פרויען אין דעם צוג זענען בלוי געוואָרן פאר קעלט, געטרייסלט זיך, נישט געקענט איינשטיין אויפן אָרט.

די צוזאמענגעפרעסטע קערפּערס, איינגעהילטע אין די גרויע דע־קעס, האָבן אויסגעזען ווי א לאנגע וואנט, וואָס וויגט זיך אהין און צוריק און גלייך ווערט זי זיך איינברעכן, פאלן.

די פרויען האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַאומרואיקן:

— אפשר וועלן זיי אונדז אַרויספירן אויף א פעלד און, ווי עס איז נישט לאנג געשען, „אויספּאַרטיקן"?... עס זעט גאָרנישט אויס, מיר זאָלן אין וועג זיך קלייבן.

לידאַ פון דער „שרייב־שטובע" האָט זיך געראנגלט מיט זיך, ביז משוגעת האָט זיך געשלאָגן אין צעהיצטן מוח איין געדאנק:

... גיין, צי בלייבן...

אויף די פעלדער ווארט דער טויט... און אין לאגער איז נאָך דאָ א בעט, א דעקע, א רואיק ווינקל. כ'וועל נישט דערגיין, נישט אויס־האלטן!

איר פּנים, באַדעקט מיט טיפוס־פלעקן, האָט געברענט, די פיס האָבן זיך געבראָכן, זי האָט שוין געוואָלט אַרויס פון דער רייע, ווי א צווייטע מחשבה האָט זי גענומען מאטערן: „אין לאגער איז שוין א סוף, זיי וועלן די שוואכע פירן אין קוימען", און אויף די פעלדער קאָן מען אפשר אריין צו א פּויער, אויסבאהאלטן זיך.

דער שניי אַרום איז געוואָרן רויט. שפּייענדיק מיט שטיקער בלוט, האָט זי זיך צוגעגעבן מוט:

— מען דארף זיך האלטן. אלע זענען קראנק און אלע... אלע גייען!

פון דער שרייב־שטובע איז בלויז די „פריילעכע" אירקע, א גע־זונטע, אריין אין דער רייע. אלע שרייבערינס זענען געשטאָרבן בעת דער טיפוס־עפּידעמיע. אין א הויכן בארג זענען זיי אלע געלעגן לעבן דער פולער קאמער מיט טויטע. אין שפּיטאָל, אָן באַוווסטזיין, איז געלעגן ליובאַ און סולאַ.

אירקע, שטייענדיק אין דער רייע אין ווארעמען מאנטל מיט א וואָלענעם קאַפּטור, אין הויכע שטיוול מיט א רוקזאַק אויף דער פּלייצע, האָט נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון דעם בארג מתים.

...הלוואי וואָלטן זיי געשטאָרבן מיט אַ יאָר צוריק. נישט געמאַטערט זיך, נאָר אין די טעג פון סוף, פון זייער סוף!... — קיינער נישט געבליבן פון דער שרייב־שטובע. ווען כאָטש דינה. ווען כאָטש זי איינע.

מיטאַמאָל איז צו איר צוגעלאָפן ווילי דער לאַגער־פּאָליציאַנט און גענומען זי אַרויסציען פון דער רייע.

— אירקע, — האָט ער אַ צערודערטער אָנגעהויבן רעדן — מיידל מיינס, ווו גייסטו? דער שנייַ איז איבערן קאָפּ. קום צוריק. איך האָב אַ וואַרעם צימער... מירן אַ וואָך צוויי אויסוואַרטן.

אירקע האָט זיך אַ ריס געטון פון זיינע הענט.

— לאָז מיך, איך מוז אַרויס... כ'וויל אַ היים.

— אָפּ! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

ווילי האָט איר דעם וועג פאַרשטעלט, איינגערוימט עפּעס אין אויער. אירקע האָט אַ ווייַלע געקעמפּט מיט זיך און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַן אויפגעציטערטע, אַרויס פון דער רייע.

די באַראַקן זענען ליידיק געוואָרן. אין לאַגער זענען געבליבן בלויז אַלע קראַנקע און שוואַכע, און די נאַקעטע, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס אָנצוטאָן אויפן וועג. זיי אַלע האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין איין באַראַק, צוזאַמענגעשלעפּט אַלע שטרויזעק און איבערגעבליבענע טראַנ־טעס, אויסגעלייגט זיך אויף דער ערד און אַליין זיך געטרייסט:

— הייגט שיסט מען שוין נישט. די „רויטע אַרמיי” איז הינטערן לאַגער. מיר קענען נאָך גיכער באַפרייט ווערן, ווי די וואָס זענען אַרויס.

* * *

איבער די שנייִאיקע פעלדער האָט פאַמעלעך געצויגן דער טראַנס־פּאָרט.

לענגאויס דעם צוג זענען געגאַנגען זעלנער פון דער ווערמאַכט, מיליטער־מענער און ס. ס. מענער מיט הינט. צום סוף פון צוג איז נאָכ־געגאַנגען די „לייבן־קאָמאַנדאָ”.

קיינע פון די פרויען האָט נישט געקוקט אויף די זעלנער. אַזוי־ווי זיי האָבן דאָס טויער פאַרלאָזט, האָט יעדע אַ פרייַנטלעכקייט אַרומ־גענומען. די גרויסע ווייסע פעלדער אָן דראָטן און וואַכן־בודעס האָבן גע־

שטילט און בארואיקט, אָנגעפילט מיט אַ נאָגנדיקער בענקשאפט און צוגעגעבן אויסדויער.

אייניקע האָבן אַראָפּגעריסן די נומערן פון די קליידער, צעטרעטן זיי מיט די פיס.

דער וועג איז באדעקט געווען מיט מגן־דודס און געלע לאַטעס.

— מיר זענען פריי! פריי! — האָט איינע די צווייטע געמוטיקט, נאָך דעם וועג אויסהאלטן, צוקומען צו אַן אָרט...

די טריט פון די טויזנטער פיס האָבן אויפגעוועקט דאָס פארשלאָפענע דערפל, ווו דער צוג האָט אריינמארשירט. פון אונטער די האלב־פארפרוירענע שויבן האָבן זיך געוויזן שאָטנס. זיי אלע האָבן גיך געריבן, געפוצט די שויבן, באדעקטע מיט פראָסט־בלומען, ציטערדיק ארויסגעקוקט צו די פרויען אין די גרויע דעקן, און גלייך באהאלטן די קעפּ הינטער די פאָרהענגלעך. די פרויען האָבן מיט בענקשאפט געקוקט אויף די שויבן און זיך געטראכט:

— וואָס פאר אַ גליק וואָלט דאָס געווען אריינצוקומען אין אַ וואַרעמער שטוב, און זיך לייגן אין אַ ריין בעט!

זיי האָבן זיך גענומען וואונדערן: ווי אזוי האָבן מיר געקענט דאָס אלץ אויסהאלטן? אזא לעבן מיטמאכן?

מען איז פארבייגעגאנגען דאָס דערפל און ארויס אויפן שליאַך. די פיס זענען פארזונקען אין טיפן שניי, די קניען זענען שטייף, אָנמעכטיק געוואָרן.

פרומקע, די „פּארטיזאנקע", האָט אין טומל פון ארויסמארש פארלוירן די שיך. זי איז געווען אין אַ דינעם אויסגעריבענעם מאנטל, אין גרויסע צעווייקטע שטעק־שיך. צעברענט פון טיפוס־פיבער, האָט זי קוים געשטעלט די פיס.

...גיי, גיי, גיי ווייטער! — האָט אַן אינערלעך קול זי געטריבן פאָרויס. זי האָט פארלוירן איר רייע און צוגעשטעלט זיך צו אַ פרעמדער גרופּע. אַ פארפרוירענע האָט זי זיך געקלאַמערט צו די ווייבער, שטאַמלענדיק:

— האלט מיך אונטער. גיט אַ האנט. איך פאַ־אַל...

— איך פאַל אליין! — האָט מיט אַ דערשטיקט קול געענטפערט

אַ מיידל מיט אַ פּנים שוואַרץ פון דער קעלט — און אָפּגעשטופּט זי אין אַ זייט.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט וואָס אַמאָל פּאַמעלעכער. די כּוחות האָבן פאַרלאָזט, דאָס אייגענע לייב איז צו שווער געוואָרן. ביסלעכווייז האָבן די ווייבער אָוועקגעוואָרפן די דעקעס און די טאָרבעס מיט ברויט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם־ווינט, אַראָפּגעריסן פון די קעפּ די קאָפּ־טיכער און אַוועקגעטראָגן זיי ווייט איבער די פעלדער. איינע נאָך דער אַנדערער איז געפאַלן אין שניי. די „לייבן־קאָמאַנדאָ" האָט זיי גלייך דערשאָסן.

גאַנצע גרופּעס זענען אָפּגעשטאַנען. זיי האָבן געפּרוּווט אויף אַ ווײַלע זיך זעצן אויפן שניי, אָפּרוען זיך, נאָר קיינער האָט נישט באַוויזן אפילו אויסצוציען די פיס, ווי עס פלעגט זיך דערהערן אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער. דערשאָסענע, האָבן זיי די הענט, ווי פייגל די פליגל, אויפן שניי פונאַנדערגעשפּרייט, און אַזוי ליגן געבליבן.

צווישן די ווייבער האָט זיך געשלעפּט אַ לאָם מיידל, כמעט אויף די הענט די מאַמען געטראָגן, איינטענהדיק צו איר:

— נאָר מיר האָבן זוכה געווען ארויסצוגיין צוזאַמען פון לאַגער. נאָר אונדז איז דאָס גליק געווען באַשערט.

— גיי, אסתר, גיי אַליין... — האָט די מאַמע זיך געבעטן — כ'וועל דיך אָניאָגן. איך וויל זיך אַביסל צוזעצן אין שניי... אָפּרוען.

— מאַמע! — האָט ס'מיידל זיך אויפן קול צעוויינט, און די טרערן אויף איר פּנים זענען גלייך פאַרגליווערט געוואָרן — האַלט זיך אָן אין מיר. שוין נישט ווייט. מירן באַלד אָנקומען אויף אָן אָרט. טרינקען הייסע קאַווע, אָנוואַרעמען זיך...

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָסטן און אַ ביל געטון:

— לאַאופען!

די מאַמע האָט אויסגעשטרעקט אַ פוס, געוואָלט אַ ברייטן שפּרייז מאַכן, און געפאַלן.

אסתר האָט דערהערט אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער און דערזען אַ שטראָם בלוט אויפן שניי.

— מאמע! מאמע! — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט, פּרווונדיק זי אויפהייבן.

— ווייטער גיין! — האָט דער זעלנער האַרט קאָמאַנדעוועט.

— ווייטער!!!

— מיטלייד, הער פּאָסטן, מיטל... מיין מאַמע, — האָט אַ צעמישטע געשטאַמלט אסתּר.

— לאַאופען! — האָט דער פּאָסטן מיט רציחה איבערגעחזרט און אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער.

אסתּר האָט אָן באַוווסטזיין אָנגעהויבן לויפן.

די פרויען האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן דעם חוש פאַר צייט. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי גייען שוין הונדערטער יאָרן, און צום וועג וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען.

פּירנדיק די פיר און צוואַנציק יעריקע חוהן, די „באַבושקע״, אונ־טערן אָרעם, האָט רייזל זי באַרואיקט:

— שוין נישט ווייט, באַבושקע. שטייט נישט אָפּ. עס איז שוין נאָך דער מלחמה. מיר גייען אהיים... אַהיים!

די פאַרפרוירענע מיידלעך האָבן געריבן די פּנימער מיט שניי, גע־פּרווט אוועקטרייבן דעם שלאָף, וואָס האָט זיך ווי אַ שטיין געלייגט אויפן האַרץ. אייניקע האָבן זיך גערוקט פאָראויס מיט פאַרמאַכטע אויגן, געפאַלן, אויפגעהויבן זיך און ווייטער זיך געשלעפּט איבער די ריוועס און בערגלעך, געקראָכן אויף אַלע פיר פאָראויס.

די טובערקולאָזע און טיפוס־מיידלעך האָבן דורשטיק געשלונגען שניי פון די פויסטן און אייז־שטיקלעך, וואַקלענדיק זיך ווי שכור, נאָכ־געשלעפּט זיך נאָכן צוג.

צו פרומקען, דער „פאַרטיזאַנקע״, וואָס האָט זיך אַנידערגעלייגט אין שניי, איז צוגעלאָפן ערזשיבעט פון אונגאַרן, וועלכע פרומקע האָט מיט אַ צייט צוריק געראַטעוועט פון אַ „סעלעקציע״, און גענומען זי שלעפּן פאַר די הענט, געפּרווט זי אויפשטעלן.

— וועסט דאָ פאַרפרוירן ווערן. שוין פינצטער. וועסט אונדז נישט געפינען!

— ערזשי, — פליסטערט פרומקע — לאָז מיך שלאָפן. נאָר א ביסעלע... גיי ווייטער. גיי...

דער ווינט האָט פארטויבט איר קול. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ זאווערוכע און אַ שליידער געטון ערזשיבעטן פאַראויס. עס האָט געטראָגן די ווייבער אין דער לופטן און געריסן פון זיי די קליידער. ווי פליגן זענען זיי געפאלן, פארזונקען אין די שניי־גריבער.

דער טראנספּאָרט האָט זיך דערנענטערט צום ברעג פון ים.

רייזל האָט זיך קוים דערשלעפּט צו איר אָרט, געזעצט זיך נעבן הוזן, דער „באבושקע", און פארבראָכן די הענט אין א געיאָמער:

— באבושקע טייערינקע, מיין גרואינקע. אלע הימלען האָבן זיך פאר אונדז פארשלאָסן! וואָס טוט מען? מיין אלטינקע. מיין מאמעלע!...

זי האָט אויפגעקנעפּלט איר בלוזקע, צוגעלייגט חוהס געפרוירענע הענט צו איר קערפּער, ארייגעהויכט איר הייסן אָטעם אין חוהס שוין טויטן פנים.

נאָר גלייך איז זי אליין איינגעשלאָפן.

פרומקע האָט געפּרוּווט זיך אויפשטעלן, געפאלן און ווידער זיך אויפגעהויבן.

דער טראנספּאָרט איז זיך צעפאלן און געוואָרן אויסגעמישט. ווייט האָט זיך געטראָגן יעני דער „טענצערינס" געוויין:

— ליבער הער גאָט; וואָרום בין איך נישט געבליבן אין לאגער... פערריקט בין איך געוועזן!...

— נאראָנים... איר מיינט, אז מיר גייען אהיים? זיי וועלן אונדז אזוי לאנג טרייבן, ביז אלע וועלן בלייבן אין שניי, — האָט געקלאָגט שרה, — זוכנדיק די מאמע אין די ריוועס ביים וועג.

דער וועג איז געוואָרן בערגיק. ווי מתים האָבן אויף די וועגן אַרויס־געשטאַרט די נאקעטע ביימער און געשראָקן. די פרויען האָבן געפּרוּווט אַריבערקלעטערן איבער די בערגלעך, געפּויזעט אויף די בייכער, אראָפּ־געקייקלט זיך צוריק און אָנמעכטיק געבליבן ליגן. נעבן רות פון ליטע איז געלעגן די קראנקן־שוועסטער פרידא פון טשעכיע. נישט ווייט פון דער „מחותנתטע" איז געלעגן די „גראָבע". אויף אן איבערגעקערטן שליטן

מיט פּראָדוקטן האָט געגוססט די „לאַגער־עלטסטע", מאַגדאַ פון סלאָ־וואַקיע.

מיט דער לעצטער רייע איז מיטגעגאַנגען די משוגענע סאָניע און הויך געזונגען:

„צווישן גרינעביימעלעך,
גייען יונגע פּאָרעלעך..."

פרומקע האָט געפּרוווט נאָכגיין סאָניען. די פיס האָבן זי ווייטער נישט געטראָגן. אויף אַלע פיר האָט זי זיך גערוקט איבערן שניי.

ווען מאַשע האָט פרומקען דערקענט אין שניי און נישט געקענט דערוועקן, האָט זי פון איר פּלייצע אַראָפּגעצויגן די העקע און זי אי־בערגעדעקט איבערן קאָפּ. אַ פאַרגליווערטע איז זי נעבן איר געשטאַנען און הילפלאָז געפּלישטערט:

— מיין טייערע פרומקע. ווער וועט פאַר דיר נקמה נעמען? נישט דערלעבט...

דער צוג איז וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן: דער שניי האָט איינ־געשלונגען די פאַרפרוירענע קערפּערס.

די ס. ס.־לייט האָבן שוין מער נישט געשאָסן.

טיף אין דער נאַכט זענען עטלעכע הונדערט פרויען אָנגעקומען צום ברעג פון ים. עס האָט אויף זיי געוואַרט אַ שיף ווי אַ פינצטערע קאַמער, אָן זעלנער, אָן באַדינונג.

גיך איז זי אָפּגעשוווּמען, פאַרשוווּנדן צווישן די כוואַליעס...

אין דער פויערישער כאַטע

דער שטורעם־ווינט האָט פון פרומקען אראָפּגעריסן די דעקע, ווי מיט בייטשן געפּאטשט איבערן פּנים, אַרויסגעריסן פון אָנמאכט, אין וועלכער זי איז געלעגן שוין עטלעכע שעה. א פארשטייפטע פון דער פראָסטיקער נאכט, האָט זי אין דער פינצטערניש אויסגעקוקט די אויגן, כדי צו דערזען די לעצטע פון דער רייע, מיט אַלע כוחות אָנגעשטרענגט זיך צו דערהערן אין דעם וואָיענדיקן ווינט כאָטש דעם אָפּקלאַנג פון זייערע טריט און ווידער אָנמעכטיק אנידערגעפאלן אין שניי.

עס איז געווען א פינצטערע נאכט. די שטערן אויפן הימל זענען ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. ארום א פוסטקייט און פארלאָזנקייט. אפילו פון דערווייטנס האָט פון קיין פּויערישער כאטע זיך אַ פלעמל נישט גע־לויכטן.

— כ'בין פארלוירן!... — האָט אין איר זיך צעיאָמערט די בענק־שאפט צום זיין.

זי האָט פארמאכט די אויגן, געפּרווט איינצושלאָפן. אין איר מח האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן זכרונות, אדורכרוקן וואָס אמאָל אנדערע ביל־דער פון אמאָל. פרומקע איז אריינגעפאלן אין א צושטאנד פון חלום, פאַ־מעלעך איינגעשלאָפן.

ווען זי האָט זיך ווידער דערוועקט איז געווען די זעלבע נאכט, די זעלבע פינצטערניש און קעלט.

—לעב איך נאָך אַלץ — איז געווען איר ערשטער געדאנק.

זי האָט זיך צוגעהערט צום קלאפּן פון איר הארץ און זיך אליין געוואונדערט:

— איך פיל דאָך שוין גאָרנישט... ווי קען דאָס זיין, אַז איך בין נאָך דאָ?...

איר קערפּער איז אָפּגעפרוירן, אָנמעכטיק געוואָרן. פון איר האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן אַ כאָרכל. אין די ווינקלען פון מויל האָט זי דער־פילט אַ שוים.

— איך פאַרשטיי דאָך נאָך אַלץ, אַלץ! — האָט זי אָן אויפהער איבערגעחזרט און אָנגעהויבן בעטן:

— אָ גאָט... נאָר אַ גיכן טויט... אָן ווייטיק...

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, צוגעהערט זיך ווי וואָס אַמאָל פאַר־מעלעכער קלאַפּט איר האַרץ און ווידער איינגעשלאָפן.

אין דער פרי איז דער פראָסט געוואָרן שטאַרקער, פרומקע האָט זיך אָנגעהויבן שטיקן. ווי אַ תפילה האָט זיך אין איר מח געשלאָגן:

...זאָל עס נעמען אַ סוף... אַ סוף!

נאָך מיטאָג האָט אַ פויער זי געפונען אָן באַוווסטזיין, אַ פאַרפרוי־רענע. ער האָט זי געצויגן פאַר די אויערן, געפּאַטשט אין פּנים. פרומקע האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון לעבן. ווען זי האָט פּלוצים אויפגעמאַכט די אויגן, האָט זי דערזען, אַז עמיצער שלעפּט זי אויף די הענט און זי האָט דערהערט אַ סאַפּענדיקע שטים:

— נאַ... נאַ... אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו לעבסט שוין נישט? פון וואַנען זענט איר?

דער פויער האָט מיט די שטיוול געקלאַפּט אין דער טיר פון זיין כאַטע שרייענדיק:

— מיכאַלינע, מאַך אויף... מ׳דאַרף ראַטעווען אַ מענטש!...

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און אויף דער שוועל האָט זיך באַ־וויזן אַ דערשראָקענע פויערטע. דערזעענדיק פרומקעס שוואַרצע פאַר־פרוירענע באַקן, האָט זי זיך גיך איבערגעצלמט און אָן לשון שטיין געבליבן.

דער פויער האָט פרומקען אַוועקגעזעצט אויפן דיל און זיך צעבייזערט אויף זיין אַלטער:

— וואָס שטייסטו, ווי דער שכל וואָלט פון דיר אַוועק, ברענג אויף גיך אַן עמער שניי איינצורייבן זי... זעסטו נישט, אַז זי גייט אויס?

ד'ער פויער האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן אַראָפּציען די טראַנטעס פון פרומקעס פיס און ווען די אַלטע איז מיטן עמער שניי אריין, האָט ער פאַרזיכטיק אָנגעהויבן איינרייבן אירע פיס.

פון אַ זייט האָט מיכאַלינע געברומט:

— מאמע הייליקע... וואָס פארא צייט איז געקומען... אין דער פרי האָט דער דאָרפס־שרייבער צוזאַמענגענומען פון די ריוועך אַ פולן שליטן מיידלעך... אלע צוזאַמען באַגראָבן... און איצט ווידער א האלב־טויטע...

אומזיניק האָט פרומע געיאָמערט:

— טרייבט מיך נישט אַרויס אין פעלד... איך וועל ביי אייך זיין א דינסט... וואַשן די פּאָדלאָגעס, אַלץ טון!

— קינד, ווער טרייבט דיך? — האָט מיכאַלינע כמעט אויסגע־שריגן. — זי איז נענטער צו איר צוגעגאַנגען און ווייך, מוטערלעך אָנ־געהויבן רעדן:

—האָב נישט קיין מורא, מיר זענען נישט קיין דייטשן! ביי אונדז וועסטו בלייבן ווי לאַנג וועסט נאָר וועלן...

דער פויער האָט פון אלמער ארויסגענומען א פלאַש וויין, אָנגעגאָסן אַ גלאָז און צו ביסלעכווייז אריינגיסנדיק פרומקען אין מויל, אריינגע־רעדט אין איר:

מיר האָבן זי אָנגעגרייט צו טרינקען אויפן שלום. נאָר דו טרינק, דערוואַרעם זיך..

פרומקע האָט זיך מיטאמאָל דערוואַרעמט, דערזען: אַ ווייס־גע־דעקטן טיש... אַ ברוין אויסגעבאַקן ברויט געדיכט מיט קימל באַשיט... אַ ליימענע שיסל מיט פּוטער. אויף די בעטן אויסגעלייגטע ווייסע, ריינע קישנס, אויף אַ טישל אַ ראַדיאָ...

אירע אויגן האָבן זיך ווידער פאַרשלאָסן. .

פרומקע האָט געלאָזט אַלץ מיט זיך טון. פון אונטער די האַלב־פאַר־מאַכטע אויגן האָט זי געזען ווי די אַלטע וואַשט זי, רייבט איר קאָפּ מיט אַ בערשטל, ווישט לאַנג מיט אַ האַנטוך. דערפילנדיק עפּעס ווייכס אונטער זיך, אַ טראַכט געטון:

מסתמא אַ בעט... און ווי אין חלום געזען ווי די פויערטע דעקט זי צו מיט אַ דעק, לייגט הייסע פלאַשן אויף די פיס.

אין אָוונט האָט זיך פרומקע דערוועקט. אירע הענט און פיס זענען מיט געשווילעכץ אָנגעלאָפן, באַדעקט זיך מיט אייטערדיקע בלאָזן. דער גאַנצער קערפּער האָט ווי מיט נאָדלען געשטאָכן. איר פּנים האָט זיך אויס־געקרימט צום וויינען... נאָר די שרעק פאַר דער פרעמדער שטוב האָט זי געהאַלטן ווי אין קלעם...

איבער איר בעט האָט זיך מיכאַלינע איבערגעבויגן פּאַמעלעך, אַריינגעגאָסן אַ לעפעלע קאַווע.

— גיט מיר עפּעס הייסעס... פאַרוואָס איז אַזוי פינצטער — האָט פרומקע קוים אַרויסגערעדט.

די צוויי אַלטע האָבן זיך איבערגעקוקט און טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ.

פון דאָרף איז אָנגעקומען סטאַסיאַ, זייער איינציקע טאָכטער. אַ פאַרפרוירענע פון קעלט, מיט ווייסע שניי פליטערלעך אויף די האָר און וויעס, האָט זי אַ ווײַלע געריבן די הענט אויף צו דערוואַרעמען זיך און דערזעענדיק פרומקעס קאָפּ אויפן קישן אַ פאַרוווּנדערטע געפרעגט:

— ווער איז דער מאַן?

— דאָס איז אַ מיידל... זי האָט דערציילט, אַז זי איז געווען אין אַ לאַגער, דער אַלטער האָט זי אין שניי געפונען — האָט די מאַמע שטיל געענטפערט.

פרומקע האָט דעם קאָפּ אונטער דער פערענע באַהאַלטן. אָנגעהויבן זיך שטיקן אין געוויין. זי האָט זיך מער באַהערשן נישט געקענט, גענומען רייסן די בינדעס פון די הענט, צעריסן די ווונדן פון די פיס. אַ פאַר־הילשטע געבליבן ליגן שטיל אונטער דער דעקע, בעת אַלע דריי האָבן איינגעטענהט:

— אַ רחמנות אויפן מיידל... זי ציטערט ווי אַ פיש... מ׳דאַרף זי אויפוועקן... אָנקאָרמען...

— די הענט מיט די פיס זענען שוין ווי אַ באַרג... וואָס וועט דערפון ווערן, וווּ זוכט מען אַ דאָקטאָר? — האָט אַ פאַרזאָרגטע געפרעגט מי־כאַלינע.

— אפשר וועט עס אַליין פון זיך אַוועק... — האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן. — צו וואָס מענטשן דאָ אַריינפירן... באַלד וועלן זיי אַלע

איבערן דאָרף צעטראָגן... זי וועט עס איבערשלאָפן, דאָס איז אַ קראַנ־קייט אַזאַ...

ווען סטאַסיאַ איז צו צום בעט מיט אַ טעלער הייסע קאַרטאָפל און אַ צי־געטון די דעק פון פרומקעס קאָפּ, האָט זי אַ דערשטוינטע דערזען ווי פרומקע בייסט מיט די ציין די פון טרערן נאַסע קישנס. אירע אויגן זענען געווען געשוואָלן פון וויינען, עס האָט זיך געדוכט, אַז עס רינט פון זיי בלוט.

— נו, מען דאַרף נישט אַזוי... געווג שוין... געווג... — האָט זי זיך געפּלאָנטערט אין די רייד, שטופּנדיק אין פרומקעס מויל אַ לעפל הייסע קאַרטאָפל.

—— ס'טוט שטאַרק ווי — האָט פרומקע אַרויסגעשטאַמלט, ווי זי וואָלט געוואָלט מחילה בעטן און הויך זיך צעוויינט. — איך וויל שטאַרבן... העלפט מיר... איך בעט אייך...

ווידער האָבן זיך די צוויי אַלטע לעבן איר אַוועקגעזעצט. די פּאַר־שטייפטע, אויסגעקרימטע הענט אַריינגעלייגט אין אַ טעלער חזיר־שמאַלץ, אויף די געשוואָלענע פיס אַרויפגעגאָסן אייל און פּאַרזיכטיק זיי צוגע־דעקט מיט וואַטע.

די טאָכטער האָט אין איר מויל געפּרווט אַריינגיסן אַ לעפעלע קאַווע, נאָר גלייך דאָס לעפעלע אַוועקגעלייגט אַ פּאַרצווייפלטע.

פרומקע איז איינגעשלאָפן, גאָרנישט געזען מער, גאָרנישט געפילט.

ביינאַכט זענען געקומען שכנים, אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש און אָנגעהויבן דערציילן וועגן דער מלחמה, וועגן די דייטשן.

— אין דאָרף זענען סאָלדאַטן געקומען, זוכן, פּלינדערן, — האָבן עטלעכע זיך געקלאָגט.

— מען דערציילט, אַז אין דאַנציק האָבן זיך פון פליערס אַראָפּ־געלאָזט רוסישע פּרויען... מיט געווער... עס גייט אַ גרויסע אַרמיי פון דאַנציק אויף בערלין — האָט שטיל דער סאָלטיס איבערגעגעבן.

— אַנטיכריסטס צייטן זענען געקומען... אַלע וועלן זיך אויס־שעכטן... די וועלט חרוב מאַכן!

— מירן די ערשטע אַוועק מיט רויך... אַלע דערפער וועלן צעקנאַלט

ווערן; — האָט בגילופין אַ פּויער אַ זעץ געטון אין טיש און מיטאַמאָל, דערזעענדיק פּרומקען, אַ פרעג געטון:

— געסט האָט איר היינט?... ווער ליגט דאָרט און כראָפּעט?

— דאָס איז אַ יידיש מיידל, מיר האָבן זי אין פעלד אַ פאַרפרוירענע געפונען — האָט מיכאַלינע, ווי קיינמאָל גאַרנישט, געזאָגט.

— אַ יידישקע? — האָבן אַלע אויפגעבראַכט אויסגערופן! — הם... נו, יאָ... אַ פאַרפרוירענע — שוין רואיקער צוגעגעבן.

— זי וועט אַ פּאָר טעג זיך אויסרוען און גיין איר וועג — האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלע בארואיקן.

— אוודאי, אוודאי — האָבן די שכנים געשאָקלט מיט די קעפּ. — אַ פרעמדער מענטש אין די היינטיקע צייטן, גאָט זאָל באהיטן!

— ווייטער גיין? — האָט פרומקע ביי זיך איבערגעחזרט — וווהין גיין, איך קען דאָך מיט קיין פוס נישט רירן אפילו! צו וואָס האָבן זיי מיך פון שניי ארויסגענומען? געראַטעוועט?...

די שכנים זענען נאָך אַ צייט געזעסן און ביסלעכווייז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ווען מיכאַלינע האָט געוואָלט פאַר דעם שלאָף פרומקען אָנקאָרמען האָט זי עסן נישט געוואָלט, אַ דערשראָקענע געבעטן:

— נאָך איין טאָג לאָזט מיך ליגן אין בעט... שפּעטער וועל איך אַליין שוין גיין!

— וואָס רעדסטו? סאַראַ נאַרישקייט! — האָט די אַלטע געפּרווט פון איר חוזק מאַכן. נאָר פון די אויגן האָבן איר אָנגעהויבן רינען גרויסע טרערן. — דו נאַרעלע, ווער טרייבט דיך? ביז צום זומער בלייבסטו ביי מיר. דאָ אין סאַד וואַקסן אַזעלכע עפּל, — האָט זי געזאָגט, ווייזנדיק אַ פויסט. — דו וועסט טון וואָס דו ווילסט, נאָר קודם כל מוזטו געזונט ווערן... קיינעם זיך אין די אויגן נישט וואַרפן. — און שטילערהייט צוגעגעבן: — מיר וועלן דיך אויסבאַהאַלטן אין שטיבל. קיינער דאַרף פון דיר נישט וויסן.

דאָס זאָגנדיק האָט זי זי וואַרעם צוגעדעקט און גלייַנט זיך שלאָפן.

ביינאַכט האָט פון פרומקעס הויט אָנגעהויבן רינען אייטער, די פיס האָבן זיך מיט בלאָזן באַדעקט. פרומקע האָט זיך געדרייט אין צווייען

פאַר ווייטיק, געלייגט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן איר רוישן.

עס איז געשוווּמען אַ שעה נאָך אַ שעה און פרומקע האָט נישט געקענט איינשלאָפן. דער ווינט האָט געריסן די לאָדנס פון די פענצטער, פון די כאַטעס האָט זיך געטראָגן אַ בילן פון אַ הונט.

פרומקע איז געלעגן אין דער פינצטער מיט פאַרקריצטע ציין און אָן אויפגעציטערטע געטראַכט וועגן מאָרגן.

דאָס סקריפּען פון בעט האָט אויפגעוועקט די אַלטע. זי איז אַראָפּ־געקראָכן פון איר געלעגער און געפרעגט אַ פאַרזאָרגטע:

— שלאָפסט נישט, ס'טוט ווי, וואָס? דו מוזט דאָס איבערטראָגן, אַ פרוי ביסטו, מוזט קענען ליידן... — זי האָט פאַרריכט אויף איר די דעקע, צוגעלייגט צום אייוועלע אַביסל קוילן און ווייטער גערעדט:

— מאָרגן וועלן מיר אין דער שטאָט גיין, אַ דאָקטאָר רופן, מע־דיצין ברענגען.

זי האָט זיך נעבן פרומקען געזעצט, שטיל געפרעגט:

— אפשר ביסטו הונגעריק, זאָג וואָס דאַרפסטו, ביי מיר זאָלסטו זיך נישט שעמען.

ווען פרומקע איז ווייטער שטילשווייגנדיק געלעגן, האָט די אַלטע מער צו זיך ווי צו פרומקען גענומען רעדן:

— ווען אַ מענטש רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ, ווערט אים לייכ־טער. דערצייל וועגן דיין היים... ווו זענען זיי אַלע?

פרומקע האָט מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט אויף דער אַל־טער, געשוויגן. פּלוצים האָט זי זיך אויפגעזעצט.ביידע פאַרבונדענע הענט אויסגעצויגן צו מיכאַלינגע, ווי זי וואָלט זי געוואָלט אַרומנעמען. פון איר האַרץ האָבן זיך אַרויסגעריסן ווערטער פון דאַנקבאַרקייט און ליבע:

— איר האָט מיך אַריינגענומען אין אַ היים... ווי זאָל איך אייך דאַנ־קען, באַצאָלן? זי האָט אירע ליפּן צוגעדריקט צו מיכאַלינעס האַרבער, אויסגעאַרבעטער האַנט און באַגאָסן זי מיט טרערן.

— וואָס פאַר אַ דאַנקען? האָט זיך די באַלעבאָסטע געערגערט, מיר אַלע זענען גאָטס־קינדער, מוזן אין אַן אומגליק אַרויסהעלפן... שלאָף...

מאָרגן וועסטו אויפשטיין אַ געזונטע. — און איינדרימלענדיק געזעסן ביי פרומקעס בעט, ביז זי האָט דערהערט איר רואיק סאָפּעדיקן אָטעם.

די זעלבע נאַכט האָט זיך דער קאָמענדאַנט דערוווסט, אַז איינער פון די פּויערים האָט אויסבאַהאַלטן אַ פרעמדע יידישע פרוי. אין דער פרי האָט ער גערופן צו זיך עטלעכע פּויערים און גענומען זיי אויף אַ פאַרהער. דאָס דאָרף איז אויפגערודערט געוואָרן.

פרומקען צוזאַמען מיטן בעטל האָט די באַלעבאָסטע אַריבערגע־טראָגן אין אַן אַלקערל, פאַרשלאָסן די טיר און פאַרשטעלט זי מיט אַ שאַנק. אַ האַלבן טאָג איז סטאַסיאַ אין אַלקערל געזעסן, וואָס אַמאָל אַן אַנדער מאָל אונטערגערוקט אונטער פרומקעס מויל, אויפגעפּאַסט, דאָס אייוועלע זאָל נישט אויסגיין. פון צייט צו צייט געטוישט די פאַרבינדן.

פרומקע איז געלעגן אָן באַוווסטזיין. נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די טאָכטער פון דער באַלעבאָסטע הערט זיך צו צו יעדן שאָרך פון הינטער די פענצטער, פאַרוואָס איר פּנים איז פאַרזאָרגט און דערשראָקן.

פאַרנאַכט זענען די צוויי אַלטע אין אַלקערל אַריינגעקומען, געוואָלט זי אָנקאָרמען, אַרויסרייסן פון איר פאַרגליווערטקייט. נאָר פרומקע האָט אַלץ געשוויגן, ווי דאָס לעבן וואָלט אין איר אָפּגעשטאָרבן געוואָרן. פון צייט צו צייט האָט זי געעפנט די אויגן, געזען ווי די אַלטע מיכאַלינע וואַשט זי, טוישט די פלאַשן מיט הייס וואַסער פון אירע פיס, ווידער פאַרמאַכט זיי און געלאָזט אַלץ טון מיט זיך.

די זעלבע נאַכט האָט פרומקע צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַלעם, וואָס איז מיט איר געשען. פון טראַנספּאָרט, פון דער באַ־לעבאָסטע.

פלוצלינג האָט אַ געדאַנק אין איר אַ בליץ געטון:

זיי האָבן מורא... אין אַ צימערל פאַרשלאָסן... אויסבאַהאַלטן פאַר מענטשן... מ'דאַרף פרווון גיין... יאָ, מ'דאַרף זיך קלייבן אין וועג. האָט זי איבערגעחזרט און אַ ציטער איז אַדורך איר לייב. נאָר ווער זענען זיי? פאַרוואָס האָבן זיי דאָס אַלץ געטון? איז נאָך נישט אַלץ אונ־טערגעגאַנגען? זענען נאָך דאָ מענטשן? מענטשן!

דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס האָט דער טאָג פון לאַנג אַריינגעשיינט

אין אַלקערל. עס איז געשוווּמען אַ שעה נאָך אַ שעה און קיינער האָט זיך נישט געוויזן.

האָבן זיי אין מיר פאַרגעסן? — האָט פרומקע אַ דערשראָקענע גע־טראַכט. זי האָט מיט מאַטע אויגן געקוקט אויף די גרינע אייטער־פלעקן אויפן בעטגעוואַנט און באַשלאָסן: איך וועל זיך אָנטון. יאָ, זיי זענען פאַרמעדע, זיי האָבן גענוג געטון... מ׳קען זיי נאָך דערשיסן, פאַרשיקן... זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם בעט, געפּרוּווט צוגיין צום בענקל, וווּ אירע קליידער זענען געלעגן, אָבער ווי נאָר זי האָט זיך אויפגע־שטעלט, האָט זי זיך אַ וואַקל געטון און שווער מיטן קאָפּ געפאַלן אויפן דיל.

וואָס איז דאָס מיט מיר? איך קען דאָך אַפילו קיין טריט נישט שטעלן — האָט זי אַן אויפגעציטערטע געטראַכט.

וואָס טוט מען? וואָס?

אין דער טיר האָט דער שלאָס אַ׳ סקריפּע געטון. גלייכצייטיק איז דער לאָדן אויפגעמאַכט געוואָרן. אין צימערל האָט זיך מיטאַמאָל אַ ליכטיקייט צעגאָסן.

פרומקע האָט זיך אַנידערגעזעצט, אויף אַ ווײַלע פאַרקוקט אויף די ווייסע, שנייאיקע פעלדער און אַ פאַרצווייפלטע זיך צוריקגעלייגט.

אין אַלקערל איז אַרייַנגעקומען סטאַסיא און אַ צעטומלטע גיך אָנ־געהויבן רעדן:

— די שכנים האָבן אונדז געמסרט! באַלד וועט אַ פּאָסטן קומען, בעסער זיך אָנטון... גרייט זיין!

ביי די ווערטער האָט זי געגומען פרומקעס זאַכן אין דער האַנט, אָוועקגעלייגט אויפן בעט און פאַמעלעך אָנגעהויבן זי אָנצוטון.

וואָס וועט איצטער זיין... וואָס וועט מיט מיר ווערן?... אין דרויסן איז אַזויפיל שניי... אַזויפיל... — האָט פרומקעס האַרץ אומהדיק געשלאָגן.

סטאַסיא האָט אירע פיס מיט וואַליקעס אַרומגעבונדן, פאַרשפּילעט דעם מאַנטל און אַן אויפגערעגטע געזוכט פרומקעס קאָפּ־טוך. אין אַל־קערל איז אַרייַנגעקומען די באַלעבאָסטע. איר פּנים איז געווען בלייך און דערשראָקן. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ פּעקעלע ברויט און אַ גלאָז הייסע קאַווע. שטיל האָט זי אָנגעזאָגט:

— דער וואַכמייסטער איז שוין געקומען... ער וואַרט...

— איך גיי שוין... איך גיי — האָט פרומקע אויסגעשטאַמלט. פרוּוונדיק זיך אויפשטעלן. פלאָנטערנדיק זיך אין די רייד אויסגעפרעגט:

— ווער האָט אייך געמסרט? פאַר וואָס האָבן זיי דאָס געטון?

— טרינק... טרינק די קאַווע, — האָט סטאַסיא געאײַלט... — אומעטום זענען מענטשן... און נישט לאַנג...

די באַלעבאָסטע האָט פון שאַנק אַרויסגענומען אַ לײַלעך, צעריסן אויף שטיקער און אַרײַנגעלייגט אין פרומקעס טאַשן פון מאַנטל, זאָגנדיק:

— דו זאָלסט נאָר די וווּנדן ריין און וואַרעם האַלטן... די הענט זיך אַליין איבערבינדן... דו וועסט מסתמא אין שפּיטאָל פאָרן...

ביי דער טיר האָט זיך געוויזן דער פּאָסטן. שוין פון דער שוועל זיך צעשריגן:

— איך מוז צוריק אין קאָמענדאַנטור!... וווּ איז זי דאָרט? ווי לאַנג זאָל איך נאָך וואַרטן?

— באַלד, באַלד! — האָט די אַלטע אויסגערופן אַ צעטומלטע — איך מוז דאָך עפּעס אויף איר קאָפּ אויסזוכן... זי איז דאָך אַ קראַנקע, אַן אומבאַהאָלפענע.

אַרומבינדנדיק פרומקעס קאָפּ מיט אַ האַנטוך האָט זי ציטערדיק אַרײַנגערעדט אין איר איר תפילה:

— גיי געזונטערהייט, גאָט זאָל דיך היטן!...

— וווּ איז אייער מאַן? איך וויל אים געזעגענען — האָט פרומקע אַ צעטומלטע, מיט אַ דערשטיקט קול, קוים גערעדט. ווו הייסט איר? אויב איך וועל איבערלעבן, וועל איך אייך אויפזוכן, אָפּצאָלן...

— דער אַלטער קען דאָס נישט צוזען... ער איז אַרויס אין שפּייכלער — האָט גערעדט מיכאַלינע מיט פאַרבראָכענע הענט.

דער פּאָסטן האָט אין דער טאַש אַרײַנגעלייגט אַ וווּרשט, אַ פלאַש בראָנפן, וואָס סטאַסיא האָט אים אויף גיך צוגעטראָגן און גאָר העפלעך געזאָגט:

— פריילין, ביטע, דער שליטן וואַרט. דאָס וועטער איז היינט וווּנדערבאַר...

די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן פרומקען אַרויסגעפירט, אַריינגעזעצט אין שליטן, צוגעדעקט אירע פיס מיט שטרוי און געשטאַנען אַזוי לאַנג פאַר דער כאַטע, ביז דער שליטן איז פאַר זייערע אויגן פאַרשוווּנדן.

אַז אַ נומער

אויף דעם ברייטן שנייאיקן שליאַך איז געפֿאָרן פֿרומע, מיט אַ טאָר־בע אָנגעהאָנגען אויף דעם האַלדז, מיט אַ ווייסן געפֿרענזלטן האַנטוך אויפֿן קאָפּ און מיט אַרומגעבונדענע פֿיס. דער קאַלטער ווינט האָט זי דערמינטערט, ווי פֿון אַ חלום דערוועקט. זי האָט געפּרוּווט זיך דער־מאָנען אַלץ וואָס איז מיט איר פֿאָרגעקומען אין די לעצטע טעג. נאָר וואָס מער דער שליטן האָט זיך דערווייטערט פֿון דער פֿויערישער כאַטע, אַלץ מער אומגלויבלעך האָט זיך איר אַלץ אויסגעוויזן.

— בין איך טאַקע פֿינף טעג געלעגן אין אַ ווייס בעט... אין אַ וואַרעמער שטוב — האָט זי זיך אַליין געוווּנדערט, אַז אַזאַ נס האָט געקענט מיט איר געשען. זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און ווידער פֿאַר זיך דערזען די צוויי אַלטע לייט איבער איר בעט איינגעבויגן... דעם דיל מיט ווייסן זאַמד אויסגעשאָטן, די בילדער אויף די ווענט...

אַ שיינער חלום געווען, און איצט איז אַלץ אויס — האָט זי גע־טראַכט בעת דער שליטן האָט זיך געגליטשט איבער די שנייען פֿאַראויס. וואָס וועט איצט מיט מיר ווערן, וווּהין פֿירן זיי מיך? — האָט איבער אַלע מחשבות אַרויסגעשריגן פֿון איר די שרעק. די פֿויערישע כאַטעס זענען שוין ווייט הינטער איר געבליבן. דער פּאָסטן האָט די פֿערד וואָס אַמאָל גיכער געטריבן, ווי דער פֿראָסט וואָלט אים אַליין גענומען שניידן דאָס פּנים.

ביי אַ נידעריקער וואַך־בודע האָט דער זעלנער פֿאַרהאַלטן דעם שליטן און אַרויסשפּרינגענדיק געזאָגט צו פֿרומקען:

— אָט זענען מיר שוין ביי דער „קאָמענדאַנטור"... קומט אַריין, באַלד וועט דער קאָמענדאַנט אייך ווייטער טראַנספּאָרטירן.

ער האָט זי אַריינגעפירט אין דעםביידל, אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און אַוועק. פרומקע איז געבליבן אַליין. לעבן איר אויפן דיל איז געלעגן אַ זעלנער און שטיל געקרעכצט.

— וואָס איז אייך? — האָט זי נישט דרייסט געפרעגט אויף דייטש.

— באָלנוי — האָט שוואַך געענטפערט דער זעלנער און ווייטער געקרעכצט.

— אַ רוס! — האָט פרומקע אויסגעשריגן און אין אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פלאַמען.

מיט אַ געבראָכענעם רוסיש האָט זי אָנגעהויבן אויסצופרעגן:

— ווי אַזוי קומט איר דאָ אהער? ווו איז די „רויטע אַרמיי"?

דער מאַן אויף דער ערד האָט ווייטער געקרעכצט, ווי ער וואָלט אירע רייד נישט געהערט.

פרומקע איז אויפגעטרייסלט געוואָרן. די „רויטע אַרמיי"... זיי זענען שוין נישט ווייט — האָט זי זיך אַליין געטרייסט. נאָך אַ טאָג... צוויי...

דורך דער האַלב־אָפּענער טיר און די אויסגעהאַקטע שויבן האָט געבלאָזן אַ קעלט, די פּראָסט האָט געגומען בריען איר פּנים, אירע אויגן האָבן זיך ווידער פאַרשלאָסן. פרומקען האָט זיך ווידער אויסגעמאָלן דאָס בעט, זי האָט געזען פאַר זיך דעם צעפלאַקערטן אויוון, געפילט זיין וואַרעמקייט.

— נאָר נישט טראַכטן... נישט טראַכטן — האָט פרומקע געטריבן פון זיך אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן זי מיטאַמאָל ווי שוואַרצע קראָען באַפאַלן. זי האָט ווידער געפילט, ווי אַלע אברים שטאַרבן אין איר אָפּ און אַ פאַרצווייפלטע געפרוווט איינצושלאָפן. די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און אין דער וואַך־בודע איז אַריינגעקומען אַ גרופּע סאָלדאַטן. צו פרומקען זענען דערגאַנגען עטלעכע רוסישע ווערטער און אַ נייע האָפענונג איז אין איר אַריינגעטראָטן.

— חברים — האָט זי אַ פרעג געטון, — ווי האַלט עס מיט דער מלחמה? פון וואַנען קומט איר?

— אַן אונדזעריקע? — האָט מיט אַ שמייכל געפרעגט אַ סאָלדאַט. — אַ פּאַרטיזאַנקע?

— געוואָלט ווערן — האָט פרומקע געענטפערט און אירע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן. — אַריינגעפאַלן אין אַ לאַגער, און אַ נומער געוואָרן...

— אַ נומער? — האָבן אַלע איבערגעפרעגט פאַרוווּנדערט.

— צוויי יאָר בין איך געווען נומער 97886! ווען איך בין נאָך פון לאַגער אַרויס, האָב איך אים פון זיך אַראָפּגעריסן, צעטראָטן, אַוועקגעוואָרפן.

— און וואָס איז מיט אייערע הענט? — האָבן אַלע וואָרעם אויסגעפרעגט.

— מיינע הענט און פיס זענען אָפּגעפרוירן... מיין טראַנספּאָרט האָט מיך אין שניי איבערגעלאָזן, אַוועקגעגאַנגען... — זי האָט געוואָלט נאָך וואָס זאָגן, נאָר איר קול האָט זיך אָפּגעהאַקט, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט די נאַכט אין שניי אויפן פרעמדן פעלד.

— ניטשעוואָ, ביסט אַ יונגע נאָך — האָט איינער געזאָגט, אַראָפּגעבויגן זיך צום גוססדיקן זעלנער און באַלד אויסגעשריגן:

— חברה, אַן אונדזעריקער!

אַלע סאָלדאַטן האָבן באַלד אַרומגערינגלט דעם קראַנקן. איינער האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקל פּוטער, אַ צווייטער אַ שוואַרץ לעבל ברויט.

דער זעלנער האָט שוין גאָרנישט פאַרשטאַנען, דאָס ברויט צוגענומען און אַזוי ליגן געבליבן.

— ווו איז די „רויטע אַרמיי"? — האָט פרומקע אַן אויפגעציטערטע, מיט אַ ליכטיק אָנגעצונדן פּנימל ווידער גענומען אויספרעגן. ווי לאַנג קען נאָך דויערן די מלחמה? ווען איך וואָלט נאָך געקענט אויף די פיס זיך האַלטן, וואָלט איך מיט אייך מיטגעגאַנגען! איצט בין איך נישט מער קיין נומער!

— שוין נישט לאַנג! — האָט איר אָפּגעענטפערט אַ הויכער, פעסטגעבויטער מאַן, — אונדזערע קלאָפּן נישט ווייט פון דאַנען, זיי וועלן שוין באַצאָלן פאַר דיר, פאַר די אַלע וואָס זענען נאָך היינט נומערן, און פאַר דעם־אָ, וואָס ליגט דאָ אויף דער ערד... אַ שאָד נאָר, וואָס מיר זענען אין זייערע הענט אַריינגעפאַלן...

זיי האָבן פון די רוק־זעק אַרויסגענומען ברויטן מיט פּעקלעך פּו־

טער און אָנגעהויבן עסן. אין פרומקעס טאַש האָט איינער פון די סאָל־דאַטן אַריינגעלייגט אַ פּעקעלע פּוטער, זאָגנדיק:

— היינט דאַרפסטו שוין פאַר זיי קיין מורא נישט האָבן... זיי קענען דיר שוין גאָרנישט טון...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט:

— גיטלער קאַפּוט, קאַפּוט!

מיטאַמאָל איז אין דער וואַך־בודע אַריין אַן אָפיציר פון דער ווער־מאַכט און אַרויסגעפירט אַלע סאָלדאַטן.

פרומקע איז אַליין געבליבן מיטן מת.

עס איז געשוועמען אַ שעה נאָך אַ שעה, און קיינער האָט זיך אין דער קאָמענדאַנטור נישט באַוויזן. די נאַכט איז צוגעפאַלן און פרומקע האָט אָנגעהויבן טרוימען: ווי גוט דאָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקענט איצט אַוועק פון דאַנען, דערקלייבן זיך צו דער אַרמיי...

— ראוס! — האָט מיטאַמאָל פון דער שוועל אַ געשריי געטון אויף פרומקען אַן אָפיציר. פרומקע האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און נישט גלויבנדיק זיך אַליין אָנגעהויבן גיין.

— אַב! — האָט ער נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון און אַוועק.

אויפן וועג איז געשטאַנען אַ פול געפּראַפּטער וואָגן מיט גרעט. פון וואָגן איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ פויער און ווי אַ באַלעם פרומקען אַ הייב געטון, אַרויפגעזעצט אויף אַ באַרג געשיר, און מיט באַדויער אויס־גערופן:

— אָרעמע דייטשע קינדער... וואָס איז מיט אייך געוואָרן? ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן, אַז מיר וועלן זיך מוזן אויף די וועגן וואַל־גערן... פון די היימען אַנטלויפן!

ער האָט פאַרריכט אויף זיך דעם פעלץ און אַ שמיץ געטון מיט דער בייטש. די פויערטע, וואָס איז נעבן אים געזעסן, האָט שווייגנדיק פרומקען באַטראַכט און אַ פאַרזאָרגטע אַ פרעג געטון:

— וואָס איז געשען מיט דיינע פיס? זענען זיי פאַרוואונדעט... און די הענט אויך אַרומגעבונדן... פון אַ קויל מסתמא? — ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַראָפּרעדן פון האַרץ פאַר דעם פרעמדן פאַר איר מיידל.

— איך בין פון אַ לאַגער, אין וועג אַלע פאַרלאָרן — האָט פרומקע אומעטיק געענטפערט און דערזעענדיק איר דערשטוינט פנים אָפּגעהאַקט.

— אַ ייִדישע... זע נאַר! — האָט די פויערטע אויסגעשריגן צום מאַן און גענומען זידלען פרומקען:

— איך דאַרף זיך נישט שלעפּן מיט אַזאַ קריפּל! עפּעס אַ שלע־פּערקע פון וועג... אונדזערע פרויען גייען צופוס... אַזאַ פרעכהייט... מיר זאָלן זי פירן!

זעענדיק, אַז פרומקע זיצט ווי אַ געליימטע, האָט זי מיט רציחה אויסגעשריגן צום באַלעבאָס:

— אָטאָ, פאַרהאַלט דעם וואָגן! איך שמיים זי גלייך אַרונטער! גיב אַ קוק ווי די פערד שלעפּן קוים די פיס!

— פאַרמאַך דאָס מויל! — האָט דער פויער זי אָנגעשריגן. — עס איז אַ מלחמה... קיינער ווייסט נישט זיין מאָרגן... און ווייטער שווייגנ־דיק געפאָרן.

פרומקע איז געלעגן איינגעקורטשעט אויפן באַרג טעפּ און שיסלען און ווי אין אַ וואַסער־מיל האָט אין איר קאָפּ גערוישט:

— אַ קריפּל... אַ קריפּל!... זאָלן זיי מיך אַראָפּוואַרפן... דריי און צוואַנציק יאָר קען שוין זיין גענוג! ווער דאַרף דען אַזוינע?...

דער וועג איז געוואָרן שוואַרץ פון פּליטים. טויזנטער מענער, פרויען מיט קינדער, האָבן געשלעפּט זיך איבער די שנייען מיט פּעק אויף די פּלייצעס, איינגעשפּאַנט אין קליינע שליטעלעך.

דורך די לעכער פון דער פּלאַנדעקע האָט זיי אַלע פרומקע געזען און אין זיך געפּרוגט:

— לויפן זיי שוין אויך... איז שוין אויף זיי געקומען די מפּלה?

קוים האָט דער וואָגן זיך געקענט דורכשטופּן דורך דעם געדיכטן המון. מיט גלעזערנע אויגן האָבן די באַלעבאַטים אַראָפּגעקוקט אויף דער שוואַרצער כוואַליע, וואָס האָט אָנגעצויגן פון אַלע וועגן. און אַדורכגע־נומען מיט אַן אימה גענומען טרייבן די פערד. זיי זענען דעם המון פאַרביי און לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווי זיי וואָלטן די געפאַר געלאָזט ווייט הינטער זיך.

ביי אַ דריישטאָקיקער געביידע האָט זיך דער וואָגן אָפּגעשטעלט. צום פּאָסטן אויפן וועג האָט דער באַלעבאָס אַראָפּגעשריגן:

— איך פיר אַ קראַנקע... וואָס זאָל איך מיט איר טון? ווייטער פאָר איך נישט!

— נישט ווייט איז די „נ. ס. פ." געזעלשאַפט, גיט זי דאָרט איבער — האָט דער פּאָסטן צוריקגעשריגן און דערזעענדיק אַ גרופּע קינדער ביי אַ וואָגן גענומען זיי אַוועקטרייבן רופנדיק:

— ווי מיין האָבן זיי זיך צעלאָזט... אַ היים! צוריק... ווו ווילט איר לויפן? אין ים אַריין?!

פרומקען איז געווען גלייכגילטיק, וואָס דער פּאָסטן האָט געהייסן מיט איר טון. דער יאָמער פון די ווייבער האָט געשטילט איר וויי. זאָל שוין מיט מיר געשען וואָס עס דאַרף געשען... נאָר דאָס בילד האָב איך געוואָלט דערלעבן. מיט אַ קללה אין די אויגן האָט זי אַרויסגעקוקט אויפן וועג, מיט אַלע אברים איינגענומען אין זיך זייערע יללות און שטיל ביי זיך איבערגעחזרט:

— זאָלן זיי אויסגיין אויף די וועגן, ווי אונדזערע מאַמעס און שוועסטערס, זאָלן זיי וויסן וואָס הייסט ווינטער זיך שלעפּן איבער שנייען מיט קינדער! זאָלן זיי זיך אויך וואַלגערן אין די ריוועס און די הינט זאָלן זייערע ביינער צעטראָגן!...

זי האָט נישט באַמערקט, ווי דער וואָגן האָט זיך געשטעלט, ווי דער באַלעבאָס איז אַראָפּגעשפּרונגען, פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש און צוריקגעקומען מיט אַן ס. ס.־מאַן אין אַ ווייסער שירץ.

— קומט מיט מיר — האָט ער פריינטלעך געזאָגט און ווי אַ קינד זי אַראָפּגענומען פון וואָגן. זי האָט אַפילו נישט באַוויזן זיך אַרומזען און שוין איז דער וואָגן אַוועק. דער סאַניטאַר האָט זי אַריינגעפירט אין אַ גרויסן וואַרעמען זאַל אַרומגעשטעלט מיט בענק און בענקלעך. אויפן וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויס בילד פון היטלערן באַפּוצט מיט פענער און האַקנקרייצן.

— הייל היטלער! — האָט אויסגערופן דער ס. ס.־מאַן הייבנדיק די האַנט אין דער הויך.

— הייל! — האָט אַ ברום געטון אַ יונגער מיליטערמאַן פון זיין שרייבטיש און ווייטער געשריבן אין זיין גרויסן, גראָבן בוך.

— הער דאָקטאָר, איך האָב אַ פאַרפרוירענע געבראַכט, מען האָט זי אין וועג געפונען...

— רופט די קראַנקן־שוועסטער — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון זיינע ביכער. צוויי בלאָנדע מיידלעך זענען צוגעגאַנגען צו פרומקען און באַרמהאַרציק גענומען זי טרייסטן:

— ליבהען... וואָס איז מיט אייך געשען, אַזוי געפרוירן געוואָרן... מיין גאָט! מען דאַרף וואָס גיכער זיך מיט אַ לאַזאַרעט פאַרבינדן...

נישט דרייסט האָט פרומקע אַ פרעג געטון: ווו בין איך?

— ביי גוטע מענטשן — האָט מיט אַ ווייכער שטים געענטפערט אַ בלויאויגיק מיידל אין אַ לאַנגן ווייסן פאַרטעך און אריינגעלייגט אין איר מויל אַ ווייס, רונדיק אַרבעסל.

— דאָס איז אַ שמערצשטילנדיקע פּיל — האָט זי דערקלערט און צוגעגעבן נאָך אַ רגע: — זיי רואיק, מיר וועלן דיך היילן... אָרעם קינד מיינס.

די קראַנקן־שוועסטערס האָבן די הענט געבראָכן, געיאָמערט:

— דאָס איז ענטזעצלעך, ווי קען מען דאָס צוזען, ווי אונדזערע פרויען אַזוי ליידן...

זיי האָבן זיך געווישט די טרערן מיט ווייסע שטיקלעך גאַזע און דערשיטערטע באַטראַכט פרומקעס הענט און פיס.

— לאָמיר זי אריינפירן אין דער שול — האָט זיך איינע אָנגערופן. — זי וועט זיך אַ ביסל אויסרוען, איבערשלאָפן...

די קראַנקנשוועסטערס האָבן פרומקען אריינגעטראָגן אין אַ קלאַס פון דער שול און אַנידערגעלייגט זי אויפן שטרוי, נעבן דער צענטראַל־באַהייצונג.

אַלע בענק פון דער קלאַס זענען געווען צוזאַמענגערוקט אין אַ זייט, אויף אויסגעשאָטענעם פרישן שטרוי זענען געשלאָפן עטלעכע פּליטים. אויף פרומקעס אָנקומען זענען אריין אין קלאַס די שכנים פון הויף, אַרומגערינגלט זי און אָנגעהויבן קלאָגן:

— שאַדע, שאַדע... זאָ איין יונגעס מעדכען... אַנע ביינע... ווער

ווייסט וואָס קען נאָך מיט אונדז ווערן? אויף די וועגן וואַלגערן זיך מענטשן טאָג־איין, טאָג־אויס!

...די מאַמעס לאָזן אין שניי זייערע פאַרפרוירענע קינדער און גייען ווייטער! אַ שטראָף פון הימל געקומען...

אין דער קלאַס איז אַריינגעקומען אַ שיקסע מיט אַ שיסל הייס וואַסער, גאָרנישט זאָגנדיק, אַוועקגעזעצט זיך נעבן פרומקען און גענומען זי אַרומוואַשן.

אַ באַלעבאָסטע האָט אַריינגעבראַכט אַ קענדל הייסע מילך, דערלאַנגט פרומקען און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ באַלד אַרויסגעגאַנגען.

שפּעט ביינאַכט איז אין קלאַס אַריינגעקומען אַ גרופּע מיליטער־מענער. פּאָרזיכטיק האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך, מיד אַוועקגעזעצט אויפן דיל און פּאַמעלעך אָנגעהויבן זיך אויסטון.

— די איסט גאַנץ ערפראָרן — האָט זיך שטיל אָנגערופן אַן אָפיציר אָנווייזנדיק אויף פרומקען. נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן:

— קורט איז טיף אין רוסלאַנד... אויב דאָ איז אַזאַ ווינטער... ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר מיטאַמאָל אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און שטיל געבליבן. מיט אַ קול ווי פון אונטער דער ערד האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן:

— קעמפן ווייטער האָט קיין זין נישט... די דעמאָראַליזאַציע איז גרויס, אַלע אַנטלויפן פון די פראָנטן...

שטיל האָט עמעצער איבערגעגעבן:

— היינט אין אַ דאָרף האָב איך געזען דריי געהאַנגענע מענער, לעבן זיי איז געהאַנגען אַ פרוי מיט אַ טאָוול אויפן האַלדז:

„די פרוי האָט פאַרשטעקט די פאַררעטער פון פאָלק!"

— פאַררעטער... האָבן די מענער מיט איראָניע איבערגעחזרט און באַלד אָפּגעהאַקט.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ מיליטער־מאַן מיט עטלעכע קרייצן אויף דער ברוסט. צופרידן פון דער באַגעגעניש, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און אויסגערופן:

— האָך דויטשלאַנד!

פרומקע האָט פון אונטער די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געזען ווי

איינער פון זיי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און געהערט זיין שטימע פול מיט חוזק:

— זאָ הויך איז דויטשלאַנד אין מיסט...

— ווו בין איך אַריינגעפאַלן? — האָט זי ביי זיך געטראַכט. — ווער ווייסט וואָס קען נאָך דערפון אַרויסקומען?

אין דער פרי האָט זי אויפגעוועקט דער נאַכטוועכטער. ציענדיק זי פאַרן אַרבל האָט ער אין איר אַריינגערעדט:

— פריילין... עס איז אָנגעקומען אַ מאַשין... איר דאַרפט מיט־פאָרן... אין לאַזאַרעט, מאָרגן וועט שוין אפשר נישט זיין קיין קאָמוניקאַציע!

פון שטרוי האָט זיך אויפגעהויבן אַן אָפיציר, צוגעגאַנגען צו פרומקען, אַרומגעבונדן אירע פיס מיט די טראַנטעס, פאַרקנעפּלט דעם מאַנטל, גענומען אויף די הענט און שווייגנדיק אַריינגעטראָגן זי אין דער מאַשין.

— אַ גוטע בעסערונג! — האָט ער נאָכגעשריגן איר, ווען די מאַשין האָט געריכט.

איינגעקורטשעט אויף דער באַנק האָט פרומקע באַטראַכט די זעלנער פון דער מאַשין. זיי אַלע זענען געווען פאַרוואונדעט און אָפּגעפרוירן. שטילשווייגנדיק געריכערט ציגאַרעטן, אייניקע האָבן הויך געקרעכצט. אויף פרומקען האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט.

— אָבי נישט אויפן פעלד, נאָר נישט אונטערן פרייעם הימל — האָט זיך פרומקע געטרייסט, טראַכטנדיק. — וואָס קענען זיי שוין איצט מיר טון?...

ערשט ווען אַלע קראַנקע זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון דער מאַשין, פאַר אַ שפּיטאָל־געביידע און פרומקע איז אַליין געבליבן, איז זי באַפאַלן אַ שרעק. מוראדיקע פאַרשטעלונגען, ווי גיפטיקע שלאַנגען, האָבן זיך אין איר איינגעפרעסן, גענומען שטיקן און ווערגן, מאָלן וואָס אַמאָל שרעקלעכערע בילדער.

אין דאַנציג האָט זיך די מאַשין געשטעלט. ווידער איז נאָך איר אַריינגעקומען אַן ס. ס.־מאַן אין אַ ווייסן פאַרטוך, מיט אַ האַקנקרייץ אויפן אָרעם און אַריינגעפירט זי אין איינער פון די אָפּטיילונגען פון די „נ. ס. פ.״ געזעלשאַפט.

מיטאַמאָל האָט זיך פרומקע געפונען אין דעם גרויסן זאַל פון דער דאַנציגער אָפּערע. אויף די פּאַטעלן און בענק זענען געזעסן פּליטים, געשלאָפן. דער זאַל איז געווען פול אָנגעוואָרפן מיט פּעק בעטגעוואַנט, מיט מלבושים און געשיר. די מאַמעס מיט וויינענדיקע זויג־קינדער אויף די הענט זענען אַרומגעגאַנגען לענגאויס דעם זאַל, נישט קענענדיק זיך קיין אָרט געפונען. אַנדערע זענען אַרומגעפאָרן מיט די קינדערוועגעלעך הין און צוריק ווי אומזיניקע.

א פאַרלוירענע האָט זיך פרומקע אַרומגעקוקט איבערן זאַל, נישט פאַרשטייענדיק ווו זי איז אַריינגעפאַלן. ווי פון אונטער דער ערד זענען אַרויסגעוואַקסן צוויי קראַנקן־שוועסטערס, ווידער באַטראַכט אירע וווּנדן, געשאָקלט מיט די קעפּ, געשוויגן. איינע פון זיי איז אַוועק, באַלד צוריקגעקומען מיט אַ טעלער זופּ און אַוועקגעזעצט זיך פרומקען אָנקאָרמען. די קראַנקן־שוועסטער איז געווען אַ שווייגערין. אַלץ געטון אָן ווערטער. אַוועקגייענדיק האָט זי זיך צו פרומקען אָנגערופן:

— פאַרליר נישט די האָפענונג... מיר וועלן זיגן! אין אַ רואיקער צייט וועסטו געזונט ווערן... אַלזאָ, שלאָף גוט און טרוים שיין...

פרומקע איז אַליין געבליבן. געפּרוווט איינשלאָפן, פאַרגעסן פון אַלעמען, נאָר דער לאַרם אויפן זאַל, דאָס געוויין פון די קינדער האָט זי וואָס אַמאָל ווידער אויפגעוועקט. די מאַמעס האָבן געפּרוווט די קינדער איינשטילן, אָנגעהויבן מיט זיי אַרומגיין צווישן די בענק, נישט קענענדיק זיי באַרואיקן אַליין זיך צעשריגן, גענומען שלאָגן די קינדער. עס איז געשוומען אַ שעה נאָך אַ שעה און דער טומל איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. הינטער די פענצטער האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, ווי אַ פאַרשעמטע האָט זיך דאָס ליכט אין די ווינקעלעך געוויזן. די מענער האָבן זיך אויפגעוועקט, מיט האַנטיכער אין די הענט געגאַנגען זיך וואַשן, צוריקגעקומען מיט טעפּעלעך טיי און אַ שטיקל ברויט. די קראַנקן־שוועסטערס פון דער נאַכט־שיכט זענען אַוועקגעגאַנגען, די צווייטע פּאַרטיע וואָס איז אָנגעקומען אויף זייער אָרט האָט זיך גענומען צום פאַרטיילן דעם פרישטיק.

פרומקע איז געלעגן אין פיבער צעברענט, די וווּנדן האָבן זי געברענט און געשטאָכן. איינגעקורטשעט אין איר פּאַטעל, האָט זי שטיל

געקרעכצט מורא האָבנדיק אויפצוהייבן דעם קאָפּ, קיינער זאָל זי נישט דערקענען. וואָס טון? — האָט זיך פרומקע געשלאָגן מיט די געדאַנקען, ווייטער אויסבאַהאַלטן זיך האָט נישט קיין זין, זאָלן זיי מיך שיקן אין אַ שפּיטאָל, אָדער אַ סוף מאַכן מיט מיר! איך האַלט עס מער נישט אויס... אַלץ איינס... מיט די לעצטע כוחות האָט זי זיך אויפגעהויבן פון פּאָטעל און פּאַמעלעך שאַרנדיק זיך ביי די ווענט צו צו דער קאַנצעלאַריע און נישט דרייסט אָנגעקלאַפּט.

— יאַוואָל! — האָט עמעצער פון הינטער דער טיר אויסגעשריגן.

פרומקע איז אַריין אין אַ קליין צימערל מיט ביכער און מעדיקאַמענטן אָנגעוואָרפן. דערזעענדיק היטלערס מאַרמאָרענעם ביוסט אויף אַ געשטעל מיט האַקנקרייצן און בענדער באַפּוצט, איז איר דאָס לשון ווי אָפּגענומען געוואָרן. אַ פאַרלוירענע האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבערן צימערל, נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטון.

— וואָס ווינטשן זי זיך, פּראַו? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די דאָקטוירים, וואָס איז לעבן אַ שרייבטיש געזעסן און קאָנטראָלירט אַ ליסטע.

פרומקע האָט אַ ווײַלע געטראַכט און רואיק אָנגעהויבן דערציילן:

— איך בין פון שטוטהאָפער לאַגער... אין וועג אַלע פאַרלאָרן... ביטע, אינפאָרמירט מיך וואָס איז מיט די מענטשן געשען... ווו זענען זיי? אָדער פאַרבינדט מיך מיט אַ צווייטן יודן־לאַגער...

אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל פון די ערטער אויפגעכאַפּט. מיט כעס האָט איינע פון די קראַנקן־שוועסטערס אויסגעשריגן:

— אַזאַ פרעכהייט! צוזאַמען מיט אונדזערע מענטשן געגעכטיקט! ווי אַזוי קומסטו דאָ אַהער?

— די ווערמאַכט האָט מיך מיט אַ מאַשין געשיקט — האָט פרומקע רואיק געענטפערט, ווי עס וואָלט איר שוין אַלץ איינס געווען.

— די ווערמאַכט! — האָט אַ מאַן אין אַ ווײַסן פאַרטעך אויסגעשריגן, — איך וואָלט זיי...

— מען מוז זי וואָס גיכער באַזייטיקן פון דאַנען — האָט די עלטסטע, אַ נאָנע, אין אַ שוואַרצן קלייד זיך אָנגערופן.

— מען דאַרף זי איבערגעבן דער פּאָליציי — האָט אַ צווייטע צוגעגעבן.

אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ ווייס בלענדנדיק פאַרטעך איז צו צום טעלעפאָן, גענומען דאָס טרייבל, אָנגעדרייט אַ נומער און נאָך אַ ווײַלע מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— געשטאַפּאָ? יאָ. פראַנץ, דאָס בין איך... הער זיך צו, מיר האָבן דאָ אַ יידין פון שטוטהאָפער לאַגער... זי האָט זיך דאָ אַריינגעדרייט... וואָס זאָל איך טון מיט איר? — אַ רגע שטילשווייגן.

פרומקען האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, זי האָט זיך אָנ־געכאַפּט ביים בענקל און שווער אַנידערגעפאַלן.

— אהאַ! — האָט די קראַנקן־שוועסטער צופרידן אַריינגעלאַכט אין טרייבל און סודותפול צוגעגעבן: איך פאַרשטיי... צום ווידערזען... זאָפאָרט! דאַנקע...

זי האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל און האָט אַ זאָג געטון צו פרומקען:

— דו ביסט פערהאַפטעט! אַנו, רוק זיך אָפּ פון דאַנען און אַ שלעפּ געטון דעם שטול ווייזנדיק איר אַן אָרט אויפן דיל.

פרומקע האָט זיך אויסגעצויגן אין ווינקל אויפן דיל, איינגעקור־טשעט אין זיך, ווי געוואָלט אויסבאַהאַלטן זיך פאַר אַלעמענס בליקן. אין מח האָבן זיך געפּלאָנטערט איינצלנע ווערטער: שטוטהאָף... געשטאַ־פּאָ... פערהאַפטעט...

פּלוצים האָט פון איר האַלדז זיך אַרויסגעריסן אַ מוראַדיקער קוויטש, דאָס פּנים איז שוואַרץ געוואָרן, אַ ספּאַזם האָט אַרומגענומען איר קערפּער.

— היסטעריע — האָט קאַלט פעסטגעשטעלט אַ דאָקטאָר. עמעצער האָט אויף איר אַ שפּריץ געטון אַ ביסל קאַלט וואַסער. אַ שוועסטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַריינגעלייגט אין מויל אַ פּיל. באַלד האָבן זיך אַלע גענומען צו זייער אַרבעט.

אין שטיבל האָט זיך אַריינגעפּאַקט אַ גרופּע פּליטים. די שוועס־טערס האָבן לויט דער ריי יעדן איבערגעבונדן די אָפּגעפרוירענע הענט און פיס. שטיל, ווי צו זיך האָבן זיי נאָך אַלץ געברומט:

— אַזאַ פּרעכהייט! אַ יידין האָט דאָ היינט געגעכטיקט... מען קען גאָרנישט פון זיי פּטור ווערן!

— יאָ, די זינד נישט דום... האָבן די פּליטים צוגעשמייכלט. די טיר האָט מיטאַמאָל אויפגעריסן אַ גרופּע פּליטים.

אַ דייטשקע אין אַ טייערן פּעלץ מיט אַ טשעמאָדאַן אין דער האַנט האָט פון דער שוועל זיך צעשריגן: — איך מוז באַקומען אַ שיין קיין בערלין, דאָרט איז מיין איינציקע טאָכטער געבליבן! שוין דריי יאָר איז מיין מאַן אויפן פראָנט... און איך קען אפילו קיין שיין נישט באַקומען!

— מיר האָבן קיין פאַרבינדונג! די קאָמוניקאַציע איז איבערגע־ריסן! איר זייט ערלעדיקט!... ביטע פאַרלאָזן — האָט געענטפערט די קראַנקן־שוועסטער צוריקשטויסנדיק די דייטשקע צו דער טיר.

...איך מוז נאָך האַמבורג, איך האָב דאָרט אַלץ געלאָזן — האָט הייזעריק געשריגן אַ יונג ווייבל,—וואָס פאַראַ אָרדענונג איז דאָ ביי אייך? וואָס מיינט איר זיך, אַז איך וועל אייך שווייגן? דאָרט איז מיין פאַר־מעגן, מיין בלוט! איך מוז צוריק!

— איר מוזט קיין זאַך נישט! עס איז אַ מלחמה, דער פיינד איז הינטער דאַנציג. מיר מוזן איבערוואַרטן ביז אונדזערע וועלן זיי צוריק־שטויסן...

— איר קענט הייסן וואַרטן — האָט זיך צעוויינט אַן עלטערע דייטשקע, — שוין דריי וואָכן וואַלגער איך זיך אויף די פּאַטעלן! איר וועט מיך דאָס מאָל נישט אָפּפּאַטערן! מיינע אַלע זין זיינען אויפן פראָנט!

דאָס צימערל איז געוואָרן פול געפּאַקט מיט מענטשן, אַלע האָבן געשריגן, געבעטן, געוויינט.

פרומקען אויף דער ערד האָט קיינער נישט געזען. אַרום איר האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט, געשטויסן זיך, געקריגט. פלוצים האָט דעם לאַרם צעריסן אַ פיינלעכער ווײ־אויסגעשריי, ווי עמעצער וואָלט זיך גע־שטיקט. אויף אַ רגע איז שטיל געוואָרן, די אינטערעסאַנטן האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און מיטאַמאָל דערזען אַ מיידל קאָרטשען זיך אין ווייטיק אויף דער ערד.

אויף פרומקעס אָפּגעפרוירענע פיס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ סאָלדאַט אין הויכע שטיוול. פאַר ווייטיק האָט זיך פרומקע אויסגעדרייט אין צווייען, פאַרגאַנגען אין געוויין.

— וואָס פאַראַ טעאַטער מאַכסטו דאָרט? — האָט די קראַנקן־שוועסטער מיטן ווייסן פּנימל פון אַ מלאכל אויסגעשריגן, ווען זי האָט אָבער דערזען, אַז פרומקע ליגט ווייטער אָן סימן פון לעבן, איז זי צו איר צוגעגאַנגען ברומענדיק בייז:

— ווייז נאָר דיינע פיס, איך וועל אַ קוק טון אויף זיי... איבערבינדן...

מיט אַ פּינצעטע האָט זי אַראָפּגעריסן די וואַליקעס פון פרומקעס פיס צוזאַמען מיט דער הויט פון די ווונדן און מיט אַ שטיקל טרוקענע מאַרלע גענומען בינדן די אייטערדיקע בלאָזן.

...אַ ביסעלע זאַלבע... איך... איך.. האָט פרומקע אַ צעחושטע געשטאַמלט.

— שווייג! — האָט די קראַנקן־שוועסטער אויסגעשריגן מיט אַ צעקרימטן פון עקל פּנים. — פאַר אונדזערע קראַנקע פעלן אויס מעדיקאַמענטן... זיי צופרידן, אַז איך לאָז דיך דאָ ליגן... עקלהאַפטע ווערן!

די פּליטים האָבן זיך צו דער טיר אָפּגערוקט, געבליבן שטיין ביי דער שוועל. אין דער קאַנצעלאַריע האָבן זיך אַלע געזעצט צום פרישטיק. מיט אַ פול געפראָפּט מויל האָט זיך אַ קראַנקן־שוועסטער אַראָפּגעבויגן צו פרומקען און ווי קיינמאָל גאָרנישט אַ פרעג געטון:

— אין שטוטהאָף דאַרף זיין אַ שיינע נאַטור... אמת?

— איך ווייס נישט, איך... — האָט פרומקע קוים אַרויסגערעדט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, שווייגנדיק געבליבן ליגן. דאָס האַנטוך פון איר קאָפּ האָט זיך אַראָפּגערוקט און פרומקע איז געבליבן ליגן מיטן גאָלן קאָפּ.

אַלע האָבן זיך מיט עקל אָפּגערוקט בייז ברומענדיק:

— אַ נישט נאָרמאַלע... ענטזעצליך... מען קען נישט עסן!

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט, פון דער שוועל האָט אַ פּאָסטן זיך העפלעך פאַרנייגט און גוטמוטיק געפרעגט:

— דאָ געפינט זיך אַן אַנטלאָפענע פון לאַגער?

— ביטע... ביטע... — האָבן מיט פרייד אויסגערופן אַלע. — אָט, ליגט זי דאָרט...

דער פּאָסטן האָט זיך פאַרקוקט אין ווינקל. דערזעענדיק פּרומקען האָט ער זיך פאַרקרימט, ווי פאַר אַ פאַרזעעניש און שטרענג אַ זאָג געטון:

— אויפשטיין, דו וועסט מיט מיר מיטגיין, פאַרשטאַנען?

פּרומקע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן דיל, דעם האַנטוך מיט די פאַרבונדענע הענט געפּרוווט אַרויפרוקן אויפן קאָפּ, גלייך ביידע הענט אַראָפּגעלאָזט און אַ פאַרצווייפלטע אָנגעהויבן שטאַמלען:

— איך קען נישט גיין... שיסט מיך... שיסט!

— דו וועסט שוין קענען! — האָט מיט אַ קוויטש אויסגעשריגן די נאָנע אין ווייסן שירצל אויפן שוואַרצן קלייד. — הייב זיך אויף און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! אָבער זאָפּאַרט!

פּרומקע האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים בענקל און פּאַמעלעך אויפגע־שטעלט פון דיל. מיט אַ ציטערדיקער שטים זיך פאַרטיידיקט: — איך גיי... איך גיי שוין...

— ראוס! — האָט דער זעלנער אַ געשריי געטון און אויפגעמאַכט די טיר.

פּרומקע האָט זיך אויסגעגלייכט און ווי עס וואָלט זי אַ פרעמדע קראַפט געפירט, פּאַמעלעך גענומען רוקן פאַראויס.

אַלע האָבן זיך ווידער צעלאַכט:

— גיין קען זי נישט... יאָ, זי מאַכט עס גוט...

אַזוי ווי דער פּאָסטן איז נאָר אַרויס פון טעאַטער־זאַל, האָט ער אָנגענומען פּרומקען און טיף געריירט, אָנגעהויבן אויסצופרעגן:

— וואָס איז אייך? האָט איר היץ? זענט איר אָפּגעפרוירן, אָדער פאַרוווּנדעט?

— אָפּגעפרוירן.

— אָפּגעפרוירן? — האָט ער איבערגעחזרט פאַרוווּנדערט. — עס איז דאָך היי־יאָר גאָר קיין ווינטער נישט געווען — און אָנגעהויבן זי באַרויִקן:

— האָט קיין מורא נישט, מיר וועלן אייך אויסהיילן, אין דייטש־לאַנד ווערט קיינער נישט פאַרלאָזן!

— איר וועט מיך נישט שיסן? — האָט פרומקע אַ צעטומלטע געפרעגט.

דער פּאָסטן האָט זיך הארציק צעלאַכט:

— וואָס, בין איך דען אַ רויבער? מענטשן וועל איך שיסן! אָט וועל איך דיך צופירן צו דיינע פאָלקסגענאָסע...

שאַרנדיק זיך לעבן די מויערן, האָט פרומע אַ דערשטוינטע אַרומגע־קוקט זיך איבער דער שטאָט.

הייסט, אַז אַלץ איז אַזוי ווי געווען... שוי־פענצטער מיט ווייגען, טאָרטן און פרוכטן — האָט זיך אין איר מוח געפּלאָנטערט. די מאַשינען מיט די טראַמווייען האָבן איר געקרייזלט פאַר די אויגן. פון די מויערן האָבן אַראָפּגעשריגן רעקלאַמעס פון קינאָס, קאָנצערטן...

גייען נאָך אַלץ מענטשן אין קינאָ, האָט זי זיך געוווּנדערט, אויף קאָנצערטן?

פון אַ הויף איז אַרויסגעגאַנגען אַ גרופּע שול־ייִנגלעך. דערזעענדיק פרומקען, האָבן אַלע אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער:

— אָ, קוקט! אַ פאַרריקטע, מיט אַ האַנטוך אויפן קאָפּ, מיט אַ טאָרבע אויפן האַלדז... האַ, האַ, האַ!

פאַר פרומקעס אויגן האָבן זיך אַ דריי געטון די הייזער מיט פולע שויפענצטער, די גאַסן מיט די מענטשן. אירע פיס האָבן זיך ווי איינ־געבראָכן, זי האָט זיך אַ וואַקל געטון.

מיט ביידע הענט האָט זי דער פּאָסטן אָנגעכאַפּט און אַ פאַרלוירענער אַריינגערעדט:

— באַלד וועלן מיר זיך אויפזעצן אויף אַ טראַמוויי... צופאָרן... — ווי ער וואָלט מורא געהאַט, זי זאָל אים אויפן וועג נישט פאַלן, געגנו־מען זי מוסרן:

— איר זענט דאָך נאָך גאָר אַ יונגער מענטש... ווי קען מען דאָס אַזוי? וואָס זאָלן זאָגן די אויף די פראָנטן?

ער האָט זי כמעט אַריינגעטראָגן אין טראַמוויי, אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט, זי זאָל נישט פאַלן. דער טראַמוויי איז לענגאויס דער שטאָט

געפאָרן, אַרייַנגעדרייט אין דער פאָרשטאָט. פאַר פרומקעס אויגן זענען אַדורכגעפלויגן פולע טאַקסיס מיט מיליטער־לייט, שליטנס מיט ציווילע, וועגענער אָנגעלאָדענע מיט פעק, פול געפּאַקט מיט קינדער. עס האָט זיך איר גערדאַכט, אַז הימל, ערד און מענטשן לויפן. פלוצלינג האָט זי דערזען אַ גרופּע מענער אין געשטרייפטע אַנצוגער, איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן שטיינער. אויף אַ דערנעבנדיקן מויער האָט זיך באַוויזן אַן אויפשריפט:

„אַרבייטס־לאַגער פון שטוהאָפער קאָמאַנדאָ".

— איך האָב אַ יידין געבראַכט — האָט דער פּאָסטן געמאָלדן דעם וועכטער, וואָס איז אַרומגעגאַנגען לענגאויס דער מויער.

— ביטע אין דער קאָמענדאַנטור — האָט פרייַנטלעך אָפּגעענטפערט דער וועכטער און ווייטער שפּאַצירט אַרום מויער.

אין צימערל פון דער קאָמענדאַנטור, אַרום דעם שרייבטיש, זענען געזעסן יונגע דייטשע אָפיצירן, גערויכערט ציגאַרעטן, מיט פאַרזאָרגטע פּנימער געסודעט זיך. אויסהערנדיק די מעלדונג, האָט איינער פון זיי גלייכגילטיק אַ ברום געטון:

— באַראַק 10...

— צום באַפעל!

פרומקע איז אַרייַנגעפירט געוואָרן אין איינעם פון די באַראַקן פון דאַנציגער קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אַכטונג, ווירדעקייט און דיסציפּלין

דער בלאָק־פירער בראַנעק, אַ נידעריקער, פּערציקיעריקער מאַן, אַן אַרבעטער פון שלעזיע, האָט אין די לאַגערן געלעבט זינט אַכט יאָר. מיטגעמאַכט אַלע קראַנקייטן און דערנידערונגען, מיט וועלכע די הענקער פון פעלקער האָבן געוואָלט פאַרפּייניקן און דעמאָראַליזירן יעדן מענטש. אָבער זיין שטאָלענעם כאַראַקטער און שטענדיקן גלויבן אין זיג פון דער גערעכטיקייט האָבן זיי נישט באַוויזן צו ברעכן. זיינע אויגן האָבן געזען דאָס, וואָס דער פאַרשטאַנד קען נישט באַנעמען און געבליבן אַזוי קלאָר און העל, ווי ביי אַ קינד. אין משך פון די לאַנגע יאָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט ער זיך נישט בלויז באַקענט און באַפריינדט מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט, נאָר אפילו באַוויזן אַריינצודרינגען אין דער אַדמיניסטראַציע פון לאַגער. די ס. ס.־מענער האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן ברודער און אַן אייגענעם אנשטענדיקן מענטש. דער אָבערשאַרפי־רער פון דאַנציגער קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט אים געגעבן אויסצופירן פאַרשידענע אַרבעטן און נישט פאָרגעשטעלט זיך, אַז ער האָט צו טון מיט אַ בלוטיקן שונא, וועלכער האַלט זיך מיט אַלע כוחות זיינע נאָר דערפאַר, כדי מיט די אייגענע אויגן זען, ווי זיי אַלע ווערן אין קייטן געפירט צום משפּט פון דער וועלט! דער בלאָק־פירער בראַנעק האָט אונטער זיין אויפזיכט געהאַט עטלעכע מענער־באַראַקן אין דעם רעכטן פליגל פון לאַגער און אַ פּאָר פרויען־באַראַקן, נישט ווייט פון דער צוים, וווּ עס זענען געווען די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע.

אין די פרויען־ באַראַקן זענען געווען די אַלע, וואָס זענען בעת דער עוואַקואַציע פון שטוטהאָף פאַרלוירן געוואָרן אין וועג און צו פוס געקור־

מען קיין דאַנציג. די פּאָליציי האָט זיי אויפגעזוכט און באַלד צוריקגע־שיקט אין לאַגער.

בראַנעק האָט געוווּסט, וואָס באַדייט דאָס וואָרט אָשוויענטשים, שטוטהאָף, געטאָ און געטון אַלץ כדי צו פאַרלייכטערן די פרויען דאָס לעבן אין לאַגער.

קיינער האָט אים אין זיין אַרבעט נישט קאָנטראָלירט. אין די ערשטע וואָכן פון זיין אויפזיכט איבער די יידישע פרויען האָט ער זיי צו די אַפּעלן נישט געוועקט אפילו. יעדן טאָג, ניין אַזייגער, האָט ער געקלאַפּט אין דער טיר פון פרויען־באַראַק אריינשרייענדיק:

— ווי לאַנג וועט איר אַזוי שלאָפן, צו אלדי רוחות! גיכער מאַכט אויף די טיר!

ער האָט געציילט די מיידלעך גייענדיק פון איין נאַרע צו דער צוויי־טער און מיט אַ חוזק־שמייכעלע אויסגעפרעגט:

— נו, זייט זיך מודה, ווער פון אייך איז אַנטלאָפן, ווער האָט זיך אויסבאַהאַלטן? „מיר" וועלן זי סיי ווי סיי געפינען...

— קיינער, הער בלאָק־פירער — האָבן פאַרזיכערט די מיידלעך — מיר אַלע זענען דאָ. ציילט איבער!

— אויב איר זענט אַזוי אַנשטענדיק, וועט איר באַלד באַקומען הייסע קאַווע. זאָגט מיר נאָר, ווי האָבן אייך געשמעקט די נעכטיקע זופּן?— האָט ער ווייטער אויסגעפרעגט אַ צופרידענער פון זיין שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטון אין דער קיך.

— מיר זענען שוין לאַנג נישט געווען אַזוי זאַט! — האָבן אַלע צו־זאַמען אויסגערופן. — פון לאַנג פאַרגעסן די צייט.

— איינע זאָל רעדן! בין איך אַ בלאָק־פירער אָדער קיין בלאָק־פירער? איר האָט קיין דרך ארץ פאַר מיר, האָט גוטמוטיק ווייטער געצויגן בראָנעק, איר געדענקט וואָס דער אָבערשאַרפירער פאָדערט פון אייך?

— אכטונג, זויבערקייט און דיסציפּלין! — האָבן אַלע צוזאַמען גע־ענטפערט און אַרויס מיט אַ געלעכטער.

— מיידלעך, די „אַכטונג" בין איך אייך מוחל, נאָר די זויבער־קייט זאָלט איר היטן. באַלד וועט קומען אונדזער בעסטער „פריינט" אויף אַן אינספּעקציע. איר ווייסט דאָך — קיין בעזים צו קערן גיט ער נישט,

נאָר באַלד וועט ער זידלען, אז אַלע יידן זענען שמוציקע חזירים. דאָס האַלץ באַהאַלט אין די ווינקלען... ווען איך וועל צוריקקומען אין א שעה אַרום, זאָל דאָ שמעקן, ווי אין א וויינגאָרטן! פאַרשטאַנען?

— הער בלאָק־פּירער, גייט נישט אַוועק — האָט זיך געבעטן קלאַרי, דאָס מיידל פון אונגאַרן. דערציילט אונדז עפּעס נייעס, מיר וויסן גאָר נישט וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט!

...שלעכט, מיידלעך — האָט בראָנעק סודותפול געזאָגט מיט א באַהאַלטענעם שמייכל. דער שונא איז גאָר נאָענט... און ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד, אָפּגעהאַקט, פאַררויכערט א ציגאַרעט און צו צו דער טיר.

— הער בלאָק־פירער, איר וועט אונדז היינט דעם אויוון נישט איינהייצן? — האָט אַ מיידל מיט אַ פאַרצויגענער שטימע געפרעגט פון א נארע.

— וואָס זאָל איך מיט אייך טון? — האָט בראַנעק אַ מאַך געטון מיט אַ האַנט. נו, גוט. איך וועל פייער מאַכן — האָט ער זיי נאָכגעגעבן, נאָר איך וועל זען, וועלכע פון אייך וועט נאָך דער מלחמה מיט מיר חתונה האָבן?

— מיר אַלע! — האָבן די מיידלעך אויסגערופן. — זאָלן אונדז נאָר די האָר צוריקוואַקסן!

— אויב אַזוי וועט דער אויוון פּלאַצן! — האָט זיך צעלאַכט בראַנעק און גלייך זיך גענומען צום האָלץ האַקן. צוויי פּוילישע שוואַרץ־אַרבעטער האָבן אַריינגעבראַכט אַ קעסל קאַווע. די מיידלעך זענען אַראָפּ פון די נאַרעס, פאַרטיילט די קאַווע און זיך גענומען צום פרישטיק.

דאָס אייוועלע האָט זיך רויט צעגליט, מיט א וואַרעמקייט אָנגעפילט דעם באַראַק. אומעטיק האָבן זיך די אַרבעטער געזעצט דערנעבן אויף אַ באַנק, געשוויגן.

— איי, איי, וואָס פאַרא מענער איר זענט... — האָט בראַנעק אָנגעהויבן פון זיי אָפּצולאַכן, — אַ קעסעלע קאַווע געבראַכט און זיך צום טויט פאַרמאַטערט! באַלד האָט ער שטיל, ווי צו זיך א זאָג געטון:

— חברה, אונדזער בעסטער חבר גייט...

די אַרבעטער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער, צוזאַמען מיט זיי איז אַרויסגעגאַנגען בראַנעק.

די מיידלעך האָבן אויפגעמאַכט די פענצטער, צוגערעקט די שטרוי־זעק מיט די דעקעס, אויסגעווישט דעם דיל און צוריקגעלייגט זיך אויף די נאַרעס.

מיטאָג־צייט איז אין דער שטוב אַריינגעקומען דער אָבערשאַרפירער, אַ דרייסיקיעריקער, פעסט געבויטער מאַן, אין אַ גרינעם לעדערנעם מאַנטל, מיט גלאַנציקע שטיוועלעך אויף די פיס.

— אַכטונג! — האָט אויסגעשריגן דער בלאָק־פירער בראַנעק.

אַלע מיידלעך האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די נאַרעס, געשוויגן

דער אָבערשאַרפירער האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט איבערן באַראַק און מיט פאַראַכטונג געפרעגט:

— איר ליגט אויף די נאַרעס גאַנצע טעג?

— מיר האָבן נישט וואָס צו טון — האָט זיך נישט דרייסט אָנגערופן קלאַרי און באַלד אָפּגעהאַקט.

— וואָס פאַרא פאָלק זענט איר, וואָס פאַרא מענטשן? איר האָט קיין קולטור, גאָרנישט — האָט זיך צעשריגן דער אָבערשאַרפירער. קיין אונטערהאַלטונג, ווי צווישן מענטשן, איז אַפילו ביי אייך נישטאָ. איר האָט גליק, אַז איר זענט צו מיר אַריינגעפאַלן, קיין אַנדערער וואָלט אַזאַ אידיאָטן־באַנדע נישט אויסגעהאַלטן!

דערזעענדיק ביי איינער פון די מיידלעך אַרומגעבונדענע פיס, האָט ער מיט חוזק אַ פרעג געטון:

— אויף וועלכן פראָנט האָסטו די פיס פאַרוווּנדעט?

— איך בין קראַנק, אָפּגעפרוירן... — האָט דאָס מיידל אַ דערשראָקענע גענומען זיך פאַרטיידיקן.

— אָפּגעפרוירן געוואָרן אין בעט? האַ, האַ, האַ! — האָט זיך הילכיק צעלאַכט דער אָבערשאַרפירער.

— אין דייטשלאַנד זענען נישטאָ קיין קראַנקע — האָט גיך אָפּגעענטפערט בראַנעק און מיט דער פּלייצע פאַרשטעלט דאָס אָפּגעפרוירענע מיידל. ביסט געזונט, פאַרשטאַנען?

— ריכטיק — האָט אַ צופרידענער אַ שמייכל געטון דער אָבער־שאַרפירער און שטרענג באַפוילן:

— דו זאָלסט דאָס ווייבער־פאָלק פעסט האַלטן, עס גייט זיי דאָ פיל צו גוט!

— צום באַפעל! — האָט בראַנעק אויסגעשריגן און אויסגעצויגן זיך ווי אַ סטרונע.

די מיידלעך האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען דער אָבערשאַר־פירער האָט אויפגעפּראַלט די טיר און זיך אָפּגעטראָגן.

— איצטער קען מען ווייטער שלאָפן — האָט יעדע ביי זיך גע־טראַכט און זיך פאַרדעקט מיט דער דעקע איבערן קאָפּ אַריבער.

—קיין קולטור האָבן מיר נישט! — האָט בעזשי אַן אויפגערעגטע נאָכגעשפּעט דעם אָבערשאַרפירער — איך וואָלט געוואָלט זען, וואָס פאַרא אונטערהאַלטונג עס וואָלט ביי אים געווען, ווען מען וואָלט אים אַזוי געטריבן פון לאַגער אין לאַגער!

...און אפשר וועל איך נאָך זען — האָט זי זיך אַליין גענומען באַ־רואיקן. זי איז אַראָפּגעקראָכן פון דער נאַרע, אָפּגעוואַשן און אויסגע־געקעמט די קורצע הערעלעך, איבערגעקוקט זיך אין עמער וואַסער און אַרויס צו דער צוים, וווּ ס'זענען געווען די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנ־גענע.

אויף דער צוים איז געהאַנגען אַ טאָוול מיט אַן אויפשריפט: „דאָס דערנענטערן זיך צו די קריגס־געפאַנגענע איז שטרענג פאַרבאָטן! יעדע אונטערהאַלטונג באַשטראָפט מיט טויט!"

אַ דייטשער פּאָסטן האָט שפּאַצירט לענגאויס דער צוים, געהיט. בעזשי האָט זיך געשטעלט אין דער טיר פון באַראַק און זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט.

אין פענצטער פון די מענער־באַראַקן האָט זיך געוויזן אַ שאָטן און פאַרשוווּנדן.

בעזשי איז אַרויס פון באַראַק, פּאַמעלעך אָנגעהויבן זיך רוקן פאָר אויס.

פון דער טיר פון מענער־באַראַק האָט עמיצער אויפגעהויבן אַ האַנט, געוויזן דריי פינגער. בעזשי האָט מיטן קאָפּ קוים באַמערקבאַר אַ שאָקל

געטון און צוריקגעקערט זיך אין באַראַק. מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט פון דערווייטנס אַ מיידל מיט אַ האַנטוך אויפן קאָפּ, מיט אַ טאַרבע אויפן האַלדז, פּאַמעלעך זיך שלעפּן איבער דער לאַגער־גאַס. — מסתמא אַ פאַרלוירענע פון וועג — האָט זי אַ טראַכט געטון און צוגעאײַלט די טריט.

— אין אונדזער באַראַק גייסטו, פון וואַנען קומסטו — האָט בעזשי אָנגעהויבן אויסצופרעגן.

— אין באַראַק 10... פון שטוטהאָף קום איך — האָט פרומקע שוואַך אָפּגעענטפערט.

— אַזוי! — האָט בעזשי אַן איבערראַשטע אויסגעשריגן, — זענען דאָרט נאָך מענטשן פאַראַנען? איך בין אַרויסגעגאַנגען אין ערשטן טאָג פון דער עוואַקואַציע, צוזאַמען מיט די פּאַלקעס... אין שפּיטאָל איז מײַן מאַמע געבליבן... וואָס איז געוואָרן מיט אַלע קראַנקע?... און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, ווייטער אויסגעפרעגט: וואָס רעדט מען וועגן דער מלחמה? ווו געפינט זיך דער פראָנט?

...די דײַטשן אַנטלויפן פון זייערע שטעט... שוין נישט לאַנג! — האָט פרומקע שטיל איבערגעגעבן.

— גלויבסטו טאַקע אין דעם? — האָט בעזשי אַן אויפגעציטערטע אויסגעשריגן, — אָנגענומען פרומקען אונטערן אָרעם און געהאָלפן איר אַרײַנגיין אין באַראַק.

ווען די מיידלעך האָבן אין באַראַק דערזען אַ „נייע", זענען זיי אַלע אַראָפּ פון די נאַרעס, באַשאָטן זי מיט פראַגן:

— ביסט געווען אין דאַנציג?

— וואָס רעדט מען אין דער שטאָט?

— וואָס מיינען זיי צו טון מיט די לאַגערן?

— וואָס וועט ווערן מיט די יידן?

— כ'ווייס נישט... קיין זאַך ווייס איך נישט — האָט פרומקע קוים אַרויסגערעדט. — אויב זיי וועלן אונדז ווייטער נישט טרייבן, וועלן מיר אפשר איבערלעבן...

די מיידלעך האָבן זי אויסגעטון. איינע האָט איר דערלאַנגט אַ זופּ,

אָנגעקאָרמעט, אַ צווייטע — אָנגעוואַרעמט אַן עמער וואַסער, ארומגע־וואַשן אירע ווונדן.

ווי פּרומקע איז געווען פאַרמאַטערט און שוואַך, האָט זי אַ פרייד־לעבקייט אַרומגענומען, דערפילט זיך ווי צווישן נאָענטע, אייגענע.

ווען בראַנעק איז אין באַראַק אַריינגעקומען און דערוווסט זיך, אַז עס איז אָנגעקומען עמיצער פון שטוטהאָף, איז ער צו צו איר נאָרע און אַ פאַרזאָרגטער אָנגעהויבן אויספרעגן:

— פון שטוטהאָף קומסטו, דערמאַן זיך נאָר, צי האָסטו דאָרט אַמאָל נישט געטראָפן אַ מיידל מיטן נאָמען זאָכע... אַ הויכע, אַ שיינע, מיט בלאָנדע האָר...

— זאָכע? — האָט פּרומקע איבערגעחזרט, — איך קען זי גוט, זי איז די ערגסטע שלעגערין געווען! אַ בלאָק־עלטסטע!

בראַנעק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, אַ כוואַליע בלוט איז אים אָנגעשוווּמען אין פּנים. מיט אַ דערשטיקט קול האָט ער אויסגערופן:

— מיין שוועסטער... אַ שלעגערין? ווי אַזוי? ניין, דאָס איז דאָך נישט מעגלעך — האָט ער זיך געוואָלט פאַרשרייען — איך קען זי דאָך... זי איז שטענדיק געווען אַ גוטע, אַ שטילע... ער איז געבליבן זיצן, ווי דאָס לשון וואָלט אים מיטאַמאָל אָפּגענומען געוואָרן, דערנאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַרויסגעגאַנגען פון באַראַק.

פּרומקען אין דאַנציגער באַראַק האָבן אַלע ליב באַקומען. שעהען־לאַנג איז נעבן איר געזעסן לאַה, די לערערין פון ווילנע, געפּרוּווט אַרויס־צורייסן זי פון יאוש, איבערגעבונדן די ווונדן און געוואַשן די פאַראיי־טערטע שמאַטעס. אָפט האָט זי זיך פאַר פּרומקען פאַרטיידיקט:

— ווען איך וואָלט נישט פאַרלוירן מיין שוועסטער אין וועג, וואָלט איך זיך מיט דיר מער פאַרנומען, אָפּגעהיט, נאָר איך אַליין בין צו־זאַמענגעבראָכן... פאַרשטייסט — אַ שוועסטער! אַ מיידל פון צוואַנציק יאָר... אויף מיינע אויגן האָבן זי די ס. ס. דערשאָסן.

די אונגאַרישע מיידלעך זענען אויף איר נאָרע גאַנצע טעג געזעסן, דערציילט פון זייערע היימען, געזונגען אונגאַרישע און ציגיינער־לידער.

— עס נודעט שוין אויפן האַרץ פון די ציגיינער־לידער — האָבן

אויף זיי געשריגן די קאָוונער מיידלעך — זאָל עמיצער זינגען אַ יידיש ליד!

— אַ יידיש ליד! אַ יידיש... — האָבן די איבעריקע מיידלעך אויפֿגעכאַפּט. דאָס גאַנצע יידישקייט שוין באַלד פאַרגעסן!

פרומקע האָט אַ ווײַלע געטראַכט, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען, און שטיל, ווי פאַר זיך, אָנגעהויבן זינגען דאָס שוין פון לאַנג געהערטע ליד פון די ליטווישע פּאַרטיזאַנען.

„זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלײַענע פאַרשטעלן העלע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טון אונדזער טראָט, מיר זענען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד, ביזן לאַנד פון ווייסן שניי,
מיר זענען דאָ מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און ווו געפאַלן איז אַ שפּראָץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט!

ס׳וועט די מאָרגן־זון פאַרגילדן אונדז דעם היינט,
אונדזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט!
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון אין דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור, צו דור!

פאַרשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און מיט בליי,
ס׳איז נישט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי,
נאָר ס׳האָט אַ פאָלק צווישן קרישלדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט!

נאָר קיינמאָל זאָג נישט, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג
הימלען בלײַענע פאַרשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טון אונדזער טראָט מיר זענען דאָ!״

די אונגארישע פרויען האָבן שטילשווייגנדיק זיך צוגעהערט צום ליד און ווען פרומקע האָט אויפגעהערט צו זינגען, אָנגעהויבן צו בעטן:

— פאַרטייטש אונדז די ווערטער... וואָר פאַר א ליד איז דאָס געווען?

— מ'דארף נישט! האָבן זיך צעשריגן די קאָוונער מיידלעך, — אויב די גאַנצע צייט אין לאַגער האָט איר נישט געוואָלט זיך אויסלערנען יידיש רעדן, גייט זיך אַ היים אזוי ווי איר זענט דאָ געקומען!

— איר מאכט קיינעם נישט גליקלעך מיט די יידישע לידער, איר זענט סיי ווי סיי נישט קיין יידן! — האָט אראָפּגעשריגן א מיידל פון אַ נארע. — נאָר מיר, די אונגארישע יידן, האָבן אויפגעהאלטן דאָס יידישקייט! ביי אונדז גלייבן אלע אין גאָט און היטן אָפּ אלע יום־טובים...

— —...און איך זאָג אייך, אז די אמתע יידן זענען נאָר ביי אונדז אין בעלכאטאָוו — האָט ארייגעוואָרפן אַ צווייט מיידל. — ביי אונדז זענען דאָ יידישע שולן און ביבליאָטעקן, ס'קומען צו פאָרן יידישע אר־טיסטן שפילן טעאטער... ס'גאנצע שטעטל רעדט יידיש, אפילו דאָקטוי־רים און אַדוואָקאטן!

... גלויבט מיר, אז די ריכטיקע יידן זענען נאָר ביי אונדז אין שאוול. ביי אונדז איז דאָ א יידישע און העברעאישע גימנאזיע, די גאנצע יוגנט רעדט יידיש און העברעאיש, עס קומען צו אונדז שרייבער אויף פאָר־לעזונגען... און ווען עס איז שבת, ברענען די ליכט אין אלע גאסן! — האָט היים אלע איבערצייגט דאָס מיידל פון שאוולער דראמקרייז.

— און וואָס האָט איר דערפון? — האָט טרוקן געפרעגט די פרוי פון טשעכיע. — ווען אונדזערע עלטערן וואָלטן זיך אסימילירט, וואָלטן מיר אין לאַגער נישט געקומען, נישט געליטן אזוי פיל! אויב איך וועל איבערלעבן די קריג, וועל איך חתונה האָבן מיט אַ כינעזער, אָדער א טאָטער, אבי נישט ברענגען מער קיין יידישע קינדער אויף דער וועלט.

— איבער אַזעלכע ווי איר ליידן מיר! — האָבן זיך צעשריגן די רומענישע פרויען, — איבער אייערע זינד זענען מיר אין לאַגער געקו־מען! נאָר אדאנק די מעשים טובים פון די רומענישע יידן, וועלן אלע יידן פון דער וועלט אויסגעלייזט ווערן!

— מיט אייך קען מען נישט רעדן, איר זענט אָפּגעשטאַנענע מענטשן, פאַנאַטיקער! איך שעם זיך, אַז איר זענט יידן, אַז מיר זענען פון איין געמיינשאַפט — איז אויף זיי אַרויס די פרוי פון טשעכיע. — ביי אונדז איז יעדער ייד אַן אייראָפּעער, קען עטלעכע שפּראַכן, ליטע־ראַטור, פאַרשטייט זיך אויף מוזיק און קונסט... און איר קענט דאָך נישט מער ווי תהילים זאָגן!

אַלע מיידלעך האָבן גענומען זידלען די טשעכישע פרוי. אין באַראַק איז געוואָרן אַזאַ טומל, אַז דער פּאָסטן האָט מיט דער קאָלבע אַריינ־געקלאַפּט אין די ווענט. די מיידלעך האָבן זיך דערשראָקן, באַהאַלטן אונ־טער די דעקעס, שטילשווייגנדיק געבליבן ליגן.

פרומקע האָט אַ וואָך געקוועלט. אָפּגעטעמפּט נאָכן שווערן וועג, בים־לעכווייז זיך באַרואיקט. אין באַראַק איז געווען אַ שטימונג פול מיט האָפענונג. אַלע האָבן געלעבט אין דערוואַרטונג פון גרויסע געשעענישן, פון שלום, פון באַפרייאונג.

ביז אין איינעם אַ טאָג איז אָנגעקומען אַ נייע גרופּע פרויען פון די ליקווידירטע לאַגערס אין פּראַוסט און ציפּלאַו און פאַרוואַנדלט דעם באַראַק אין אַ גיהנום. דאָס זענען געווען די לעצטע פרויען פון ליטע, אונגאַרן און רומעניע.

זיי אַלע זענען געקומען אָפּגעפרוירענע, מיט אָפענע, אייטערדיקע ווונדן. צוויי וואָכן האָבן זיי די ס. ס. לייט געטריבן איבער דערפער און וועגן. די מערהייט פון טראַנספּאָרט איז געפאַלן אין שניי פאַר הונגער און מידקייט. אין די שטאַלן און שייערן, ווו זיי האָבן גענעכטיקט, זע־נען זיי פאַרלייזיקט און קרעציק געוואָרן — דעם באַראַק פאַראומריייניקט, די איבעריקע פרויען אָנגעשטעקט מיט טיפוס און דיזענטעריע.

שוין פון ערשטן טאָג פון זייער אָנקומען איז דער באַראַק נישט צו דערקענען געוואָרן.

די קראַנקע האָבן אָן אויפהער געיאָמערט, געוויינט. די „געזונטע" געשריגן, געקריגט זיך. די נאַרעס זענען פאַרוואָרפן געוואָרן מיט שמו־ציקע קליידער, אַרומגעהאַנגען מיט אייטערדיקע, צעפוילטע שמאַטעס. פון זייערע אָפּגעפרוירענע הענט און פיס. דער דיל אויסגעשטעלט מיט די צעוויייקטע קלומפּערס צום טריקענען זיך.

דאָס עסן האָט מער נישט געניגט פאַר אַלע. די ברויט־נאָרמע איז פאַרקלענערט געוואָרן, די זופּן, וואָס אַמאָל שיטערער. מיטאַמאָל איז אין באַראַק אַזאַ הונגער געוואָרן, אַז איינע האָט ביי דער צווייטער גענומען גנבענען דאָס ברויט.

די געזונטערע מיידלעך האָבן מיט טראַנטעס אַרומגעבונדן די פיס און אַרויס פאַרן באַראַק זוכן אַ ביסל עסן. מיט אויסגעשטרעקטע הענט, שטום בעטנדיק, האָבן זיי זיך געשאַרט נעבן דער צוים, וווּ ס'זענען געווען די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע.

די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע זענען געווען אונטער אַ שטרענגער קאָנטראָל. חדשים לאַנג קיינעם נישט געזען.

די ערשטע גרופּע פרויען, וואָס איז אין לאַגער אָנגעקומען, האָט זיי דערמאָנט אין זייערע שוועסטערס און מאַמעס. זיי האָבן שוין לאַנג קיין פרוי נישט געזען און מיט חידוש באַטראַכט די פאַרטריקנטע האָלב־נאַקעטע געשטאַלטן, פאַרהילטע אין גרויע דעקעס, געבנדיק זיי פאַרשידענע סמנים.

גיך האָבן זיך אַלע פאַרשטאַנען.

די פראַנצויזן האָבן דורך דער צוים אַריבערגעוואָרפן שטיקלעך ברויט, רויע קאַרטאָפל. די מיידלעך האָבן גיריק אויפגעקליבן און פאַרשוונדן.

אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן האָבן זיך אַלע אַזוי צוגעוווינט צום פאַרבאָטענעם געביט, אַז גאַנצע טעג זענען זיי ביים צוים געשטאַנען, אָפּגעוואַרט די רעשטלעך פון יעדן מיטאָג און נאַכטמאָל. אָפטמאָל האָבן זיי די מענער געוואָרנט, זיי זאָלן זיך רואיקער ביים צוים פאַרהאַלטן, איינער האָט דורך בעזשין צוגעשיקט אַ בריוועלע. בעזשי האָט אַלע צוזאַמענגענומען און הויך געלייענט:

— „אומבאַקאַנטע חברטעס! מיר באַגריסן אייך אַלע מיט דעם ווונטש פון גיכער באַפרייאונג! מיר באַטראַכטן אייך פון דערווייטנס און ליידן צוזאַמען מיט אייך. מיר פאַרשטייען אייער לאַגע און ווילן אייך העלפן. מיר מוזן אָבער אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אייער נישט פאָרזיכטיקייט ביי דער צוים קאָן ברענגען קעגנזייטיקע קרבנות. עס וואָלט ריכטיקער געווען, איר זאָלט יעדן פאַרנאַכט אַרויסשיקן איינע פון

אייך, זי זאָל אַלץ צוזאַמענגעמען און צווישן אייך פאַרטיילן. זייט מוטיק און גלייבט אין בעסערן מאָרגן! אייערע חברים.״

די מיידלעך האָבן אויסגעהערט דאָס בריוול און נישט געוואָלט אפילו הערן פון אַזאַ מין פאָרשלאָג. ווען בעזשי האָט נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— ווי מיינט איר, וועמען דאַרפן מיר צושיקן נאָך דעם ברויט מיט די זופּן?

האָבן זיך אַלע צעשריגן:

— מיר דאַרפן נישט קיין כּלל־טוערס! מיר קענען זיי שוין צו־גוט!

— אָבער אַזוי קען עס נישט בלייבן, מיר דאַרפן אויסוויילן אַ דע־לעגאַטקע — האָט בעזשי געפּרוווט זיי איבערצייגן.

— מיר דאַרפן נישט קיין דעלעגאַטן, מיר האָבן שוין גענוג זייער פיינקייט!...

— אמבעסטן וועט זיין, ווען יעדע וועט פאַר זיך אַרויסגיין און איינע וועט היטן די אָרדנונג ביי דער טיר. מיר גייען לויט דער ריי פון די נאַרעס — האָט פאָרגעלייגט די טשעכישע פרוי.

— די וואָס וועט זיך נישט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס, דאַרף מען צונעמען דאָס ברויט, אָפּגעבן פאַר אַ קראַנקע! — האָט געשריגן אַן אַנ־דערע — זיי וועלן אונדז אַלע איבער דעם ביסל זופּ אויסשיסן!

— מיר וועלן אָנהייבן פון דער לינקער נאַרע — האָט ווייטער גע־צויגן די טשעכישע פרוי.

— פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון רעדער. דורכן פענצ־טער האָבן די מיידלעך דערזען אַ וואָגן. אין דער ריכטונג פון פּרוויען־באַראַק האָט עמיצער אַריבערגעוואָרפן מייערן.

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר. ביי דער צוים גענומען זיך שטויסן און פּאַקן, אַוועקטרייבן די שוואַכערע. איינציקע זענען געפאַלן מיט די פּנימער אויף די דראָטן, צעקאַלעטשעט זיך, צעבלוטיקט.

אויף דעם טומל איז אָנגעקומען אַ בליץ־מיידל.

אַלע זענען זיך צעלאָפן, צוריק אַריין אין באַראַק. אַרויפגעקראָכן אויף די נאַרעס, אין שטרוי־זעק באַהאַלטן די מייערן, אַריבערגעדעקט איבערן קאָפּ אַריבער מיט די דעקעס, מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם געלעגן, געוואַרט.

דאָס בליץ־מיידל איז נישט געקומען, זי איז אַריין ווענן דעם מעלדן דעם אבערשאַרפירער.

אויף דער שוועל פון באַראַק האָט זיך באַוויזן בראַנעק.

— כ'וויים נישט, מיט וואָס פאַרא רייד זאָל איך צו אייך רעדן — האָט ער אָנגעהויבן אַן אויפגערעגטער. — איר זוכט צרות פאַר זיך און פאַר מיר! נישט איינמאָל האָב איך אייך געזאָגט, אַז ווער עס קען זיך ביי דער צוים אויסהעלפן, דאַרף עס אויסנוצן... נאָר אַלץ מוז מען טון מיט שכל... איך דאַרף אייך נישט לערנען... געדענקט אָבער, אַז מיט די פּראַנצוויזן איז אַן ערנסטער ענין, מ'קען גיין אויפן שטריק!

אַלע האָט אויף די ווערטער אַ קעלט אַרומגענומען.

— אַמבעסטן וועט זיין, ווען איר וועט פאַרשליסן דעם באַראַק — האָט ציטערדיק אַריינגעוואָרפן אַן עלטערע פּרוי, — מיר דאַרפן איבער קיינעם נישט ליידן!

מיט אימפּעט איז אַריינגעפאַלן די ס. ס. פּרוי און פון דער טיר אויס־געשריגן:

— שטראָף־אַפּעל! אַלע זאָלן גלייך אַרויס! גיכער! דריי שעה וועט איר היינט שטיין! איך וועל אייך שוין אויסלערנען די קאַצעט־דיסצי־פּלין! מיר זענען צו אייך צו גוט!

די מיידלעך האָבן זיך אָנגעהויבן בעטן, וויינען, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אַלע זענען אַרויס אויף דעם שנייאיקן פראָסט און אויסגעשטעלט זיך אין אַ ריי.

אין די צעריסענע קליידער, אַרומגעהילטע אין די דעקעס, אין די נאַסע, צעפּוילטע קלומפּערס, האָבן זיי זיך געטרייסלט פאַר קעלט, נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט.

— רואיק שטיין, איר פאַרפלוכטע באַנדע! — האָבן קאָמאַנדעוועט די ס. ס.־פרויען. — מיר וועלן אייך די פּראַנצוויזן אַרויסקלאַפּן פון קאָפּ!

די פּראַנצויזישע מענער האָבן זיך צוגעקוקט פון זייער צוים צום שטראָף־אַפּעל, נישט געגלייבט זייערע אייגענע אויגן. געגעבן זיי מיט די פינגער סמנים, געוויזן געבײַלטע פויסטן.

עס זענען אַדורך דריי שעה.

די מיידלעך זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער ריי. זייערע קעפּ

זענען נידעריק אַראָפּגעפאַלן, די אויגן פאַרשלאָסן, ווי זיי וואָלטן אין שטיין פאַרגליווערט געוואָרן.

ווען די ס. ס.־פרויען האָבן געגעבן דעם באַפעל צום פונאַנדערגיין זיך, האָט זיך קיינע פון זיי נישט געקענט רירן פון אָרט, ווי זיי אַלע וואָלטן אין דער ערד אַריינגעוואַקסן.

צו דער צוים זענען צוגעלאָפן די מענער, אויף דייטש גיך אַריבער־געשריגן:

— זאָרגט זיך נישט... שוין געציילטע טעג... האַלט זיך!

איינער פון זיי האָט צוגערופן די קליינע אונגאַרקע קלאַרי און גע־פרעגט אויף פראַנצויזיש:

— ווו האָסטו דיינע שיך?

קלאַרי האָט נישט פאַרשטאַנען.

דער אָפיציר האָט אָנגעוויזן אויף אירע פיס.

— איך האָב קיינע — האָט קלאַרי געענטפערט און אויף אונגאַ־ריש זיך אָנגעהויבן פאַר אים באַקלאָגן.

דער אָפיציר האָט געוויזן פיר פינגער און קלאַרים פּנים האָט זיך מיטאַמאָל ליכטיק אָנגעצונדן, זי האָט צו אים אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און פאַמעלעך צוריק אַריין אין באַראַק.

פיר אַזייגער, ווען זי איז אַרויס צום צוים, האָט זי דערזען אין שניי אַ פּאָר שיך מיט שקאַרפּעטן... פון קעגנאיבערדיקן באַראַק, פון דער טיר, האָט אַ מאַן אַ פּאָכע געטון מיט דער האַנט.

קלאַרי האָט פאַרשטאַנען, באַהאַלטן די שיך אונטער דער דעקע און אַנטלאָפן.

דעם צווייטן טאָג האָט קלאַרי אין די שיך געשטעלט זיך אין דער טיר פון באַראַק און פונדערווייטנס געוויזן די פיס.

דער אָפיציר האָט זיך צעלאַכט אַ צופרידענער מיט איר פרייד. פון דעם טאָג אָן האָט ער זיך מיט קלאַרין פאַרנומען, געטיילט זיך מיט אַלע־מען, וואָס ער האָט נאָר באַקומען.

די פראַנצויזישע מענער האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט צו טיילן מיטן עסן מיט די יידישע מיידלעך, אַז נאָך יעדן מאָלצייט האָבן זיי ביי דער צוים זיי אָפּגעוואַרט.

דער הונגער האָט זיך ביסלעכווייז געשטילט. די קראַנקע נאָכן שווערן וועג האָבן זיך אויסגערוט. דאָס לעבן האָט זיך איינגעשטעלט און עס וואָלט אזוי אפשר געווען ביזן סוף, ווען עס וואָלט נישט אָנגעקומען אַ נייע גרופּע ס. ס. פרויען פון די ליקווידירטע לאַגערן.

זיי האָבן זיך איבערגעיאָגט אין פלייסיקייט. נישט אָראָפּגעלאָזט קיין אויג אויף אַ רגע פון די פרויען. אַ טייל פון זיי האָט זיך פאַרנומען מיט די רוסישע קראַנקע פרויען, וואָס זענען געלעגן אין אַ באַזונדערן באַראַק, אַ טייל מיט די יידישע. צוויי מאָל אין טאָג האָבן זיי געטריבן די מיידלעך צו די „אַפּעלן", שעהענלאַנג זיי מושטרירט ביז חלשות, ביז משוגעת. געפירט אין קאַלטן וואַש־רוים, געהייסן לופטערן די באַ־ראַקן, ביז אַלע זענען קראַנק געוואָרן, נישט געקענט זיך מער פון די נאַרעס אויפהייבן.

דער דאָקטאָר וואָס איז כמעט יעדן טאָג אין באַראַק אריינגעקומען האָט זיי געוואָרנט:

— גערענקט, אַז עס איז בעסער קראַנקערהייט אַרויסגיין צום „אַפּעל", ווי בלייבן ליגן... די גרעסטע געפאַר איז קראַנק זיין...

די פרויען האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, געשוויגן. עס איז אַוועק פון זיי די שרעק פאַרן הונגער, פאַרן טויט. עס איז געבליבן נאָר איין פאַרלאַנג: וואָס לענגער קענען אַזוי ליגן אויף די נאַרעס, נאָר נישט פאַרטריבן ווערן!

די מורא פאַר דער פאַרניכטונג אין דער לעצטער שעה האָט אָן אויפהער געעגבערט די הערצער, אריינגעפרעסן זיך אין מוח. גאַנצע נעכט זענען זיי געלעגן מיט אָפענע אויגן, געטראַכט, געטראַכט... נאָר די טשעכישע פרוי האָט זיך נישט צוזאַמענגעבראָכן, אַלע באַרואיקט.

— שוין אַ מאָנאַט ווי עס איז אַרויס אַ באַפעל נישט שיסן מער! איך ווייס עס גענוי... איר מיינט, אַז זיי האָבן נישט מורא פאַר די אַלע לאַגערן? — האָט זי ווייטער געצויגן, — מיר וועלן זיכער דערלעבן דעם סוף פון דעם קריג און זען, ווי מ'וועט זיי אַלע פירן צום גרינעם טיש! זיי וועלן מוז אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון אַלע פאַרברעכנס און געשאַ־סענע... איר מיינט, אַז דאָס וועט זיי אַזוי גלאַטיק אַדורכגיין? אין די

זעלבע לאַגערן וועלן זיי לעבעדיקערהייט פאַרמויערט ווערן. קיינמאָל די ליכטיקע שיין נישט זען!

— אָבער די וועלכע זענען געשטאָרבן, וועלן נישט אויפשטיין מער — האָבן שוועך געזיפצט די עלטערע פרויען, נישט גלויבנדיק, אַז עס קען נאָך ווען אַנדערש ווערן.

— נישט אין איין לאַגער וועלן זיי אונדז נאָך טרייבן, ווער ווייסט וואָס ס׳גייט נאָך אויף אונדז — האָבן זיי פאַראויסגעזאָגט, ווי זיי וואָלטן נייע אומגליקן געפילט.

און דאָס אומגליק איז געקומען, עס איז געקומען אין טאָג, ווען מאַרגאָט האָט איר ברודער דורך דער צוים דערקענט...

מאַרגאָט האָט געשטאַמט פון יוגאָסלאַוויע. דעם ברודער פיר יאָר שוין נישט געזען. שטום האָבן זיי פונדערווייטנס זיך אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט מיט אַ שאָרך דעם טרוים פאַרטרייבן. אויף די הענט זיך געגעבן אַ סימן, ווו צו טרעפן זיך ביינאַכט.

מיט אַ רעפטל ברויט און שטיקל מאַרגארין אין דער טאַש איז ער אַריבערגעשפרונגען איבער דער צוים, אַריין אין אַ ליידיקן באַראַק, ווו מאַרגאָט האָט אויף אים געוואַרט. אָן ווערטער זענען זיי זיך אין די אָרעמס געפאַלן, איינגעקלאַמערט אין זיך.

פלוצים האָט אין באַראַק אַ פינקל געטון אַן עלעקטריש לעמפל און באַלד האָט זיך דערהערט אַן אויפגעבראַכטע שטים:

—וואָס איסט דאַ לאָס? זאָ איינע פרעכהייט!

די ס. ס. פרוי האָט אַרויסגענומען דאָס פייפל און גענומען פייפן מיט אַלע כוחות. מיט איין שפרונג איז דער מאַן אַרויס דורכן פענצטער, פאַרשוווּנדן הינטער דער צוים. עס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַלע ס. ס. פרויען, מאַרגאָטן אַריינגעפירט אין באַראַק. באַלד איז אויך אָנגעקומען דער ראַפּאָרט־פירער.

— אַכטונג! — האָט אויסגערופן בעזשי, וועלכע די פרויען האָבן באַשטימט פאַר אַ שטובן־דינסט.

אַלע זענען אַראָפּ פון די נאַרעס, אויסגעצויגן זיך ווי סטרונעס.

דער ראַפּאָרט־פירער האָט אַ קוק־געטון אויף מאַרגאָטן, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט ס. ס. פרויען און גיפטיק אַ פרעג געטון:

— ווידער ביי דער צוים געווען... ביי די פּראָנצויזן? וואָס?
— איך האָב זי מיט אַ מאַן אין אַ ליידיקן באַראַק געפונען — האָט געמאָלדן די ס. ס. פרוי, סודותפול שמייכלענדיק.
— אהאַ... אין אַ ליידיקן באַראַק — האָט דער ראַפּאָרט־פירער איבערגעחזרט און זיך צעשריגן, — איר וועט אַזוי עס האָבן, ווי איר וועט זיך פאַרדינען! איך האָב נישט מער פון אייך פאַרלאַנגט ווי אָרדע־נונג, דיסציפּלין און זויבערקייט... צעלאָזן אייך.. נאָר איך קען נאָך אַנ־דערש זיין, איך וועל אייך שוין אויסלערנען ווי זיך צו פירן!
— פינפצען שמיץ אויפן הוילן קערפּער! — האָט ער באַפוילן די עלטסטע פון די ס. ס. פרויען און גענומען שלאָגן מאַרגאָטן מיטן רימען איבערן קאָפּ.
מאַרגאָט איז רואיק געשטאַנען, געשוויגן.
— דו שווייגסט, האַ? ווייגן וואָס האָסטו מיטן מאַן גערעדט... קאָנטררעוואָלוציע, האַ? — נאָכאַמאָל איר אַ זעץ געטון איבערן פּנים און אַרויס פון באַראַק.
די פרויען זענען אויפגעציטערט געוואָרן, זייערע הערצער זענען ווי אָפּגעשטאָרבן, מיט צעחושטע אויגן געקוקט אויף מאַרגאָטן, נישט קע־נענדיק באַנעמען, וואָס דאַרף פּאַרקומען.
— אויסטון זיך און לייגן אויף דער באַנק! — האָט באַפוילן די עלטסטע.
מאַרגאָט איז געשטאַנען, נישט גערירט זיך פון אָרט.
— אויסטון זיך... איך לאָז דיך באַלד אַ קאַלטע! — האָט אַ צע־רייצטע איבערגעחזרט די עלטסטע.
— כ'וועל זיך נישט אויסטון... שלאָגט ווי איר ווילט... אַלץ איינס — האָט מאַרגאָט רואיק אָפּגעענטפערט. — איך וויל נישט לעבן מער.
— האָט איר געזען אַזאַ פרעכהייט? — האָט אויסגערופן די עלטסטע צו די איבעריקע ס. ס. פרויען און באַפוילן לאַהן דער לערערקע:
— אויסטון זי!
די לערערקע לאַה איז געשטאַנען, נישט גערירט זיך פון אָרט.
— ווי גאָט איז מיר ליב, איך שטעל זיי אַלע אַרויס אויף אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ שטראָף־אַפּעל! — האָט צו די ס. ס. פרויען געזאָגט די

עלטסטע. — ביי מיר וועלן זיי זיך נישט בונטעווען! נו, איך וואַרט... האָט זי אויסגערעדט צו דער לערערקע.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז צו מאַרגאָטן צוגעגאַנגען לאה, מיט ציטערדיקע הענט גענומען אויפקנעפּלען איר קלייד.

קאַלט און רואיק האָט די עלטסטע געציילט:

— איינס, צוויי, דריי...

אַלע פרויען זענען אַרוים מיט אַ געוויין.

מאַרגאָט האָט געשוויגן.

— פיר, פינף, זעקס...

מאַרגאָט האָט געשוויגן.

ביים צענטן שמיץ האָט זיך פון איר האַלדז אַרויסגעריסן אַ מוראדיקער קוויטש, דער קערפּער האָט זיך אויסגעדרייט אין צווייען, שוואַרץ געוואָרן.

די שלעגערין האָט זיך פאַרמאַטערט. אויפן געשריי אַרויסגעלאָזט דעם רימען פון דער האַנט און אָנגעהויבן זי צו מוסרן:

— צו וואָס האָסטו דאָס באַדאַרפט? איצט וועסטו שוין וויסן ווי אַזוי זיך צו פירן, וואָס?

אין באַראַק איז ווידער אַריין דער ראַפּאָרט־פירער. דאָס מאָל מיט אַ גומענעם בייטשל אין דער האַנט. שלאָגנדיק זי איבערן קאָפּ מיטן בייטשל האָט ער געשריען:

— ווו איז דער מאַן? קום, ווייז מיר אים! כ'וועל אים לערנען מאַכן קאָנטררעוואָלוציע!...

— איך קען אים נישט... כ'ווייס נישט ווער ער איז... — האָט מאַרגאָט געשטאַמלט, פאַרשטעלנדיק מיט די הענט די באַקן.

די ס. ס. פרויען זענען זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער.

— אַ גוטער נומער... זאָ וואָר איך לעב! — האָט כיכיקעט די עלטסטע.

— וועסט אים באַלד דערקענען! — האָט אַ ביל געטון דער ראַפּאָרט־פירער און אַ שליידער געטון מאַרגאָטן צו דער טיר. אַרויסגעשלעפּט פון באַראַק.

— ער וועט זי דערהרגענען, — האָבן געיאָמערט די פרויען און

געבראָכן די הענט. — ווי זי האָט זיך דאָס געהאַלטן... אַפּילו קיין טרער נישט געלאָזט, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט...

אַלע זענען אַרויפגעקראָכן אויף די נאַרעס. אויף זייערע פּנימער האָט זיך געלייגט אַן אַלטקייט פון הונדערטער יאָרן, פאַר די אויגן האָט גענומען שווינדלען, פינצטער געוואָרן.

שפּעט ביינאַכט איז מאַרגאָט צוריקגעקומען. איר צעהרגעט, פאַר־בלוטיקט פּנים האָט אַלע דערציילט, אַז זי האָט דעם מאַן נישט אויס־געגעבן. שווייגנדיק האָט זי זיך געלייגט אויף דער נאַרע, און באַלד זיך אויפגעכאַפּט אויף די פיס. דער גאַנצער קערפּער איז געווען פאַרוווּנדעט, צעוויייטיקט.

די טשעכישע פרוי איז אַרויס נאָך אַ טעפּעלע שניי, געוואָלט איר צולייגן אַ נאַס טיכל, צערייבן די פאַרחלשטע גלידער, נאָר מאַרגאָט האָט נישט געלאָזט.

— מ׳דאַרף נישט, — האָט זי שטיל אַ זאָג געטון און איבערגע־דעקט זיך איבערן קאָפּ אַריבער.

אין דער פרי איז דער באַראַק צום אַפּעל נישט גערופן געוואָרן. בראַנעק האָט זיך נישט געוויזן, די קאַווע איז נישט אַריינגעבראַכט גע־וואָרן. עס איז געשוווּמען אַ שעה נאָך אַ שעה, און אין באַראַק איז קיי־נער נישט אַריינגעקומען. אין אַ בית־עולמדיקער שטילקייט זענען אַלע געלעגן, דערוואַרט אַ נײַ אומגליק.

פּלוצים האָבן זיך דערהערט טריט.

די פרויען איז דער אָטעם אָפּגעשטאָרבן, די אויגן שיער פונעם קאָפּ אַרויס.

אין באַראַק איז אַריינגעקומען דער ראַפּאָרט־פירער, באַפוילן אַלע אויסשטעלן זיך צום טראַנספּאָרט.

ווײַסע בעטן

שווער האָבן אויפֿן שנײַיאיקן וועג געסקריפּעט די רעדער פֿון די פֿול געפּאַקטע וועגעלעך מיט קראַנקע פֿרויען און מיידלעך. עס האָבן זיי נאָכגעשטופּט די פֿאַרטריקנטע אויסגעדאַרטע שוואַרץ־אַרבעטער פֿון לאַגער, פּוילישע מענער. דעם צוג זענען נאָכגעגאַנגען פּאָסטנס באַוואָפֿנטע מיט ביקסן און רעוואָלווערן, אויף קיין רגע נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿון טראַנספּאָרט.

נייגעריק האָבן די מיידלעך אויסגעפֿרעגט:

— ווו פֿאָרן מיר? וואָס וועט איצטער מיט אונדז ווערן?

פֿאַרזיכטיק אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן האָבן די מענער שטיל זיי באַרואיקט:

— איר פֿאָרט אין אַ שפּיטאָל אַריין... קיין בורגראַבען... איר דאַרפֿט זיך גליקלעך פֿילן... און גלייך אָפּגעהאַקט.

די קראַנקע האָבן שוין פֿון לאַנג געהערט דערפֿון, אַז אין שפּיטאָל אין בורגראַבען, ווערן געזאַמלט אַלע קראַנקע פֿון די לאַגערן, דערציילט זיך וועגן דער גוטער דערנערונג און זאָרגפֿעלטיקער באַדינונג.

— הייסט עס, אַז מיר זענען געראַטעוועט! — האָבן אייניקע אויסגערופֿן און הויך אָנגעהויבן טרוימען פֿון ווייסע בעטן, פֿון אַ ריין, וואַרעם צימער.

...אויב זיי זאָרגן זיך אַזוי פֿאַר די קראַנקע, פֿאַרוואָס האָבן זיי אונדז אַרויסגעשיקט אָן אַ ביסן ברויט אין וועג? אַפֿילו די שוואַרצע קאַווע היינט נישט פֿאַרטיילט! ווי הינט אַרויסגעטריבן! — האָבן אַנדערע אומגלויביק געטראַכט. — פֿאָרן מיר באמת אין אַ שפּיטאָל? —

האָבן זיי ציטערדיק איבערגעפּרעגט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט נאָך אַלע אַנטוישונגען ווידער אָפּגענאַרט צו ווערן.

— זייט רואיק, ווער עס האָט דערלעבט צום היינטיקן טאָג — דער בלייבט שוין אויף דער וועלט, — האָבן די מענער מיט אַ פּולבאַ־דייטנדיקן שמייכל געטרייסט און סודותפול צוגעגעבן:

— די נאַכט האָבן מיר געהערט דעטאָנאַציעס, אונדזערע געפינען זיך נישט ווייט פון דאַנען...

— נישט קוואַטשן! — האָבן נאָכגעשריגן די פּאָסטנס, דראָענדיק פונדערווייטנס מיט די ביקסן.

די מיידלעך האָבן זיך דערשראָקן, באַהאַלטן די קעפּ אין די דעקעס, שטילשווייגנדיק געבליבן זיצן, פאַרשעמטע מיט זייער אומבאַהאָלפנקייט. האָבן זיי שטום געקוקט אויף די מענער, ווי זיי וואָלטן זיך געפילט שולדיק, וואָס מען האָט זיי אין די וועגעלעך אַריינגעזוצט.

שטיל, ווי צו זיך, האָט איינע געפּליסטערט:

— מירן געקענט אַביסל צוגיין... אפשר בעטן דעם פּאָסטן, ער זאָל אונדז אַראָפּלאָזן?

עס איז אָבער געווען גענוג איין קוק צו טון אויף די רויטע, אויסגעגעסענע פּנימער, קיינער זאָל דערויף נישט וואַגן.

קלאַרי האָט אירע אָפּגעפּרווירענע פיס אַרומגעבונדן מיט טראַנטעס, אַרומגעהילט זיך מיט דער דעקע, אונטערן קלייד פעסט געהאַלטן דעם טעלער. אַ שיינער אויפטו — האָט זי שקאָציש אַ ווונק געטון צו לאַהן, די לערערקע, די טעלער האָבן זיי געהייסן איבערלאָזן! וואָס האָבן זיי זיך געמיינט, אַז מירן זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין אָן אַ טעלער?

— זיי דאַרפן מסתמא אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון אינווענטאַר, אָדער אפשר וועלן נאָך אָנקומען אַנדערע טראַנספּאָרטן — האָט לאַה טרוקן געענטפערט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון דער שלאָפנדיקער פרומקען, איינגעטוליעט זי אין דער דעקע, אָנגעהאַלטן אירע הענט, קיינער זאָל זי נישט באַריִרן, נישט פאַרשאַפן איר נייע יסורים, מיט ליבשאַפט זיך איינגעקוקט אין איר פּנים און געטראַכט:

— ווער ווייסט, פון וואַנען זי שטאַמט, גאָר נישט ענלעך צו זיי אַלע, ווי פון אַן אַנדער ליים געקנאָטן...

איר האַרץ איז געווען צעוויגט אין תפילות:

זאָל זי נאָר נישט פאַרשטייפּט ווערן, דערפראָרן! — מיט ציטער האָט זי זיך איינגעהאָרכט אין פרומקעס שטילן, שוואַכן אָטעם און פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון דער נישט־לאַנג דער־שאָסענער שוועסטער, פון דעם צוואַנציקיעריקן מיידל מיט די גרויסע, לאַכעדיקע אויגן.

דער צוג האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט צו דער פאַרשטאָט. אַרום איז שטיל און פּוסט געווען. זעלטן ווען עס האָט זיך אַ דורכגייער אַדורכ־געשאַרט צווישן די מויערן און באַלד ווי אַ שאָטן פאַרשוווּנדן. זייערע דערשראָקענע בליקן זענען געבליבן הענגען אין דער לופט, צעמישט די מיידלעך.

— מיר זענען שוין מסתמא נישט ווײַט צו מענטשן... אַלץ אַנט־לויפט וואָס ווייטער פון אונדז, — האָבן זיי מיט ווייטיק געטראַכט פאַרשעמטע, פאַרשטעקט די פּנימער פאַר דער ליכטיקער שיין.

פון צייט צו צייט האָט זיך געוויזן אַ גרופּע געפאַנגענע רוסישע מענער. עס האָבן זיי געהיט עטלעכע יינגלעך פון דער „היטלער־יוגענד“. די געפאַנגענע רוסישע זעלנער זענען געווען פאַרדאַרט און אָפּגעריסן. קוים שלעפּנדיק די פיס, האָבן זיי איבערגעטראָגן פון דעם נעבנדיקן פּלאַץ גרויסע, שווערע קלעצער.

— זעט, זיי בויען באַריקאַדן! — האָבן די שוואַרץ־אַרבעטער מיט ברען געערדט. זייערע בלאַסע פּנימער האָבן זיך ליכטיק אָנגעצונדן, ווי אַ נייע קראַפט וואָלט אין זיי אַרײַנגעטראָטן. די אויגן האָבן געפינקלט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט צו זיי אַלע:

— באַלד וועלן מיר זען זייער בראָך! זייער סוף!

פון אַ געסל האָט זיך געוויזן די באַן־ליניע, אַ פּוסט פעלד מיט שניי באַדעקט.

— שטיין בלייבן! — איז געפאַלן אַ באַפעל.

די קראַנקע האָבן געוואָלט אַליין אַראָפּגיין פון די וועגעלעך, נאָר זייערע אָפּגעפרוירענע אייטערדיקע פיס זענען אָנמעכטיק און שטייף געוואָרן. איינציקווייז האָבן זיי די מענער אַראָפּגעטראָגן און איידער זיי

האָבן באַוויזן אַ שאָקל צו טון מיטן קאָפּ צום געזעגענען זיך, זענען זיי צוריק קאָמאַנדירט געוואָרן.

מיט נידעריק אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, איינגעבויגן, קוים שלעפּנדיק זיך, האָבן זיי ווי מידע פערד פּאַמעלעך געצויגן די וועגעלעך צוריק.

אין שניי, אויף דער באַן־ליניע זענען געלעגן די לעצטע פּרויען פון שטוטהאָפער טראַנספּאָרט, די שלאַפע וואָס האָבן נאָך געקענט זיך האַלטן אויף די פיס. נאָר אַ טייל פון זיי האָט זיך צו דער באַן דערשלעפּט. די מערהייט איז אין וועג געפאַלן, געבליבן ליגן אין די טיפע שניי־גריבער.

די קראַנקע פון דאַנציגער טראַנספּאָרט האָבן זיך דערנעבן געלייגט. די וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ שטיקל ברויט, האָבן מיט זיך אַ קאַמף געפירט: צי עס שוין אויפעסן, צי איבערלאָזן אויף שפּעטער. אַנדערע האָבן דורשטיק געשלונגען פולע פויסטן שניי, ווי געוואָלט זיך אָנעסן אויף לאַנג, לאַנג.

עס איז געפלאָסן אַ שעה נאָך אַ שעה און קיין צוג האָט זיך נישט געוויזן. פּאַמעלעך האָט זיך אין דער לופט צעגאָסן די פאַרנאַכטיקע גרויקייט. די מיידלעך אויפן שניי זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן, מיט צוגעמאַכטע אויגן געלעגן, געוואַרט.

בעזשי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, אויפגעהויבן פון שניי, פּאַ־מעלעך צו צום פּאָסטן און האַלב אונגאַריש, האַלב אויף דייטש גע־פרעגט:

— הער פּאָסטן, לאַנג וועלן מיר נאָך מוזן וואַרטן, שוין באַלד נאַכט...

אַ גרין טאַמעוואַטע פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ גאַליקן געלעכטער:

— איר האָט קיין צייט נישט? — האָט ער מיט אַ כלומרשטן באַדויער געפרעגט און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער דערנעבנדי־קער האַלב־פאַרפרוירענער סאַזשלקע זאָגנדיק: — ביטע, איר קענט זיך דאָרט אַריינוואַרפן, אַלץ צוויילן... און גראָב זיך צעלאַכט, אַ צופרידע־נער פון אייגענעם שפּאַס.

בעזשי איז צוריקגעגאַנגען אויף איר אָרט, ווידער געלייגט זיך אויף די שינעס. אירע אויגן זענען מיט אַ ברענענדיקן האַס נאָכגעגאַנגען יעדן

טראָט פונעם פּאָסטן, אַלץ אין איר האָט געשטורעמט. אָפּהענטיק האָט זי געפּליסטערט:

— די ערד שלינגט זיי נישט איין... דער הימל וואַרפט נישט קיין פייערדיקן רעגן... און מיר ליגן און שווייגן!

צוויי שאַוולער מיידלעך זענען אַרומגעגאַנגען לענגאויס די שינעס, געזוכט אַן אָרט צום אויסבאַהאַלטן זיך אין איינע פון די פאַרלאָזענע קאַמערס.

ציטערדיק פּליסטערט איינע:

— אפשר מיטפאָרן מיטן טראַנספּאָרט? וווּ וועלן מיר איצט לויפן? זיי וועלן אונדז כאַפּן, דערשיסן!

— אַלץ איינס, — רייסט איבער די צווייטע. — איך מוז איצטער אַוועק! די אַלע וועלן זיך אין וועג אויספּאַרטיקן... זעסט דאָך, אַז זיי אַלע זענען שוין ווי טויטע... קום, קום גיכער! — האָט זי געשלעפּט פאַר־אויס די חברטע פאַר דער האַנט.

אין דעם וואַרט־צימער זענען געזעסן די ס. ס.־מענער מיט די אויפ־זעערקעס. געטרונקען טיי, געוויצלט זיך.

— ווי לאַנג איך בין אַן אַקטריסע, האָב איך נאָך אַזאַ ראָל נישט געהאַט — האָט געלאַכט איינע פון די אויפזעערקעס אין אַ ווייסן פעלצל, מיט אַ גומענעם בייטשל אין דער האַנט. — וואָס זאָגט איר דערויף, היטן אַזאַ לויזיקע באַנדע? — האָט זי פאַרדראָסיק ווייטער געצויגן.

— וואָס האָט דען בעסערס צו טון אַן אַקטריסע פון אַן אָפּגע־ברענטן טעאַטער? — האָט אָפּגעלאַכט פון דער אויפזעערקע אַ יונגער פּאָסטן, זופּנדיק פּאַמעלעך אַ גלאָז הייסע מילך. אַלע זענען אַרום מיט אַ געלעכטער. איינער פון די ס. ס.־לייט האָט פאַרגעלייגט איר עפּעס אויסשפּילן ביז עס וועט אָנקומען דער צוג.

— גאָט זאָל געבן ער זאָל גליקלעך דערפאָרן, קומען מיט אַ לאָ־קאָמאָטיוו — האָט זיך גענומען חכמענען דער יונגער פּאָסטן. מיטאַמאָל האָט ער דערזען דורכן פענצטערל צוויי מיידלעך זיך אַרומדרייען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און גיך אַרויס צו זיי. מיט אַ חוזק שמיי־כעלע צוגערופן צו זיך און ווי קיין מאָל נאָרגישט אַ פרעג געטון:

— וווהין שפּאַצירן די דאַמען?

— מיר זוכן איין טואַלעטע... — האָט רואיק אָפּגעענטפערט די עלטערע, און ווי קיין מאָל גאָרנישט געוואָלט ווייטער גיין.

— אַהאַ? כ׳פאַרשטיי — האָט דער פּאָסטן מיטן זעלבן חוזק שמייכלענדיק געצויגן, — נאָר ווייסט איר נישט דערפון, אַז איר דאַרפט זיך נישט דערווייטערן פון טראַנספּאָרט? די טואַלעטע איז פאַר אייך פאַרבאָטן! איר ווילט אונדז אָנשטעקן מיט אייערע קראַנקייטן, אַן עפּידעמיע מאַכן, וואָס? אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט אייך גלייך דערשאָסן! צוריק! — האָט ער אַ צערייצטער גענומען שרייען.

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען ביידע מיידלעך אַוועקגעגאַנגען, אויסגעמיישט זיך מיטן טראַנספּאָרט.

די פרויען אויף די שינעס האָבן שטיל געקרעכצט, געהויכט אין די פאַרפרוירענע הענט, געריבן די פאַרשטייפטע גלידער.

— ווער דאַרף זייערע שפּיטעלער, וואָס האָבן זיי אונדז אויפן אָרט נישט געלאָזט — האָט הויך געקלאָגט אַן אונגאַרקע. עס איז דאָך שוין באַלד נאָך דער מלחמה, צו וואָס זיך ווידער שלעפּן איבער די לאַגערן?

אָפּגעזונדערט פון אַלע, ווי זי וואָלט קיינעם נישט געוואָלט זען, איז געזעסן מאַרגאָט, טעמפּ פאַרקוקט אין קאַלטן גרויעם הימל, געשוויגן.

עס האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ שניי, די פרויען צוגעדעקט.

פאַרנאַכט איז אָנגעקומען דער צוג. אין די בהמה־וואַגאָנען האָבן די פּאָסטנס גענומען טרייבן דעם טראַנספּאָרט.

די אויפגעזעקטע האָבן זיך איבערגעיאָגט אין פלייסיקייט.

— אויסשטעלן זיך צו פינף און גיך אין די וואַגאָנען! — האָט איינער געשריגן איבער דער צווייטער.

די עטלעכע געזונטערע מיידלעך האָבן אָנגענומען די עלטערע פרויען און געפּרוווט זיי אַריינפירן אין וואַגאָן, באַלד זענען זיי אַליין פאַרמאַטערטע אַנידערגעפאַלן אויפן שמוציקן פאַרקאַלעכטן דיל.

די פאַרפרוירענע, פון הונגער פאַרהלשטע פרויען, האָבן גענומען זיך שאַרן צו די וואַגאָנען, אַנדערע האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט, וואַקלענדיק זיך ווי שיכורע, פּאַמעלעך געררוקט זיך פאָראויס. אַ טייל זענען געבליבן ליגן, נישט געקענט מער זיך אויפהייבן.

לאה, אַ האַלב־פאַרחלשטע, מיט אַ ווילד צעחושט פּנים, האָט מיט די לעצטע כּוחות געשלעפּט פרומקען אַריינרעדנדיק אין איר:

— האַלט זיך אָן אין מיר, מיר פאָרן אין אַ שפּיטאָל, אין...

מיט אויגן פול ווי האָט פרומע זיך איינגעגעסן אין לאהן, ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד געבעטן:

— לאָז מיך נישט אַליין... אין שניי. זיי נישט אין כּעס אויף מיר...

אין די שמאָלע חזירים־וואַגאָנען איז צוגעטיילט געוואָרן צו הונדערט פופציק פרויען. גוף אין גוף האָט זיך איינגעפּרעסט, אַלע קערפּערס ווי צוזאַמענגעגאָסן.

— וואָס האָט איר זיך אויסגעזעצט ווי אויף אַ פּאַראַד? איר ווילט אייערע פאַלקס־געגאַסען אין שניי איבערלאָזן? מאַכן פּלאַץ! — האָט אַריינגעשריגן די אַקטריסע אין ווייסן פוטערל.

אין וואַגאָן זענען ווידער אַריינגעפּרעסט געוואָרן צענדליקער פרויען. געזעצט זיך אויף די קראַנקע, אייטערדיקע פיס פון די אָפּגעפרוירענע.

אין אַ וואַגאָן איז אַריינגעגאַנגען איינער פון די אָרדנערס, אַן אינוואַליד, אין אַ ציווילן אַנצוג. אַ ווײַלע אַרומגעקוקט זיך איבער אַלע פּנימער און גוטמוטיק אַ פרעג געטון:

— ווער פון אייך האָט צו פאַרקויפן אַ זייגערל, אָדער אַ רינגל? אָדער אַ בריליאַנט? כ׳וועל צאָלן מיט ווורשט, ברויט, אָדער שפּעק.

אַלע האָבן געשוויגן.

— ווי גאָט איז מיר ליב, איך וועל אייך באַצאָלן. — האָט געגומען פאַרזיכערן דער אָרדנער. — נאַרישע ווייבער, צו וואָס דאַרפט איר איצט אַזעלכע זאַכן? איך וועל אייך באַצאָלן מיט ברויט!

דאָס מיידל פון בעלכאַטאָוו האָט אַ רגע זיך געראַנגלט מיט זיך, דערנאָך אַרויסגענומען פון זעקעלע אויפן האַלדז אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן אויף אַ קייטל אָנגעהאַנגען.

—דאָס וואָלט איר געקויפט? — האָט זי אַ דערשלאָגענע געפרעגט — אַרויסנעמענדיק פון מעדאַליאָן די קאַרטע פון איר מאַמע.

— וויפיל ווילסטו דערפאַר? — האָט מיט בטול געפרעגט דער אָרדנער — און אַריינגעלייגט דעם מעדאַליאָן אין דער טאַש.

— צוויי ברויט! — האָט אין איין אָטעם אַרויסגעוואָרפן דאָס מיידל. — זאָל איך מיטגיין מיט אייך? — ציטערנדיק געפרעגט.

— נו, גוט, דו באַקומסט צוויי ברויט, כאָטש דאָס איז נאָר א בלעכל — האָט געזאָגט דער אָרדנער אַרויסגייענדיק פון וואַגאָן.

— צוויי ברויטן — האָט דאָס מיידל געטראַכט אין זיך — אָט וועל איך זיך כאָטש איין מאָל זאט אָנעסן. אויפן גאַנצן וועג געגנוג האָבן און באַלד געגומען צווייפלען:

— אפשר האָב איך נישט באַדאַרפט פאַרקויפן, היינט אין די לעצטע טעג... די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן און איצט פאַרלירן.

זי האָט אַרויסגענומען דער מאַמעס בילד פונעם זעקעלע, ווי געוואָלט אין איר פנים מחילה בעטן, לאַנג, לאַנג, טרויעריק איינגעקוקט זיך.

מיטאַמאָל האָבן די פּאָסטנס גענומען פאַרריגלען די טירן. גלייך האָט דער צוג זיך א שאָקל געטון און פּאַמעלעך גערירט פון אָרט.

— מיינע ברויטן! מיינע צוויי ברויטן! — האָט דאָס מיידל פאַר־צווייפלט אַרויסגעשריגן פון הינטער דער פאַרקלאַפּטער טיר.

פון דרויסן האָט זיך קיינער נישט אָנגערופן. דער צוג האָט גענומען פּאָרןוואָס אמאָל גיכער. אין וואַגאָן איז געווען ענג און פינצטער. איינע איז געפאַלן אויף דער צווייטער. די קראַנקע מיט די אייטערדיקע ווונדן האָבן שטיל, אָן כוח געיאָמערט, געוויינט, געכאָרכלט, ווי זיי וואָלטן גענומען גוססן.

איבער אַלע געשרייען האָט זיך געטראָגן דאָס קול פון דער געוועזענער לאַגער־פּאָליציאַנטקע זולא:

— איר זאָלט מיר שוין צוריקגעבן מיין טאַבאַק! איך רוף שוין צו אייך אַריין דעם פּאָסטן, ער וועט אייך באַלד איבערזוכן, דאַן וועט זיין שוין אייער סוף!

זי האָט אַרויסגענומען א פלאַש פון איר טאָרבע און א זעץ געטון פרומקען איבערן קאָפּ שרייענדיק: האָט איר געזען אַזא פערדישע מויד? טאַבאַק האָט זיך איר פאַרוואָלט!

פרומקע איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין, קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— גיב אַ קוק אויף מיינע הענט, איך קען גאָרנישט אָנ־נעמען... איך ווייס פון קיין זאַך נישט...

— גיב צוריק מיין טאבאק און טראָג זיך אָפּ מיט די קרעציקע הענט! — האָט שוין אַ הייזעריקע געשריגן די פּאָליציאַנטקע, שלאָגנדיק מיטן רימען פרומקעס איבער די קראנקע הענט.

פרומע האָט דאָס לשון פארלוירן, פּלאָנטערנדיק זיך אין די רייד אָנגעהויבן בעטן:

... — ריר מיך נישט אָן... כ'בין אָפּגעפרוירן... און מער ארויסרעדן נישט געקענט.

... ווער האָט מיר פון דער טאש ארויסגעצויגן צוויי מייערן — האָט געקלאָגט אין א ווינקל א מיידל פון שטוטהאפער טראנספּאָרט. — נעכטן האָט מיר זיי אַ פויער דערלאנגט... שוין צוויי טעג טראָג איך זיי, קיין בים נישט געטון...

פלוצים האָט זיך דער צוג געשטעלט. צו די פרויען איז דערגאנגען אַ מוראדיקער יאָמער, א געוויין פון הונדערטער מענער. אלע זענען אויפ־געציטערט געוואָרן, מיט א פארהאקטן אָטעם געבליבן ליגן.

— וואָס קען דאָס באדייטן? — האָט עמיצער ארויסגעפּליסטערט און גלייך אָפּגעהאקט, ווי דערשראָקן פארן אייגענעם קול.

— זיי שטיקן זיך מסתמא — יאָ, זיי שטיקן זיך זיכער — האָט א צעטומלטע אָנגעהויבן לאַה ארויסעסנדיק פון איר טעפּל פולע לעפל שניי.

— פון דער וווייטנס האָט זיך אַ קראנקע געבעטן:

— גיט מיר נאָר אַ לעפעלע... כ'האָב נאָך היינט גאָרנישט געהאט אין מויל...

— און ווער וועט מיר געבן? — האָט איר תמעוואטע נאָכגע־שפּעט די לערערקע. — האסט זיך באדארפט אָנגרייטן, אַ גאנץ פעלד איז געוועז... אָט א קלוגע, שניי זאָל איך איר געבן און אָרוים מיט א געלעכטער.

— הער פּאָסטן, מאכט אויף... איך מוז אָרוים — האָט געהעשעט דאָס מיידל פון בעלכאָטאָוו, — נאָר אויף אַ רגע...

פון הינטער דער טיר האָט איר געענטפערט א גראָב זעלנעריש געלעכטער.

— וואָס זאָל איך טון — האָט הויך געוויינט דאָס מיידל. — איך קען נישט מער... איך...

באַלד האָט זיך אין דעם ווינקל אָנגעהויבן א געשלעג. עטלעכע פרויען האָבן זיך געוואָרפן אויפן בעלכאַטאָוועדר מיידל שרייענדיק:

— ווילסט, זיי זאָלן אונדז אַלע אויסשיסן? אַן אומגליק ברענגען!

— פרויען, ווי קענען זיי אונדז האַלטן פאַר מענטשן? וואָס זיי וועלן אויף אונדז זאָגן, וועלן זיי דאָך זיין גערעכט. — האָט די פרוי פון טשעכיע געגומען אַלע באַרואיקן. נאָר באַלד האָט זיך אין אַנדערן ווינקל אַ צווייטע פונקט אַזוי צעוויינט און אין קראַמפּן אויסגעצויגן אויפן דיל. דער וואַגאָן איז אויסגעמישט געוואָרן מיט צואה, אַלע האָבן אָנגעהויבן זיך שטיקן.

מיטאַמאָל האָט זיך פון אַלע הערצער אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלט געשריי:

— לופט!... לופט! ביטע לופט!...

אייניקע האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די טעלער און קלומפּערס אין דער טיר פון וואַגאָן, אַנדערע האָבן גלייך זיי נאָכגעטון. דאָס שוואַלער מיידל האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ קראַנקער, מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין די קראַטעס פון פענצטער, אָנגעהויבן זיי ציִען, רייסן און אָנמעכטיק אַנידערגעפאַלן אויפן קראַנקן, שוין שטייפן קערפּער.

פון דרויסן האָט זיך קיינער נישט אָנגערופן.

דער צוג האָט ווידער גערירט. פּאַמעלעך געשלעפּט זיך. פון צייט צו צייט געגומען יאָגן, פליען, ווידער אויף שעהען געשטעלט זיך אין אַ מיטן פעלד.

פּאַמעלעך האָט זיך אַלץ געשטילט, ווי איינגעגאַנגען אין זיך. עס האָט זיך נאָר געהערט אַ שטילער כאָרכל, פון צייט צו צייט אַ טיפער זיפץ, ווי אַ קללה דעם הימל, דער ערד.

דעם צווייטן טאָג האָט זיך דער צוג געשטעלט. ווען דורך די אויפגעמאַכטע טירן האָט זיך אַריינבאַקומען דאָס טאָג-ליכט, זענען אַלע געלעגן אין אָנמאַכט. אין וואַגאָן זענען אַריינגעגאַנגען עטלעכע אָרדנערס, געגומען וועקן די מיידלעך. זעענדיק, אַז זיי ליגן ווייטער אָן סימן פון לעבן, געגומען זיי מינטערן, ציִען פאַר די הענט. איינציקווייז אַרויסציִען

פון וואַגאָן. ווען פרומקען האָט דערוועקט איינער פון די אָרדנער, און געהאָלפן אויפשטעלן זיך, האָט זי אַ דערשטוינטע דערזען, אַז זי איז געלעגן אויף אַ טויטן קערפּער. דאָס פּנים נישט געקענט דערקענען.

... דאָס איז מיין דעקע, איך מוז מיטנעמען מיין דעקע — האָט זי אַ צעטומלטע גערעדט צום אָרדנער, וואָס האָט זי געפירט צום אַרויסגאַנג.

דער אָרדנער האָט זיך צעלאַכט:

— מענשנסקינד, צו וואָס טויגן דיר די לומפּן? אין שפּיטאָל וועט מען אייך אַלע אויסבאָדן, ליגן אין ווייסע בעטן!

— אין בעטן — האָבן טויב איבערגעחזרט די קראַנקע און גענומען זיך שאַרן צו דער טיר. די דעקעס מיט די טעלער זענען אין וואַגאָן געבליבן, אַ טייל האָט איבערגעלאָזט אויך די פּאַראַומרייניקטע מאַנטלען.

אויף דער סטאַציע האָבן געוואַרט עטלעכע ס. ס. מענער, זיי האָבן געהייסן אַלע זיך אויסשטעלן אין רייע און פּאַמעלעך גענומען ציילן.

פרייליך האָבן געסקריפּעט די האַלץ־שיך אויפן שניי, ווי פון אונטער דער ערד וואָלט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג:

— וואַרעמע בעטן... ווייסע בעטן...

יעדער האָט פאַר זיך געזען אַ גרויסן וואַרעמען זאַל אָנגעשטעלט מיט בעטלעך, ווייסע פאַרטעכער פון די קראַנקן־שוועסטערס, זייערע ווייכע, צאַרטע הענט.

אויף דער אויפשריפט „ק. ל. בורגראַבען" אויף דער וואַנט האָט זיך קיינע פון זיי נישט אָפּגעשטעלט, פאַרביינגענגענען אים גלייכגילטיק.

זיי זענען אַריבער דעם לאַגער־טויער און נייגעריק זיך אַרומגעקוקט איבערן קליינעם, מיט שניי באַדעקטן פּלאַץ. ווידער זענען אַלע לאַנג געציילט געוואָרן. די צאָל פון די טויטע האָט נישט געשטימט מיט דער צאָל פון די לעבנגעבליבענע.

איינער פון די אָרדנערס האָט דעם טראַנספּאָרט איבערגענומען. צוגעפירט צו אַ באַראַק אָן שויבן, אָן טירן.

— לייגט זיך אויפן שטרוי און רוט זיך אויס אביסל — האָט ער ווי קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט. — אָנווייזנדיק די פּרויען דאָס אויס־

געשאָטענע שטרוי אויפן דיל. ווען עס וועט פאר אייך אָנקומען פון שטוטהאָף די באשפייזונג, וועט איר באקומען עסן.

— מיר זענען קראַנקע! מיר זענען געקומען אין שפּיטאָל — האָבן אייניקע זיך פאַרצווייפלט געוועדט, נישט ווילנדיק אַריינגיין אין קאַלטן באַראַק, אויפן שטרוי.

— דאָס איז דער שפּיטאָל — האָט רואיק געענטפערט דער אָרד־נער — און אַוועקגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיינס שוין אָפּגעטון.

אייניציקווייז זענען די פרויען אריינגעגאַנגען אין באַראַק. מיד און־דערגעפאַלן אויפן שטרוי.

מיטאָגצייט זענען קיין זופּן נישט אריינגעבראַכט געוואָרן.

מיט פאַרחלשטע ליפּן האָבן די פרויען געוואַרט אויפן פאַרנאַכט טראַכטנדיק:

אויב אונדזער ברויט איז נאָך נישט אָנגעקומען, וועלן מיר דאָך זיכער אַ ביסל וואַרעמע קאַווע באַקומען. וואַרטנדיק זענען אַלע איינגע־שלאָפן. ערשט צומאָרגנס, מיטאָגצייט איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ קעסל זופּ. אָבער אַזוי ווי נאָר עטלעכע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ טעלער, איז כמעט דער גאַנצער באַראַק געבליבן אָן עסן. ווער עס האָט געקענט זיך פון דער ערד אויפהייבן, איז אַרויס פון באַראַק זוכן אין מיסט אַ ליידיקע פושקע פון קאָנסערוון, אַ שטיקל האָלץ אויף אַ לעפל.

אויפן טראַנספּאָרט האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט, מיט די קראַנקע קיינער נישט פאַרנומען. דעם פערטן טאָג האָבן די פרויען צום ערשטן מאָל באַקומען די ברויט־צוטיילונג. דעם זעלבן טאָג איז משוגע געוואָרן די לערערקע לאה פון ווילנע, געוואָרפן זיך אויפן נאַסן, צעפוילטן שטרוי און גענומען עס קייען.

די קראַנקע האָבן גענומען גוססן, די געזונטערע — קראַנק געוואָרן.

אין פייער

מיט אַ יאָמערדיקן ניגון טראָגט זיך דער ווינט איבער דעם כמעט שווין פּוסטן לאַגער. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט לויפט ער פון איין צווים צום צווייטן אויסוויינען זיין איינזאַמען ווייי. רייסט זיך ווי אַ געפּענטעמטער גיבור, שווישטשעט מיט צאָרן און האַס, קלאָגט ווי אַ פאַרלאָזן, איינזאַם קינד, פאַלט אריין דורך די פענצטער אָן שויבן אין די באַראַקן, גיט זיך אַ וואָרף אין שטרוי, וווּ ס׳ליגן די צוזאַמענגעקנוילטע, איינגעקורטשעטע מיידלעך און בלייבט שטיין אָן כוח. פּאַמעלעך הייבט ער דאָס שטרוי אין דער לופט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיי צודעקן, דערוואַרעמען. גיט זיך ווידער אַ כאַפּ אויף, לויפט אַרויס דורך דער אָפענער טיר, יאָגט איבער די שנייאיקע וועגן און בלייבט פאַרצווייפלט הענגען אויף די דראָטן.

ציען זיך לאַנגע, קאַלטע ווינטערנעכט. פּוסטע, הונגעריקע טעג. אַלע האָפענונגען זענען אָפּגעשטאָרבן, אַלע טרערן אויסגעוויינט געוואָרן.

יעדן פרימאָרגן גייט איבער די באַראַקן דער הויכער, דאַרער יאַקוב פון פראַנקפורט און מיט אַ טרויעריקער, ציטערדיקער שטים פרעגט ער אויס:

— קיינער, גאָט צו דאַנקען, איז נישט געשטאָרבן?

ער שטייט ביי דער טיר נישט דרייסט און קוקט זיך אַרום אין די ווינקלען, צי עמיצער האָט ווו נישט אויסבאַהאַלטן דעם מת פון זיין איינציקסטן און ליבסטן און נישט געפינענדיק קיינעם, זאָגט ער אָן אַ צופרידענער:

— מיר שטייען מיט איין פוס אויסערן לאַגער... האַלט זיך. עס איז אין די היינטיקע טעג ווערט צו לעבן!

טרעפט ער אַ טויטע פרוי, שטעלט ער זיך אַוועק נעבן איר, באַטראַכט זי מיט זיינע טיפע, שטענדיק צעגליטע אויגן, ווי אַ מת פון זיין פרוי, אָדער מאַמע. מיט אַ שטילן זיפץ פאַרשרייבט ער איר נומער אין זיין קליינעם, דינעם ביכעלע. פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק טראָגט ער זי אַרויס אויפן טראָג־בעטל, צוזאַמען מיט שלמה בעל־עגלה, לייגט אַרויף אויפן ברייטן „טויטן־וואָגן".

יעדער פון זיי האָט זיך פיינט, וואָס ער מוז אַזאַ מין אַרבעט אויספירן. יעדן טאָג, ווען זיי פאָרן צו מיטן פולן וואָגן מיט טויטע צום פעלד ביים לאַגער, בלייבן זיי ביידע שטיין צוזאַמענגעבראָכן, פאַרלוירן. פאַרזיכטיק לייגן זיי איין מת לעבן דעם צווייטן, ווי זיי וואָלטן מחילה געבעטן, וואָס זיי קענען זיי נישט אָפּגעבן דאָס לעצטע רעכט. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ נעמען זיי די שופלעס אין די הענט. ווי שוואַרצע טרערן פאַלן גרודעס ערד אויף די לעצטע יידישע מאַמעס, אויף זייערע טעכטער פון אַלע לענדער פון דער וועלט.

פול מיט גריבער איז דאָס פעלד לעבן לאַגער. איבער זיי פליען מחנותווייז וואָראָנעס, פילן אָן די לופט מיט אַ שוואַרץ געפּילדער, שטייען פאַרלאָזענע באַראַקן, מיט די פענצטערס ליידיקע אויגן־לעכער, קוקן זיך איבער מיט די דראָטן.

נאָר זיי ווייסן דעם סוד.

די ס. ס.־מענער זענען אַנטרונען צוזאַמען מיט די אויפזעערקעס. גייט אַרום דער אָבערשאַרפירער מיט עטלעכע אָפיצירן איבער די גליטשיקע לאַגער־גאַסן און קוקט דערשראָקן אַרויף אויפן הימל, ווי ער וואָלט פון דאָרטן געוואָלט אַרויסלייענען זיין פסק־דין, זיין גורל.

אַלע געזונטע פרויען זענען אַוועקגעגאַנגען מיט די טראַנספּאָרטן. אין די באַראַקן זענען נאָר די קראַנקע געבליבן. יעדן טאָג קומען אָן נייע טראַנספּאָרטן מיט קראַנקע, לייגן זיך נעבן זיי אין שטרוי. צוזאַמען וואַרטן אויף אַ נס.

* * *

די לערערקע לאה, די פרוי פון טשעכיע, דאָס מיידעלע פון בעל־כאַמאָוו, האָט דער טויטן־וואָגן אַרויסגעפירט צום טיפן ריוו, ווו אַלע

טויטע ווערן צוזאַמען פאַרשאָטן. אין באַראַק איז אַריינגעקומען די לאַ־גער־עלטסטע מאַגדאַ, אַ דייטשקע מיט אַ שוואַרצן ווינקל און פאַרשריבן אַלע קראַנקע. זי האָט מיט אַ מכלומרשטן באַדויער באַטראַכט אַלעמענס פּנימער און אָנגעהויבן רעדן:

— אייער טראַנספּאָרט האָט גליק געהאַט, שוין דעם פערטן טאָג ברויט באַקומען. מיר האָבן זיבן טעג געוואַרט אויפן ברויט! פון היינט וועט יעדן טאָג צו אייך אַריינקומען אַ סאַניטאַר. צוויי מאָל אין דער וואָך וועט אייך אַ דאָקטאָר באַטראַכטן. די באַשפּייזונג וועט איר באַקומען נאָרמאַל יעדן טאָג. צו קיין טראַנספּאָרט דאַרפט איר זיך נישט צושטעלן, ביז איר וועט געזונט ווערן, קענט איר דאָ ליגן. שפּעטער וועט איר איבערפאָרן קיין דאַכאַו, דעם בעסטן לאַגער היינט צו טאָג. אַלע לאַגער־מענטשן ווערן דאָרט געזאַמלט און וועלן שוין פאַרבלייבן ביז צום פרידן...

זי איז נאָך אַ רגע געשטאַנען אין באַראַק און אַרויסגעגאַנגען צוזאַגנדיק באַלד אַריינצושיקן דעם סאַניטאַר. גלייך איז אָנגעקומען אַ סאַניטאַר. אַ יונגער פאָלקס־דייטש מיט צוויי רויטע הענט ווי ביי אַ קיילער. ער האָט ביי עטלעכע קראַנקע באַטראַכט די הענט און אָנגערופן זיך: ווי איך זע, זייט איר אַלע אָפּגעפרוירענע. נאָר זאָרגט זיך נישט, איך האָב באַקומען אַלע נויטיקע מעדיקאַמענטן, אייערע ווונדן וועלן זיך גיך פאַרהיילן.

— טאַקע? — האָבן די קראַנקע אויסגערופן און זיך צעוויינט. מיר האָבן שוין קיין כוח נישט מער... מיר קענען שוין מער דאָס נישט אויסהאַלטן...

— און ווער פון אייך האָט מענער־זייגערלעך? — האָט געפרעגט דער סאַניטאַר אַרומקוקנדיק זיך איבער אַלע ווינקעלעך פון באַראַק. — איך קען עס אָפּקויפן, מירן אַדורכקומען, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. — גרייט צו, באַלד וועל איך קומען מיט די מעדיקאַמענטן.

אַלע האָבן געשוויגן.

— יאָ, עס זענען פאַראַן עטלעכע פרייע ערטער אין דער קראַנקן־שטובע, — האָט ער צוגעגעבן, — די שוואַכערע וועל איך פון דאַנען

אַרויסנעמען. גרייט נאָר אָן אַ גוט מענער־זייגערל, — האָט ער נאָכ־אַמאָל איבערגעחזרט און אַרויס פון באַראַק.

* * *

אין אַ קאַלטן פאַרנאַכט איז אָנגעקומען צו פוס אַ טראַנספּאָרט געזונטע יידישע פרויען פון אַרבעטס־לאַגער אין האָלם. זיי אַלע האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד. אַזוי ווי זיי האָבן נאָר איבערגעטרעטן די שוועל פון באַראַק, האָבן זיי באַשלאָסן:

— מיר וועלן דאָ נישט בלייבן!

— מירן זיך צושטעלן צום ערשטן בעסטן טראַנספּאָרט און ווײַ־טער גיין — האָט באַשטעטיקט די בלאָקעלטסטע אינאַ, אַ יידיש מיידל פון האַמבורג און אין זיך געטראַכט:

— ווער ווייסט, וואָס זיי מיינען צו טון מיט דעם שמעלץ...

זיי האָבן נאָר אַ טאָג געררוט אויפן שטרוי, באַלד פרימאָרגן אַ לאָז געטון זיך איבער אַלע לאַגער־גאַסן אויסשפּירן די לאַגע.

אין באַראַק איז נאָר עווא געבליבן. זי האָט פאַרצווייפלט אַרויס־געקוקט אויפן פוסטן לאַגער־וועג און געשלאָגן זיך מיט די געדאַנקען:

— מיטגיין מיט זיי אַלע, אָדער בלייבן דאָ אין לאַגער?

עס רוישט אין איר קאָפּ. די באַקן גליען. אירע פיס זענען געשוואָלן און אָפּגעריבן פון די גרויסע, שווערע קלומפּערס. דער קערפּער ברעכט זיך אין צווייען. מיטאַמאָל דערזעט זי אַ מיידל מיט אַן עמער וואַסער. אַ רגע באַטראַכט זי אירע פאַמעלעכע, וואַקלדיקע טריט און איר האַרץ הייבט אָן צו קלאַפּן ווי מיט האַמערס. פון איר האַרץ רייסט זיך אַרויס אַן אויסגעשריי פול מיט גליק און שטוינונג:

— לאַראַ, מיין לאַרינקע!... — און לאָזט זיך מיט אימפּעט צו איר אַנטקעגן.

דעם מיידל אין געשטרייפטן קלייד פאַלט דער עמער אַרויס פון דער האַנט, זי בלייבט שטיין, ווי אַ געליימטע.

ביידע זענען זיי זיך אין די אָרעמס געפאַלן, וויינענדיק געטוליעט צו זיך.

אויף זייער געוויין זענען פון די נעבן באַראַקן אַרויס עטלעכע קראַנ־קע, נייגעריק און דערשראָקן שוויינגנדיק צוגעקוקט צו זייער שטומער באַגעגעניש.

— שטעלט זיך פאָר, — האָט שטראַלנדיק פאַר גליק אָנגעהויבן דערציילן עווא, — שוין פיר יאָר, ווי מיר זענען צעטיילט געוואָרן, איך האָב שוין נישט געגלייבט, אַז מיר וועלן זיך נאָך ווען טרעפן... און דאָ אַזוי אומפאַרהאָפט... איך שטיי מיר ביים פענצטער, דערזע איך אַ מיידל מיט אַן עמער וואַסער... איך האָב זי אָבער באַלד פונדער־וויטנס דערקענט! הייסט, אַז איך האָב אַן אייגענע שוועסטער! אַ שוועס־טער...

די פרויען האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, געוווּנדערט זיך:

— אַזאַ מין גליק. ווער קען זיך דאָס אַזעלכעס פאָרשטעלן? מיר האָבן געמיינט, אַז מיר זענען שוין די לעצטע יידן...

אויפן רעש זענען זיך צונויפגעלאָפן די מיידלעך פון האָלמער טראַנספּאָרט. אַרומגערינגלט דאָס פרעמדע מיידל, נייגעריק גענומען אויס־פרעגן:

— ווי אָפּט גייען טראַנספּאָרטן פון דאַנען?

— וואָס פאַרא זופּן גיט מען דאָ?

— וואָס טוט מען דאָ מיט די קראַנקע?

— זייט רואיק! — האָט איבער אַלע געשריען אַ פרוי פון קעלם, לאָזט ענטפערן.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — האָט אַ צעטומלטע געפרעגט לאַ־ראַ. — דער לאַגער איז געווען איינער פון די בעסטע. מיר אַלע האָבן געאַרבעט, גוט געגעסן, דאָ האָט קיינער נישט געשלאָגן...

— און היינט ווי איז דאָ? — האָט אומגעדולדיק אַריינגעוואָרפן אַ פרוי.

— היינט זענען דאָ בלויז קראַנקע, אַלע געזונטע זענען אַוועק — האָט ווייטער געצויגן לאַראַ.

— וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו מיין שוועסטער — האָט עווא אין אויפגערעגטע געגומען שרייען אויף אַלע. — קום לאַרינקע, מירן זיך אַביסל צולייגן אויפן שטרוי. דערצייל ווי אַזוי האָסטו גע־

לעבט? ווי לאַנג ביסטו אין דעם לאַגער? וואָס איז מיט דער מאַמען געשען?

א פאַרלוירענע איז לאָרא געשטאַנען נעבן איר עלטערער שוועסטער. נישט געגלויבט אין דעם ווונדער, נישט געוווּסט אויף וואָס פריער צו ענטפערן.

— וועסט זיך נאָך אויסשמועסן מיט דער שוועסטער! לאָז א וואָרט רעדן! — האָבן זיך צעשריען די פרויען, ווייטער אויספרעגנדיק:

— ווו זענען די געזונטע געגאַנגען?

— וואָס זאָלן מיר טון? בלייבן, אָדער ווייטער גיין?

— נישט ווייט פון דאַנען, אפשר זעכציק קילאָמעטער, איז א לאַגער. מען דערציילט, אז דאָרט אַרבעטן אַלע. שלאָפן אין באַזונדערע נאַרעס. וואַשן זיך יעדן טאָג, האָבן עסן צו דער זעט...

— אַזוי? — האָבן אַלע אויסגעשריען. — מען דאַרף אַלץ טון וואָס גיכער דאָרט אָנקומען! ווי מיינסטו, ווען קען זיין א נייער טראַנספּאָרט?

— יעדע וואָך גייען טראַנספּאָרטן פון דאַנען. עס זענען דאָ געווען טויזנטער מענטשן און אַלץ איז שוין אַוועק.

— און איך זאָג אייך, קיינער זאָל זיך פון דאַנען נישט רירן — האָט זיך אָנגערופן א פרוי פון א זייט. וואָס פאַרא לויפעניש איז אויף אייך געקומען? איך ווייס נישט פון וואַנען עס נעמט זיך ביי אייך אַזוי פיל כוחות? מיינע פיס זענען שטייף און געשוואָלן, איך קען אפילו קיין טראָט נישט שטעלן! בלייבט דאָ, מירן שוין פאַר הונגער נישט שטאַרבן. מיט איין זופּ קען מען אויך לעבן בלייבן. ווי לאַנג מיינט איר, וועט נאָך אינגאַנצן דויערן די מלחמה?

— און איך וועל דאָ איין טאָג מער נישט זיצן! מיר מוזן וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען — האָט זיך אָנגערופן א צווייטע. — די נאַכט האָבן אָן אויפהער געהערט זיך דעטאָנאַציעס! הינטער אונדזערע פּלייצעס איז דער פראָנט! מיר זענען מיטביידע פיס אַריין אין פייער! אייערע קעפּ אַרבעטן שוין נישט, איר פאַרשטייט נישט וואָס טוט זיך אַרום. דאָ זענען נאָר די קראַנקע געבליבן. איר ווייסט וואָס זיי האָבן אין שטוטהאָף געטון מיט די קראַנקע? מען האָט זיי אַלע אַריינגעפירט

אין „טויטן־בלאָק"! — האָט זי אַן אויפגערעגטע אויסגעשריגן. — און דאָ איז דאָך דער גאַנצער לאַגער איין „טויטער בלאָק"! איך זאָג אייך, אז איר זייט אין סאַמע פייער — האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— אין פייער — האָבן די פרויען ווי אַן עכאָ טויב נאָכגעזאָגט און טרויעריק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— לאָרינקע, מיר וועלן צוזאַמען גיין — האָט זיך ציטערדיק אָנגערופן עווא, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל דאָס פייער פאַר זיך דערזען... — ווייסט, דאָס האַרץ האָט מיר שטענדיק געזאָגט, אַז דאָ וועט עפּעס געשען. שוין אין דאַנציג האָט מיך געצויגן ווייטער צו גיין. איצט זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז מיר האָבן שוין אַלע צרות איבערגעקומען. מען דאַרף נאָר וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען! לאָרינקע, מיר וועלן נאָך צוזאַמען אַהיימגיין!

דעם צווייטן טאָג זענען זיי אַוועק מיט אַ טראַנספּאָרט קיין לאַוענבורג. דעם זעלבן אָוונט איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון ליקווידירטן לאַגער אין לאַוענבורג.

* * *

אין אַ ווינקעלע אָפּגעזונדערט פון אַלע איז געלעגן ראַכי, אַ זיבעצןיעריק מיידעלע פון אונגאַרן. שוין דריי וואָכן איז זי קראַנק אויף דיזענטעריע און קען זיך נישט אויפהייבן פון דער ערד. דאָס שטרוי אונטער איר איז נאַס און צעפוילט. נאָר ראַכי קען זיך נישט איבערוקן אויף אַן אַנדער ריין אָרט. זי ליגט אין שמוץ און יאָמערט שטיל פאַר ווייטיק. אויף איר קליין קינדיש פּנימל קריכן שוואַרצע ווערים, די האָר באַשאָטן מיט לייז.

— נעמט זיך מיין ברויט און שניידט מיר אָפּ די האָר! איך וויל דאָך נישט בחינם — האָט זי זיך געבעטן מיט אַ וויינענדיקער שטים. נאָר קיינער האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך אויפצוהויבן פון שטרוי און צוגיין צו איר. די קראַנקע, וועלכע זענען לעבן איר געלעגן, האָבן זיך בלויז מיט גרויס מי אָפּגערוקט, נישט קענענדיק פאַרנעמען דאָס געוויין פון דעם מיידעלע.

ראַכי האָט מער נישט געקענט אויפנעמען קיין עסן. יעדן בים

אין קראַמפּן אויסגעבראָכן. גאַנצע טעג געלעגן מיט ברייט צעעפנטע אויגן און קוים געשעפּטשעט:

— וואַסער... וואַסער... וואַסער...

פון צייט צו צייט, האָט איר עמעצער פון די קראַנקע דערלאַנגט אַ ביסעלע וואַסער. ראָכי האָט מיט צימערדיקע הענט אָנגענומען דאָס טעפּעלע, אין איין אָטעם אויסגעטרונקען און גלייך ווייטער געבעטן:

— וואַסער... וואַסער... וואַסער...

אונטערן קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַ זעקעלע מיט ברויט. אַלטע פּאָר־שימלטע שטיקלעך רינדלעך, די ברויט ראַציע פון די לעצטע טעג. פון צייט צו צייט האָט זי דאָס ברויט אויסגעשיט פון זעקעלע אויפן שטרוי, באַטראַכט יעדעס באַזונדער, געוויגן אין די הענט און צוריקגעלייגט אין זעקעלע.

ווער איז ראָכי און פון וואַנען זי איז געקומען, ווייסט נישט קיי־נער... נאָר מיט דער צייט האָבן זיך אַלע צוגעוווינט צו איר אומאויפ־הערלעך רופן:

— וואַסער... וואַסער... וואַסער...

ווען די קראַנקע אין באַראַק האָבן זיך אויפגעוועקט אין איינעם אַ טאָג און געזען די אונגאַרקע ליגן אַ שטאַרע מיט אַ געל פּנים, זענען זיי אַלע אַרויס מיט אַ געוויין:

— געשטאָרבן ראָכי, געשטאָרבן... אַזאַ טייער קינד געווען... וואָס פאַר אַן איידל פּנימל זי האָט געהאַט... וואָס פאַר אַ חן... נאָך ביינאַכט געבעטן אַ ביסעלע וואַסער... גערעדט! פאַרוואָס האָט איר קיינער נישט דערלאַנגט קיין טרונק?!

ראָכי איז געלעגן ווי זי וואָלט געשלאָפן. דאָס פּנימל פאַרגליווערט אין אַ קינדישן שמייכל. דורך די האַלב־צעעפנטע ווייסע קליינע ליפּן האָט שעמערירט אַ ריי געטאָקטע פּערלדיקע ציינדעלעך. אין די הענט מיט בלאָטע באַוואַקסן האָט זי געהאַלטן אַ זעקעלע מיט ברויט.

איינע פון די קראַנקע האָט זיך פון שטרוי אויפגעהויבן. קוים הייבנדיק די פיס צוגעגאַנגען צו ראָכין, אַרויסגענומען דאָס זעקעלע ברויט פון דער האַנט און אַוועקגעזעצט זיך עסן.

* * *

נישט דרייסט, ווי אַ שולדיקע, האָט די זון זיך אַריינגעגנבעט אין באַראַק. מיט די ערשטע פרילינג־שטראַלן צאַרט געגלעט די טרוקענע, וואַקסענע פּנימער פון די מיידלעך. מאַמעדיק אַרומגענומען, ווי געוואָלט זיי מיט איר וואַרעמקייט אַרויסרייסן פון זייער יאָושדיקער פאַרגלי־ווערטקייט. אין ליכטיקייט אַנגעטון די נאַסע שימלדיקע ווענט. איבער דעם לאַגער האָבן גענומען פייגל ציען. אָנגעפילט דעם רוים מיט אַ לוס־טיק געפּילדער. געלאָזט אין דער לופטן דעם אָנזאָג פון דער גרויסער פרייד, וואָס קומט אָן מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה.

צו די קראַנקע איז אָבער נישט דערגאַנגען שוין נישט די ליכ־טיקייט פון דער זון, נישט דער פריילעכער פייגל־פּלאַפּל, נישט דער פרישער אָטעם פונעם אויפגעהייטערטן ווינט.

שטיל קרעכצנדיק זענען זיי געלעגן אויסגעצויגן אויפן שטרוי, טעמפּ פאַרקוקט אין דער ווייט.

די עטלעכע געזונטערע האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין עק פון באַראַק, גאַנצע טעג געלויזט זייערע קליידער. געגרויסט זיך מיט יעדע געפונענע, געהרגעטע.

— וואָס זאָגט איר דערויף, בלויז אין איין אָרבל האָב איך גע־פונען פערציק לייז — האָט מיט נצחון גענומען דערציילן דאָס מיידל פון שאַוול.

— אַזאַ קלייד וואָלט איך פון זיך נישט אַראָפּגעצויגן אַפילו — האָט פון איר אָפּגעלאַכט שאַרי, פון רומעניע. — מיינע פּרווו איך גאָרנישט ציילן.

— און איך האָב נאָר איינע געפונען — האָט זיך מיט אַ באַהאַל־טענעם געלעכטער באַקלאָגט די פּיאַניסטקע פון קראָקע.

— טאַקע? — האָבן עטלעכע אויסגערופן נישט גלויבנדיק. — קלאַראַ איז דאָך אַ גוט מיידל, פאַר וואָס ווילן די לייז מיט איר זיך נישט חברן?

— נאָר איין טויטע געפונען — האָט ווייטער געצויגן קלאַראַ, — נאָר אויף איר לוויה איז אַ גאַנצע אַרמיי געקומען — און אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— האַ, האַ, האַ, אַ גאַנצע אַרמיי! — האָבן אַלע געגומען טרייס־לען זיך פאַר געלעכטער.

פון אַ זייט האָט זיך אָנגערופן אַ יונג ווייבל:

— איך ווייס נישט, צו וואָס איר הרגעט די לייז? קיין קראַפט וועט זיי נישט אומברענגען! און אויב איר וועט שוין זיי אַלע אויס־פּאַרטיקן, וואָס וועט איר דעמאָלט טון?

— זאָגט, צו וואָס האָט סטעלאַ שטודירט מעדיצין? זי איז דאָך אַ געענדיקטע פילאָזאָף, מיר ווייסן דאָך גאָרנישט, ווער ליגט דאָ מיט אונדז אין מיסט.

אַלע זענען ווידער אַרויס מיט אַ געלעכטער. .

איר קענט טאַקע לאַכן פון מיר, נאָר דאָס שטרוי איז דאָך פול מיט אינזעקטן. עס איז דאָך געגוג אויף אַ רגע די קליידער צוריק אָנטון, זיי זאָלן ווערן באַקראָכן. וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס אַלץ?

— דו זוכסט אַ זין? נו, זעץ זיך אַוועק טראַכטן, צייט האָסטו גענוג — האָט איר שוועסטער אַריינגעוואָרפן נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון אַ שמוציק צעריסן קליידל. מיט אַמאָל האָט זי עס אַוועקגעוואָרפן מיט אַ קללה:

— פאַרכאַפּט זאָל עס ווערן! אַן אמתע זאַראַזע אין די קליידער...

— האָסט אוודאי מורא, אַז דו וועסט שטאַרבן, האַ? — האָט זיך ביטער צעלאַכט די געוועזענע איינציקע יידישע קאָרטאָפל־שיילערין פון דער לאַגער־קיך. נאָר איך זאָג אייך אַלע, אַז מיר וועלן קיין מאָל נישט שטאַרבן, איר זעט דאָך, אַז זייט אַ יאָר בין איך געשוואָלן און איך לעב אַלץ... ווייל צוריקגעשמועסט, וואָס פעלט דאָ אונדז? זענען מיר דען בעסער פון דער היים געוווינט?

אַלע זענען זיך פאַרגאַנגען אין אַזאַ געלעכטער, אַז די קליידער זענען זיי אַרויסגעפאַלן פון די הענט.

פאַרשטייט זיך, אַז פון דער היים געוווינט — האָט איינע נאָך דער אַנדערער איבערגעחזרט.

— ווי מיינט איר, וואָס וואָלט מיין מאַן איצט געזאָגט, ווען ער וואָלט מיך איצט געטראָפן? — האָט טאַמעוואַטע אַ פרעג געטון די פרוי פון אַ באַקאַנטן טשענסטאָכאָווער סוחר, אַרויסציענדיק פון קאָפּ די

קליינע שטיקלעך שטרוי. — נו, וואָס מיינט איר? — האָט זי נאָכ־אַמאָל איבערגעפרעגט.

— ער וואָלט זיך אויפסניי אין אייך פאַרליבט — האָט איינע פון זיי גאָר ערנסט געענטפערט.

— האַ, האַ, האַ! אין אונדז קען מען זיך נאָר פאַרליבן! פון יעדער שרייבן אַ בוך, מאַכן אַ פילם... — האָבן אַנדערע אונטערגעהאַלטן.

...וואָס פאַר אַ געלעכטער איז דאָרט... וואָס פאַר אַ פרייִלעכקייט — האָט עמעצער געקרעכצט פון סוף באַראַק. — גאָר פאַרדרייט זענען זיי שוין...

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר. עס זענען אָנגעקומען די מע־נער מיט די קעסלען זופּ. איינער פון זיי האָט אין פראַנקרייך שטודירט אָריענטאַלע שפּראַכן, דער צווייטער אַ טעכניקער פון בערלין. אין די אַנציִגער אויסגעשמירטע מיט זופּ, אין די גרויסע, שווערע קלומפּערס, האָבן זיי אויסגעזען ווי ווילדע בראָדיאַגעס.

— זופּן גייען! — האָבן עטלעכע אויסגערופן אויף זייער אָנקומען און אויף גיך גענומען אַרויפציִען אויף זיך די קליידער.

— זאָגט כאַטש, צי איז די הייַנטיקע זופּ אויך זאַלץ געקאָכט — האָט זיך מיט אַ זיסער שטים פאַרצויגן די טשענסטאָכאָווער פרוי. — שוין זייט אַ חודש נישט גענומען די זופּ אין מויל...

— פון זאַלץ קענט איר פאַרגעסן — האָט האַרט אַ זאָג געטון דער טעכניקער. — זאַלץ זינקט אין דער ערד און מיר אויף דער ערד. בעט גאָט, די זופּן זאָלן נישט געפעלט ווערן. מיר דוכט זיך, אַז הייַנט איז די לעצטע זופּ, אין דער קיך זענען נאָר די קאַפּלעס געבליבן... עך, פרויען, פרויען — האָט ער מיטאַמאָל אַן אויפגעבראַכטער אויסגערופן, — עס איז קיין לעבן נישט, ערגער ווי די הינט זענען מיר אַלע! שוין אַלץ נמאס געוואָרן, כאַטש נעם און הענג זיך!

— קום, קום! — האָט אים דער צווייטער אַ שלעפּ געטון פאַר דער האַנט, — פאַרשפּרייט נישט קיין גרויל־פּראָפּאַגאַנדע.

גיך האָבן זיי די זופּן פאַרטיילט און שווייַגנדיק אַרויס פון באַראַק.

מיט טרויעריקע אויגן האָבן זיי אַלע געקוקט אויף די פולע טעלער, נישט צורירנדיק זיך צו זיי. איבי, דאָס אָפּגעפרוירענע מיידל פון טשע־

ביע, האָט אַריינגעלייגט די האַנט אין שמוציקן, זייט וואָכן נישט גע־וואַשענעם טעלער און אַרויסגעצויגן אַ קאַרטאָפל. זי האָט אים לאַנג געהאַלטן אין מויל, אַראָפּשלינגען נישט געקענט. מיט אַ קליין לעפעלע האָט אַ מיידעלע פון יוגאָסלאַוויע אַריינגעגאָסן אין פּרומקעס מויל די זופּ, שרייענדיק אויף איר:

— וואָס וועט זיין דיין סוף, ביסט שוין אינגאַנצן געשוואָלן! ווילסט זיך אָניאָגן דעם טויט?

מיטאַמאָל האָבן זיך די באַראַקן אַ טרייסל געטון. אַלע האָט באַ־טויבט אַ שיסעריי. די פרויען זענען אויפגעשפּרונגען:

— די רויטע גייען! די רויטע...

— איך זאָג אייך אַז... מיר... אַז מיר וועלן נאָך האָבן היי־יאָר אַ יידישן פּסח! — האָט אַ צעטומלטע געגומען שרייען די רומענישע פרוי. — אַ פּסח מיט מצות און וויין!

ווי קיין מאָל גאָרנישט האָט דאָס מיידעלע פון יוגאָסלאַוויע ווייַ־טער געשריען:

— פּרומקע, מיינסט, אַז דו האָסט זיך פאַר וועמען פאַרציען? וועסט שטאַרבן, וועט מען דיך ווי אַלע אַרויסוואַרפן אין שניי! איך זאָג דיר, שלינג אַראָפּ דעם קאַרטאָפל, וועט נישט וועל איך דיך שוין מיט מיינע הענט דערהרגענען!

— טייערינקע, איך קען נישט אָן... זאַלץ... דאָס וויכטיקסטע איז זאַלץ — האָט פּרומקע קוים אַרויסגערעדט. איך בין נישט הונגעריק...

שיינע, דאָס יוגאָסלאַווישע מיידעלע, וואָס האָט זיך מיט פּרומקען פאַרנומען פון ערשטן טאָג פון איר אָנקומען, האָט איר מיט כוח אַריינ־געשטופּט אַ קאַרטאָפל אין מויל און פאַרצווייפלט אויסגערופן:

— זאָגט, וואָס זאָל איך מיט איר טון? איך אַליין בין קראַנק, כ׳קען שוין נישט מער...

פּרומקע האָט מיט די אַרומגעבונדענע הענט אָנגענומען דעם טע־לער, פּאַמעלעך אָנגעהויבן זופּן דאָס געדיכטע, מוטנע קאַרטאָפל־וואַ־סער, פאַרטיידיקנדיק זיך:

— מיין נישט, אַז איך קלייב איבער, כ׳קען אַלץ עסן, כ׳האָב עס נאָר געוואָלט באַהאַלטן אויף שפּעטער...

מיטאַמאָל מאַכט זיך אויף די טיר, אין באַראַק קומט אַריין די געוועזענע קראַנקן־שוועסטער און מיט אַ סאַפּענדיקער שטימע הייבט זי אָן צו דערציילן:

— די דייטשן פּאַקן זיך! מען זאָגט, אַז זיי קלייבן זיך אין וועג...

— טררראַך! אַ באָמבע־אויפרייס.

שאַרי הייבט זיך אויף אויף אירע געשוואָלענע פיס און וויל זיך דערשלעפּן צום פענצטער. „איך מוז אַליין זען, ווי דייטשן אַנטלויפן פון לאַגער" — זאָגט זי מיט אַ מאָדנער שטים. זי האַלט זיך אָן מיט די הענט ביים פענצטער און אירע אויגן גליען פאַר פרייד און נקמה. — איך האָב פון שטענדיק אָן געזאָגט, אַז מען טאָר זיך נישט מייאש זיין, נאָר וואַרטן. אָט וועלן מיר איצטער באַפרייט ווערן! דאָס מאָל שוין אויף זיכער... קוקט, זיי לויפן, ווי פאַרסמטע מייז! — שרייט שאַרי און איר קול מישט זיך אויס מיט אַ געלעכטער. — אָ, שרייט זי ווידער אויס, מען שלעפּט פון דער קיך אַ זאַק קאַרטאָפל... כאַ, כאַ, כאַ, אַ מיידל שלעפּט אַ שטיק פלייש איבערן לאַגער! קומט, הייבט זי אָן רופן די מיידלעך, — מירן אויך גיין נעמען!

ווי צוגעשמידטע ליגן אַלע אויפן שטרוי, קענען זיך פון אָרט נישט רירן.

— כ'וועל אַליין צוגיין — באַשליסט שאַרי. — מיר וועלן אָפּ־קאָכן אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל!

זי נעמט זיך אָן מיט מוט און פרוווט צוגיין צו דער טיר... אירע פיס זענען אָבער ווי צוויי שווערע, פולע קאַנען, ווילן זיך נישט הייבן. שאַרי בלייבט אַ פאַרצווייפלטע ביי דער טיר, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ...

טררראַך!

עמעצער האָט אַריינגעשליידערט אין באַראַק אַ גראַנאַט, די וואַנט האָט זיך אַ וואַקל געטון, אומגעפאַלן און צוגעדעקט שאַרין. מער האָט זי שוין קיינער נישט געזען.

* * *

פינצטער איז געווען די נאַכט, ווען אין באַראַק איז אַריינגעקומען אַן אָרדנער און געהייסן אַלע פרווען זיך אויסשטעלן צום טראַנספּאָרט.

— וואָס הייסט אויסשטעלן צום טראַנספּאָרט? — האָבן די פרויען אָנגעהויבן שרייען. מיר קענען זיך אפילו פון דער ערד נישט אויפהייבן! האָט רחמנות, לאָזט אונדז דאָ ליגן.

— באַלד קומט צו אייך אַריין אַן ס. ס.־מאַן! ער וועט אייך אַלע שוין באַטראַכטן און דערציילן די ריכטיקע מעשה — האָט זיך צעשריגן מיאַר דער קאַפּאָ און זעענדיק, אַז קיינע פון זיי רירט זיך נישט פון אָרט, איז ער מלא רציחה אַרויסגעלאָפן פון באַראַק.

די קראַנקע האָבן זיך אונטער דעם שטרוי באַהאַלטן, מיט אַ פּאָר־האַקטן אָטעם געלעגן, געוואַרט.

פון דער לאַגער־גאַס האָבן זיך געהערט די קאָמאַנדעס פון די אָרד־נערס, אַ געלויף פון מענטשן, מוראַדיקע געשרייען. מיטאַמאָל האָבן זיך אין באַראַק אַריינגעריסן עטלעכע מיידלעך, דערשראָקן אַרומגעקוקט און געלייגט זיך אויפן שטרוי.

— אוי! — האָט עמיצער פון שטרוי אַרויסגעשריגן. — ווער האָט זיך אויף מיר אַרויפגעלייגט?

— שאַ... זיי זענען אַנטלאָפן... ס'הייסט, אַז עס איז אַוועק אַ טראַנספּאָרט, נאָר זיי ווילן די מענטשן לאָזן אַליין אויפן וועג... נאָך אונדז האָבן זיי געוואָלט מיטשלעפּן!

— ווו אַנטלאָפן? — האָבן עטלעכע פון אונטער דעם שטרוי איבערגעפרעגט. — זענען מיר נאָר אַליין דאָ געבליבן?

— בוווּם... — האָט זיך צעוואָיעט אַ סירענע און גלייך אַ נייער באָמבע־אויפרייס.

— טראַ־טאַ־טאַ־טאַ! — האָט געענטפערט דאָס מאַשין־געווער פון לאַגער.

די דייטשן, וואָס זענען נאָך אין לאַגער געווען, האָבן געוווּסט, אַז נישט ווייט שטייט די רויטע אַרמיי. זיי האָבן דעם לאַגער אַרומגע־שטעלט מיט טאַנקען און מאַשין־געווער, און איבער די קעפּ פון די קראַנ־קע, געעפנט אַ פייער.

דעם הימל האָבן באַדעקט אַעראָפּלאַנען. באָמבעס האָבן אויפגע־טרייסלט די באַראַקן. ווי קאַרטן־הייזלעך זענען זיי זיך צעפאַלן. פאַר־שיט הונדערטער פרויען, וואָס האָבן זיך אין שטרוי באַהאַלטן. די אי־

בערגעבליבענע זענען באַטויבט און פאַרטיליקט געוואָרן פון דער שיסעריי. מיט פאַרחלשטע ליפּן האָבן זיי געפליסטערט:

— שמע ישראל! גאָט פון דער וועלט... הער אויס אונדזער געוויין... מיר זענען פאַרלוירענע! פאַרלוירן...

אַ צעחושטע האָט דאָס שאַוולער מיידל געשריגן:

— טאַטע איינציקער... איך רעד צו דיר אין נאָמען פון אונדזערע קראַנקע... פון אַלע אָפּגעפּרוירענע, באַווייז אַ נס... אַ נס!

קלאַראַ און סטעלאַ האָבן אין דער שיסעריי זיך איינגעהערט, ווי אין אַ הימליש געזאַנג. גלייכגילטיק, צוריקגעהאַלטן האָבן זיי געטראַכט:

— זאָל פון אַלץ בלייבן אַש און שטויב! אַ סוף זאָל עס נעמען, אַ סוף!

* * *

די געזונטערע מיידלעך האָבן זיך צוזאַמענגענומען און באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. זיי זענען אַרומגעגאַנגען פון באַראַק צו באַראַק און איינגעטענהט מיט די ווייבער:

— איר ווייסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט? ווי לאַנג מיינט איר דאָ אַזוי צו ליגן? דער לאַגער איז שוין פריי! קומט מיט אונדז, מירן גיין אַנטקעגן דער רויטער אַרמיי... צו קלייבן זיך אַהיים!

— קומט גיכער, ווי לאַנג מען שיסט נישט! נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן — האָבן אומגעדולדיק געאײַלט די איבעריקע.

— לאָזט אונדז נישט איבער אַליין — האָבן הילפלאָז זיך געבעטן די קראַנקע. ווער וועט אונדז אַ טרונק געבן? בלייבט מיט אונדז, גאָט איז אומעטום...

פון דער ערד האָט זיך אויפגעהויבן די „קאַרטאָפל־שיילערין", אַרומגעבונדן די פיס מיט שטיק טראַנטעס און מיט אַ ציטערדיקער שטים אָנגעהויבן זיך געזעגענען מיט אַלע:

— מיר זאָלן נאָך זוכה זיין אַלץ אין פריידן דערמאַנען... איר זאָלט געהיילט ווערן, אין גיכן אַהיימקומען.

איינגעהילט אין די דעקעס, מיט די טאָרבעס אין די הענט און טעלער אונטער די אָרעמס האָבן זיי פאַמעלעך געטשלאָפּעט דורך די וואַסער־

לוזשעס, וואָס האָבן זיך ברייט איבערן לאַגער צעגאָסן. זייערע הערצער האָבן געפלאַטערט ווי אַרויסגעלאָזטע פייגל פון אַ שטייג, די פּנימער געגליט. שטום האָט איינע געקוקט אויף דער צווייטער נישט קענענדיק געפינען קיין וואָרט פאַר גליק. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם לאַגער־טויער און אַרויס אויפן ברייטן אַספאַלט־וועג. מיטאַמאָל האָט זיך די ערד אַ טרייסל געטון, אַרויס מיט אַ מוראדיקן יאָמער. נעבן זיי איז אַ באָמבע געפאַלן, צעשמעטערט זייערע קערפּערס, אַוועקגעטראָגן אין דעם דער־נעבנדיקן ריוו. נישט ווייט פון לאַגער־טויער זענען געבליבן זייערע דעקעס צעוואָרפן אויף דער ערד, צוזאַמען מיט צעשיטע קאַרטאָפל.

* * *

אין אין־סוף האָבן זיך געצויגן פייערדיקע טעג און נעכט. די פרויען אינעם שטרוי איינגעגראָבן זענען גרוי געוואָרן פאַר שרעק. פון זייערע אויגן זענען שוין אויסגערונען אַלע טרערן. פון די הערצער האָט זיך מער נישט געטראָגן קיין געבעט. מיט פּנימער פון געשפּענסטער זענען זיי געלעגן און געוואַרט, געוואַרט.

פאַרנאַכט איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דער הימל האָט זיך אָנגע־צונדן אין טויזנטער פלאַמען, ווי ער וואָלט אַ יום־טוב געפייערט. פון די באַראַקן האָט זיך פלוצים צעטראָגן אַ ווילד געשריי:

— הורא! הורא!!! טאָוואַרישטשי...

... זיי זענען דאָ! זיי זענען געקומען!!! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלע הערצער.

די קראַנקע זענען אַרויס מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין, גענומען רייסן פון זיך די האָר, די קליידער. אויף דער שוועל פון באַראַק האָט זיך באַ־וויזן אַ גרופּע רויט־אַרמייער פון דער „ראַזוויעדקע". מיט דערשטוינטע אויגן האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט איבערן באַראַק, מיט אַ דערשטיקט קול אויסגערופן:

— זדראַווסטוויטיע...

אויף זייער אָנקומען זענען אַלע ווידער אַרויס מיט אַ געוויין, אויס־געמישט מיטן גרויסן יאָמער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַלע באַראַקן.

— באַפרייער אונדזערע... ווי זאָלן מיר אייך דאַנקען? — האָט ציטערדיק אַרויסגעשטאַמלט קלאַרא. עטלעכע קראַנקע זענען אויף אַלע פיר צוגעקראָכן צו די רויט־אַרמייער, אַרומגענומען זייערע פיס, געקושט. אַנדערע — נישט דרייסט געגלעט זייערע שינעלן.

— ניע נאַדאָ, ניע נאַדאָ — האָבן געשמייכלט זייערע פּנימער, בעת זיי האָבן מיט די אַרבל געווישט די טרערן. איר זענט פריי! — גענומען אַלע בערואיקן. באַלד וועלן מיר אייך אַלע איבערפירן אין אַ שפּיטאָל, אויסהיילן, צוריקשיקן אין אייערע היימען...

עטלעכע פון זיי האָבן פון די פּלייצעס אַראָפּגעוואָרפן די זעק, אַרויסגענומען ברויטן מיט פושקעס פלייש און אָנגעהויבן טיילן צווישן די פרויען.

מיטן ברויט אין דער האַנט האָט זיך שיינע אויפגעהויבן פון אָרט, ווו זי איז אַ פאַרווונדעטע געפאַלן און גענומען זוכן אין שטרוי פרומקען. זי האָט זי געפונען אַ פאַרבלוטיקטע אין אַ ווינקל. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן איז פרומקע געלעגן, ווי זי וואָלט נאָר אויף אַ רגע איינגעדרימלט.

— פרומקעלע — האָט שיינע אויסגערופן אַ צעטומלטע, — זע... זיי זענען געקומען! מיר זענען באַפרייט געוואָרן... אין אַ שפּיטאָל וועלן מיר באַלד פאָרן, אין אַ...

פרומע האָט מיטאַמאָל ברייט צעעפנט די אויגן און מיט אַ מאָדנער קראַפט אויסגערופן:

— פריי!

זי האָט ביידע הענט אויסגעצויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט עמיצן אַרומנעמען, צוטוליען צו זיך. באַלד אָבער זענען זיי שווער אַנידערגעפאַלן צוריק. פּאַמעלעך האָבן זיך אירע אויגן פאַרשלאָסן. מיט אַ ליכטיק צעשטראַלט פּנים איז פרומע אויסגעגאַנגען.

שפּיטאָל הינטער מאָסקווע, 1945

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכּה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישׂראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישׂראל אפרת: היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשטשינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געבראָכענע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הויף
24) טאַניא פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פֿאַבריק פֿון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פֿון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרץ...
36) צפּורה קאַנעצינעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פֿינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פֿון אַ לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פֿון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פֿאָלקס־לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תּל־אביב
45) ד״ר ח. שאָשקעס: אַ וועלט וואָס איז פֿאַרביי...
46) שלמה וואגאַ: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאַן: פֿאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) ערשטער באַנד
49) ש. איזבאַן: פֿאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) צווייטער באַנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן: אין פֿייער און פֿלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פֿאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו: די מענטשן פֿון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג: שבת־יומטובדיקע יידן
56) שלום אַש: פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש: וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש: מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן: אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פֿלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פֿלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד איינס
65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד צוויי
66) חיים גראַדע: שיין פֿון פֿאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ: פֿון לאַגער אין לאַגער

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פוילישע יידנטום

★

יעקב באָטאָשאַנסקי שרייבט וועגן ד״ר מוקדונים בוך „מיינע באגעגענישן״ („די פרעסע״, בוענאָס איירעס, 12טער אָקטאָבער 1949):

וויפל יידישע פארלאגן האָבן גע־גרייכט צום פופציקסטן בוך? און וויפל יידישע פארלאגן האָבן אין די

לעצטע עטלעכע יאָר געגרייכט צו פופציק ביכער מיט דער הילף פון פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס? און ביי אונדז האָבן צוויי מענטשן — מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטל־בערג — געגרינדעט ביים צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישן יידנטום א פאַרלאַג, וואָס גייט פייערן דאָס דערשיינען פון זיין פופציקסטן בוך און מיר האָבן שוין אַלע אויפן טיש דאָס איין און פופציקסטע בוך און אין בוך איז שוין פאַראַן דאָס זעכ־ציקסטע בוך. און דערגרייכט געוואָרן איז דאָס אַלץ אָן דער הילף פון פּאַרטייען און אָן געזעלשאַפטלעכן טומל. עס איז דערגרייכט געוואָרן מיטן כוח פון אָרגאַניזאַציע, מיטן כוח פון קרבנותפולער אָנשטרענ־גונג מצד די צוויי דערמאָנטע פּער־זאָנען, מיטן כוח, וואָס יידן האָבן טרויעריקע פּיעטעט צו די אומגע־בראַכטע יידן און זייער גייסט און אויך מיטן כוח פון יידישן בוך.

זוכה געווען צו האָבן דעם קיי־לעכדיקן נומער 50 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום״

האָט דאָס בוך פון ד״ר מוקדוני, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מיינע באַגעגענישן״. די קיילעכדיקע ציפער „50״ איז געדרוקט מיט גרינער פאַרב און זי איז אַזוי גרין־צוזאַגנדיק, אַז די פאַנטאַזיע שטעלט צו איר צו נאָך אַ — — — נול. דאָס האַרץ זאָגט אונדז, אַז מיר וועלן דערלעבן צו זען דעם נומער 500 פון אָט דער סעריע...

— עס איז ווייטזעעוודיק?

— ווען עמיצער וואָלט צוריק מיט פיר יאָר געוועזן געזאָגט, אַז דער דאָזיקער פאַרלאַג וועט היינט האַלטן ביים נומער 50, וואָלט מען נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ ווייט־קוקנדיקער פאַנטאַזיאָר, נאָר אַז ער איז אַ משוגענער.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז מוקדונים בוך האָט די ווערט צו זיין דאָס יובילײ־בוך פון אַזאַ פאַרלאַג ווי „דאָס פוילישע יידנטום״. דאָס בוך ווערט באַשיינט פון דעם נומער 50, אָבער עס באַשיינט אים אויך. עס איז אַ בוך, וואָס האָט אַ טעם און אַן אינהאַלט. אָט די ביידע איי־גנשאַפטן פאַראייניקן זיך נישט צו אָפּט אין אונדזער צייט אין אַ בוך. פאַראַן ביכער, וואָס לייענען זיך און עס בלייבט פון זיי גאָרנישט אין געמיט, און פאַראַן ביכער, וואָס האָבן אינהאַלט, אָבער זיי לייענען זיך שווער. מוקדונים „מיינע באַגעגענישן״ לייענט זיך אַזוי ווי אַלטע, גוטע ליטעראַטור. מען פילט אין די זכרונות פון דעם באַרימטסטן יידישן טעאַטער־קריטיקער דעם טעם פון גוטע און אייביקע דערציילונגען. אַ יענקישער ליטעראַטור ־ קריטיקער האָט נישט לאַנג אָנגעוויזן, אַז די בעלעטריסטיק פון אונדזער צייט דערנענטערט זיך צו דער זשורנאַליסטיק; (יעקב גלאַטשטיין און מאַני לייב האָבן אָנגעוויזן, אַז אויך די פּאָעזיע טוט דאָס. דער ערשטער איז מיט דעם צופרידן, דער צווייטער — נישט). מוקדונים זשורנאַליסטיק האָט אָפּט אין זיך עפּעס פון בעלעטריסטיק.

ד״ר א. מוקדוני איז פאַראַיאָרן געוואָרן אַ „בן־שבעים״ און זיין טעמפּעראַמענט איז אַזוי יונג און שטורמיש, ווי צוריק מיט פערציק יאָר. דעמאָלט, צוריק מיט פערציק יאָר, האָט ער געפירט קאַמפּן מיט טעאַטער־דירעקטאָרן, אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן, היינט „שלאָגט״ ער זיך אַרום מיט שרייבער, קולטור־טוער, פאַרטיי־פירער, קהל־פאַרזאָרגער אאַ״וו. ער איז מסתמא נישט כּסדר גערעכט, אָבער דאָס שאַדט נישט! עס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן אַזאַ קריטיקער און אַזאַ שרייבער און בכלל אַזאַ מענטש, וואָס זאָל כּסדר זיין גערעכט. סיידן — אַ באַנטשע שווייג... אָבער באַנ־

טשע שוויַג איז נעבעך אַזוי גערעכט, אַז ער איז דערמיט אַליין און מיט דעם, וואָס ער פֿאַרשווייַגט אַלץ נישט גערעכט. זיין שטענדיק גערעכט איז אַ נישט גערעכטיקייט. דער עצם פֿאַקט פֿון צערודערן אונדזער געמויזעכץ און נישט לאָזן עס זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין שטייענדיקער קאַלוזשע, איז אַ גערעכטיקייט. און אויב עס טוען דאָס נישט עטלעכע יינגערע, איז גוט, וואָס עס קומט אַזאַ איינער, וואָס האָט אויסגעבימן דאָס אַכטע צענדליק און ער האָט דעם טעמפּעראַמענט פֿון א יונגן.

ד״ר א. מוקדוני איז אין די לעצטע יאָרן זייער פּראָדוקטיוו און אַקטיוו. ער האָט נישט לאַנג אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן פּרץ און דעם יידישן טעאַטער, איז דאָס אַן אויסשעפּנדיק בוך וועגן פּרצעס טעאַטער שאַפֿונגען און וועגן זיין באַציאונג צום טעאַטער. עס איז אַ בוך, וואָס הייבט זיך אָן מיט פּערזענלעכע זכרונות און עס גייט אַריבער צו אָפּשאַצונג. עס איז פּאַקטיש א סעריע לעקציעס, וואָס זענען געשריבן פֿון אַ פּראָפֿעסאָר, אַ פֿאַכמאַן, און אַ טאַלאַנטירטן שרייבער.

מיט מוקדונים פּרץ־בוך איז געשען ממש אַ סענסאַציאָנעלע געשיכטע. ער האָט דאָס בוך איבערגעגעבן א פֿאַרלאַג פֿון א באַשטימטער ריכטונג, מיט וועלכער ער איז געווען אין האַלב־פֿריינטלעכע באַציאונגען און ביז דאָס בוך איז דערשינען, האָבן פֿאַרשידענע געשעענישן געווירקט, אַז מוקדוני זאָל מיט יענער ריכטונג איבעררייסן. האָט דער פֿאַרלאַג, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעדרוקט דאָס בוך, געמאָלדן, אַז ער קען דאָס נישט אַרויסגעבן, ווייל עס איז אַ פּאַמפּלעט קעגן פּרץ. עס איז שיר נישט געקומען צו אַ פּראָצעס און דער מחבר האָט געריכטלעך אַרויסבאַקומען פּופּציק עקזעמפּליאַרן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ העצע קעגן מוקדונין, אַז ער האָט פֿאַרשוועכט פּרצעס נאָמען. איך האָב דאָס דאָזיקע בוך געלייענט און איך געהער — ווי מיינע לייענער ווייסן — צו די אומקאָנדיציאָנעלסטע חסידים פֿון פּרץ און איך דערקלער קאַטעגאָריש, אַז די באַשולדיקונג מוקדונין אין פּאַמפּלעטירן פּרץ איז נישט נאָר א גרונטלאָזע, נאָר א בלבול. מוקדונים בוך וועגן פּרץ און דעם יידישן טעאַטער איז אַ ווערק איבער וועלכן מען וועט קיינמאָל נישט קענען אַריבערגיין, ווען מען וועט וועלן שטודירן פּרץ בכלל און איבערהויפּט זיין פּערזענלעכקייט און זיין טעאַטער. עס וואָלט געווען ממש אַן ענין פֿון פּדיון שבויים צו אַרויסגעבן מוקדונים פּרץ־בוך.

און אין דעם בוך „מיינע באגע־גענישן", וואָס טראָגט דעם נומער 50 פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" איז אויך אַ דעמאָנסט־ראַציע פון מוקדונים פרישקייט, יור־גנטלעכקייט און פון זיין שטורמישן טעמפּעראַמענט, וואָס איז שעפע־ריש.

אין דעם קורצן אריינפיר דער־קלערט דער מחבר קלאָר, וואָס זיין בוך איז אויסן צו זיין. עס איז, זאָגט ער, אַ בוך זכרונות, אָבער נישט קיין פּערזענלעכע, נאָר זיי שפּיגלען אָפּ די וועלט אין וועלכער דער שרייבער איז געבוירן געוואָרן און געלעבט. אז מען רעדט פון דער וועלט, מיינט מען דאָך מענטשן, געשטאַלטן (מוק־דוני שרייבט געשטאַלטער) און שע־פער. און דעם מחבר פון די זכרו־נות האָבן אינטערעסירט נישט סתם מענטשן, נאָר אזעלכע, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער וועלט און וואָס האָבן איר געגעבן זייער חותם. און אזעלכע מענטשן זענען פאַראַן אומעטום. אויך אין די קליי־נע יידישע שטעטלעך זענען געווען „שטילע פילאָזאָפן, קינסטלער, טרוי־מער, רעוואָלוציאָנערן, גרויסע טעמ־פעראַמענטן און שטילינקע צדיקים". און די דאָזיקע האָט דער מחבר גע־שילדערט אין זיין ערשטן בוך, וואָס ענדיקט זיך אין דער פריסטער יוגנט זיינער. ער זעצט פאָר די סעריע און ער פאַרעפנטלעכט זי אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „דער אַמעריקאַנער", אָ־בער אין זיין ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג האָט ער זיך שוין געטראָפן מיט מענטשן, וואָס זייערע נעמען זענען יעדן באַקאַנט. אין ערשטן בוך האָבן מיר אַנאָנימע פּערזענלעכ־קייטן.

פאַראַן אין בוך עפּעס פון מחברס ביאָגראַפיע, אָבער אין זייער קנאַפּע שטריכן, דאָס הויפּט־געוויכט האָט ער געלייגט אויף דעם שילדע־רן די מענטשן און די סביבה ארום זיי.

אַ מערקווירדיקע זאַך: מוקדוני האָט אין די לעצטע יאָרן אַ שם פון אַ קפדן. עס איז אים וואַרשיינלעך טאַקע לייכטער צו זאָגן אַ בייז ווי אַ מילד וואָרט. און די העלדן, וואָס ער שילדערט אין זיין ערשטן בוך זענען ממש באַשטראַלט מיט גענאָד. דער מחבר האָט נישט פאַר־זיסלעכט זיינע העלדן, ער ווייזט נישט אַרויס קיין ווילן צו ווערן זיי־ערער אַ „מליץ־יושר", אָבער ער ברענגט אַרויס זייער שטראַלנדיקייט און זייער ליכט. עס האָבן זיכער נישט געפעלט אין זיין שטעטל און אין די שכנהשע שטעטלעך, וואָס ער שילדערט, קיין האַלב און גאַנץ טונ־קעלע, אָדער סתם גרויע פאַרשוינען, אָבער ער ווייזט אונדז נאָר די ליכ־טיקע און די אייגנאַרטיקע.

און די גאנצע סביבה, וואָס דער מחבר שילדערט אין זיינע ערשטע צוויי קאַפּיטלען, וואָס הייסן „קינדהייט“ און „זאָרג“, האָט דווקא אַ סך גרויסקייט און פיינלעכקייט. דער נאָמען „זאָרג“ פּאַסט זייער פאַר דער גאנצער סביבה, וואָס שמעקט מיט אַלטקייט. „עפּעס איז זייער נייקייט אַלט“ און די מענטשן זענען אויך אַלע אַלטע. די מענער בערדיקע, די ווייבער — צעקנייטשטע. עס איז אין זכרון פון מחבר נישט געבליבן קיין געשטאַלט פון יונגע מענטשן. „די יוגנט איז אַזוי קורץ, עפּעס רגעדיק אין מיין שטעטל. אַט איז איינער אַ בחור, האָט ער באַלד חתונה, ער ווערט באַוואַקסן מיט אַ באָרד, ער ווערט געבויגן פון שווערע זאָרגן... און ער ווערט אַ זקן“. „אַט גלאַנצן אַ פּאָר יונגע ברענענדיקע, שוואַרצע אויגן פון אַ מיידל, אַט רויטלען זיך געזונט די באַקן, אַט וויגן זיך אַ פּאָר לאַנגע, שוואַרצע צעפּ, אַט לאַכט עס הילכיק, דער געלעכטער צערודערט די שטילקייט און די מרה שחורה און באַלד פירט מען זי צו דער חופּה און אין אַ יאָר אַרום זענען די אויגן אויסגעלאָשן, די צעפּ פאַרשווינדן אונטער אַ טיכל, די באַקן איינגעשרומפּן און עס טראָגט אויף די הענט אַ וויינענדיק קינד. און שטיל, אונטערטעניק און פאַרזאָרגט איז דאָס יונגע ווייבל“.

דער איינציקער טאָג, ווען דאָס שטעטל זעט אויס אַנדערש, ווייניקער גרוי און ליכטיקער, איז שבת. דער שבת איז ממש אַ נס פאַר דעם שטעטל. דער מחבר באַמערקט, אַז „ווען נישט דער טאָג שבת, וואָלט די שטענדיקע זאָרג, דער שטענדיקער דלות צעבראָכן דאָס שטעטל פיזיש, עס וואָלט דעגענערירט געוואָרן, עס וואָלט געפאַלן אונטער דער שווערער לאַסט פון דלות און זאָרג“. און נאָך עפּעס האָט דאָס שטעטל געהאַט, וואָס האָט עס נישט געלאָזט אומקומען אין זאָרג און מרה שחורה — חסידים. זיי זענען, מיינט דער מחבר, געווען די ערשטע באַהעמיער אויף דער יידישער גאַס. געווען יידן צווישן זיי, וואָס זייערע פּנימער האָבן אַרויסגעשמייכלט פון גרויסע שמאַטעס. פון זיי האָט דער מחבר איינגעזויגן אַביסל מענטשלעכקייט אין דער יוגנט. און זיי זענען עס זיינע יוגנט־העלדן.

און כאָטש אונדזער שטעטל איז אויסגעשעפּט פון אונדזערע קלאַסיקער און די שפּעטערדיקע דורות יידישע בעלעטריסטן, האָט נאָך מוקדוני באַוויזן צו ווייזן העלדן, וואָס זענען אַ נייעס אין אונדזער יידישער ליטעראַטור און עס איז כדאי צו באַקענען אונדזערע לייענער מיט די דאָזיקע העלדן און אָנרעגן זיי זיך צו באַקענען דורך לייענען דאָס געשמאַק־באַטעמטע בוך „מיינע באַגעגענישן“ פון ד״ר א. מוקדוני.

פנחס ביזבערג שרייבט וועגן י. פערלאָוס „די מענטשן פון עקסאָדוס 1947" אין זיין ארטיקל „די חבלי גאולה" דורך דער פריזמע פון א קרעפטיק בעלעטריסטיש ווערק" („די נייע צייט", בוענאָס איי־רעס, 6טער יאנואר 1950):

דער טרערן־כוס איז שוין ממש געווען פול, פול עד בלי־די. ביי דער שארית ההרגה האָבן זיך געעפנט די קוואלן פון געוויין, דער דראנג צום לעבן, דער באוווסטזיין פון מענטש־לעכער חשיבות, וואָס די קאלטע מערדער האָבן געפרוווט מיט אלע מיטלען אפּצוטויטן. און דאָס ביסל איבערגעבליבענע פון די קאצעטן, פון די גאז־קאמערן, פון אלע פאר־לענדונגס־ערטער, פון אלע עמק הב־כאס האָבן זיך געריסן ארויס אין דער וועלט איינצואָטעמען לופט אָן בלוט, אָן אש פון נאָענטע און ליי־בע, אָוועק, אָוועק פון בלוטיקן עמלק נאַצי-לאַנד. און זע — א בייז וווּנ־דער: די פעלקער, וואָס האָבן גע־קעמפט קעגן דער היטלעריסטישער הידרע האָבן זיך נישט געאיילט אָפּ־צוטריקענען די טרער פון דעם גרעס־טן קרבן פון דער שוידערלעכער בעסטיע, נאָר אדרבה זיך צוגעקוקט גלייכגילטיק צו די מעשים תעתועים פון די בריטן א קעגן די רעשטלעך פון אונדזער פאָלק.

איצט רעדן מיר וועגן דעם אבי־סל בארואיקטער, געמיטלעכער, דער פארדרום איז אפשר ביי א טייל אַריבער, מיר זענען א פאָלק וואָס לאָזט נישט נעסטן אין זיין הארץ קיין שנאה, אָבער עס איז פאָרט

שווער צו פארגעסן די „פאטריאס", די „סטרומאס", די הרוגי מלכות אין דער עכוער פעסטונג און די „העל־דישקייט" זייערע לגבי דער שיף „עקזאָדוס 1947". מיר פארשרייבן דאָס אָן שנאה, נאָר ווי א באלערנ־דיקער פאקט פון פארבלאָנדזשעניש, פון טעותים פון דעם גרויסן ביבל־

ליבנדיק פאָלק לגבי אונדז. יצחק פערלאָווס בוך באשרייבט אַ געשעעניש פון אזא פארנעם, וואָס אין דער צוקונפט וועט מען וועגן דעם לידער זינגען, לעגענדעס שאפן; די „עקזאָדוס 1947" איז בלויז א טייל פון אונדזער נאציאָנאלן עפּאָס פון שיבת ציון, אָן פארגלייך אין קיין שום געשיכטע פון קיין שום אומה ולשון. נאָר די גרעסטע פארצווייפלונג קען ארויסרופן אזעלכע העראָאישע טאטן זיך צו לאָזן אויף חורבע שיפן איבער ימים צו די ברעגעס פונעם געגארטן לאנד. און די שיפן פירן אָן אימפּראָוויזירטע מאטראָסן און יונגיטשקע קאפּיטאנען, מאברעלעך, וואָס די הגנה האָט זיי צוגעגרייט, א קאפּיטאנטשיקל, וואָס ביים ערשטן בליק הייטט מען אים זאָגן דער מאמען זי זאָל אים אָפּווישן די נאָז, און דאָס סאברעלע באַווייזט שפּעטער וווּנדער צו פירן איבער די וואסערן שטורמישע, פארפאָלגטע פון די ענגלישע קריגס־שיפן, טויזנטער מעפּילים, באווייזן זיך דורכצורייסן כמעט צו די טויערן פון היימלאנד. דער ראדיאָ־טעלעגראפיסט אפּעלירט פאטעטיש צו דער וועלט:

„וועלט! הער זיך צו צו דער מעפּילים־שיף פון דער יידישער ווידערשטאנד־באוועגונג „יציאת אירופה תש"ז", „עקזאָדוס 1947, וואָס דערנענטערט זיך צו די ברעגן פון לאנד!"

די וועלט האָט דאָס געהערט און געבליבן גלייכגילטיק, אפילו צו אָט דעם אויפרוף, וואָס האָט דערציילט פּרטימדיק וועגן וואָס עס האנדלט זיך. דאָס יינגל, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער שיף האָט אזוי געטענהט צום אומברחמנותדיקן קאָמאנדיר פון דער ענגלישער שיף:

„אויפן דעק פון דער שיף „עקזאָדוס 1947" געפינען זיך איבער 4.500 מענער, פרויען און קינדער, וואָס זייער איינציקע זינד איז, ווייזט אויס, וואָס זיי זענען יידן. מיר פאָרן צו אונדז אין לאנד אריין מיט אונדזער רעכט און נישט מיט עמעצנס חסד. מיר האָבן גאָרנישט צו דיינע מאטראָזן און קאָמאנדירן; אָבער צום באדויערן זענען זיי אויסגעקליבן געוואָרן צו פארווירקלעכן אזא פּאָליטיק, וואָס מיר וועלן קיינמאָל נישט מסכים זיין מיט איר. מיר וועלן קיינמאָל נישט אנערקענען א געזעץ, וואָס פארווערט יידן צו קומען אין זייער פאָטערלאנד. מיר שטרעבן נישט צו קיין שום בלוטפארגיסונג. אָבער פרייוויליק וועלן מיר נישט גיין אין קיין קאָנצענטראציע-לאגער, מעג ער אפילו זיין אַ בריטישער. צום שלום האלט איך פאר נויטיק דיך צו וואָרענען, אז דו וועסט זיין פאראנטוואָרטלעך

פאר יעדן פאל פון עפענען פייער פון געווער אויף נישט־געשיצטע און נישט באוואפנטע מענטשן און קינדער, איך באדויער שטארק, וואס איך דארף מאכן די באמערקונג; אבער אזעלכע פאקטן פון עפענען פייער אין המון, האט שוין פאסירט אויף אייניקע שיפן מיט מעפילים. איך פארהאף, אז איר וועט זיך אויפפירן לויט די עלעמענטארסטע מענטשלעכע אימפעראטיוון — קאפיטאן פון דער מעפילים־שיף „עקזאדוס 1947".

אבער עס האט נישט געקלאפט קיין מענטשלעך הארץ ביים בריטישן קאפיטאן, ער איז געווען דער אויספירער פון בעווינס אכזריות־דיקן ווילן, ער האט פאראָרדנט די דעסאנטלער־מאטראזן צו נעמען די שיף מיט געוואלט, שיסן מיט קאנאנען אויף א שוצלאזער טייך־שיף, און נישט איינער פון דער פרידלעכער שיף האט געטראכט צארנדיק:

„פיראטן זענט איר, נישט קיין סאלדאטן! א באפעל האט איר באקומען צו שיסן אין פרויען און שמעטערן די קעפלעך פון מינדעריעריקע קינדער".

די בריטישע אימפעריע האט זיך מאביליזירט נישט אראפצולאזן קיינעם אין זייער היימלאנד כאטש דאס לאנד האט צו זיי אזוי ליבלעך גערעדט:

„קינדערלעך, שוין באלד צוויי טויזנט יאר, ווי איךווארט אויף אייך... צוויי טויזנט יאר ווי מען האט אייך פארטריבן, זענען מיר וויסט געבליבן, מיר האבן זיך פון קיינעם נישט געלאזט באפרוכפערן און קיינעם קיין שפע נישט געגעבן. אלע אונדזערע אוצרות, אלע אונדזערע זאפטן האבן מיר אין זיך פארשלאסן, געטריקנט אונטער דער זון און פארוויסט געווארן ווארטנדיק אויף אייך אין גאלדגעלן צער..."

און פון אלע דעקן האבן זיך געריסן קולות צום געפענטעטן ישוב, וועמען מ'וויל נישט צולאזן צו דער שיף ווו: ... „עס שווימט דער סאלדא פון אשוויענטשים, וואס די גאז־קאמערן און קרעמאטאריעס האבן שוין מער נישט פארדייעט, עס זינגט חזרה פון מיידאנעק..."

אבער די שערי רחמים זענען פארשלאסן געווען ביי די הארטהארציקע ענגלענדער מיט דער טאלעראנץ פון אלע פעלקער. קיינער האט ניט פראטעסטירט, וואס מען האט די פיר טויזנט פינף הונדערט אויסגעמוטשעטע פארפייניקטע מענטשן געשלעפט צוריק אין גלות אייראפע; א שווימענדיקע תפיסה, מיט מענטשן, וואס זענען געווען באשטימט פאר א הייליקער שליחות:

„...קיינער האט אונדז נישט באשטימט פאר קיין אוואנגארד, קיי־

נער האָט אונדז נישט באפוילן צו זיין העלדן... אָבער די גורלדיקע שעה פארלאנגט פון אונדז זיך נישט איינצוברעכן..."

זיי האָב זיך נישט איינגעבראָכן, זיי האָבן פרייוויליק נישט אָפּגעשטיגן אין פראנקרייך, זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און זיך צוגעהערט צו דעם געהיימען רוף פון דער הגנה, וואָס האָט זיי דערמוטיקט, געגעבן האָפענונג, אז זיי וועלן דערפאָרן, און אז מ'וועט זיי איבערלעבן, די שונאים, כאָטש די ברוטאליטעט האָט פאָרלויפיק מנצח געווען, כאָטש עס איז די ענגלענדער געלונגען צייטווייליק אויסצופירן דאָס אומגלויבלעכסטע, דאָס סאדיסטישע: צוריקצוברענגען די קרבנות פון נאַציזם צום פאַרשאָלטענעם לאַנד.

דער בעכער פון טרערן איז געווען איבערגעפולט און עס איז געקומען דער טאָג.

בשוב אדני את שיבת ציון, היינו כחולמים.

אַ פארכאפנדיק בוך פון דער נאָענטסטער העראָאישער פארגאנגענהייט. יצחק פערלאָוו דער מחבר האָט באוויזן אין דער אינטערעסאנטער פאבולאָ מיט בולטע קרעפטיקע טיפּן ארייצופלעכטן די היסטאָרישע טראַנסצעדענטאַלע פּאַסירונגען, וואָס אויב זיי האָבן נישט אויפגעוועקט דאָס געוויסן פון דער וועלט, האָבן זיי צעמענטירט אונדזער אחדות־געפיל, אונדז אינזשעקטירט דאָס אין־ברירהדיקע האנדלען, וואָס איז געווען דער גורם פון דער באפרייאונגס־מלחמה, דאָס שאפן פון דער מדינה.

דאָס בוך „די מענטשן פון עקזאָדוס 1947" געהערט צו דער קאטעגאָריע ביכער, וואָס לייענען זיך ממש בנשימה אחת, אָנגעשריבן לעבעדיק, מיט אַ לייכט לשון, קען זיך דער לייענער נישט אָפּרייסן פון דעם בוך ביז ער האָט נישט אַדורכגעלייענט די איבער פיר הונדערט עמודימדיקע יציאת־איראָפּע־עפּאָפּעע, וואָס וואָלט געקענט זיין דער בעסטער מאטעריאל פאר א שטארקן יידישן פילם, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען אין שפּאנענדיקער אקציע דעם באפרייאונגס־דראנג פון אן אלט־יונג פאָלק, וואָס האָט אויפגעוואכט לחיים חדשים ביי די ברעגעס פון ים התיכון.

Este libro se terminó de imprimir
el día veinte de Junio de 1950
Año del Libertador General San Martín
en los Tall. Gráficos de Zlotopioro Hnos.
G a s c ó n 1 2 3 1 — Buenos Aires